STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02972

IN SHTURM FUN LEBEN

Philip P. Bregstone

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פהיליפ פ. ברענסטאן.

אין שטורם פון לעבען

א ראמאן פון אידישען לעבען אין אמעריקא.

מיט א פארווארט
פון
דר. ש. מ. מלמד

In The Storm Of Life

A NOVEL

OF JEWISH LIFE IN AMERICA

—— BY ——

PHILIP P. BREGSTONE

מיין מוטטער
חנה רבקה
אין ליעבע
געווידמעט.

פארווארט.

פאר די לעצטע דרייסיג יאהר זיינען אין אמעריקא געשריבען געווארען פילע אידישע ראמאנען. די מייסטע פון דיעזע אידישע ראמאנען זיינען ניט געשריבען נאר פאבריצירט געווארען "צו ארדער" און א ראמאן, ווי יעדער אנדערע ליטעראטור גאטונג וואס ווערט געשריבען „צו ארדער", האט ניט דעם ווערט פון דעם פאפיר אויף וועלכען עס ווערט געשריבען. דער אמת איז אז פון די פיעלע הונדערט אידישע ראמאנען וועלכע זיינען געשריבען געווארען אין אמעריקא זיינען אפילו ניט פאראן קיין צוויי, וועלכע האבען א ליטערארישען ווערט. איך האב אפט פארזוכט צו לעזען די אידישע ראמאנען וועלכע זיינען געשריבען געווארען אין אמעריקא און איך בין קיין מאהל ניט ווייטער געקומען אלץ ביז צו דער צעהנטער זייטעל, ווייל זיי זיינען אלע ניט קיין ליטעראטור נאר סתם חלשות. זיי זיינען אלע ביליגע מעלאדראמען אין דער פארם פון ראמאנען און זיי זיינען אלע געשריבען אין איין סטיל. זייערע כאראקטערע ווערען פלומפ און גראב כאראקטעריזירט. מען זעהט נור אין די כאראקטערע גרעבסטע אינסטיקטען. אויך די קאמפאזיציאן איז א זעהר שלעכטע און אז זיי ווייזען ניט אויף קיין שום עסטהעטישען אדער פאעטישען ווערטה, פארשטעהט זיך פון זעלבסט.

פאר עטליכע וואכען צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לעזען דעם מאנוסקריפט פון א אידישען ראמאן, פערפאסט פון אן אמעריקאנער אידען, וועלכער מאכט א גאנץ אנדערען איינדרוק ווייל ער איז א דיכטונג און ניט קיין פאבריק ארבייט. דיזער נייער ראמאן פון דעם אידישען לעבען אין אמעריקא, וואס טראגט דעם חאראקטעריסטישען טיטעל, „אין שטורם פון לעבען", איז ניט געשריבען געווארען „צו ארדער" פון א פאבלישער נאר עס איז דאס ווערט פון דיכטערישע שעפונג.

קיינער האט דעם ראמאן ביי דעם פערפאסער ניט באשטעלט און ער איז געשריבען געווארען, ווייל דער דיכטער האט זיך מיט זיינע כאראקטערע און זייערע וואונדערליכע שיקזאלען ניט מער געקענט ארומטראגען, נאר ער האט זיי געמוזט פארשטעלען צום פובליקום. דאס איז דער איינציגער גרונד, פאר וואס דער ראמאן איז איבערהויפט געשריבען געווארען. דער פערפאסער פון דעם ראמאן, מר. פיליפ ברעגסטאן, א ליטעראריש געבילדעטער איד, מיט עסטעטישע אידעאלען און אינספעראציאנען, איז אין ליטערארישע אנגעלעגענהייטען ניט קיין דילעטאנט. ער פארשטעהט וואס ליטעראטור איז און האט א מיינונג איבער ליטערארישע ווערטען. ער קען אויך זעהר גוט דאס לעבען פון דעם אמעריקאנער אידען, ווייל ער איז שוין אליין פיעלע צעהנדליגע יאהערען אין אמעריקא און אין דעם מיטעלפונקט פון דעם אידישען לעבען. און נאך מעהר ווי ער איז בעקאנט מיט דעם אמעריקאנער אידען איז ער באקאנט מיט דעם אמעריקאניזירונגס פראצעס: מר. ברעגסטאן געהערט צו דער געבילדעטער קלאס אידען און ער איז באקאנט מיט

דעם רוסישען ווי מיט דעם דייטשען און
מיט דעם דייטשען ווי מיט דעם אמע־
ריקאנישען און אמעריקאניזירטען אי־
דען. דער ראמאן איז טהאטזעכליך די
פרוכט פון דרייסיג יעהריגער בעאבאכ־
טונג פון דעם אמעריקאנישען אידישען
לעבען און פון דעם אמעריקאניזאציאנס
פראצעס פון די מזרח אייראפעאישע
אידען אין אלע זייער וואנדלונגען. אין
א געוויסען זין איז דיזער ראמאן א גע־
שיכטע פון די לעצטע דרייסיג יאהר פון
דעם אדישען לעבען, און דאס איז זיין
הויפט דיענסט. ווען מען לייענט דורך
דיזע בלאט געשריבענעם ראמאן, האט
מען א גאנץ גוטען בעגריף פון דעם לע־
בען פון די אידישע מיטעל קלאסע אין
אמעריקא פאר די לעצטע דרייסיג יאהר,
ווייל אין דעם ראמאן שפיגלען זיך אב
ניט נאר אינדיווידועלע קעמפפע נאר
קעמפפע פון גאנצע אידישע גרופען,
סאציאליסטען, ציוניסטען, אסימילאטא־
רען, רעוואלוציאנערען און אזוי ווייטער
יעדע גרופע ווערט נאטירליך פערזאני־
פיצירט דורך א געוויסען פערטרעטער
און די כאראקטעריסטיק פון די פאר־
טרעטער פון דיזע גרופען איז א זעהר
געלונגענע. די ענטוויקלונג פון די איינ־
צעלנע געשטאלטען, טיפען און כאראק־
טערע איז א לאגישע און ראמאן־גע־
רעכט, און אפילו די ווענינע מעלאדרא־
מאטישע מאמענטען אין דעם ראמאן,
האבען א געוויסע לאגיק. דער דיכטער
פון דעם ראמאן האט ניט אפערירט מיט
נסים און צופעלע נאר יעדע פאסירונג
האט איהר צורייכענדען גרונד. דאס
צוזאמען מיט דעם פליסיגען, קלאהרען
סטיל גיט דעם ראמאן זיין ליטעראַרי־
שען ווערט.

„אין שטורם פון לעבען" צייכענט
מר. ברעגסטאן אין קורצע אומריסען
דעם טיפ פון דעם רוסישען רעוואלוצ־
יאנער און פון דער
רעוואלוציאנערע באוועגונג אין
אלע איהרע שעהנע און מיאוסע זייטען,
ער שילדערט דעם טיפוס פון דער אסי־
מילירטע אידען אין אמעריקא, און ספע־
ציעל דעם טיפוס פון די אסימילירטע
אידישע פרוי מיט איהר פאלשען עהר־
גייץ און אויפריכטיגקייט, און ער בע־
שרייבט דעם טיפוס פון דעם אידישען
אינטעליגענט און ציוניסט, ווי ער איז
געבראכען געווארען פון דער רוסישער
רעוואלוציע און ווידער אויפגעריכטעט
געווארען אין אמעריקא.

דערביי איז דיזער ראמאן קיינעס־
וועגען א גרופע פון אינדיווידועלע סקי־
צען אין א בוך, נאר יעדער כאראקטער
איז ארגאניש פארפלאכטען און פע־
וואקסען מיט דעם ראמאן, און מען קען
איהם נור פערשטעהן אין צוזאמענהאנג
מיט דעם ראמאן. די ערצעהלונג איז א
גלאטע און אן אנגענעמע און דער אויפ־
שטייג פון דער פערזענליכקייט מיט אי־
רע ספעציעלע כאראקטעריסטיקע איז
א לאנגזאמע און פארשטענדליכע. קיי־
נער פון די העלדען
וועלכע ווערען אין דיזע
ראמאן געשילדערט, פאלען ניט אראב
פון הימעל. אלע האבען א פאליטישען
און סאציאלען הינטערגרונד פון וועלכען
מען קען קלאהר זעהן זייערע סילועטען.

דער ראמאן איז געשריבען פון א
ציוניסטיש דענקענדען אידען און די אי־
דעאלען פון דעם ציוניסטיש געזאנענען
אידען זיינען גוט באקאנט און דארפען
ניט עקסטרא באשריבען ווערען, און
ווייל דער פארפאסער איז א ציוניסט
אטעמט אויך דער ראמאן דעם ציוניס־
טישען גייסט און איז אין א געוויסען
זין א טענדענץ־ראמאן, ספעציעל פאר א
לעזער, וועלכער איז אן אנטי־ציוניסט.
אבער אביעקטיוו איז דער ראמאן ניט
מעהר קיין טענדענץ ראמאן, ווי א ראַ־
מאן, וועלכער איז פארפאסט געווארען
פון א סאציאליסטען איז ניט נויטווענ־
דיגערווייזע א טענדענץ ראמאן, אין

דעם ראָמאַן, „אין שטורם פון לעבען“ פרעדיגט דער פערפאַסאַר ניט קיינע פאָליטישע פרינציפען נאָר ער באַשרייבט געשטאַלטען און זייערע שיקזאַלען, און ער אַלס ציוניסט איז אַזוי אָביעקטיוו ווי מעגליך.

איך גלויב אַז דער ראָמאַן וועט גוט אויפגענומען ווערען פון די לעזער און אַז פאַר פיעלע לעזער וועט ער זיין אַן איבעראַשונג, ווייל צום ערשטען מאָהל וועלען זיי לעזען אַ ראָמאַן פון דעם אַמע־ריקאַנער אידישען לעבען, וואָס איז סיי אידיש, סיי אַמעריקאַניש און סיי אַ ראָ־מאַן, און דערצו נאָך אַנציהענד גע־שריבענער, שעהנער ראָמאַן.

דר. ש. מ. מלמד

ערשטער קאפיטעל

א שנעלצוג וואס איז געלאפען פון שיקאגא נאך מינעאפאליס האט זיך ווי א שלאנג געצייגען און געדרייט דורך די גרינע פעלדער און וועלדער פון דעם רייכען שטאאט, וויסקאנסין, ער איז ווי א בליץ געפלייגען איבער בערג און טהאלען, איבער בריקען און דורך טו־נעלען, פליהענדיג מיט אימפעט ווי עס וואלט געוואלט פון וואס עס איז אנט־לויפען.

דער צוג איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון אונגעפעהר צעהן וואגאנען. אין א „פולמאן פארלאר קאר" וואו צוואנציג פאסאזשירען האבען זייער צייט געוויי־ליגט, מאנכע שפיעלענדיג אין קארטען אויף קליינע טישלאך וואס דער שוואר־צער פארטער האט פאר זיי אויפגע־שטעלט, וועהרענד אנדערע האבען גע־לייענט ביכער, זשורנאלען אדער אזוי צייטונגען זיינען געזעסען צוויי רייזענ־דע איינער געגען דעם אנדערען אין מיטען פון וואגאן און האבען זיך גע־רעדט געמיטליך.די צוויי גרויסע עלעק־טרישע פעכער וואס האבען געהאלטען אין איין רוישען און זשומען פון ביידע זייטען פון וואגאן האבען אביסעל גע־האלפען אבקיהלען דעם שווייס פון זיי־ערע פנים'ער אבער עס איז ניט געווען שטארק גענוג זיי באקוועם צו מאכען.

עס איז געווען דעם 28טען יוני פון דעם יאהר 1914, ארום צוויי אזייגער נאכמיטאג. די זון האט געווארפען איה־רע הייסע שטראהלען, און אין אזא היץ צו רייזען איז זעהר אונאנגענעהם אפי־לו אין א פולמאן וואגאן. און נאך בפרט ווען דער רייזענדער טראגט אבי־סעלע צופיעל פלייש אויף זיין קערפער. אין אזא לאגע האט זיך געפונען דער עלטערער פון די צוויי, עס איז איהם געווען שטארק אונבאקוועם און ער האט אויסגעזעהן צו זיין אונרוהיג ער האט געשלעפט איין טאשענטוך נאך דער אנדערער פון זיינע קעשענעס מיט וועל־כע ער האט געווישט דעם שווייס פון זיין געזיכט.

אין אמת'ן איז ער אלט געווען זיע־בען און פערציג יאהר, אבער ווען ניט זיין גרויסער ענטוויקעלטער קערפער וואלט ער אויסגעקוקט העכסטענס א יאהר פינף און דרייסיג. זיין געזיכט איז געווען האלב קיילעכדיג, א גלאטע שעהנע געזיכט, בארד און וואנצעס אפגעגאלט, זיין שעהנע רונדע קאפ איז געווען ארומגערינגעלט מיט עטוואס לאנגע, געדיכטע, דונקעל־ברוינע האר מיט א שטעג אויף דער זייט, זיין נאז איז געווען גלייך געשניטען און פון מי־טעלע מאס. זיינע אויגען זיינען געווען גרויס און זיי האבען געהאט דעם זעל־בען קאליר וואס זיינע האר האט גע־האט און ווי דורך צוויי קלאהרע שויבען האט מען געקענט דורך זיי אריינקוקען אין זיין נשמה, וואס איז געווען רייך און פול מיט געפיהל. ער איז געווען געקליידעט אין א לייכטען זומערדיגען אנצוג, א זיידענע אויבערהעמד, א ווייכען שמאלען קראגען און א שוואר־צען זיידענעם שליפ. זיין ווייסע ווייכע האנד מיט לאנגע פינגער איז געלעגען אויף דעם מיט סאמעט בעדעקטען ארעם פון דעם טיעפען שטוהל אין וועל־כען ער איז געזעסען. זיין האלטונג און

זיין גאנצע באנעהמונג איז געווען פון איינעם וואס האט גוט געקאנט די וועלט און רייזען איז פאר איהם קיין נייעס ניט. ער האט גערעדט שנעל און פליסיג אבער מיט א וויכקייט און באטאנונג און מיט א קול וואס איז געווען שטארק אנגענעהם צו די אויערן פון זיינע צוהערער.

די צווייטע פערזאן וואס איז איהם געזעסען אנטקעגען איז געווען א יונגערמאן פון א יאהר פיער און צוואנציג, הויך געוואקסען און ניט צו דין פאר זיין הויכען וואוקס; זיין געזיכט איז געווען פול מיט אויסדרוק, די אויגען בלוי, קליינע בלאנדע וואנצעס, א הויכען געוועלבטען שטערן, שווארצע געקרייזעלטע האר, געקאמט אין דער הויך אן א שטעג. ער האט אויסגעזעהן ווי איינער וואס האט קיין קריוודעס ניט געהאט צו דער וועלט; אלע זיינע פערלאנגען האט ער ביז אהער גאר אהן מיה דערהאלטען; עס האט ארום איהם געשוועבט אן אטמאספערע פון לוקסוס און קולטור. ער האט געמאכט דעם איינדרוק פון א אמת'ן אמעריקאנעם אריסטאקראט און עס האט זיך לייכט געלאזט מערקען דאס ער איז נאך אונטער דעם איינפלוס פון דער אוניווערזיטעט. אויסער זיינע ווייסע שיך איז אלץ וואס ער האט געטראגען אויף זיך געווען פון א גרויען זייד: זיין אנצוג, זיין היטעלע, זיין העמד, זיין קאלנער, זיין שלייף און זיינע זאקען. ער האט געזאגט צום עלטערן:

—ווי לאנג, מיסטער ראבינסאן, רעכענט איהר צו פארבלייבען אין מינעאפאליס?

—אויף געווים ווייס איך ניט—האט ראבינסאן געענטפערט — נאר אלענפאלס בלייב איך דארט איבער זונטאג.

—איהר וועט ענטשולדיגען מיין נייגעריקייט — האט דער יונגערמאן ווייטער געזאגט — און איך האף דאס איר וועט מיר ניט האלטען פאר אזעלכען וואס האט ניט קיין זיטען, דערפאר וואס איך באלעסטיג אייך אזוי פיעל מיט מיינע פראגען, אבער איך מוז זאגען דעם אמת: נאכדעם ווי איך האב געהערט אייערע באמערקונגען איבער די פארשידענע ליטעראטורען וואס מיר האבען בארירט, און אייערע איינשויאונגען וועגען די גרויסע וועלט פראבלעמען האט איהר אויף מיר איבערגעלאזען א טיעפען איינדרוק; איהר האט מיר מיינע אויגען געעפענט און איהר האט אין מיר בעשאפען אוצרות פון געדאנקען פון וועלכע איך האב ביז אהער גאר קיין באגריף ניט געהאט. דעריבער בין איך נייגעריג צו וויסען ווי לאנג איהר רעכענט צו פארזאמען אין אונזער שטאדט. עס איז מיין גרעסטער וואונש אז אויב די צייט און אומשטענדען וועלען אייך ערלויבען זאלט איהר אונז באזוכען און מיט אונז פארברינגען אן אבענד. איך בין זיכער דאס איהר וועט געפינען מיינע עלטערן צוויי אינטערעסאנטע פערזאנען, און מיין שוועסטער איז העכסט ליעבענסווירדיג און א זעלטענע קינד, זי האט ערשט מיט צעהן טעג צוריק באקומען איהר דעגרי פון וואסאר קאלעדזש אלס „בעטשלאר אוו ארטס“.

ראבינסאן האט מיט צופרידענהייט אויסגעהערט די ווארימע ווערטער פון זיין נייעם יונגען פריינד, וואס ער האט געזאגט וועגען איהם, וועגען זיין פאטער מוטער, שוועסטער און וועגען זיך אליין ער האט איהם געענטפערט:

—מיסטער פיליפס, איהר דארפט זיך ניט פארענטפערען, איהר האט קיין אונרעכט ניט באגאנגען אפילו ניט געגען די זיטען פון אונזערע סאציאלע קרייזען, עס איז גאנץ נאטירליך דאס נאכדעם ווי מיר האבען צוזאמען גערייזט און פארבראכט כמעט א גאנצען טאג אז איהר זאלט וועלען וויסען וואס מעהר וועגען מיר, גראדע ווי איך וואלט

וועלען וויסען וואס מעהר וועגען אייך, אייער שטודיום, אייער פארגאנגענהייט און אלץ וואס איז נוגע צו אייער צוקונפט; וואס איהר האפט פון איר צו מאכען. וואס עס אנבאטרעפט מיין רייזע נאך מינעאפאליס קען איך אייך זאגען דאס עס איז ניט פון קיין וויכטיגע באדייטונג; מיין ארבייט אין אייער שטאדט וועט דויערען העכסטענס א שעה צייט, איך וועל דארטען האלטען א פארטראג, איך וועל אבער זיין אין די הענד פון א קאמיטע וואס וועט זארגען ווי אזוי איך זאל דארט מיין צייט פארברייגען, ווי זיי האבען מיר געשריבען האבען זיי שוין אלעס צוגעגרייט און דעריבער פערדריסט עס מיר שטארק דאס פארלויפיג קען איך אייער פריינדליכע איינלאדונג ניט אננעהמען, אבער אויב איהר האט אביסעל צייט קומט אריבער צו מיר אין האטעל און דעמאלט וועל איך אפשר קענען באשטימען א צייט אייך און אייער פאמיליע צו בעזוכען. איך וועל זיך געפינען אין ראדיסאן האטעל.

—אויסגעצייכענט! — האט פיליפס אויסגערופען מיט פרייד — מיין ערשטע ארבייט מארגען פריה וועט זיין אויפצוזוכען אייער קאמיטע און צו ווערען א מיטגליד פון איהר, איך זאג אייך אין פאראויס אז איהר זאלט ניט איבעראשט ווערען ווען איהר וועט אויסגעפינען דאס אייער קאמיטע וועט באשטעהן פון הערלד ראלף פיליפס און קאמפאניע, דאס מיינט, איך, מיין נייער אויטאמאביל וואס מיין פאטער האט פאר מיר געקויפט אין פאריז און מיין פריינד און שאפער עדי ווארנער.

זיין פנים האט געשטראהלט מיט פרייד און א שמייכעל האט זיך געשפיעלט ארום זיינע ליפען, ער האט פארטגעזעצט אין דעם זעלבען לוסטיגען טאן:

—אז איך זאל קאנען געפינען אייער קאמיטי, זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס וועט זיין די טהעמא איבער וועלכע איהר וועט ריידען, און פאר וועלכע געזעלשאפט?

ראבינסאן האט געעפענט זיינע גרויסע אויגען און האט אריינגעקוקט אין הערלדס אויגען, ער האט געוואלט לייענען דעם איינדרוק וואס זיין ענטפער וועט אויף איהם מאכען, און מיט א טיפען, עטוואס דראמאטישען טאן האט ער די ווערטער אביסעל אויסגעצייגען און ער האט געזאגט:

—איך וועל ריידען פאר די ציוניסטען פון אייער שטאדט, מיין טהעמא וועט זיין „דאקטאר טהעאדאר הערצל, זיין לעבען און זיין ווירקען", קומענדען זונטאג איז זיין יאהרצייט.

פיליפס איז אויף א מינוט געבליבען ווי אהן לשון, ווען ער איז צו זיך געקומען האט ער געפרעפלט די ווערטער צו זיך אליין:

—א איד... און א ציוניסט!...

—מיסטער פיליפס, ווי איך זעה בלייבט עס ביי דער אלטער קאמיטע, —האט ראבינסאן געזאגט מיט א איראנישע ביטערקייט, זעהענדיג דעם יונגענמאן'ס פארווירונג.

—מיסטער ראבינסאן — האט פיליפס אנגעפאנגען מיט א שמערצליכען טאן — עס קריינקט מיר אז איהר זאלט האבען אזא מיינונג וועגען מיר, עס איז אמת דאס איך בין ניט ווייניג איבערראשט געווארען צו הערען פון אייער מויל אז איהר זייט א איד: איך וואלט קיין מאל אין מיין לעבען פון אזא זאך ניט געחלומט, נאך גרעסער איז מיין איבערראשונג אין אייך צו געפינען א ציוניסט, הגם די אידעע איז מיר ניט אינגאנצען פרעמד איז אבער מיין מיינונג געווען דאס דער ציוניזם געהערט צו א גאנץ אנדער צייט, צו דער צייט פון דעם מיטעל אלטער ווען די מענשהייט איז געווען צוטיילט אין רעליגיעזע סעקטעס, און יעדער סעקטע האט

געהאלטען פאר איהר הייליגסטע פליכט אויסצוראטען און צו פארניכטען אלע איבעריגע סעקטעס, אבער היינט לעבען מיר אין א גאנץ אנדער צייט, מיט א גאנץ אנדער ציוויליזאציאן, די מענשהייט איז ניט מעהר צוטיילט און צובראכען אויף שטיקלאך, נאר פארקעהרט, זי איז ווי א גרויסע פאמיליע. באטראכט נאר פאר זיך אליין וואס מיר האבען אין די לעצטע יאהרען אויפגעטאן, אן אינטערנאציאנאלער פריעדענסקאנפערענץ איז אבגעהאלטען געווארען אין האלאנד, א טעמפל פון פריעדען איז אויפגעבויט געווארען אין האאג, א אינטערנאציאנאלע שפראך איז אויסגעארבייט געווארען, און וואס באצוועקען די אלע זאכען? צוזאמענבריינגען די מענשליכע פאמיליע נעהענטער איינע צו די אנדערע. אין אזא צייט איז ניטא קיין ארט פאר אלטע פארשימעלטע אידעען ווי דער ציוניזם, און נאך בפרט דא אין אמעריקא, וואו דער אינטערנאציאנאליזמוס לעבט אלס ביישפיעל פאר אלע נאציאנען. ווי קענט איהר, מיסטער ראבינסאן א מאדערנער פון די מאדערנסטע, ווי קענט איהר זיין א ציוניסט?

ער האט די ווערטער ארויסגערעדט מיט הארץ, עפעס ווי ער האט געוואלט דאס די ווערטער זאלען פארהילכען און פארטויבען אן אנדער שטימע וואס האט גערעדט אין זיינע אויערען. העראלד פיליפס האט איצט דערגרייכט א צייט אין זיין לעבען וואו די וועגען שיידען זיך. אין אוניווערסיטעט האט ער זיך אנגעשטויכען מיט די אלע מאדערנע אידעען, און דער קאסמאפאליטיזמוס האט איהם אריינגעכאפט אין זיין נעץ. פון דער נאטור אויס זייענדיג א טרוימער און אידעאליסט האט דער סאציאליזמוס געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף אים, אבער טיעף אין זיין נשמה האט געברענט א פונק פון נאציאנאליזמוס און אין דער לעצטער צייט האט זיך דיעזער פונק צושארעט און האט אויפגעהויבען א קאמף געגען דעם קאסמאפאליטיזמוס, עס האט זיך איהם שטארק געגלוסט דיעזען פונק אינגאנצען צו פארלעשען.

אין די לעצטע זעקס שטונדען וואס העראלד האט פארבראכט מיט ראבינסאן, האט ער געהאט גענוג געלעגענהייט אויסצוגעפינען דאס ראבינסאן געהערט ניט צו דעם סארט מענשען וועלכע זיינען ניט מעהר ווי נאכפאלגער פון געוויסע אידעען. ער האט אין איהם דערקענט א דענקער וואס איז זעלבסטשטענדיג און אינגאנצען פריי פון פארורטהיילע, דאס ער פיהרט דורך יעדע אידעע. מיט וועלכע ער באגעגענט זיך, מיט א לאגישע און מאטעמאטישע בעשטימטקייט. און העראלד האט גאנץ גוט פארשטאנען דאס ווען ראבינסאן האט אנגענומען דעם ציוניזם אלס א לעבענס אידעאל האט ער געוויס ערשט געמאסטען און געוויגען אלע טענות וואס זיינען ווען עס איז געמאכט געווארען פאר און געגען דעם ציוניזמוס; און העראלד האט זיך דעריבער אביסעל צוריקגעכאפט און האט צו איהם ווייטער געזאגט:

—פארשטעהט מיר אויף ריכטיג מר. ראבינסאן, פאר קיין פאל וואלט איך ניט וועלען איבערלאזען דעם איינדרוק אויף אייך דאס איך וואג מיר צו פארגלייכען מיט אייך אין וויסענשאפט און קענטעניסע צו אנאליזירען אידעען און געדאנקען; ווען איהר האט מיר אבער אזוי טיעף אנגעגריפען דערמיט וואס איהר האט מיר גענומען פאר אזעלכען וואס וועט זיך צוריקציהען פון אייער פריינדשאפט דערפאר וואס איהר זייט א איד, האט עס מיר שטארק געקריינקט און איך האב זיך געוואלט אפרעכענען מיט אייך. אבער איך וועל עס טהאן אויף אן אנדער אופן; דאס איך בלייב אין אייער קאמיטע איז גאר קיין צוויי־

פעל ניט, אָבער זייט וויסען אז דאָס איז דער ערשטער מאָל אין מיין לעבען וואָס איך וועל האָבען די געלעגענהייט צו טאָן מיין אידישען חוב, איך א מאראנא איך האָב זיך אליין דערוויילט אויף דער קאָמיטע אָפּצוגעבען כבוד א חשובן אידישען גאָסט; פּראָפעסאָר ראָבינסאָן זייט וויסען דאָס מיר זיינען ביידע אידען, און אלס איד צו א אידען באַגריס איך אייך מיט שלום.

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד ראָבינסאָן האָט איהר גענומען אין זיינע ביידע הענט און האָט איהר פריינדליך געדריקט.

ווען ראָבינסאָן האָט איצט אויסגעפונען דאָס הערצאָלד פּיליפּס איז א איד איז זיין איבעררעשונג ניט געווען קלענער ווי די איבעררעשונג פון פּיליפּס ווען ער האָט זיך דערוואוסט דאָס ראָבינסאָן איז א איד; דיעזע ענטדעקונג האָט איהם אזוי אויפגערעגט דאָס ער האָט זיך אינגאנצען פארגעסען אָן די ארגומענטען וואָס פּיליפּס האָט געמאכט וועגען ציוניזמוס, ראָבינסאָן האָט אלעמאָל ליעב געהאַט די געזעלשאַפט פון די יונגע. ער האָט אין הערצאָלד געפונען א זעלטענעם יונגענמאַן, ער פאַרט איצט אהיים פון דער האַרוואַרד אוניווערזיטעט, פיהרענדיג מיט זיך די דעגרי אלס דאָקטאָר פילאָזאָף, די ערד טרייסעלט זיך אונטער זיינע פיס, ער איז איבערפילט מיט בעגייסטערונג פאַר יעדען גרויסען אידעאַל, ער טראָגט זיך ארום מיט יענע גרויסע חלומות, ווי אזוי צו מאַכען די וועלט בעסער און איידעלער אויסצוראָטען אָרעמקייט און צו פאַרניכטען אלע סיבות וואָס ברינגען אונגערעכטיגקייט אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. די נאַטור האָט אים ניט געזשאַלעוועט איהרע רייכע מתנות, ער איז רייך, שטאָלץ, איידעל און שעהן און וואָס פאַר א גרויסע ראָלע ער וועט שפּיעלען אין דער צוקונפט ווען ער וועט נעהמען זיין פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט,

דאָס אלעס האָט ראָבינסאָן אין איהם געזעהן, און מיט יעדער שעה וואָס זיי האָבען פאַרבראַכט איז ער געוואָרען אלס מעהר צוגעצויגען צו איהם. און פּלוצלונג האָט ער אויסגעפונען אז דיזער העלד, דיזער אפּאָלאָ איז א איד פון אידישע עלטערן. ראָבינסאָן האָט געפיהלט פריידע און פאַרדרוס ביי דיזער ענדעקונג; פריידע, דערפאַר וואָס מיר אידען גיבען ארויס אזעלכע וואונדערבאַרע פּערות; פאַרדרוס דערפאַר וואָס זיי זיינען ניט צוגערעכנט צו אונזער חשבון, און מיר קריגען ניט דעם קרעדיט פאַר זייערע ביישטייערונגען צו דער אלגעמיינער קולטור און ציוויליזאַציאָן — אָבער פאַרוואָס האָט ער זיך עפּעס אָנגערופען א מאראנא איד — האָט ראָבינסאָן זיך אליין געפרעגט, און ער האָט באַשלאָסען דאָס איהם צו פרעגען, אָבער פּלוצלונג האָט ער פאַר זיינע אויגען דערזעהן א צייטונג וואָס א האַנד האָט געהאַלטען אויסגעשטרעקט פאַר זיינע אויגען און האָט געוואַרט צו קריגען באַצאָהלט. ראָבינסאָן האָט באַמערקט אין גרויסע בוכשטאַבען וואָס איז געווען געדרוקט איבער דער גאַנצער ברייטקייט פון דער צייטונג די פאָלגענדע ווערטער:

„עסטרייכישער קרוינפּרינץ ערמאָרדעט אין סעראַיעוואַ באָסניא".

ער האָט שנעל ארויסגעכאַפּט א מטבעה פון זיין קעשענע און האָט עס דערלאַנגט דעם פּרוכט און צייטונג פּעדלער און האָט ווי מיט געוואַלד ארויסגעשלעפּט די צייטונג פון זיין האַנד און ער האָט ווידער איבערגעלייענט די זעלבע שורה, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגען צי האָט ער עס פריהער ריכטיג געלייענט. און דאַן האָט ער מיט א טיפען זיפץ אויסגערופען „מיין גאָט!-

פיליפס האט זיך צוגעקוקט צו דער סצענע, ער האט באמערקט ווי ראבינסאן איז בלייך געווארען, ווי זיין געזיכט איז צונויפגעשוויגען געווארען פון א טיפען שמערץ,ער האט ניט געוואוסט די אורזאכע דערפון, ער האט גערעכענט אפשר האט ראבינסאן וואס דערזעהן אין דער ציימונג וועגן אן אונגליק וואס האט זיך געטראפען צו זיינעם א קרוב אדער א פריינד, און זיין סימפאטישע נאטור האט איהם געוואלט העלפען ער האט איהם דעריבער געפרעגט:

—פראפעסאר ראבינסאן, וואס האט פאסירט?

רבינסאן האט איהם דערלאנגט די ציימונג און האט געזאגט:

—מיסטער פיליפס, אט האט איהר אייער ענטפער צו די אלע וכוחים וואס איהר האט געמאכט נעגען דעם ציוניזמוס.

פיליפס האט דורכגעלייענט די שורה און ער האט קיין שייכות אין דעם ניט געזעהן מיט דעם ציוניזמוס אדער מיט זיינע ארגומענטען וואס ער האט געמאכט נעגען ציוניזמוס און ער האט געזאגט:

—איך פארשטעה אייך ניט פראפעסאר ראבינסאן.

—איהר פארשטעהט מיר ניט? האט ראבינסאן געפרעגט — ווייסט איהר ניט וואס די ערמארונג פון דעם עסטרייכישן קרוינפרינץ מיינט? דאס מיינט א מלחמה, א וועלט מלחמה, א צושטערונג פון דער ציוויליזאציאן און א פארניכטונג פון דער הומאניטעט, עס מיינט אויסצוראטען די אלע שעהנע און גרויסע זאכען פון וועלכע איהר האט פריהער מיט אזוי פיעל גייסט גערעט, דאס וואס האט גדויערט יאהר הונדערטער אויפצובויען מיט אזוי פיל מיה און מאטערניש, מיט אזוי פיעל זעלבסט אפפער; און דער מענש, דער איידעלסטער פון אלע באשעפענישען ווערט פארוואנדעלט אין א ווילדע חיה וואס זוכט נאר טויט און פארניכטונג.

ער האט גערעדט מיט פייער, זיינע גרויסע אויגען ברייט אויפגעעפענט, אויף זיין געזיכט איז געוועזן אויסגעשפרייט א מעלאנכאליע, זיין שטערן האט זיך געקנייטשט, א סך טיפע פאלבען האבען זיך אנגעקליבען אויף זיין פנים, און ער האט ווי צו זיך אליין געזאגט:

—און די הויפט כפרה הינדעל פון אזא מלחמה וועט זיין דער איד.

2טער קאפיטעל

דעם קומענדען מארגען געפינען מיר הערלד פיליפס אין א רייכען צימער אין זיין פאטערס פאלאסט וואס שטייט אויף א בארג און קוקט אריבער דעם לייק מענאטאנקא. ער ליעגט אין בעט צוגעדעקט מיט א לייכטע זיידענע קאלדרע און שלאפט זיך לייכט. ער איז ניט געוואוינט געווען צו שלאפען שפעט; אין די אכט יאהר וואס ער האט פארבראכט אין הארווארד אוניווערזיטעט פלעגט ער במעט אלע מאל זיין דער ערשטער זיך צו באווייזען אויפן קעמפוס, ענטוועדער מיט גאלף שטעקענס טענים, אדער בייס באל, און איצט איז שוין ניין אזייגער און ער שלאפט נאך. איז עס אפשר דערפאר וואס די רייזע האט איהם אויסגעמאטערט? ער אליין וואלט אייך זאגען דאס די לעצטע צוועלף שעה וואס דויערט צו פאהרען פון שיקאגא נאך מינעאפאליס זיינען געווען די גליקליכסטע אין זיין יונגען לעבען. און ער האט מעהר ווי איין מאהל איבערגעזאגט „איך וועל זיי קיינמל ניט פארגעסען". זיי זיינען אנגעקומען אין מינעאפאליס לעצטען אבענד אום אכט אזייגער; זיין פאטער מוטער און שוועסטער זיינען געווען אויפן וואקזאל איהם אפצואווארטען.

א קאמיטע פון דריי חשובע בעלי בתים זיינען דארטען אויך געווען אפצואווארטען און צו עמפפאנגען זייער גרויסען גאסט, פראפעסאר רודאלף ראבינסאן. נאכדעם ווי הערלד האט הערצליך בעגריסט און האט זיך אומגעארעמט און געקושט מיט די דריי פערזאנען וואס זיינען איהם די טייערסטע אין דער וועלט, האט ער זיך ענטשולדיגט פאר זיי און ער איז אריבערגעטראטען צו דעם ארט וואו ראבינסאן און זיין קאמיטע זיינען געשטאנען. ראבינסאן האט איהם פארגעשטעלט פאר רבי זאנגבערג, דאקטאר ריינהארט און מיכטער וויליאמס, די דריי וואס האבען צוזאמענגעשטעלט די קאמיטע. זיי האבען איהם אלע פריינדליך באגריסט און הערלד האט געזאגט:

—מיינע הערין, איך ווייס דאס מיר פערזענליך קענט איהר אפילו ניט, אבער אויב איהר קענט ניט פערזענליך מיין פאטער, האט איהר ווייניגסטענס פון איהם געהערט, און אזוי מוזט איהר וויסען ווער איך בין און פון וועלכער פאמיליע איך קום ארויס. אלעקסאנדער פיליפס נאמען איז צו אלעמען באקאנט אין אונזער שטאט: אז שטעהט ער מיט מיין מוטער און שוועסטער און זיי ווארטען אויף מיר. זיי האבען אלע געקוקט צו דעם ארט וואו הערלד האט אנגעצייגט מיט זיין פינגער, און הערלד האט דערזעהן ווי אונרוהיג זיין מוטער איז געווען און ווי זי האט געביסען די זוים פון איהר טאשענטוך אויס אונגעדולד.

ער האט פארטגעזעצט—און איצט אז איהר ווייסט ווער איך בין האב איך א בקשה צו אייך. איך וויל זיין א מיטגליד פון אייער קאמיטע, אייך העלפען אונטערהאלטען דעם געעהרטען גאסט וועהרענד די צייט וואס ער וועט דא פארזאמען אין מינעאפאליס. עס איז מיין פלאן איהם צו נעהמען מארגען צו אונז אהיים, וואו ער וועט זיך פיהלען

מעהר באקוועם, עס פארשטעהט
זיך דאָס איהר וועט איהם קענען זעהן
צו יעדער צייט ווען איהר וועט איהם
דארפען און ער וועט זיין אימשטאנד
אויפצונעהמען באזוכער נאָך זיין איי־
גענעם וואונש; ער וועט האָבען עטלי־
כע צימערען פאר זיך אליין און דערצו
וועט ער קענען באנוצען אונזער גרויסען
גאָרטען, ווען ער וועט האבען א גרויסע
צאָהל פון באזוכער — די בקשה איז
געקומען אזוי דרינגענד און ערנסט און
עס האָט מיט אַן אמת אזוי פיעל פאר־
שפראָכען פאר זייער גאַסט, אַ פראָגראַם
וואָס זיי וואָלטען קיינמאָל ניט געווען
אימשטאַנד דורכצופיהרען, דאָס ס׳האָט
געמאכט דעם געוואונשטען איינדרוק.

דאָקטאָר ריינהאַרט און מיסטער ווילי־
אַמס זיינען געווען אַלטע איינוואָהנע־
פון מיניאַפאָלים, און די פאמיליע פי־
ליפּס איז זיי געווען גוט באַקאַנט, זיי
האָבען ביידע געוואוסט דאָס די פיליפּס
זיינען די פיהרער אין אַלע גרויסע גע־
זעלשאַפטליכע בעוועגונג און זיי זיי־
נען די טאָן געבער אין די סאָציאַלע
קרייזען, מען האָט אפילו גערעדט אַז
זיי זיינען אידען, אָבער קיינער האָט
עס ניט געקענט זאָגען מיט בעשטימט־
קייט. מרס. פיליפּס האָט געשפּיעלט
די ראָלע פון א קריסטין. זי איז געוון אַן
דער שפּיץ פון פאַרשידענע קריסטליכע
אַנשטאַלטען, רעליגיעזע, פילאַנטראָפּי־
שע און געזעלשאַפטליכע. אַלעקסאַנדער
פיליפּס, דער פאָטער פון דער פאַמיליע
האָט זיך ווייניג אָבגעגעבען מיט זאַכען
וואָס זיינען געווען אויסער געשעפטס
אָנגעלעגענהייטען, ער האָט עס איבער־
געלאָזען צו זיין פרוי און זיינע קינדער.
אַ געדאַנק איז דורכגעלאָפען דורך דאָק־
טאָר ריינהאַרטס מח „טאָמער זיינען זיי
טאַקע אידען וואָלט עס זיין ווערטה
דאָרטען זוכען צו פלאַנצען אַ קערענדל
פון דעם אידישען נאַציאָנאַליזמוס, און
טאַקע איצט איז די געלעגענהייט", זוי־
ער אייגענער זוהן האָט געעפענט די
טהיר זאָלען זיי זיך אומקערען מיטן
רוקען? ער האָט געזאָגט צו העראָלד:

—איהר וועט אליין פארשטעהן
מיסטער פיליפּס אַז דאָס וואָס איהר
פערלאַנגט איז ניט אזוי לייכט אָפּצו־
געבען; מיר וואָלטען שטאַרק ווען
האָבען די געלעגענהייט מיט אונזער
גרויסען גאַסט צו פאַרברייגען און זיין
מיט איהם אזוי אָפט ווי מעגליך; אבער
אונזערע הויפּט געדאַנקען איז צו זאָר־
גען פאר זיינע בעקוועהמליכקייטען און
אַזוי ווי מיר ווייסען אַז איהר זייט אימ־
שטאַנד דורך צופיהרען א סך א רייכע־
רע פּראָגראַם, וועלען מיר צוליעב זיינע
אינטערעסען אננעהמען אייער ביטע און
איהם איבערלאַזען צו אייך אין די
הענד, אבער מיט די באדינגונגען ווי
איהר אליין חאָט זיך אונטער גענומען,
דאָס ער זאָל זיין פריי אויף צונעהמען
באַזוכער און אַז מיר זאָלען איהם קע־
נען האָבען אין אונזער מיעט, ווען מיר
וועלען איהם דארפען.

הערָאלד האָט זיי העפליך און ערנסט
געדאַנקט, און ער האָט זיך מיט זיי גע־
זעגענט, ווען ער האָט גערייכט ראָבינ־
סאָנס האַנד האָט ער געזאָגט:

— גוטע נאַכט פּראָפעסאָר, ביז מאָר־
גען האַלב נאָך צוועלף און דאַן די נייע
קאָמיטע. — ער האָט געלאַכט מיט יע־
נעם האַרציגען און אונשולדיגען געלעכ־
טער, וואָס מען הערט נאָר אַ קינד לאַ־
כען, ער האָט זיך צוריקגעקעהרט צו
זיינע עלטערן וועלכע האָבען אויף איהם
געוואַרט מיט דער גרעסטער אונגע־
דולד.

אַלעקסאַנדער און עוועלין פיליפּס,
די עלטערן פון עליין און הערָאלד, זיי־
נען געווען שטאָלץ מיט זייערע צוויי
קינדער, און מיט אַן אמת האָבען זיי
געהאַט גענוג אורזאַכע שטאָלץ צו זיין.
עליין איז ווירקליך געווען א זעל־

טמענע קינד. זי איז ווי איהר ברודער געווען באַגאַבט מיט אַלע מעלות, שעהן, איידעל און ליעבענסווירדיג, אין איהר קערפּער האָט געפּליסט דער הייסער שטראָם פון לעבען. הגם זי אַליין האָט איהר גאַנצען לעבען פאַרבראַכט אין רייכקייט און אין לוקסוס האָט זי אָבער אויך געהאַט אַ גוטען באַגריף פון דער דונקעלער זייט פון לעבען; זי האָט גע־וואוסט פון די פיעלע דחקות, נויט און מאַנגעל וואָס מען בעגעגענט אויף יע־דען טריט פון לעבען, זי האָט עס גע־וואוסט, ניט נאָר אַליין דורך די פיעלע ביכער וואָס זי האָט געלייענט, נאָר זי האָט עס געזעהן מיט איהרע אייגענע אויגען. גאַנץ אָפט, זומער אָדער ווינ־טער ווען זי האָט געהאַט אַ וואַקיישאַן, אַנשטאַט צופאַהרען אַחיים צו אירע על־טערן פלעגט זי זיך אַריינכאַפּען אין ניו יאָרק און זי פלעגט זיך אַנשליסען אַלס „וואָלונטיר" צו איינע פון די גרויסע צדקה אַנשטאַלטען און זי פלעגט העלפען אויסזוכען און נאָכפאָרשן אַלעם וואָס אַנבאַטרעפט די אונגליקליכע וועל־כע קומען בעטען הילף. גאַנץ אָפט האָט עס פּאַסירט דאָס זי האָט איהר אייגען געלד אָבגעגעבען צו די אונגליקליכע אָרעמע אָדער קראַנקע וואָס זי האָט באַזוכט, און זי פלעגט בלייבען אָהן געלד, אָבער אין אַזעלכע פעלע האָט זי געוואוסט ווי זיך צו העלפען אין ניו יאָרק, און איהר פאָטער האָט איהר קיינמאָל וועלכע פאָרווירפע געמאַכט. זי האָט פאַרגעצויגען צו אַרבייטען פאַר אידישע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטען בלויז דעריבער וואָס זי האָט גערעכענט דאָס די אידישע אַנשטאַלטען זיינען בעסער אָרגאַניזירט און אַגב זיינען די אידישע אונגליקליכע מעהר סימפּאַטיש צווישען זיי געפינט מען ניט קיין שכרות און מען טרעפט ניט אַזוי פיעל ברוטאַליטעט, מיט וועלכע אַ „סאָשעל וואָרקער" בעגעגענט זיך אַזוי אָפט צווי־שען אַלע אַנדערע קלאַסען.

העראַלד איז איצט געשטאַנען פאַר זיינע עלטערן אַלס פאָלקאָמענער מענש מיט אייגענע אידעען, אייגענע אַנ־שויאונגען און אייגענע באַגריפען. ער איז ניט מעהר דער זעכצעהן יאָהריגער אינגעלע, אַביסעל קאַפּריזנע, פאַר־עקשנט, אונגעהאָרכזאַם און ווילד, אָבער אָפולע האַרץ מיט ליעבע צו פאָ־טער, מוטער, שוועסטער, און צו אַלע־מען מיט וועמען ער טרעפט זיך, יענע קינדערשע יאָהרען זיינען שוין לאַנג אַוועק, די מוטער קוקט אויף איהם און זי שפּיגעלט זיך אין זיין געזיכט, דאָס איז איהר העראַלד, אָבער אין דער זעל־בער צייט פיהלט זי דאָס אין די לעצטע אַכט יאָהר האָט זי אין איהם וואָס פאַר־לאָרען, עס איז אמת דאָסער איז איצט איהרער ווי ער איז אַלע מאָהל געווען איהרער, אָבער אין יענער צייט, אין יע־נע יאָהרען איז ער געווען קליין און שוואַך און ער האָט זיך געמוזט שטי־צען אויף אַ מוטערס ליעבע, אַ מוטערס הילף, אַ מוטערס פאַרטהיידיגונג און אַ מוטערס צערטליכקייט: איצט איז העראַלד גרויס, שטאַרק און שטאָלץ, ער קען פאַרטהיידיגען, ער קען ליעבען, און ער קען צערטלען; אָבער דיזע אייגענ־שאַפטען זיינען ניט פאַר איהר; ער מוז דאָס באַהאַלטען פאַר אַן אַנדערע, און גאָט ווייס ווער זי וועט זיין. אין דעם מאָמענט האָט אין איהר מוטערס האַרץ זיך אָנגעצונדען אַ פונק פון קנאה געגען די אונבאַוואוסטע פרוי וואָס וועט פאַר־נעהמען איר פּלאַץ. אָבער דער פונק איז באַלד פאַרלאָשען געוואָרען; און זי האָט זיך דערמאָנט אָן דער סצענע אופן וואָקזאַל, ווען איהר העראַלד, נאָר וואָס ער איז אָנגעקומען, האָט ער געלאָזען וואַרטען זיין פאָטער, מוטער און שווע־סטער און ער איז אַריבערגעגאַנגען צו אַ גרופּע פון פיער פערזאָנען וועלכע זיינען ניט ווייט פון זיי געשטאַנען אין און זי איז זיכער דאָס דריי פון די פיער זיינען געוועזן אידען. איהר העראַלד זאָל

איהר לאזען שטעהן און ווארטען אויף איהם ווערענד ער איז געגאנגען פאר־ברייגנען מיט אידען, און ווי פרעהליך און לוסטיג ער האט אויסגעזעהן אין זייער געזעלשאפט, ווי אפענהערציג ער האט געלאכט, גראדע ווי ער פלעגט לאכען ווען ער איז געווען א קליין קינד, איהר הארץ איז ווידער אנגעפילט גע־ווארען מיט פארדרוס; נאך אזוי פיעל מיה וואס האט איהר געקאסט איהם אויסצוהיטען דאס ער זאל ניט דארפען טראגען אויף זיך דעם גרויסען פלעק דאס ער איז א איד; נאך די אלע אנ־שטרענגונגען וואס זי האט געמאכט צו באהאלטען פון איהם דעם אמת אז ער איז א איד פון אידישע עלטערן זעהט זי ווי א געהיימע האנד וואלט ארבייטען צו פארניכטען אלע איהרע מוטערליכע פלענער, און אלע איהרע האפענונגען און עס פיהרט איהם אלץ נעהענטער אין בע־ריהרונג מיט אידען. ענדליך האט זי צו איהם געזאגט:

— הערלאד, ווער זיינען געווען די פיר פערזאנען מיט וועלכע דו האסט זיך אזוי געמיטליך אונטערהאלטען אויפן וואק־זאל?

הערלאד האט באמערקט א קליין ביי־סעלע ביטערקייט אין איהר טאן און ער האט זיך אויך דערמאנט ווי זי האט פון אונגעדולד געביסען דעם זוים פון איהר טאשענטוך; און אנשטאט איהר צו גע־בען א דירעקטען אנטווארט אויף איהר פראגע האט ער געזאגט:

— גוט וואס דו האסט מיר דערמאנט מוטער, צוליעב דער גרויסער שמחה אייך אלעמען ווידער צו זעהן, האב איך כמעט פארגעסען א גאנץ וויכטיגע זאך: מאר־גען ארום צוויי אזייגער וועל איך ברייגנען א גאסט צו אונז אין הויז, ער איז די אינ־טערעסאנטסטע פערזאן מיט וועלכע איך האב זיך ווען אין מיין לעבען געטרא־פען, מיר האבען זיך באקענט אויף מיין רייזע פון שיקאגא, ער איז באקאנט מיט די בעסטע ליטעראטורען פון אלע צייטען, ער איז א קענער פון צוועלף שפראכען, ער איז א טיעפער דענקער, זיין נאמען איז רודאלף ראבינסאן, ער איז פראפע־סאר פון פילאזאפיע אין איינע פון די גרויסע אמעריקאנער אוניווערזיטעטען, ער איז געקומען אין מינעאפאלים דא צו האלטען א פארטראג איבער דעם מאדער־נעם ציוניזמוס און האב איהם איינגע־לאדען צו זיין אונזער גאסט פאר די עט־ליכע טעג וואס ער וועט דא פארברייגנגען אין מינעאפאלים; איז דער מזרח פליגעל פון צווייטען שטאק ליידיג?

די קאלירען האבען זיך געביטען אין איהר געזיכט און איהרע אויגען האבען געשאסען פייער, זי האט אבער געהאט גע־נוג זעלבסט קאנטראל צו באהערשען איר טאן און זי האט געזאגט מיט געציילטע ווערטער:

—הערלאד, דו האסט פארגעסען דאס ער איז א איד און דאס ער איז אהער גע־קומען אלס א אידישער פארשטעהער; לויט נאך דעם פלאץ וואס מיר פארנעה־מען אין די היגע סאציאלע קרייזען קענען מיר בשום אופן ניט איינלאדען צו אונז אזא פערזאן פאר אונזער גאסט. דענק נאר וואס וועלען אונזערע פריינד זאגען?

הערלאד האט איהר מיט אויפמערק־אמקייט אויסגעהערט און ער האט איהר איראניש געענטפערט:

— מיט א פאר מאנאט צוריק האסטו אין א בריעף פאר מיר געשילדערט די איינצעלהייטען ווי אזוי דו האסט אונ־טערהאלטען א געוויסען דאקטאר סען לאנג ווינג פון כינא, וועלכער האט דא גע־האלטען עטליכע פארטרעגע איבער דער כינעזישער רעוואלוציאן און די רעפוב־ליק. איך קען אפילו ניט דעם דאקטאר אבער איך האב פאר איהם די גרעסטע אכטונג, און דאך מוטער, בין איך זיכער דאס ער איז ניט גרויס גענוג צו פוצען די שיך פון מיין פריינד פראפעסאר ראב־בינסאן, אויב אן אריענטאלישער כינע־זישער דאקטאר שטעהט העכער אין דיין אפשאצונג פון א אייראפעאישען קולטור־

רעלען העכסט געבילדעטען פילאָלאָג, ליטעראַט און פילאָזאָף, בלויז דערפאַר ווייל דער לעצטער איז אַ איד, דאַן האָבן „אונזערע פריינד„ דאָס רעכט צו דענקען דאָס ערגסטע פון אונז.

ער איז צו איהר צוגעגאַנגען און האָט מיט זיין רעכטע האַנד ארומגענומען איהר צאַרטען און שלאַנקען פיגור, מיט זיין לינקע האַנד האָט ער איהר אָנגענומען פאַרן מאָרדע און ער האָט איהר מויל צוגעטראָגען צו זיינע וואַרימע ליפּען

ער האָט אַ הערצליכן קוש אויפגעדריקט אויף איהרע ליפּען, און איהר האַלטענדיג

אין זיין שטאַרקען מענליכען אָרעם האָט ער צו איהר געזאָגט.

— מוטער איך האָב היינט באַנוצט אַ וואָרט און איך האָב באַלד נאָכהער חרטה געהאַט; איך האָב געזאָגט מיין פריינד דאָס איך בין אַ „מאַראַנאַ איד" ווייסטו וואָס דאָס מיינט? דאָס שטאַמט אָפּ פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציאָן. ווען פערדינאַנד און איזאַבעלאַ האָבען ארויסגעגעבען דעם באַפעהל דאָס די אידען וואָס ווילען ניט אָננעהמען דעם קריסטענטהום אַלס זייער רעליגיאָן זאָלען ארויסגעטריבען ווערען פון שפּאַניען האָבען אַ סך פון זיי געמאַכט אַ פּשרה, אויסערליך פאַר דער וועלט האָבען זיי אָנגענומען דעם קריסטענטהום אָבער איינערליך אין זייערע געדאַנקען, אין זייערע הערצער, אין די טיעפע קעלערען פון זייער היים זיינען זיי פאַרבליבען געטריי צו זייער גאָט און זיין געבאָט און צו אַלע אידישע טראַדיציעס, זיי זיינען געשטעמפּעלט געוואָרען מיט דעם נאָמען „מאַראַנען" דאָס מיינט באַהאַלטענע אידען. זיי זיינען ניט דאָס וואָס די וועלט מיינט זיי זיינען. זיינען מיר ניט אמת'ע מאַראַנאָ אידען? מיר באַהאַלטען זיך פון דאָס וואָס מיר זיינען, און מיר זיינען ניט דאָס וואָס די וועלט מיינט מיר זיינען. די געשיכטע האָט ריינגעוואַשען און האָט ענטשולדיגט יענע אונגליקליכע פון דער אינקוויזיציאָן, דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען געצוואונגען צו פיהרען אַזאַ צווייפאַכען לעבען, וואָס אָבער וואָלט מען זאָגען פון אונז? מען וועט אונז שטעמפּלען מיט דעם נאָמען „קלעטערער" דערפאַר ווייל מיר טוען עס אום צו קלעטערען העכער אויף די שטאַפּלען פון לייטער אין די געזעלשאַפטליכע קרייזען. וואָלט ניט געווען פיעל בעסער פאַר אונז דאָס מיר זאָלען זיך ווייזען פאַר דער וועלט דאָס וואָס מיר זיינען מיט אַן אמת טיעף אין אונזערע נשמות? דו קאָנסט זיך גאָר קיין באַגריף ניט מאַכען ווי שטאָלץ איך בין געווען היינט נאָכמיטאָג ווען פּראָפעסאָר ראָבינסאָן האָט מיר געזאָגט דאָס ער איז אַ איד. עס איז שפּעט מוטער, און איך בין אַביסעל מיעד פון דער רייזע; אום צוועלף דרייסיג דאַרף איך זיין אין האָטעל צו זעהן ראָבינסאָן. וואָס פאַר אַ טיעפען איינדרוק ער האָט אויף מיר געמאַכט, איך בין זיכער אַז אויך דו מוטער וועסט

נעפאַנגען ווערען פון זיין צויבער. גוטע נאַכט מוטער· — ער האָט איהר ווידער

געקושט — גיב דיין באַפעהל צו דיינע דיענסטען דאָס זיי זאָלען מאַכען די צימערן אין בעסטען אָרדענונג. גוטע נאַכט פאָטער — און דו שוועסטער וואַרט אויף אונז צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג, ראָבינסאָן עדי, דו און איך וועלען ארויספאָהרען אין מיין נייעם אויטאָמאָביל.—ער האָט איהר געקושט און פאַרלאָזען דעם צימער.

—ער איז דער זעלבער העראָלד,אָבער ניט אַן אייגענעם שטאַרקען ווילען. —

האָט אַלעקסטנדער פיליפּס געזאָגט ווי צו זיך אַליין. ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך צווישען מוטער און זוהן איז זיין שטאָלץ געווען אַזוי גרויס דאָס נאָר אַ פאָטער קען עס באַגרייפען. זיינע אייגענע מיינונגען וועגען דעם געגענשטאַנד האָט ער ניט ארויסגעזאָגט און עס איז געווען אונמעגליך ארויסצוזאָגען מיט בעשטימטקייט מיט וועלכען

פֿון די צוויי ער איז געווען איינפֿאַרשטאַנ־
נען, צו מיט דער מוטער אָדער מיט'ן זוהן
אָבער ער איז געווען שטאַרק צופֿרידען
צו זעהן ווי דער זוהן האָט געוואונען
אַ שווערן קאַמף מיט ווייניגע אָנשטרענ־
גען און די איינציגע כּלי זיין וואָס ער
האָט באַנוצט איז באַשטאַנען פֿון טאַקט
און חכמה.

3טער קאפיטעל

ווען הערָאלד איז אריינגעקומען צו זיך אין צימער האט ער פארדרייכערט א סיגארעט און האט זיך א ווארף געטאן אויף א דיוואן, האלב זיצנדיג און האלב ליגענדיג. א פאנאראמא פון בילדער האבען זיך אנגעהויבען צו ציהען דורך זיינע געדאנקען, זיי זיינען געווען בילדער פון זיינע קינדערשע יאהרען. די ערשטע צעהן יאהר פון זיין לעבען האט ער פערבראכט אין דערהיים, ער האט באקומען אונטעריכט פון א גובערנאנטען אונטער דער השגחה פון זיין מוטער, זי איז געווען זעהר שטרענג מיט איהם, זי האט צו איהם ניט צוגעלאזען קיינע אנדערע קינדער זיך מיט איהם צו שפילען; זיין איינציגער שפיעל קאמעראד איז געווען זיין שוועסטער עליין, זי איז געווען מיט דריי יאהר אינגער פון איהם און אזוי זיינען זיי אויפגעהאדעוועט געווארן ניט נאר אלס שוועסטער און ברודער נאר אויך אלס חברים און שפיעל קאמעראדען. און גראדע איצט האט ער זיך דערמאנט אן א צופאל וואס האט געטראפען ווען ער איז אלט געווען ניין יאר, עס איז איצט געקומען אזוי קלאהר פאר זיין זכרון גראדע ווי דאס וואלט נעכטען געטראפען, אין א שעהנעם טאג אין פריהלינג האט ער און זיין שוועסטער, אונבאמערקט זיך ארויסגע'גנב'עט פון הויז און זיי האבען פערבלאנדזשעט אין א זייטיגער געסעל עס איז געווען ארום דריי אזייגער פארנאכט און א גרויסע מאססע קינדער זיינען ארויסגעקומען פון סקוהל; דאס איז געווען צום ערשטען מאהל אין זייער לעבען וואס זיי האבען געזעהן אזויפיל קינדער אויף איין מאהל. הערָאלד און עליין האבען זיך אנגעשלאסען אן א קאמפאניע פון קינדער וואס זיינען געווען פון זייער עלטער. זיי זיינען אוועק צו דעם לייק מענאמאנקא און האבען אויסגעטאן זייערע שיך און זאקען און זיינען אריין אין וואסער, הערָאלד און עליין האבען זיי נאכגעפאלגט, א שטיפענדיגער אינגעלע האט אויסגעשטרעקט זיין פוס און האט פאראורזאכט דאס עליין איז געפאלען און זי איז איינגאנצען נאס געווארען, הערָאלד האט איהר אויפגעהויבען אין זיינע ארעמס און ער האט איהר אוועקגעזעצט אויף א טרוקענעם ארט, וואו די זון האט געשיינט אויסצוטריקענען איהר קליידעל און ער איז אוועק זוכען דעם אינגעל; ער האט איהם געפונען, דער סוף איז געווען דאס ווען די דיענסטען פון זייער הויז האבען איהם געפונען, האט איהם געפעהלט א צאהן, אבער דער אינגעל איז געגאנגען א היים מיט צוויי שווארצע אויגען, א געשוואלענע צורה און צובראכענעם נאז. פאר קיין פאל קען ער אבער איצט ניט געדיינקען וואס זיין שטראף איז געווען ווען ער איז געבראכט געווארען א היים צו זיין מוטער.

קוים איז די בילד פארשוואונדען און אן אנדער בילד ערשיינט אויף דעם לייוואנט פון זיין זכרון; ער זעהט זיך אלס קינד צעהן יאהר אלט, ער פארט מיט זיין מוטער ווייט אוועק פון דער היים. זיי זיינען אויפ'ן באהן במעט צוויי טעג און צוויי נעכט, ענדליך זיינען זיי אנגעקומען אין באסטאן, זיין מוטער האט אים געבראכט צו א שעהנע גרויסע געביידע, זי האט איהם צוגעפיהרט

צו א פרוי פון מיטעלן עלטער און שטריינגען אויסזעהן און זי האט צו איס געזאגט: „העראלד, דאס איז מאדאם האפמאן, זי וועט אויף דיר אכטונג געבען, דא וועסטו עסען און טרינקען, שלאפען און לערנען, איך און פאפא וועלען דיר באזוכען אין יאנואר". ער געדיינקט ווי ער האט אנגעהויבען צו וויינען, ער האט געוואלט פאהרען צוריק אהיים, צו זיין שוועסטער עליין, אבער די מוטער האט זיך אויף איהם אנגעבייזערט, און מאדאם האפמאן האט געזאגט דאס עס פאסט ניט פאר אזא גרויסען אינגעל ווי ער צו וויינען; פון דעמאלט אן האט ער מער ניט געוויינט ער פלעגט זעהן זיין פאטער כמעט אלע מאנאט, זיינע געשעפטען פלעגען איהם אזוי אפט פיהרען נאך ניו יארק, און ער האט זיך קיין מאל ניט אומגעקערט פון ניו יארק אהן א וויזיט צו זיין זוהן אין באסטאן וואו ער פלעגט מיט איהם פארברינגען וויינינגסטענס א טאג. די מוטער פלעגט ער זעהן נאר צוויי מאל א יאהר, זי פלעגט קומען אין באסטאן אין יאנואר און פארבלייבען מיט איהם א פאר וואכען און אין דעם אנפאנג פון פריהלינג פלעגען פאטער, מוטער און שוועסטער קומען און איהם נעמען אויף א וויטע רייזע אריבער דעם ים און זיי פלעגען אלע צוזאמען פארברייננגען די הייסע מאנאטען אין אייראפא.

און אזוי האט ער פארבראכט זעקס יאהר אונטער דער השגחה פון מאדאם האפמאן.

אויך דער בילד איז פערשוואונדען און א נייער בילד קומט ארויף אויף דעם לייוועגט פון זיין זכרון; עס איז געוועזן מיט אכט יאהר צוריק די לעצטע טעג אין מאנאט מאי, איידער זיינע עלטערן זיינען געקומען איהם נעהמען נאך אייראפא.

איין נאכמיטאג פון יענער צייט האט מאד. האפמאן נאך אים געשיקט, ווען ער איז אין איהר אפיס אריינגעקומען האט זי צו איהם געזאגט:

—הערעלד, דו האסט איצט געענדיגט דיין שטודיום אונטער מיין השגחה. דו האסט די אלע נויטיגע פארבערייטונגען וואס עס ווערט געפאדערט אין דער הארווארד אוניווערזיטעט. אויף דיין מוטערס פארלאנג האב איך אלעם פארזארגט אז ווען דו וועסט נעקסטען סעפטעמבער צוריק קומען פון אייראפא און דו וועסט אריינטרעטען אין אוניווערזיטעט, וועסטו אויפגענומען ווערען אלס מיטגליד אין איינע פון די בעסטע און אויסשליסליכסטע פראטערניטיעס וואס געפינט זיך אויפן קעמפוס; די רייכסטע און גרעסטע אריסטאקראטישע סטודענטען געהערען דארטען און קיין איד ווערט דארט ניט אריינגענומען. איך בין זיכער אז דו וועסט זיך אין אלע פרטים אויסצייכענען דאס דו זאלסט קענען פארדינען דעם גרויסען כבוד וואס עס ווערט דיר צוגעטיילט.— ער געדיינקט ווי ער האט איר גוט אויסגעהערט, און ווען זי האט געענדיגט האט ער צו איהר געזאגט:

—מאדאם חאפמאן, איך דאנק אייך פון מיין טיעפען הארצען פאר אלץ וואס איהר האט פאר מיר געטאן אין די לעצטע זעקס יאהר און פאר דאס וואס איהר ווילט טהאן פאר מיין צוקונפט, איך פיהל און פארשטעה וואס פאר א כבוד עס מוז זיין פאר א סטודענט צו זיין א מיטגלייד פון דער פראטערניטי און ווי איהר ווייסט בין איך ניט אונדאנקבאר, אבער איך קען ניט און וויל ניט אננעהמען דיזען אונפארדינטען כבוד, ווי איהר אליין האט מיר איצט געזאגט ווערן דארטען קיין אידישע סטודענטען ניט אויפגענומען און אזוי ווי איך בין א איד קען איך מיר ניט ערלויבען דארטען צו ווערען א מיטגליד.

—אבער קיינער וויים ניט דאס הע־

ראַלד ראַלף פיליפּס איז אַ איד —האָט זי האַלב שטרענג געזאָגט. — אָבער צום גליק ווייס איך עס און דאָס איז פאַר מיר גענוג צו מאַגען דעם בעשלום. — האָט העראַלד געענטפערט. — אויב איך בין שטאָלץ דערמיט וואָס איך בין אַ איד ווייס איך ניט, עס קען זיין דאָס אויב מען וואָלט מיר געפרעגט איידער איך בין געבאָרען געוואָרען, צי איך וויל זיין אַ איד און מען וואָלט מיר אויך געזאָגט וואָס עס מיינט צו זיין אַ איד וואָלט איך אפשר געענטפערט אַז איך וויל קיין איד ניט זיין, אָבער אַזוי לאַנג ווי איך בין געבאָרען געוואָרען אַ איד וועל איך בלייבען אַ איד.

די בילדער זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען און העראַלד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע חלומות, ער האָט אַקוק געטאָן אויפן זייגער, עס איז נאָך צוויי;

ער האָט געדריקט אַ עלעקטערישען קנעפּעל און זיין וואַלעט מעקפערסאָן איז אריינגעקומען.

מעק — האָט ער געזאָגט — ברייננ מיר אריין אַ קרוג קאַלטע וואַסער און געה שלאָפען. — מעק האָט געבראַכט די וואַסער, ער האָט געזאָגט גוטע נאַכט און האָט פאַרלאָזען דעם צימער. העראַלד האָט זיך אויכגעטאָן ער האָט אויסגעדרעהט די עלעקטרישע ליכט און איז געגאַנגען שלאָפען, אָבער עפּעס שלאָפט זיך אים ניט היינט; די פאַרגאַנגענהייט האַלט איהם שטאַרק אין איהר מאַכט און זי שלעפּט איהם ווי מיט געוואַלט צו יענע יאָהרען, ער האָט זיך דערמאָנט ווי אין יענער צייט האָט ער אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן זיין מוטערס מאָטיווען, זי האָט געזוכט פון איהם צו באַהאַלטען דעם סוד אַז ער איז אַ איד כדי ער זאָל זיך ניט געפינען נעהינדערט אין זיינע אַמביציעס און שטרעבונגען און זי וויל דעם זעלבען בוד באַהאַלטען פון דער וועלט כדי די וועלט זאָל ניט זיין קאַלט און גלייכגילטיג צו אים; ווען ער מאַכט די ענטדעקונגען פון איהרע מאָטיווען, ווערט זי איהם ליעב און טייער פאַר די גרויסע אָנשטרענגונגען וואָס זי מאַכט פון זיינטוועגען, הגם ער איז שטאַרק ניט איינשטימיג מיט איר פאַלשע פילאָזאָפי. צו יענער צייט נעהמט איהם אן איין חשק מעהר אויסצוגעפינען וועגען דעם אידישען פאָלק, וועגען זייער לעבען און דענקען, וועגען זייערע אַנשוואונגען און זייערע אידעאַלען וואָס זיי האָבען אויפגעטאָן פאַר דער וועלט און וויפיעל זיי האָבען בייגעשטייערט צו דער ציווילזאַציאָן, ער געהט אָפט צו דער ביבליאָטעק און ער לייענט פלייסיג. ער באַגעגנט זיך מיט גרעטץ געשיכטע פון די אידען און יעדער קאַפּיטעל, יעדער באַנד גיט איהם אַ נייעם באַגריף פון זיינע שטאַמ'ס גענאָסען, צום סוף קומט ער צום לעצטען באַנד, און ער ווערט ווי באַצויבערט ווען ער מאַכט די באַקאַנטשאַפט מיט קאַרל מאַרקס, פערדינאַנד לאַסאַל, היינריך היינע און לודוויג בערנע, אַלע פיער אידען אין זיי האָבען באַשאַפען די יונגע דייטשלאַנד. ער האָט נאָך אין זיינע אינגערע יאָהרען געלייענט די ווערק פון לאָרד ביקאָנספילד און ער איז געווען שטאַרק ענטציקט פון יעדער מעשה, אָבער איצט האָט ער געפונען אַ נייע לעבענס געשיכטע פון דעם ענגלישען גרויסען שטאַאַטסמאַן וואָס איז געווען געשריבען פון אַן אירלענדישען און דעריבער ניט צו פריינדליך צו ביקאַנספיעלד און דאָך מאַכט ביקענספיעלד אַ זעלטענעם איינדרוק אויף איהם און זיין יונגע נשמה. און העראַלד טראַכט: ביקאַנספיעלד, אַ געשמד'טער איד, פרעמיער פון ענגלאַנד. אַ יונגער מאַראַנאַ, ער אויך האָט עס ניט געטאָן מיט זיין אייגענעם ווילען, און דעריבער הערט זיין האַרץ ניט אויף צו קלאַפּען אידיש און ווען ער בויט די גרויסע ענגלישע עמפּייער חלומט ער אויך פון דעם „איין טאָג„! איין מאַן! און מיר וועלען נאָך צוריק ווערען אַ נאַציאָן. און העראַלד

זעהט אין זיין פֿאַנטאַזיע אַ פֿערוואַנדשאַפֿט צווישען זיך און דעם אַנדער מאַראַנאַ איד, דעם פּערפֿאַסער פֿון „דוד אַלראָי".

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג ווען הערצל האָט ענדליך איינגעשלאָפֿען און ווען ער האָט מעהר ניט געקענט טראַכטען האָט ער אָנגעהויבען צו חלומען פֿון זיין נייעם פֿריינד רודאָלף ראָבינסאָן. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט דאָס ער האָט היינט געשלאָפֿען ביז צעהן אַזייגער, ער איז אויפֿגעשטאַנען און מען האָט איהם געבראַכט די מאָרגען צייטונג, ער האָט זי לאַנגזאַם דורכגעבלעטערט און אויף דער צווייטער זייט האָט ער בעמערקט ראָבינסאָנס בילד און ער האָט געלייענט די פֿאָלגענדע באַמערקונגען:

—מיניאַפּאָליס האָט אַ זעלטענעם גאַסט. פּראָפֿעסאָר רודאָלף ראָבינסאָן, אַ גרויסער געלעהרטער איז דאָ נעכטען אָנגעקומען. ער וועט דאָ פֿאַרבלייבען איבער זונטאָג, זיין מיסיאָן איז צו האַלטען אַ פֿאָרטראַג איבער דעם לעבען און ווירקען פֿון דאָקטאָר טהעאָדאָר הערצל. צוליעב וועמעס יאָהרצייט די היגע ציוניסטען ווען דורכפֿיהרען אַן אינטערעסאַנטע פּראָגראַם קומענדען זונטאָג אום דריי אַזייגער פֿאַרנאַכט אין דעם גרויסען זאַל פֿון דעם אַטלעטיק קלוב, פּראָפֿעסאָר ראָבינסאָן האָט זיך פֿאַרדינט אַ נאָמען אין אייראָפּאַ און אין אַמעריקאַ אַלס איינער פֿון די גרעסטע קריטיקער אין אַלע צווייגען פֿון קונסט. מיט יאָהרען צוריק איז ראָבינסאָן געווען פּראָפֿעסאָר פֿון פֿילאָזאָפֿיע אין כאַרקאָווער אוניווערזיטעט וואו אַ גרויסע טראַגעדיע האָט איהם געטראָפֿען אין יענער פֿינסטערער לאַנד פֿון די צאַרם; און ווי עס ווייזט אויס האָט עס איבערגעלאָזען אַ טיפֿע וואונד אין זיין איידעלע נשמה און מיט יעדער גייער עראינערונג הויבט די וואונד אָן צו בלוטען. אונזער בעריכט שרייבער האָט געמאַכט אַ פֿערזוך איהם צו פֿרעגען עטוואָס וועגען יענע אַלטע טראַגעדיע, זיין פּנים איז בלאַס געוואָרען און זיין קערפּער האָט אָנגעהויבען צו ציטערן אַז עס האָט אָנגענומען אַ רחמנות אויף איהם צו קוקען. פֿאַר אונגעפֿעהר פֿופֿצעהן יאָהר איז ער געווען פּראָפֿעסאָר אין היידעלבערג וואו ער האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען אין דער וויסענשאַפֿטס וועלט מיט זיינע נייע טהעאָריען. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז ער אָנגעקומען אין אַמעריקאַ אויף דער איינלאַדונג פֿון איינע פֿון אונזערע גרויסע אוניווערזיטעטען אין שיקאַגאָ. עס לאָזט זיך דענקען דאָס זיינע ערפֿאַרונגען אין רוסלאַנד וואָלט מאַכען אינטערעסאַנטע לעזע שטאָף פֿאַר אַ צייטונג. עס איז אַ גרויסע געווינס פֿאַר די ציוניסטען איהם צו האָבען אויף זייער זייט. מיר האָבען געלערנט פֿון זיכערע קוועלען דאָס ער איז איינער פֿון די גרעסטע אַגיטאַטאָרס.

הערצל האָט מיט טיפֿע אינטערעס דורכגעלייענט דיעזע בעמערקונגען און ווען ער האָט געענדיגט האָט ער זיך פֿאַרטראַכט און האָט צו זיך אַליין געזאָגט:

אָרימער ראָבינסאָן, ווי איך זעה האָסטו טיעף געטרונקען די ביטערע טראָפּענס פֿון לעבענס בעכער, ווער וואָלט עס גאָר געגלויבט? ער זעהט אויס אַזוי פֿרעהליך און פֿול מיט לעבען, און דאָך זיין האַרץ ווערט פֿון אַ שלאַנג געגריזעט, ווי עס גלוסט זיך מיר איהם צו העלפֿען, איהם צו היילען יענע וואונד.

4טער קאַפּיטעל

רודאָלף ראָבינסאָן איז אָנגעקומען אין האָטעל אונטער די באַגלייטונג פון דער קאָמיטע, זיין צימער איז געווען אַנגאַזשירט מיט עטליכע טעג פאָראויס, ער האָט די דריי העררן איינגעלאַדען צו זיך אין צימער וואָס איז געווען גרויס, לופטיג און באַקוועם; זיי האָבען פאַרבראַכט צוזאַמען אַרום אַ שעה און אַ האַלב, ריידענדיג וועגען פאַרשידענע געגענשטאַנדען, צום סוף האָט רבי זאַנגבערג באַמערקט דאָס אַזוי ווי דער גאַסט מוז זיין אויסגעמאַטערט פון זיין רייזע, איז ניט מער ווי רעכט זיי זאָלען אים ניט שפּעט אויפהאַלטען, דעריבער האָבען זיי גענומען אָבשייד פון איהם און פאַרלאָזען זיין צימער. אַ פּאָר צייטונג שרייבער זיינען געקומען און ראָבינסאָן האָט זיי געגעבען אַ קורצע אונטערעדונג און ער איז ווידער געבליבען אַליין אין זיין צימער. ראָבינסאָן האָט זיין גאַנצען לעבען פאַרבראַכט אין גרויסע שטעדט, און ער איז געווען אַ טהייל פון דעם לעבען פון אַ גרויסע שטאָדט, ער איז דעריבער געווען געוועהנט צו געהן שלאָפען גאַנץ שפּעט; אין די שפּעטערע שטונדען פון דער נאַכט פלעגט ער ענטוועדער לייענען, שרייבען אָדער פאַרברייגנען אין אַ קלוב אָדער אין אַ קאַפע, און דעריבער האָט ער זיך איצט געוויילינגט; ער האָט קיין לוסט ניט געהאַט צו שלאָפען געהן ער איז אַרונטערגעגאַנגען אין דער קאַפע פון דעם האָטעל מיט דעם האָפענונג אַז ער וועט אפשר וועמען טרעפען צו פאַרברייגנען אַ שעה אָדער צוויי. די קאַפע איז נאָך געווען האַלב ליידיג, עס איז נאָך געווען צו פריה פאַר די טעאַטער באַזוכער וועלכע פאַנגען אָן צו קומען אַרום עלף אַ זייגער, ער האָט אויסגעקליבען אַ פּלאַץ ביי אַ קליינעם טישעל וואָס איז געשטאַנען ביי אָן אָפענעם פענסטער ניט צו נאָהענט צו דעם אָרקעסטער וואָס האָט איצט געשפּילט די סיקסטעט פון לוציאַ. ער האָט באַשטעלט אַ טאַס קאַפע און האָט זיך גענומען דורכצובלעטערן די צייטונגען און צו זעהן וואָס זיי האָבען צו זאָגען וועגען דעם מאָרד פון דעם עסטרייכישען קרוין פּרינץ, ראָבינסאָן האָט געפונען דאָס די מיינונגען פון די אַלע וואָס זיינען באַקאַנט מיט די אייראָפּעאישע פּאָליטיק שטימען איין מיט זיינע אייגענע מיינונגען, אַז עס מיינט אַ מלחמה. אַזוי האָט ער געלייענט די צייטונגען, זיך צוגעהערט צו די מוזיק און ער האָט געטרונקען זיינע קאַפע; פון צייט צו צייט האָט ער זיך אַרומגעקוקט און האָט באַטראַכט די פרישע קומענדיגע געסט וועלכע האָבען איצט אָנגעהויבען אָנצופילען דעם אָרט. פּלוצלונג זיינען זיינע אויגען געפאַלען אויף אַ גרופּע פון מענער און פרויען וועלכע זיינען ניט גאַנץ ווייט פון איהם געזעסען אַרום עטליכע טישען וואָס די קעלנער האָבען פאַר זיי צוזאַמענגעשטופּט און האָבען געמאַכט איין לאַנגען טיש, זיי זיינען איצט געזעסען און געוואַרט אויף זייערע שפּייזען וואָס זיי האָבען באַשטעלט; ראָבינסאָנ׳ס פלינקע און קלוגע אויג האָט באַלד דערקאַנט דאָס דיזע פּערזאָנען זיינען ניט שטענדיגע באַזוכער פון דיזער קאַפע און דאָס די מעהרסטע פון זיי זיינען דאָ איצט צום

ערשטען מאָהל אין לעבען. ענדליך האָט זיך זיין אויג אָפּגעשטעלט אויף איינעם פון דער גרופּע וואָס האָט אויסגעזעהן צו זיין די הויפּט פיגור פון דער געזעלשאַפט. ראָבינסאָן האָט אויף איהם לאַנג געקוקט אין; וואָס לענגער ער האָט אויף איהם געקוקט איז זיין אייגענע געזיכט אַלץ בלאַסער געוואָרען און זיין הארץ האָט אָנגעהויבען העפטיגער צו קלאַפּען, ענדליך האָט ער זיינע אויגען אַראָפּגענומען פון דעם פּערזאָן, מיט א מינע ווי ער וואָלט געווען איבערצייגט דאָס ער האָט קיין טעות ניט געמאַכט און ער האָט זיך בלויז געוואונדערט ווי אזוי קומט ער אַהער און וואָס טהוט ער דאָ?

די פּערזאָן אויף וועלכע ראָבינסאָן האָט אזוי שטאַרק געקוקט איז געווען א מאַן פון א יאָהר אַכט און דרייסיג הויך געוואַקסען מיט אַביסעל אַן איינגעבויגענעם רוקען, א שפּיציגע בערדל מיט שוואַרצע וואָנצעס אין וועלכע עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען גרויע האָר, ער איז געווען אָנגעטאָן א לאַנגען שוואַרצען פּרינץ אַלבערט

ראָק, לייכטע געשטרייפּטע הוזען, אויף זיין לאַנגע האַלז איז געווען א הויכער שטייפער קראַגען אָבער שטאַרק צו

קנייטשט און נאָס פון דעם שוויים וואָס האָט פון זיין קערפּער גערונען, אפילו די צוויי טאַשענטיכער וואָס זיינען געווען אריין געשטעקט אויף ביידע זייטען פון זיין געזיכט צווישען דעם קראַגען אין זיין האַלז, האָבען ניט געקענט פּאַרהיטען דעם קאַלנער נאָס און צוקנייטשט ווערען, זיינע אויגען האָבען געקוקט קרום און קורץ זיכטיג און ווען ניט די ערנסטקייט אויף זיין געזיכט וואָלט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון א מעפיסטאָפעל.

אימיצער ביי זיין טיש האָט איהם געמאַכט אויפמערקזאַם ווי אזוי ראָבינסאָן האָט אויף איהם געקוקט, ער האָט אָנגעטאָהן זיינע שפּאַקולען און האָט שטאַרק געקוקט אויף ראָבינסאָן,

ענדליך האָט ער א שטופּ געטאָהן עטליכע שטוהלען מיט א מאָל, ניט אַכטענדיג די געסט וואָס זיינען אויף זיי געזעסען אין דעם נעקסטען מאָמענט איז ער געשטאַנען נעבען ראָבינסאָן. אין א הויכען קול האָט ער אויסגערופען אין דער רוסישער שפּראַך:

— ווי גאָט לעבט, דאָס זייט איהר רודאָלף ראָבינאָוויטש! ענדליך האָב איך אייך דאָך געפונען:

אויב ראָבינסאָן איז געווען צופרידען איהם צו זעהען אָדער ניט, איז נאָך פאַר אונז ניט קלאָר נאָר איין זאַך איז געווען קלאָר צו בעמערקען, דאָס איהם איז געווען שטאַרק אונאַנגענעהם די סצענע וואָס ער האָט פאַראורזאַכט, און וואָס האָט אויף זיי געצויגען די אויפמערקזאַמקייט כמעט פון אַלע געסט. ער האָט צו איהם געזאָגט אין זיין געוועהנליכען טאָן:

— דו, משה סאַמועלעוויטש! ווי קומסטו אַהער? —

יא דאָס בין איך אייער אַלטער תלמוד, ווי אזוי איך קום אַהער איז א לאַנגע מעשה, און איצט איז ניט די

צייט און דאָ איז ניט דער פּלאַץ אייך צודערצעהלען; וואָהנט איהר דאָ אין דיעזען האָטעל? זאָגט מיר דעם נומער פון אייער צימער און איך וועל ביי אייך זיין אין א שעה צייט, חעכסטענס א שעה און א האַלב, וואָרט אויף מיר, צום ווידער זעהען, פּראָפעסאָר. — און משה סאַמועלעוויטש האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין פריהערדיגען אָרט

וואו ער האָט איבערגעלאָזען זיינע פריינד וועלכע האָבען איצט אויף איהם געוואַרט!

צוועלף אזייגער ביינאַכט איז משה סאַמועלעוויטש געקומען אין ראָבינסאָנס צימער, ער איז געווען כמעט אין גאַנצען דורכגעווייקט פון שוויים, ראָבינסאָן האָט איהם געהייסען אויסטאָהן זיין ראָק, ער האָט געפאָלגט, און ער האָט גענומען א פּאַפּירענעם פאָכער פון א קליין טישעל און האָט זיך

שטארק געפּאַכט׳ ער האט געזאגט צו ראבינסאָן.

— ווי איך פארשטעה האָט איהר זיך גע׳שמד׳ט?

— ניין, האָט ראבינסאן געענטפערט — דו מיינסט צו זאגען דאס איך האב מיר מגייר געווען, שמד׳ן מיינט ווען מען ווארפט אוועק די רעליגיאן אין וועלכען מען איז געבארען און אויפגעוואקסען געווארען, דאס האב איך געטהאן דאמאלסט ווען איך האב אריין געטרעטען אין דער רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, איצט אבער האב איך זיך צוריק מגייר געווען, איך האב זיך אומגעקעהרט צו דעם גלויבען פון מיינע עלטערן און פון מיין פאלק ישראל; און ווי שטעהט עס מיט דיר סאמועלעוויטץ?

— אויב אזוי האָב איך זיך געשמד׳ט — האט סאמועלעוויטץ געזאגט, — אבער איידער מיר געהן ווייטער וויל איך אייך זאגען דאס מיין נאמען איז ניט מעהר משה סאמועלעוויטץ, נאר עס איז גרעגאר מעדאף; סאמועלעוויטץ איז שוין לאנג געשטארבען און זיין טאטע חיים שמועלעוויטץ דער כארקאווער מלמד איז שוין לאנג אבגעזעסען שבעה נאך איהם און איצט רעדט צו אייך א גאנץ אנדער מענש, מיט אנדערע געדאנקען און אנדערע אידעען א פאריגער מיטגליעד פון דער רוסישער דומא און דער פרעזידענט פון דעם אידישען בונד פון רוסלאנד און פוילען

ער האט די לעצטע ווערטער ארויס געזאגט מיט א געוויסען שטאלץ, און ראבינסאן האט עס בעמערקט אין זיין טאָן, ער האט געשמייכעלט צו זיך אליין און ער האט געזאגט.

— וואס פאר א מערקווירדיגע וועלט עס איז אין וועלכע מיר לעבען. צייטען, מענשען און אידעען בייטען זיך פון טאג צו טאג׳ זי איז עפּעס ווי א וואגזאל טויזענדער פאהרען אוועק און טויזענדער אנדערע קומען אויף זייער ארט. גיב נאר א קוק משה, דו דער גרויסער פאנאטישער חסיד, דער זוהן פון חיים דעם מלמד איז היינט א ראדיקאלער און דער פיהרער פון בונד, און איך איינער פון די פארטגעשריטענסטע ראדיקאלען, דער פיהרער און ארגאניזאטאר פון פיעלע אטענטאטען, דער פריינד און חבר פון די גרעסטע פון דער רעוואלוציאָנערע בעוועגונג אין וועמען אלע האבען געגלויבט און האבען געהאט צוטרוי איך האב זיך צוריק געקעהרט, איך בין געקומען אהיים, צוריק צו מיין טאטען און מאמען, און צוריק צו מיין פאָלק, אפילו א ביסעל צו שפּעט, מיין טאטע דער גרויטער גאון און מיין טהייערע גוטע מאמע איז מיט איהם אין דער אייביגער וועלט, אָבער איך בין דאך צוריקגעקומען זיי זיינען ביידע געשטארבען דערפאר וואס איך האב זייערע הערצער צובראכען; און איךהאב קיינעם ניט מעהר, ניט קיין טאטען און ניט קיין מאמען, ניט קיין פרוי און ניט קיין קינדער, דער איינציגער טרייסט וואס מיר איז געבליבען איז מיין ארעמעס פאלק און פאר איהם וויל איך איצט אבגעבען אלץ וואס איך האב און וואס איך בין. דאס איז א מוסר השכל פאר אונזער אינטעליגענץ, ווער וואגט עס צו זאגען דאס עס איז ניטא קיין שכר און עונש אין אונזער וועלט? איך האב צובראכען די הערצער פון די צוויי איידעלסטע מענשען אין דער וועלט, מיין פאטער און מוטער; און דורך דעם פארלוסט פון מיין פרוי און קינדער איז מיין הארץ אויף שטיקלאך צובראכען. משה, דאס איז די טראגעדיע אין וועלכע איך בין דער העלד. זי איז אָבער נאָך ניט געענדיגט. איך לעב נאָך און איך וועל לעבען ביז איך וועל געפינען מיין העלענא און מיינע צוויי אונשולדיגע קינדער, און ביז איך וועל נקמה נעחמען פון די וואס האבען מיר געזוכט צו פארניכטען — ער האט אויס געבראכען אין טרעהרען.

ווען ראָבינסאָן וואָלט אין יענעם מאָמענט ניט געווען היינגעריסען פון זיינע אייגענע געפיהלען וואָלט ער אפשר בעמערקט דאָס ווען ער האט געערדט פון נקמה האט גרעגאָר מעדאָף אויפגעציטערט. ראבינסאָן האט עס אבער ניט געזהען, איבער דעם שטראָם טרעהרען וואָס זיינען געלאָפען פון זיינע אויגען. ער האט געלאָזט זיין קאָפּ זינקען אויף זיין ברוסט. מעדאָף האָט אויף איהם געקוקט מיט זיינע קרומע קורצזיכטיגע אויגען און אויף א מינוט איז ער כמעט ווי געריהרט געוואָרען פון רחמנות און א צווייטיגער מענש וואָלט געקענט בעמערקען דאס א מלחמה איז אנגעגאנגען אין זיין נשמה צווישען קאָפּ און הארץ, אין ווייניגער ווי א מינוט צייט האט זיין קאַלטער פארשטאנד גובר געווען זיינע געפיהלען ער האט זיך ווי אויסגעגלייכט זיין רוקען און איז געוואָרען שטייף און ער איז ווידער געווען דער פיהרער פון א גרויסע רעוואלוציאָנערע פארטיי. דער אגיטאטאר פון א סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, און דער אָנזאָגער פון א נייעם געזעלשאפטליכען לעבען; און אין אַלעמען גענומען האט זיך אין איהם געזעהן דער אלטער משה כאַמועלעוויטש, חיים דעם מלמד'ס זוהן, דער חסיד און פאנאטיקער, און ער האט געזאגט:

—פּראָפעסאָר, אייער אונגליק איז מיט אן אמת גרויס, איהר האט דער וועקט מיטלייד אין מיר, אבער אין דעם גרויסען שטראָם פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען. וואָס פאַר א ווערט האט דער איינצעלנער אין פערגלייך מיט דער גאנצער מענשהייט? ניט מעהר ווי א טראָפּען וואסער געגען דעם גרויסען ים , אייער שיקזאַל איז דער שיקזאל פון מיליאָנען אנדערע וואָס האבען געליטען און וועלען ליידען אזוי לאנג ווי דער איצטיגער סיסטעם וועט דויערען, עס איז די פאַלשע ציוויליזאַציאָן אונטער וועלכע מיר לעבען, וואָס איז פעראנטוואָרטליך פאַר אייער גרויסען פארלוסט פון אייער פרוי און קינדער אין דיעזער סיסטעם איז שולדיג אין דעם אונצייטיגען טויט פון אייער פאָטער און מוטער, און דיזער סיסטעם איז שולדיג אין די פארפאלגונגען פון אידישען פאָלק, העלפט אונז ענדערן די סיסטעם, העלפט אונז ברייגען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן און איהר וועט העלפען באפרייען די וועלט פון אלע צרות, ליידען און פארפאלגונגען

ראבינסאן האט געענטפערט מיט א שמערצליכע איראָניע:

— מעדאָף, דו האסט געטאהן א גרויסע פעולה, דו האסט זיך אויסגעלערנט דעם רעוואלוציאָנערען קאטעכיזמוס אויף אויסוויינינג, קלאָהר פון אלף ביז ת, דו פריידיגסט די סאָציאַלע רעוואלוציאן מיט דעם זעלבען פייער מיט די זעלבע התלהבות ווי דו האסט מיט צוואנציג יאהר צוריק געפריידיגט דיין פאנאטישען חסידיזמוס, דאס איז אפשר דער איינציגער פונקט אין וועלכען דו אונטערשיידעסט זיך פון דיינע גענאָסען, אבער אין אלע אנדערע פרטים האט איהר אלע דעם זעלבען נוסח וואס איהר לערנט און איהר קענט ניט געהן א טריט ווייטער; איהר אלע בענוצט די זעלבע פאָלישע לאגיקע, די זעלבע ארגומענטען און אפילו די זעלבע פראזען, איהר רעדט נור וועגען דער מענשהייט אבער אייך קימערט ניט דער איינצעלנער מענש, דער יחיד, פון וועלכע די מענשהייט איז צוזאמענגעשטעלט איהר זעהט ניט און פארשטעהט ניט דאס ווען ניט די איינצעלנע טראָפּענס וואסער וואלט קיין ים ניט געווען און ווען ניט דער יחיד וואלט קיין מענשהייט ניט געווען, ווייסט איהר ניט אז מען קען ניט אויסבעסערען די מענשהייט סיידען מען וועט אנהייבען מיט דעם איינצעלנעם? עס קען זיין דאס איך אליין האב געמאכט דעם זעלבען טעות אין מיינע

אינגערע יאָהרען, איך האב אבער אנגעהייבן צו פארשטעהן בעסער, עס איז אמת דאס איך האב גאנץ טהייער באצאהלט פאר דאס וואס איך האב געלערנט, אבער די וויסענשאפט איז אלע מאל טהייער; ווי לאָרד בייראָן האָט געזאגט אין זיין „קעניג מאנפרעד:

„זיי וועלכע וויסען אם מעהרסטען

מוזען אם מעהרסטען טרויערען איבער דעם שרעקליכען אמת”.

אבער וועלכע נוטצען וועלען בריינגען אונזערע איצטיגע וכוחים, איך בין זיכער אז דו וועסט מיר ניט באקעהרען צו דיינע איבערצייגונגען און איך וועל דיר ניט קענען באקעהרען צו מיינע; דאָס איך באגרייף די אונגערעכטיגקייט אין אונזער געזעלשאפטליכען איינארדנונג, קענסטו מיר גלויבען דו וועסט אויך מודה זיין אז די נאטור האט מיר געגעבען א הארץ וואס פיהלט שטארק, דו ווייסט עס, יא מעדאף איך פיהל דעם וועלט שמערץ אפשר מעהר ווי דו, און איך אויך וואלט זיין בארייט זיך אליין מקריב צו זיין אום צו העלפען די מענשהייט; אָבער וואו מיר געהן פארנאנדער איז די רפואה, דו און דיינע גענאסען זוכען דעם פולס פון די מאססען וועהרענד איך בעהויפט אז די מאססע האט קיין פולס ניט, יעדער איינצעלנער אין דער וועלט האָט א פולס פאר ז י ך א ל י י ן. און צו דיעזע פולס שלעגע העהר איך מיר צו און איך צייל זיי. אין אנדערע ווערטער — איהר ווילט גרייכען דעם איינצעלנעם דורך די מאָסען וועהרענד איך וויל גרייכען די מאסען דורך דעם איינצעלנעם. אבער זאג מיר מעדאף, ווי קומסטו אהער? וואס טהוסטו דא אין אמעריקא? און זאג מיר אויך וואס דו האסט געמיינט אונטען אין רעסטאראן ווען דו האסט אויסגערופען ,ענדליך האב איך אייך דאך געפונען, האָסטו מיט אן אמת מיר געזוכט? האסטו

אפשר וועלכע נייעס פאר מיר פון מיין פרוי אדער מיינע קינדער? זאג מיר מעדאף, זאג. —

מעדאף האט זיך אויף א מינוט פארטראכט און ער האט געענטפערט.

— איך וועל אייך ערשט ענטפערען אויף אייער צווייטע פראגע, ווייל, ווי איך פארשטעה אינטערעסירט זי אייך מעהרסטענס איהר ווילט וויסען וואס איך האב מיט דעם געמיינט ווען איך האב אויסגערופען „ענדליך האב איך אייך דאך געפונען’ אייך צו זאָגען דעם אמת האָב איך מעהר ניט געמיינט ווי דאס וואס די ווערטער מיינען: ווי איהר ווייסט האב איך געהאט אורזאכען צו זיין אייך א גוטער פריינד, איהר זייט דער וואס האָט אין מיר בעשאפען דעם חשק צו לערנען און וויסען, און דאן האט איהר ניט געשפארט קיין צייט מיהע און געלד מיר צו געבען די נויטיגע אונטערריכט, איהר און אייער גוטע עדעלע פרוי האבען מיר גאנץ אפט געגעבען געלד, צו קויפען קליידער צו געהן צו א טהעאטער אדער אין אן אָפּערא; איהר מיט אייערע אונטערריכט האט מיר דורך געפיהרט דעם גאנצען שטודיום פון די זיעבען קלאסען גימנאזיאום און איהר האט מיר פארפערטיגט מיט די עקזאמינעם אריין צו טרעטען אין אוניווערזיטעט. צו יענער צייט האט אייך געטראפען דער אונגליק און איהר האט געמוזט אנטלויפען פון רוסלאנד, באלד נאך דעם זיינען אייער פרוי און קינדער פארשוואונדען געווארען. עס פארשטעהט זיך דאס איך האָב געהאט גענוג אורזאכע צו זיין פעראינטערעסירט אין אייער טרויעריגען שיקזאל און איך האב שטארק געוואלט וויסען וואס מיט אייך האט פאסירט, מיר האבען געלייענט אין אויסלענדישע צייטונגען דאס איינפלוס רייכע פערזאנען פון אייראפא האבען זיך געווענדעט מיט א ביטע צו די רוסישע רעגירונג אז זי זאל ארויסגע־

בען אייער פרוי און קינדער צו אייך און דאס די רעגירונג האָט געענטפערט דאס קיינער פון איהרע אגענטען ווייסען פון קיין זאך ניט וואס צו זאגען וועגען אייך אדער אייער פאמיליע.

איהר קענט שוין אליין פארשטעהן ווי איבעראשט איך בין געווארען ווען איך האב אין אייך דערקענט מיין אלטען רבי, מיין בעל טובה, און דער וואס האט אין מיר אריינגעבלאָזען א נייע נשמה, מעהר ווי איין מאהל האב איך פון אייך געטראכט פון יענעם טאג אָן. אלע מאל ווען איך האב געהאט די געלעגענהייט צו רייזען אין א פרעמדע לאנד, פלעגט מיר ארויף אויפן זינען דער געדאנקען דאס אפשר וועל איך אייך באגעגענען, איצט קענט איהר שוין פארשטעהן מיין שמחה.

— און איצט אויף אייער ערשטע פראגע „ווי אזוי איך קום אהער און וואס איך טהו דאָ, פאדערט א לענגערער ענטפער: באלד נאך דעם ווי אייערע חברים האבען אייך אריבער געפיהרט דעם גרענעץ, איז ביי אונז אין שטאדט אנגעקומען א אידישע מיידעל מיט דעם נאָמען מאריא לאשינסקיא, זי איז געווען א זעלטענע פארשוין זי איז געקומען אריין צו טרעטען אין אוניווערזיטעט, אבער זייענדיג א אידישע מיידעל איז זי געקומען זיך צו בעזעטצען אונטער דעם רויטען פאספארט. צו יענער צייט האב איך — א דאנק אייך — דורכגעמאכט מיינע עקזאמענס און איך בין מיט מזל אויפגענומען געווארען אין אוניווערזיטעט, איך בין בעקאנט געווארען מיט מאריא און זי האט אויף מיר געמאכט א טיעפען איינדרוק. זי איז געווען פון אונזער סארט, איהר פאטער איז געווען א למדן און א משכיל, ער האט געוואהנט ערגעץ וואו אין דער ליטא. ער אליין האט מיט איהר געלערנט העבראיש און זי האט עס געקענט אויסגעצייכענט גוט; זי האט אויך געקענט עטליכע מאָדערנע שפראכען און זי איז געווען אן אויסגעצייכענטע רעדנערין. מאריא איז געווען אין מיין עלטער. מיר האבען געהאט קלאסען צוזאמען און דאריבער פלעגען מיר זיך טרעפען טעגליך; מיט עטליכע מאנאטען שפעטער האב איך אויסגעפונען אז איך בין שטערבליך פארליעבט אין איהר און ענדליך האב איך צו איהר מיין ליעבע ענטדעקט; אנפאנגס האט זי מיר קיין האפענונג ניט געגעבען. אבער איהר ווייסט דאך מיין נאטור, דאס איך לאז זיך ניט אָבזאגען אזוי שנעל, איך האב פארטגעזעצט איהר צו ליעבען און האב אנגעשטריינגט אלע מיטלען איהר צו געווינען; אין א געוויסען טאג האט מיר מאריא ערקלעהרט דאס זי וואלט מיר אויך געקענט ליעבען אבער עס זיינען פאראנען אורזאכען פארוואס זי קען מיט מיר ניט חתונה האבען, איך האב זיך ביי איהר געבעטען מיט טרעהרען זי זאל מיר זאגען די אורזאכען, צום סוף האט זי זיך פאר מיר מודה געווען דאס זי איז מיט לייב און זעלע איבערגעגעבען צו דעם רעוואלוציאנערען אידעאל, און ווען זי זאל זיך בעשליסען חתונה צו האבען מוז עס זיין מיט נאר אזעלכען וואס וועט טהיילען איהרע געדאנקען און איהרע אידעען. איהר קענט זיך פארשטעלען מיין פארלעגענהייט, איהר געדענקט אפשר ווי איך האב צו אייך מעהר ווי איין מאָל געזאגט דאָס מיין איינציגער צוועק צום לערנען מאָדערנע וויסענשאפט איז כדי איך זאל קענען באקעמפפען די ראדיקאלע און רעוואלוציאנערע אידעען מיט אייערע אייגענע כלי זיין; און קוים האב איך נאר אנגעהויבען צו פארזוכען פון דעם עץ הדעת, און דער שלאנג האט זיך באוויזען. איך האב א לאנגע צייט געקעמפפט אנטגעגען די שלאנג, אבער ענדליך האט ער מיר גובר געווען, און איך האָב אויסגעפונען אז שלמה המלך האט רעכט געהאט ווען ער האט געזאגט אז „די

ליעבע איז שטארק ווי דער טויט", יא די ליעבע האט געוואונען, מאריא איז געווארען מיין לעהרער, און זי האט געוואוסט ווי צו לערנען; מיר האבען אנגעהייבען פון אלף בית, מיר האבען גלייענט טורגעניעף, טשערנעשעווסקיא דאסטאיעווסקי, באקונין און קראפאטקין מיט מאנאטען שפעטער האט זי מיר פארגעשטעלט אין די רעוואלוציאנערע קרייזען. איך האב אנגעהויבען צו פארשטעהן, און א נייע וועלט האט זיך פאר מיר געפענט.

—איך דארף אייך קוים דערצעהלען וואס עס האט זיך געטאהן ביי מיר אין דער היים, איך האב אויפגעהערט צו געהן אין בית המדרש, איך האב אויפגעהערט צו לערנען דעם שיעור און צו לייגען תפילין; איך האב אבגעגאלט מיין באָרד און איך האב גענומען מחלל שבת זיין בפרהסיה; מיין טאטע איז פון ערגערנעס קראנק געווארען, אין דעם זעלבען טאג וואס איך און מאריא האבען חתונה געהאט כדת משה וישראל איז ער געשטארבען אבער מיט צוויי טעג פאר זיין טויט האט ער געריסען קריעה און ער איז געזעסען שבעה נאך מיר; מיין מוטער און מיינע יונגע שוועסטערל האבען עטליכע יאהר זיך ארום געוואלגערט אין בארקאוו, ביז מיין מוטערס א ברודער האט זיי אפגענומען נאך פאלעסטינא וואס פון זיי איז געווארען ווייס איך ניט.

—אונזער ליעבע האט ניט לאנג געבליהט און עטליכע מאנאט נאך אינזער חתונה האט זי אין גאנצען אבגעוועלקט. איך האב זיך מיט אלע מיינע כוחות אריינגעווארפען אין דער באוועגונג; און מיט דעם זעלבען פייער מיט וועלכען איך האב געפריידינט מיין חסידיזמוס האט איך געפריידיגט מיין נייע תורה. פיער מאנאט נאך אונזער חתונה האט מאריא מיר פארלאזען, אנפאנגס האט מיר דאס שטארק געקריינקט אבער ביסלעכווייז איז זי מיר ארויס פון זינען, און ענדליך האב איך איהר אין גאנצען פארגעסען. מיט א יאהר שפעטער האב איך זיך באזעצט אין לאמזע, און אין א קורצע צייט בין איך געווארען דער פיהרער פון „בונד' פון יענעם געגענד, שפעטער בין איך געווארען א מיטגליעד פון דער עקזעקוטיווע קאמיטע פון דער נאציאנאלער ארגאניזאציאן, און מיט אכט יאהר צוריק בין איך געווארען דער פרעזידענט פון דיזער רעוואלוציאנערע פארטיי. אין דער אינטערעסע פון בונד בין איך אהער געקומען דא צו פארבלייבען א מאנאט דריי אדער פיער. דאס איז מיין געשיכטע כמעט פון דעם לעצטען טאג וואס איך האב אייך געזעהן ביז דעם היינטיגען טאג.

— און וואו איז מאריא אהין געקומען? — האט ראבינסאן געפרעגט.

זעהט איהר, דאס ווייס איך ניט, גאט ווייס וויפיעל מענער זי האט שוין געהאט; דעם לעצטען מאל וואס איך האב פון איהר געהערט האט זי געלעבט מיט אייערען איין אלטען בעקאנטען, אלעקסיי לאפוכין.

ווען ראבינסאן האט דערהערט דעם נאמען האט ער ניט ווילענדיג א טרייסעל געטאהן אבער מעדארף האט עס ניט באמערקט און ער האט גענדיגט.

— איצט ווייסט איהר ווי אזוי איך קום אהער און וואס איך טהו דא. איך האב דא היינט אווענט געהאלטען א פארטראג איבער די טהעמא „רעוואלוציאן און פרייהייט" און די לייטע וואס איהר האט געזעהן אין רעסטאראן מיט מיר זיינען די מיטגליעדער פון אונזער פעראיין דא אין מינעאפאליס. אבער דארטען זיינען געוועזען צוויי פערזאנען וואס איהר דארפט געדיינקען פון בארקאוו, זיי קענען אייך זעהר גוט נאך פון די אלטע צייטען און איך בין זיכער דאס איהר געדיינקט זיי אויך. איינע איז פיעדארא ליפמאן וואס איז געוועזען לאפוכין'ס געליעבטע און די צוויי

טע פערזאָן איז דער אלטער גוטער מי־
כאיל זאלקין, ער איז געווען א מיט־
גליעד פון אייער קרייז, ער האט דא־
מאָלס שטודירט אין דעם מעדיצינישען
פאקולטעט. ער איז דאָ א דאקטאר און
ער האט א גוטע פראקטיקע. וועלען מיר
זיך נאָך זעהן דא אין שטאדט?
— באזוכט מיר אין שיקאגא —

האט ראבינסאָן געענטפערט — נאט
אייך מיין קארטע און טעלעפאנירט צו
מיר און מיר וועלען באשטימען א צייט
ווען מיר וועלען קענען פארברענגען
א פּאָאר שעה צוזאמען — זיי האבען
זיך געזעגענט און מעדאף האט פאר־
לאָזען דעם צימער.

5-טעס קאפיטעל

ווען מעדאף האט פערלאזען ראבינסאנס צימער איז עס געווען גאנץ שפעט אין דער נאכט, אבער ראבינסאן האט בשום אופן ניט געקענט איינשלאפען; פיער נעמען האבען געמאטערט זיין מוח און אבוואהל ער האט אנגעשטריינגט אלע זיינע קרעפטען האט ער זיי ניט געקענט ארויסשלאגען פון זיינע געדאנקען; מעדאף לאפוכין, זאלקין און פיעדארא ליפמאן. אלע פיער זיינען זיי איצט צו איהם געקומען ווי גייסטער פון גאנץ אלטע צייטען און ווי פון אן אנדער וועלט; ער האט א סך געטאהן פאר מעדאף, און מעדאף האט ניט אויף דאס מינדעסטע איבערטריעבען ווען ער האט אויסגערעכנט אלע זאכען וואס ער האט פאר איהם געטאהן. אבער ראבינסאן האט עס געטהאן ניט דערפאר וואס ער האט געפיהלט א בעזונדערע פריינדשאפט צו איהם, נאר פשוט אוים פרינציפ' עס איז געווען אן אלטע מאדע צווישען די אידישע סטודענטען אין רוסלאנד, וואס איז נאך איבערגעבליבען פון די השכלה צייטען דאס זיי זאלען געבען פרייע אונטערריכט צו ישיבה בחורים, אדער ארעמע בחורים וואס זוכען צו קריגען בילדונג. באמת האט ראבינסאן קיין מאל קיין צוטרוי ניט געהאט צו מעדאף, ראבינסאן, ווי מיר ווייסען שוין איז געווען דער זוהן פון דעם כארקאווער רב, וועהרענד משה סאמועלעוויטש איז געווען דער זוהן פון א כארקאווער מלמד, וועלכער פלעגט אפט באזוכען דעם רב. רודאף ראבינסאן האט דארום געקענט דעם יונגען משה וועלכער איז געווען מיט א יאהר צעהן אינגער פון איהם; הגם ער האט אין איהם געפונען פעהיגקייטען האט ער אבער אין איהם אויך דערקענט א סך זייטען וואס ער האט שטארק געהאסט. לאפוכין איז געווען א משומד, און שוין דאס אליין איז גענוג געווען פאר א רעוואלוציאנער ווי ראבינסאן איהם פיינט צו האבען. אבער דאס איז ניט געווען די איינציגע אורזאכע; ראבינסאן האט גוט געקענט כאראקטערע און הגם ער האט אין לאפוכין געפונען זעלטענע אויסצייכנונגען, ער איז געווען א גוטער אגיטאטאר, אן אויסגעצייכענטער טהעארעטיקער און א גוטער ארבייטער אין דער באוועגונג, האט אבער ראבינסאן אין איהם דערקענט גאנץ פריה דאס עס פעהלט איהם ערנסטקייט און אפשר אויך עהרליכקייט. אלץ וואס ער טהוט איז פאר פערזענליכע נוטצען, ער האט אויך געוואוסט דאס לאפוכין איז געווען א קאנדידאט פאר דער האנד פון דער שעהנער העלענא, וועלכע האט איהם געוועהלט אנשטאט לאפוכין, ראבינסאן האט דעריבער געהאט א גרויכען חשד דאס לאפוכין האט געשפיעלט די הויפט ראלע אין זיין אונגליק. פיעדארא ליפמאן איז געווען א מיידעל וואס האט זיך אויפגעהאדעוועט מיט איהם צוזאמען, זי איז געווען ניט קיין מיאוסע פון רייכע און אנשטענדיגע עלטערן און זי האט געהאט א גוטע ערציהונג; אבער זי איז געווען א ביסעלע ניט דערבאקען. און פריה אין איהר לעבען האט זי פארלארען די השגחה פון א מוטער און דאס איז געווען די סיבות וואס האבען איהר אריין געבראכט אין דער באוועגונג זי האט וויי־

ניג געוואוסט און נאך ווייניגער פארשטאנען די פילאזאפיע פון דער בעוועגונג זי חאט זיך באנוצט מיט די אויסגעדראשענע פראזען "די אונטערדריקטע רוסלאנד" „פראלעטאריאט" „בורשזואזיע" "ביוראקראטיע" "עקאנאמישע געזעטצע" און נאך הונדערטער אזעלכע ווערטער. אבער גאנץ אפט האט זי אפילו ניט געוואוסט די בעדייטונג פון די ווערטער. אבער צו זיין אין דער בעוועגונג האט איהר געגעבען דאס רעכט צו פיהרען א אויסגעלאסענעם לעבען און א לעבען פון שאנד און דאס ניט צו פארלירען איהר ארט אין דער געזעלשאפט. אין אמת'ן האט זי ניט פיינט געהאט ראבינסאן און איהר האט זיך שטארק געוואלט מיט איהם צו שפיעלען א ליעבע אבער ער האט אלע מאל אויף איהר געקוקט מיט פאראכטונג.

מיכאאיל זאלקין איז געווען דער איינציגער ערנסטער און עהרליכער יונגער מאן אין זייער קרייז. ער האט זיך ערשט דערמאנט ווי איין מאהל ווען זיי האבען געפלאנעוועט אן אטענטאט אויף דעם המן פון רוסלאנד, איגנאטעף, האט ער געהאט א אינטערעסאנטען געשפרעך מיט זאלקין און ער האט צו איהם זאגט "ראבינסאן, איך דענק דאס איך מאך קיין טעות ניט אין מיין גלויבען דאס אייערע געדאנקען זיינען עהנליך צו מיינע, און איך מעג מיט אייך רעדען פריי און אפען, איך בין כמעט איבערצייגט דאס טיעף אין אייער נשמה זייט איהר ווי איך — א איד — און דארום וויל איך זיך פאר אייך מודה זיין — אבער איך בעט אייך לאכט ניט פון מיר — אויב מיר וועלען אמאהל דערלעבען צו באפרייען רוסלאנד פון איהרע טיראנען וועלכע עסען איהר פלייש און טרינקען איהר בלוט וועל איך דאן אוועקפאהרען נאך פאלעסטינא און איך וועל מיר דארטען באזעצען און פארברענגען מיינע יאהרען אין פרידען און רוהע אלס איד. איך קעמפף פאר רוסישע פרייהייט ניט דערפאר וואס איך האב ליעב דער אונוויסענדען בארבארישען קאצאפ דעם כאכאל אדער דעם בורלאק וועלכע זיינען צו יעדער צייט בערייט צו מאכען א פאגראם אויף אונזערע שוועסטער און ברידער ווען מען גיט זיי נאר א גלאז וואדקא. נאר מיין הויפט צוועק איז צו מאכען די לעבענס פון די זעקס מיליאנען אידישע קינדער לייכטער, זיכערער און בעסער." זאלקין געפינט זיך דא אין מינעאפאליס, איך מוז איהם אויפזוכען און באנייען אונזערע באקאנטשאפט.

זיינע אויגען זיינען איהם שווער געווארען און זיינע געדאנקען האבען אנגעפאנגען צו זינקען אין א פארווירונג, און די פיער פערזאנען האבען פאר זיינע האלב פארשלאפענע אויגען געטאנצט א קאראהאד, ענדליך זיינען זיי אלע פיער פארשוואונדען געווארען און אין זיינע אויערן האט געהילכט א שטימע „גוט נאכט פראפעסאר ראבינסאן עס בלייבט ביי דער נייער קאמיטע" און ראבינסאן האט ענדליך איינגעשלאפען.

ער האט אויפגעוואכט שפעט דעם נעקסטען מארגען. ער האט זיך געלאזט ברינגען א לייכטען פריהשטיק אין צימער, ער האט דורכגעבלעטערט די צייטונגען, האט אנגעשריבען א פאאר בריעף און ער האט געווארט אויף זיין פריינד הערלאד פיליפס. הערלאד איז איצט אריינגעקומען אין זיין לעבען ווי א שטראהל פון ליכט אין א פינסטערע נאכט. ער האט כמעט געציילט די מינוטען ביז ער וועט איהם קענען ווידער זעהן. עפעס האט איהם די הארץ געזאגט דאס איצט אין זיין פוסטען לעבען, וואו דער יאוש האט געבויט א נעסט וואס האט אנגעהויבען דורכצודרינגען אלע זיינע געדאנקען, וועט הערלאד א סך מיטווירקען זיי צו פארטרייבען און אז ער וועט אין דער צוקונפט דארט

שפּילען א גרויסע ראלע. ראַבינסאן האט געהערט צו די ווייניגע מענשען וואס האָט געקאנט בעהאלטען פון דער אויסערער וועלט דעם גרעסטען שטורעם וואס איז אין איהם אנגעגאנגען און קיינער ארום איהם האט עס ניט געקאנט שפּירען, ווען זיין הארץ האט געבלוטיגט האָבען זיינע אויגען געלאכט. ער האט האַלט געהאט געזעלשאפט און אין דער מיטען פון דער געזעלשאפט האט ער אַלע מאל אויסגעזעהען פריילאך און צופריעדען. אויסער ווען איינער וואלט זיך גוט איינגעקוקט אונטער זיינע אויגען וואלט מען געקאנט באמערקען א מעלאנכאָליע; נאָר דארטען איז געווען בעהאלטען זיין גרויסער טרויער. אָבער ווען ראבינסאן איז געבליבען בלויז מיט זיך אליין, פלעגט ער זיך דאן איבערגעבען צו זיין גרויסען אונגליק. נאר דאן פלעגט ער באנעצען זיינע וואנגען מיט די ווארימע טרעהרען פון זיינע אויגען. ער האט ארויסגענומען זיין זייגערעל, עס איז א פּערטעל צו צוועלעף אין נאך דריי פערטעל שעה וועט זיין נייער פריינד מיט איהם זיין, ער האָט דעם זייגערעל צוריק אריין געלעגט אין זיין וועסט-קעשענע און ער האָט ארויס גענומען פון זיין בוזעם קעשענע א לעדערנעם אלבום; ער האט עס געעפענט און אינוויינינג איז געווען איינגעשלאסען אן אלטער בילד וואו עס האבען זיך געפונען דריי פיגורען, א פרוי פון עטליכע און צוואנציג יאהר וואס איז געווען זעלטען שעהן; און צוויי קינדער, א אינגעלע פון א יאהר פיער געקליידעט אין א בלויען סאמעטענעם אַנצוג מיט א ווייסען ברייטען קאלנער ארום זיין האלדז, און לאנגע בלאָנדע געגרייזעלטע האָר, די צווייטע קינד איז געווען א מיידעלע פון א יאָהר און א האלב אנגעטהאַן אין גאנצען אין ווייסען. איהר געזיכט איז געווען שטארק עהנליך צו זיינע. אונטער די בילדער זיינען געווען אויפגעשריבען אין רונדע רוסישע בוכשטאבען:

— חעלענא — יאקאב—פיליציא—

ראבינסאן האט דעם בילד באדעקט מיט קושען און זיינע גרויסע אויגען זיינען אנגעפילט געווארען מיט טרעהרען און ער האט גערעדט צום בילד "אונגליקליכע העלענא! מיינע ארמע קינדער! דאס איז אין גאנצען וואס מיר איז פון אייך איבערגעבליבען. מיין איינציגער טרייסט. וואלט דאס מיר וויינינגסטענס קענען זאגען אוואו איהר זייט. ווייסט איהר דאס אייער טאטע האט אייך אין די גאנצע צוואנציג יאהר אויף איין מינוט ניט ארויסגעלאזען פון זיינע געדאנקען? איז עס מעגליך דאס איך וועל מוזען ענדיגען מיין לעבען אהן אייך ווידער צו זעהן? ניין, מיר זאגט מיין הארץ דאס איהר אלע לעבט און די האפענונג ווינקט צו מיר פון דערווייטענס דאס די גרויסע שטונדע וועט נאך קומען און מיר וועלען אלע גליקליך זיין".

דער טעלעפאן האט געקלונגען, ראבינסאן האט גענומען דעם רעסיווער צו זיין אויער און א שטים האט געפרעגט פון דער אנדער זייט.

— מעג איך רעדען מיט פּראפעסאר ראבינסאן?—

— ווער וויל מיט איהם ריידען ? — האָט ראבינסאן געפרעגט.

— אן אלטער בעקאנטער, א פריינד אין א פארהערער — האט די שטימע געזאגט — איך צווייפעל שטארק אויב איהר וועט מיר געדיינקען, דאס זייט איהר פּראָפעסאר מיין נאמען איז זאלקין, דאקטאר מיכאאיל זאלקין, פון כארקאווער אוניווערזיטעט אין מעדיצינישען פאלקולטעט. איך חאב אייך נעכטע געזעהן אין רעסטאראנט, איך האב אייך אבער ניט דערקענט, ערשט נאכדעם ווי מיר האבען פארלאזען די רעסטאראנט האט מיר מעדאף געזאגט אז דאס זייט איהר. פּראפעסאר קענט איהר מיר שיינקען א ביסעל צייט

איך בין שטארק גערן זיך מיט אייך צו זעהן און פארברייגנען א שטונדע; זאגט מיר וואו און ווען מיר קענען זיך טרעפען און איך וועל דארט זיין צו דער מינוט. —

ראבינסאן האט מיט איהם אבגעמאכט אויף דעם נעקסטען נאכמיטאג אום דריי א זייגער אין די פיליפס וואהנונג, ער האט צוריק אויפגעהאנגען דעם רעסיווער און ער האט זיך ווידער פערטיעפט אין זיינע געדאנקען "מערקווירדיג וואס די לעצטע דרייסיג שעה האבען פאר מיר אויפגעטהאן. איך האב געוואונען א נייעם פריינד אין העראלד פיליפס, איך האב געפונען אן אלטען בעקאנטען, מיכאאיל זאלקין איז דא אן איינוואהנער, ווער ווייס, אפשר וועט מיין רייזע אהער מיר צו וואס עס איז פיהרען". ראבינסאן איז געווען א פאטאליסט ער האט געגלויבט דאס א בלינדע מאכט האלט דעם מענשענס גורל אין דער האנד, און בלינדערהייט פיהרט זי דורך מאנכע מאהל די אונערווארטעטע.

איצט ווען ער איז געזעסען און געווארט אויף העראלד און דורך זיינע געדאנקען זיינען דורכגעלאפען די פאסירונגען פון די לעצטע דרייסיג שטונדען, האט אזוי ווי א בליץ פאנאדערגעריסען די שווארצע וואלקען און ער האט א טראכט געטאהן "ווער ווייס אפשר פאנגט אן די פינסטערנעס פון מיין לעבען צו פארשווינדען, און באלד וועט דער ליכטיגער מארגען ווידער צו אונז קומען". א קלאפ אין טהיר האט איבערגעשלאגען זיינע רעיונות; ער האט געעפענט די טהיר און פון דעם אנדערען זייט שוועל איז געשטאנען העראלד, זיי האבען זיך הערצליך נעגריסט, יעדערער האט געפרעגט דעם צווייטען ווי אזוי ער האט די נאכט פארבראכט אבער ביידע האבען דעם אמת באהאלטען פאר זיך אליין. העראלד האט אויסגעזעהן פריש און מונטער און די קליינע רויטע בלומעלע אין זיין קלאפע וואס ער אליין האט אבגעריסען פון א קוסט אין זייער גארטען, האט צוגעגעבען צו זיין פנים מעהר פרישקייט.

זיי זיינען ארונטער אין רעסטאראנט און האבען זיך געזעצט ביי א טיש, העראלד האט געזאגט — דער צווייטער מיטגליעד פון מיין קאמיטע איז דרויסען, איך וועל שיקען דעם קעלנער ער זאל איהם אריין רופען און מיר וועלען אלע דריי שפייזען צוזאמען. איך האף דאס איהר וועט ניט איינווענדן צו האבן עדי מיט אונז איך רוף איהם "מיין שויפער" בלויז אויף א געלעכטער אבער אין אמת'ן מיינט ער פאר מיר א סך מעהר; עדי איז א סטודענט אין דער היגער אוניווערזיטעט און אין זיינע ליידיגע שטונדען פארברייגנגט ער מיט אונז. ער איז כמעט ווי א מיטגליד פון אונזער פאמיליע: דא אין מינעאפאליס איז ער מיין איינציגער אמת'ער פריינד, צוזאמען וואו איך ווער איינגעלאדען ווערט ער מיט מיר צוגלייך עמפפאנגען. ער איז אן אויסגעצייכנעטער, פעהיגער יונגער מאן און מען קען איהם טרויען מיט אלץ אין דער וועלט. איך האף אז ער וועט אויף אייך מאכען דעם געווינשטען איינדרוק, דען מיינע פריינד זיינען אויך זיינע פריינד און איך האף דאס זיי וועלן אויך זיין אייערע. —

ראבינסאן האט איהם פארזיכערט דאס עס וועט איהם פרייען צו מאכען די באקאנטשאפט פון דעם יונגען מאן וואס קומט מיט אזעלכע אויסגעצייכנעטע רעקאמענדאציעס. העראלד האט געשיקט אריין רופען עדי, עס האט קוים א מינוט געדויערט און א יונגער מאן פון א יאהר פיער און צוואנציג איז אריין געקומען, ער איז גלייך צוגעגאנגען צו זייער טיש און העראלד האט אויסגערופען.

— עדי, דאס איז מיין געעהרטער פריינד פראפעסאר ראבינסאן, פון וועמען איך האב דיר היינט פריה דער־

צעהלט איך האף דאס ער וועט אויך זיין דיין פריינד. אויסער דער אויטאמאביל אין דרויסען איז אונזער קאמיטוי איצט אין גאנצען און מיר קענען אנהייבען צו באשטעלען אונזערע שפייז,
— קום אהער קעלנער! —

עדי האט אויסגעשטרעקט זיין האנד צו ראבינסאן; מיט א קלארע אפענע געזיכט האט ער אריינגעקוקט אין ראבינסאנס אויגען, ראבינסאן האט געטאהן דאס זעלבע, זיי האבען איינער דעם אנדערען גוט בעטראכט, און ביידע האבען געטראכט "העראלד איז גערעכט„ עדי איז געווען הויך געוואקסען און זיין קערפער איז געווען גוט ענטוויקעלט ער האט געהאט אן אטלעטישען אויסזען; זיין געזיכט, ווי מיר האבען שוין בעמערקט איז געווען פריי און אפען, די עהרליכקייט איז אויף איהם געווען אויסגעשפרייט. פאר די לעצטע צוויי יאהר איז עדי געווען דער ק ע פ ט י י ן פון פוט באל טיעם פון ד ע ר אוניווערזיטעט און ביידע יאהר חאט ער געבראכט צו דער אוניווערזיטעט די "טשעמפיאנשיפ" ער איז ביי אלעמען געווען באליעבט, צו די מיידלאך איז ער געווען בעוואוסט אונטער דעם נאמען "דער שהנער עדי" און מיט די אלע מעלות וואס ער האט געהאט און די פיעלע עהרעס וואס איז איהם צוגעטיילט געווארן, איז ער געווען איינפאך אין זיין באנעהמונג און העכסט דעמאקראטיש מיט זיינע חברים און קאמערידאן אין אלעס וואס ער האט זיך אונטער גענומען האט ער דאס געטהאן בעסער ווי אלע אנדערע. אין געזעלשאפט איז ער געווען שטיל און געלאסען, ער האט נאר דאן גערעדט ווען ער האט געהאט וואס עס איז צו זאגען. עדי האט אויך פארמאגט א געזונטען הומאר און א שארפען וויטץ. ער האט זיך אבער דערמיט ניט געשפיעלט, ער חאט עס נאר דאן בענוצט ווען די אומשטענדען האבען עס ארויסגערופען; און ווען די געזעלשאפט איז געווען נאך זיין וואונש נאך. זיי האבען געענדיגט זייער מאהלצייט און די דריי פריינד האבען זיך געפונען אין דער בעסטער שטימונג. זיי האבען גערעדט געמיטליך ייד א ביסעל געוויצעלט און געלאכט. באלד נאכ: עסען האט ראבינסאן אבגעגעבען זיין צימער אין דעם האטעל און די „נייע" קאמיטיי האט איהם אריבער געפיהרט אין זיין נייעם וואחנונג אין דעם מזרח פליגעל אויפן צווייטען שטאק אין דעם רייכען פאלאסט פון אלעקסאנדער פיליפס.

עלין פיליפס האט אויף זיי געווארט ווי איהר ברודער חאט איהר געהייסען. און אזוי שנעל ווי ראבינסאנס באגאזש איז ארויסגענומען געווארען פון אויטאמאביל ביי א דיענער האט זי געזאגט צו העראלד.

— דו ברודער ווילסט געווים פארברינגען מיט פראפעסאר ראבינסאן, דעריבער בלייבט ביידע זיטצען אויף אן ארט און איך וועל זיך זעטצען פון פארענט מיט עדי.

— איך האב א חשד אז דו ביסט ניט אויסען אונזער טובה, שוועסטער, — האט חעראלד געזאגט מיט א געלעכטער—דו זוכסט אלע טובות פאר זיך, האט עדי געזאגט — עס איז גענוג א טובה אז דו האסט איהר פאר דיין שוועסטער, לאז מיר האבען די טובה דאס זי זאל מיט מיר זיטצען — אלע פיער האבען זיך צולאכט וועהרענד עליינס געזיכט איז א ביסעל רויט געווארען, צום גליק איז זי שוין געזעסען פון פארענט און קיינער האט איחר רויטקייט ניט באמערקט.

עס איז געווען א שעהנער נאכמיטאג און די נארד וועסטליכע זון האט צוריקגעהאלטען איהרע פייערדיגע שטראהלען, א קיהלער ווינטעל האט אראבגעבלאזען פון די מינעסאטא בערג, זיי זיינען געקומען צופאהרען צו דעם וואסערפאל וואס די אינדיאנער האבען א נאמען געגעבען „מינע חאהא"

און וואס מיינט "לאכענדיגע וואסער" דיעזער וואסער פאל איז הערליך באזינגען געווארען פון דעם אמעריקאנישען פאעט לאנגפעללוי אין זיין ווערק "האיא וואטהא" וואס איז איבערזעצט געווארען פון דעם גרויסען אידישען דיכטער, יהואש; ראבינסאן איז ענטציקט געווארען פון דער סצענע. ער האט אין זיין לעבען א סך געזעהן, די אלפען פון דער שווייץ און פון איטאליען זיינען איהם געווען גוט בעקאנט, ער האט אויך געזעהן די ניאגרא, די גרויסע ווילדע ניאגרא וואס איבערשרעקט אונז מיט איהר ברויזען און זשומען, און וואס מאכט אונז אויפמערקזאם ווי שוואך מיר מענשען זיינען געגען די ווילדע נאטור, אבער די מינע האחא מאכט אונז צו בעוואונדערען און צו ליעבען די נאטור. אט שטעהט ער אונטער א ברייטען לאנגען גארדין וואס קומט פון ערגעץ איבער זיין קאפ. געוועבט פון קליינע טראפענס וואסער און אונטער די שטראהלען פון דער זון ווייזען זיך די שעהנסטע קווייטען; עס פאלט ארונטער אין דעם פלוס אונטער זיינע פיס און עס שווימט אוועק. ראבינסאן האט אויסגערופען מיט בעגייסטערונג:

—איצט ווייס איך וואו די נאטור וועבט איהרע גארדינען פאר די פענסטער פון הימעל.

—און איך האב איצט אנגעהויבען צו פארשטעהן ווי אזוי דער אינדיאנישער יונגער ראמאנטישער העלד האיא וואטהא איז איבערראשט געווארען פון מינע האהא — האט עדי געזאגט.

דו מיינסט געוויס יענעם גרויסען העלד וואס האט אויסגעבראקירט אלע מיידלאך פון זיין אייגענעם שטאם און ער איז געלאפען צו די דאקטארם צו זוכען א ווייב — האט עליין געענטפערט, אביסעל סאטיריש.

— האיא וואטהא איז געווען אן אמת'ער העלד פון די אלטע ראמאנטישע העלדען, קיין פרוי פון זיין אייגענעם שבט האט אין איהם ניט דערוועקט די ליעבע, און הגם די דאקאטאס זיינען געווען זייערע שונאים איז ער געווען מוטהיג גענוג צוגעהן צו זיי און זוכען זיין אידעאל; ער האט געקעמפפט און געוואונען זיין מינע הא-הא —האט עדי איהר געענטפערט.

— מיר דאכט דאס איהר אלע זייט צו פראזאיעש — האט העראלד זיך אריין געמישט — דאס איז ניט קיין גארדין און ניט קיין לאכעדיגע וואטער דא וועבט די נאטור די חופה טול פאר אלע געליעבטע כלות פון דער צייט, ווען די ערשטע ליעבע איז געשפיעלט געווארען צווישען אדם און חוה

— עס מאכט קיין אונטערשיעד וואס איהר זאלט עס אנרופען — האט ראבינסאן געזאגט — אויף איין זאך זיינען מיר אלע איינפערשטאנען אז דאס איז איינע פון די רייכסטע סצענעס וואס די נאטור פארמאגט, און קיין קינסטלער איז עס ניט אימשטאנד נאך צו מאכען.

6־טער קאפיטעל

ראבינסאן איז געזעסען אין זיין נייע דירה אין דעם מזרח פליגעל פון צווייטען שטאק פון דעם שעהנעם פאלאסט וואס איז געווען די וואהנונג פון די פיליפס פאמיליע, פון פארענט דורך די גרויסע פענסטער האבען אריין געשיינט די זילבערנע וועלען פון דעם לייק מענעטאנקא, וועלכע האבען זיך געטראגען צום ברעג איינע נאך די אנדערע און זיך אפשלאגענדיג אן דער יבשה, זיינען די וועלען צובראכען געווארען און א גרויסער שפריי פון קליינע טראפענס האט א שאס געטהאן צו די וואלקענס, און זיי זיינען צוריק אריין געפאלען אין טייך און אנדערע וועללען זיינען אויף זייער ארט געקומען.

אויף דער רעכטער זייט פון דעם גרויסען צימער וואו ער איז יעצט געזעסען האבען צוויי ברייטע גלעזערנע טיהרען געפיהרט צו א באלקאן וואס האט זיך געפונען אין א גרויסען גארטען; רייכע לאנקעס, באדעקט מיט א גרינעם סאמעטענעם גראז האבען זיך געצויגען ווייט ווייט אוועק. אונטער בראכען פון גרויסע ברייטע שאטענדיגע בוימער און פאנטאנען... עס איז געווען נאהענט צו דריי אזייגער און ער האט געווארט אויף דאקטאר זאלקין.

דעם פאריגען אווענט האט ראבינסאן פארבראכט אין דער געזעלשאפט פון די פיליפס פאמיליע; און עס איז געווען א זעלטענער אווענד, מאדאם עוועלין פיליפס מיט איהרע ברייטע ערפאהרונגען אלס פיהרערקע פון די געזעלשאפטליכע קרייזען האט שוין געזארגט דארויף דאס איהרע פריינד זאלען ניט האבען וואס צו זאגען און צו ריידען דערפאר וואס זי האט איינגעלאדען א אידען פאר איהר גאסט, זי איז באלד געפאלען אויף א פלאן וואס זי האט געוואוסט אז ווען ער וועט דורכגעפיהרט ווערען וועט עס פערמאכען די מיילער פון איהרע פריינד ווי אויך פון איהרע שונאים. אויף מארגען פריה נאך הערעלדס אנקומען האט זי אריין גערופען איהר סעקרעטאר און זי האט איהר דערצעהלט איהר פארלעגענהייט און נאכדעם האט זי פאר איהר פארגעלייגט איהר פלאן. איהר סעקרעטער האט איהר אויסגעהערט און האט זיך געוואונדערט אויף איהרע איינפעללע און מען האט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט. זי האט זיך געזעצט ביי איהר שרייב טיש און זי האט גענומען דעם טעלעפאן אין איהרע הענד און זי האט גערופען דאקטאר אנדערסאן, דעם פרעזידענט פון מינעסאטא סטייט אוניווערזיטעט און באלד האט זיך געהערט דער פאלגענדער געשפרעך:

—דאקטאר אנדערסאן? מרס. אלעקסאנדער פיליפס, איך וויל אייך פרעגען דאקטאר, האט איהר שוין געהערט פון פראפעסאר ראלף ראבינסאן פון שיקאגא?... גוט. עס פרעהט מיר דאס אונזער הערעלד האט אין איהם קיין טעות ניט געמאכט, ער איז דא אין מיניאפאליס, ער וועט האלטען א פארטראג נעקסטען זונטאג... הערעלד האט זי מיט איהם בעקאנט און ער איז געווארען א גרויסער פארהערער פון איהם און ער האט איהם איינגעלאדען צו זיין אונזער גאסט. און אזוי ווי די צייט איז קורץ וואלט איך וועלען געבען א מיטאג אין זיין עהרע, זיינט

אָוועגד; מיר איז איינגעפאלען אין זי־
נען דאס פאר אזא מאן ווי ער איז פאַ־
דערט זיך אן אנדער מין געזעלשאפט
ווי מיר זיינען געוואהנט צו האבען.
איך וויל אייך דעריבער בעטען אויב
איהר וואלט ניט זיין אזוי גוט מיר אוים
צו העלפען. זאל עס הייסען דאס אייער
פאמיליע און אונזער פאמיליע פעראנ־
שטאלטען דיעזען אווענד צוזאמען, איך
וועל בעזארגען אלע נויטיגע זאכען און
פון אייך וואלט איך נור בעטען צו בע־
זארגען די געסט, איהר קענט זיי איינ־
לאדען אין אונזערע ביידענס נעמען...
אַ גיין דאקטאר, איחר האט ניט פאר־
וואס מיר צו דאנקען, גראדע פאר־
קעהרט, איך וועל אייך אויף אימער
בלייבען דאנקבאר, איהר העלפט מיר
ארוים פון אַ גרויסע פערלעגענהייט,
איהר ווייסט ווי גערן איך בין אלע
מאהל און דאס וואס איך טהו צו מאַ־
כען די זאך גוט און פאסיג, און אהן
אייך וואס וואלט איך געקענט טאָהן
אין דעם איצטיגען פאל... איך רעכען
דאָס מיר זאלען חאבען צום טיש אונ־
געפעהר פופציג פאָאר און ארום פופ־
ציג פאָאר זאלען מיר איינלאדען אויף
נאָך דעם מאהלצייט... איך וויל נור
איין זאך בעמערקען דאס פון אונזער
זייט וואלט איך וועלען איינלאדען די
רעוורענדס מארטימער און דזשאהנסאָן
מיט זייערע פרויען און אויך דריי הע־
ררען וועלכע זיינען אין דער קאמיטיי
פון די ארגאניזאציאן וואס האט אהער
געבראכט דעם פראָפעסאר זיי זיינען
רבי זאנגבערג, דאקטאר ריינהארט און
מר. ה. וויליאמס מיט זייערע פרויען.
ווי איך פארשטעה זיינען זיי אלע לייר
טע פון בילדונג און קולטור... איחר
זאָגט דאָס איהר קענט זיי? דאס איז
נאָך בעסער ווי איך האב געוואונשען,
אייך דעם אמת זאגענדיג האב איך מיר
א ביסעל געשראקען טאמער וועלען זיי
זיך ניט קענען צופאסען צו אונזער
געזעלשאפט, אבער אזוי לאנג ווי איהר
זאגט גוט פאר זיי, וואס קען נאך בע־
סער זיין? אדיע דאקטאר, ביז זעקס
דרייסיג.

דער אווענד איז דורכגעפיהרט גע־
ווארען פיעל בעסער ווי מאדאם פיליפס
האָט ערווארטעט. עס איז געווען איי־
נער פון די שעהנסטע אווענדען וואס
איז ווען אפגעהאלטען געווארען אין
איחרע קרייזען. די אינטעליגענץ פון
מינעאפאלים זיינען געווען אנוועזענד;
צווישען זיי זיינען אויך געווען די
צוויי רעדאקטערע פון די צוויי גרעסטע
צייטונגען פון מינעאפאלים. די דריי
אידישע לייטע פון ראבינסאנס קאמי־
טיי מיט זייערע פרויען, האבען אויף
אַלעמען געמאכט אַ גוטען איינדרוק,
אָבער ראבינסאָן איז געווען דער העלד,
ער איז געווען אין דער בעסטער שטי־
מונג. ער האט קיינעם פון די געסט
ניט אויסגעלאזען מיט זיי א פאר
ווערטער צו ריידען. ער האט זיך גע־
לאזט זעהן אין אלערליי קאלירען, ער
האָט גערעדט איבער ערנסטע זאכען,
און מען האט באלד אין איהם דער־
קענט דעם פילאזאף און דענקער, ער
האָט דערצעהלט עטליכע שעהנע אנעק־
דאָטען און דער עולם האט זיך געהאל־
טען ביי די זייטען לאכענדיג און ער
האָט געוויזען זיין בריהשאפט אין רע־
פארטיע, אלע זיינען געזעסען און הא־
בען איהם באוואונדערט. אלעקסאנדער
פיליפס האט געקליעבען נחת פון זיין
גאסט און אפילו עוועלין פיליפס האט
זיך מודה געווען פאר הערלד דאס זי
האָט נאך קיין מאל ניט געהאט אזוי
פיעל פארגעניגען אין עהרע ווי אין יע־
נעם אווענד. זי אליין איז געווען ענט־
ציקט פון ראבינסאן און זי האט אנגע־
הויבען פון איהם צו טראכטען ווי פון
איינעם וואס איז ניט קיין איד. מיט
אַן אמת צוגעבונדען צו איהם זיינען
געווארען עליין און עדי, הערלד
האט זיך געפיהלט זעלטען שטאלץ ווי
איינער וואס חאט געמאכט א זעלטענע
ענטדעקונג; די דריי יונגע לייט האבן זיך
אויף א מינוט ניט געקענט שיידען פון

אהים. זיי האבען איהם כמעט פארגע־מערט; און איצט ווען ער האט גע־דארפט אויפנעהמען דאקטאר זאלקין, זיינען די דריי קינדער אומעטיג געוואָ־רען און צו פערווייילען די קורצע צייט זיינען זיי אריין אין גארטען צו שפּי־לען קראָקיי ביז ראבינסאן וועט צו זיי צוריק קומען.

זאלקין איז געקומען צו דער בע־שטימטער צייט, ער האט זיך געמעל־דעט דורכן טיהר דינער ראבינסאן איז ארויס געגאנגען איהם עמפפאנגען אין דעם גרויסען קארידאר, דאקטאר זאלקין איז געווען אין ראבינסאנס על־טער, ער האט אבער געטראגען א פולע גרויסע בארד און דאס האט איהם גע־מאכט אויסזעהן א סך עלטער פון ראַ־בינסאן; און דעריבער האט איהם ראַ־בינסאן ניט דערקענט, קוים אבער האט זאלקין אנגעפאנגען צו רעדען האט ראַ־בינסאן אויסגערופען:

—איצט דערקען איך דיר זאלקין, יא, דאס ביסטו מיט די ביינער, דיין מויל, דיינע ליפּען דיינע ציינער און אפילו דער קול איז דיינער. גראדע ווי איך האב איהם געהערט מיט העכער צוואנציג יאהר צוריק אזוי איז עס אין אונזער לעבען, דאכט זיך קיין זאך האט זיך אין אונזער לעבען ניט געבי־טען, אבער מיר ביידע, איך און דו האָ־בען זיך שטארק געענדערט אויסער וואס דו האסט זיך בעהאלטען אונטער א גרויסע בארד, זעהסטו גאנץ אנדערש אויס, זאג מיר פריינד ווי איז עס מיט דיר געגאנגען? זינט מיר האבען זיך פארלאזען, ווי איך זעה ביסטו ניט גע־פאהרען נאך פאלעסטינא צו פאר־בריינגען א רוהיגען אידישען לעבען, נאר דו ביסט געקומען נאך אמעריקא צו פארדינען געלד?

— איהר האט אפילו רעכט פריינד, ראבינסאן, נאר איהר האט איין זאך פארגעסען, דאס רוסלאנד איז נאך ניט באפרייט, — האט זאלקין געענטפערט,

— די צייט איז קורץ און איך וויל אייך ניט אויפהאלטען צו לאנג, איהר וועט מיר ענטשולדיגען וואס איך וויל פאריהרען א געגענשטאנד צו וועלכען איך האב קיין רעכט ניט צו צוטרעטען. און נאך בפרט ווען איך ווייס, דאס די ערינערונג פערשאפט אייך פיעל שמערצען. אבער איך האלט עס פאר וויכטיג דאס מיר זאלען וועגען דעם ריידען. וועט איהר מיר ערלויבען אייך צו פרעגען צי האט איהר וואס גע־הערט פון אייער פרוי און קינדער?

— דאקטאר זאלקין, איהר זייט מיין אמתער פריינד געווען, און אפשר דעם איינציגען וואס איך האב געהאט אין אונזער קרייז, דעריבער דארפט איהר ניט בעטען אום ערלויבניס. נאר פאר־קעהרט, איך בעט אייך מיט מיר צו ריי־דען פריי און אפען. אויף אייער פראגע צי האב איך וואס געהערט פון מיין פרוי און קינדער? מוז איך אייך ליי־דער ענטפערען אז פון דער צייט וואס דער גרויסער אונגליק האט מיר גע־טראפען האב איך וועגען זיי קיין ווארט ניט געהערט.

זאלקין האט זיך פארטראכט אויף א קורצע ווייל און ער האט געזאגט:

— ראבינסאן, אויב מיר זאלען גלויבען אין סמנים און רמזים וואלט עס מיר פיהרען צום בעשלוס דאס איי־ער אונגליק איז צו ענדע, און באלד וועט פאר אייך קומען טרייסט און נחמה. עס לאזט זיך עפּעס ניט גלויבען דאס אזא זעלטענער אינצידענט זאל קיין בעדייטונג ניט האבען; דאס עס זאל גראדע פאסירען דאס איהר זאלט קומען נאך מינעאפאליס אין אזא צייט ווען צוויי פון די קאנספּיראטארס וואס האבען אן אנטייל גענומען אין אייער אונגליק זאלען דא גראדע זיין, און דאס איז אייגענטליך די הויפּט אורזאכע וואס האט מיר צו אייך געטריבען, איך האב געוואלט אז איהר זאלט עס וויסען, אויסער דעם וועט איהר דארפען פאר־שטעהן דאס איך שעטץ מיר גליקליך

צו האבן די געלעגנהייט מיט אייך ווידער צו פארברענגען, און צו באנייען אונזערע אלטע פריינדשאפט. דעם אמת זאגענדיג האב איך זיך אויף אייך נאכגעפרעגט ביי אלעמען, מיט וועמען איך האב זיך נור געטראפען. אבער קיינער פון אונזערע בעקאנטע האבען פון אייך אווארט ניט געהערט און ווען ניט מעדאף וואלט איך אפשר קיין מאהל ניט געוואוסט אז דאס זייט איהר מיין אלטער פריינד און גענאססע רודאלף ראבינאוויטש, איך דענק דאס איהר האט געמאכט א גרויסען פעהלער דערמיט וואס איהר האט געביטען אייער נאמען פון ראבינאוויטש אויף ראבינסאן.

— איך האב מיין נאמען ניט געביטער — האט ראבינסאן געזאגט — איך האב איהם בלויז איבערגעזעצט פון רוסיש און דייטש און אין ענגליש די מיינונג פון דעם ווארט איז אבער דער זעלבער. איך האב דאס געטהאן צוליעב עטליכע אורזאכען. אלער ערשט האב איך געוואלט אויסמעקען פון מיין זכרון אלץ וואס האט א פארבינדונג מיט רוסלאנד. צווייטענס, האב איך געוואלט אויסמיידען דעם צאר'ס אינטערנאציאנאלע שפיאנען, און דריטענס האב איך עס געטהאן אויס בעקוועהמליכקייט, עס איז א סך גרינגער פאר א ניט רוססע אויסצו רעדען דעם נאמען ראבינסאן ווי דעם נאמען ראבינאוויטש. אבער זאג מיר גוטער ברודער זאלקין, וועך זיינען די צוויי פערזאנען אויף וועלכע דו האסט אזא שטארקען חשד, און וועלכע אורזאכע האסטו זיי חושד צו זיין?

דאקטאר זאלקין האט געגעבען א הוסט אום קלאר צו מאכען זיין האלז, און ער האט זיך בעקוועהמער געמאכט אין דעם שטוהל וואס ער איז געזעסען, ווי ער וואלט זיך פארגעברייט צו דערצעהלען א לאנגע מעשה, ער האט געזאגט:

— די פערזאנער וואס איך בין ניט נאר חושד, נאר איך האב די באווייזע און דעריבער פארקלאג איך זיי, זיי זיינען גרעגאר מעדאף און פיעדארא ליפמאן! — ראבינסנס גאנצער קערפער האט אויף געציטערט, די הארץ האט איהם געזאגט דאס מעדאף ווייס א סך מעהר פון זיין אונגליק ווי ער זאגט, אבער דאס ער האט גענומען א האנד אין דעם, איז איהם קיין מאהל אויפן זינען ניט ארויפגעקומען, פיעל ווייניגער האט ער געטראכט דאס פיעדארא האט וואס עס איז געהאט צו טאהן מיט זיין טראגעדיע; און איצט קומט זאלקין זיין איינציגער גוטער פריינד פון יענער עראיגנים פאלער צייט, און ער זאגט עס איהם מיט בעשטימטקייט.

— איך וועל איהם טאהן דאס רעכט און אייך אויף איין זאך פארזיכערען, דאס מעדאף איז ניט געווען פון די הויפט קנספיראטארס. ער איז בלויז ביי זיי אויסגענוצט געווארען אלס א געצייג פאר זייערע טייוולישע ארבייט. די קאפ פון דער באנדע איז געווען לאפוכין. און פיעדארא האט איהם געהאלפען פלאנעווען און דורכצופיהרען דעם פלאן. איהר פאדערט בעווייזע דעריבער הערט מיר אויס מיט געדולד, איך וועל אויסלאזען די איינצעלהייטען און וועל אייך בלויז איבער געבען די הויפט שטריכען; אן אוועקגעד אדער צוויי נאך דעם ווי איהר זייט אפגעפאהרען נאך פעטערסבורג דורכצופיהרען דעם אטענטאט בין איך איינגעלאדען געווארען צו קומען צו לאפוכין אין זיין היים, איך האב דארט געפונען פארזאמעלט אויסער לאפוכין און פיעדארא ליעף רודאמסקי, וועלכער איז געווען לאפוכינס בוזים פריינד און ער איז אויך געוועזן א משומד, און אויך סערגייעף וועלכער האט נאכהער פארנומען אייער שטעלע אין דער אוניווערזיטעט. מען האט א ביסעל געפלוידערט וועגען ניט קיין אינטערעסאנטע זאכען, ענדליך איז מען ארויף אויף דער טהע־

כיא פון אייער געפלאנטען אטענטאט אויף איגנאטעף, סערגייעף האט זיך אויסגעדריקט אז עס איז א נארישקייט אזוי פיעל אין קאן צו שטעלען און כמעט גאר ניט צו געווינען, ווען איגנאטעף זאל אפילו פערניכטעט ווערען, ער האט בעהויפטעט דאס איגנאטעף איז ניט פעראנטווארטליך פאר די רעגירונג נאר די "זשידעס" ווילען פין איהם פטור ווערען דערפאר וואס ער איז אן אמתער רוסס און דעריבער האט ער זיי פיינט. לאפוכין האט איהם געענטפערט אז ער דארף ניט מורא האבען, קיין זאך איז אין קאן ניט געשטעלט געווארען אויסער ראבינאוויטץ אליין. פון אנטענטאט וועט גאר נישט ווערען, דערפאר איז שוין געזארגט געווארען; דע ר איינציגער וואס וועט מיט זיין לעבען בעצאהלען וועט זיין ראבינאוויטץ, זיין לעבען איז איצט ניטווערטה א שמעק טאבאק. איך האב זיך ניט געקענט מעהר איינהאלטען און איך האב געזאגט "ווי איך פארשטעה איז דער אטענטאנט געריכטעט ניט גגעען איגנאטעף נאר געגען ראבינאוויטץ". "איהר זייט גערעכט" האט רודאמסקי געענטפערט, מיר מוזען פון איהם פטור ווערען, ער איז צו שטארק און ער וויים צו פיעל, אויב די פאליציי זאל איהם ווען כאפען א לעבעדיגען זיינען מיר אלע פערלארען, מיר טארען אין איהם ניט האבען צופיעל צוטרוי, ערשטענס איז ער א איד, און צווייטענס איז ער צו פיעל איבערגעבען צו זיין פאמיליע און איינער וואס באזיצט די צוויי פעהלערען קען ניט זיין קיין אמת'ער פאטריאט.

"און וואס וועט זיין אויב עס וועט זיך איהם איינגעבען צו אנטלויפען וועט ער קומען צוריק און ער וועט ווייטער זיין דער פיהרער ווי ער איז ביז אהער געוועזן" האט פיעדארא געזאגט.

"א פרוי בלייבט דאך א פרוי. ווען עס קומט צו א שעהנע שמקעל ארבייט, האט לאפוכין איהר געענטפערט. "ווען עס זאל איהם אפילו געראטהען צו אנטלויפען און צו קומען צוריק אהער, וועלען מיר איהם זאגען, דאס די פאליציי זוכט איהם, דעריבער מוז ער אריבער דעם גרענעץ און אזוי וועלען מיר סיי ווי סיי פון איהם פטור ווערען, אבער כדי מיר זאלען קענען אנפיהרען אונזער פראפאגאנדא צווישען די אידישע סטודענטען דארפען מיר א פעהיגען איבערגעגעבענעם אידישען רעוואלוציאנער וואס זאל געהמען די פיהרערשאפט צווישען זיי און ער זאל זיין א מיטגליעד פון אונזער אינערען קרייז, צוליעב דעם צוועק האב איך איינגעלאדען אהער מיכאאעל זאלקין, ער איז די פאסענדסטע פערזאן. וואס זאגסטו זאלקין?

— וואס האב איך געקענט זאגען צו דעם טייוולישען פלאן? איך האב מיר בארעכענט דאס דאס בעסטע פאר מיר איז צו שווייגען און זעהן וואס איך קען טאהן אייך צו העלפען. איך האב אייך געוואלט לאזען וויסען פון דער סכנה אין וועלכען איהר געפינט זיך אבער ווי אזוי טהוט מען עס? אייער נאמען צו נוטצען האב איך ניט געטארט וואגען און עס וואלט במילא ניט אנגעקומען צו אייך. צו מיין שרעקליכע איבערראשונג האב איך מיר באלד דערוואוסט דאס די פארשווערונג איז ניט נאר געגען אייך אליין נאר עס שליסט אויך איין אייער גאנצע פאמיליע, איך האב זיך בעשלאסען צו געהן צו אייער פרוי און איהר ווארנען. שפעט אין אווענד האב איך געביטען מיינע קליידער, אבגעפארבט מיין געזיכט, איך האב **גענומען א דראשקע און** איך בין אוועקגעפאהרען צו דעם געגענד וואו איהר האט געוואהנט. איך האב געהייסען דעם קוטשער ווארטען אויף מיר אין א זייטיגע געסעל און איך בין געגאנגען נעהנטער צו אייער וואהנונג, איך האב בעמערקט דאס עטליכע זשאנדארמען זיינען אין דער נאכ-

בערשאפט און האלטען איין אויג אויף אייער היים. שטעלט זיך פאר מיין איבעראשונג ווען עס איז מיר געלונגען אריין צוקוקען אין צורה פון איינעם פון די זשאנדארען ביי די ליכט פון א פאנטאר און איך האב אין איהם דערקענט אונזער בעקאנטען פאנאטישען חסיד משה שמועלעוויטץ. מיין הארץ האט מיר שרעקליך וועה געטהאן פאר אייער איידעלע פרוי און אייערע אונשולדיגע קינדערלאך, אבער איך האב ניט געוואוסט וואס איך זאל אנהייבען צו טאהן. צו געהן צו דער פאליציי פארשטעהט איהר אליין אז איך האב ניט געטארט, איך האב מורא געהאט אז דאס קען אונז אלעמען רואינירען; איך האב געפרובט גרייכען אייער פרוי דורכן טעלעפאן, האט מען מיר געזאגט פון צענטראל, דאס די דראטען זיינען צוריסען. אלע פארנאכט האב איך געענדערט מיין אויסזעהן און אוועק אין יענעם געגענד און דורך דעם פענסטער געזוכט די געלעגענהייט צו זעהן אייער פרוי, און ווען איך פלעג איהר נור דערזעהן פלעג איך שאקלען מיינע הענד און ווינקען מיט די אויגען כדי צו ציהען איהר אויפמערקזאמקייט אויף מיר. צי זי האט מיר בעמערקט אדער ניט, וויים איך ניט. איין אווענד האב איך באמערקט דריי פארשטעלטע זשאנדארען ארויספיהרענדיג אייער פרוי פון הויז, און זיי האבען איהר אריין געשטופט מיט געוואלד אין א בלינדע קארעטע וואס האט דארט געווארט און זיי זיינען מיט איהר אוועקגעפאהרען. מיט א פאר מינוטען שפעטער האב איך דערזעהן לאפוכין, פיעדארא און סאמועלעוויטץ אריין שטייגענדיג אין א דראשקע און אוועקפאהרענדיג אין דער זעלבער ריכטונג וואו די קארעטע איז אוועק געפאהרען. דעם נעקסטען טאג האב איך אויסגעפונען דאס זייער אטענטאט איז געוועזן א דורכפאל, אז איהר זייט געקומען צוריק נאך כארקאוו וואו די פאליציי האבען אייך שטריינג געזוכט, אבער א דאנק אונזערע קאמעראדען וועלכע האבען אייך בעזארגט מיט א פאספארט און זיי האבען אייך אריבער געפיהרט דעם גרעניץ, מען האט אויך דערצעהלט דאס דיזעלבע נאכט וואס איהר האט פארלאזען כארקאוו צו פאהרען נאך אויסלאנד זיינען די פאליציי באפאלען אייער הויז און האבען ארעסטירט אייער פרוי און קינדער און קיינער וויים ניט וואו זיי זיינען נעלם געווארען. פון יענער צייט אן האב איך מעהר ניט געקענט קוקען אויף דער באנדע און איך האב אנגעהויבען שטארק צו צווייפלען אין אין די ערנסטקייט פון אונזערע רעוואלוציאנערע פיהרער. און איך האב מיר בעשלאסען צו פארלאזען כארקאוו. א יאהר און א האלב האב איך זיך ארום געשלעפט איבער גאנץ אייראפא מיט די האפענונג אייך צו געפינען. און אייך צו לאזען וויסען דעם אמת, אבער אלע מיינע אנשטרענגונגען איז געוועזן אומזיסט, און ענדליך האב איך פארלאזען אייראפא און איך בין אהער אנגעקומען.

ראבינסאן האט זיך צוגעהערט צו דאקטאר זאלקינס ערצעהלונג מיט די טיעפסטע אינטערעסע, זיינע אויגען האבען געפינקעלט, זיינע באקען האבען געברענט און זיין קערפער האט געטרייסעלט ווי אין קאנוואולסיאנען אבער ער האט קיין ווארט ניט געזאגט. ער האט זיך איינגעהאלטען אפילו אפציציהען דעם אטהעם, ווען ער האט באמערקט דאס זאלקין האט געענדיגט זיין ערצעהלונג האט ער איהם א כאפ געטהאן פאר ביידע הענד און האט אויסגערופען:

— א, זאלקין, דו ביסט מיט אן אמת א טהייערער פריינד, ווען מען הערט אי עם זיינען פאראנען אין אונזרע וועלט אזעלכע ווילדע בעסטיעס אין מענשען געשטאלט, ווי לאפוכין, פיעדארא רי־

דאמסקי, אלעקסייעף און אזא שמר־ צינע באשעפנים ווי מעדאַ, פארלירט מען דעם צוטרוי צו דער גאנצער מענש־ הייט, און דעם חשק צו לעבען. אבער ווען מען באגעגענט זיך מיט איינעם אין א הונדערט טויזענד ווי דו, און מען איז נאך גליקליך גענוג דיר צו האבען פאר א פריינד, ווערט דער לע־ בען פון דאס ניי הייליג און טייער; זיס און אנגענעהם. זאלקין טייערער, זאלקין, איך וועל לעבען ביז איך וועל זיי געפינען און מיר זאגט די הארץ דאס איך וועל זיי געפינען, אבער וואס זאל איך אנהייבען צו טאהן? ווי דו זאגסט זיינען צוויי פון דער באנדע דא אין מענאפאליס. וואס דארף זיין מיין פלאן? ווי אזוי זאל איך אנפאנגען מיין קאמפיין?—מיט פארבראכענע הענד איז ער ארום געלאפען איבערן צימער הין און צוריק און ער האט געברומט ווי א פערוואונדעטער לייב. זאלקין האט ווייטער געזאגט.

—אויף מעדאַ איז ניטא וואס צו האָ־ פען. ער וואלט זיך וועלען פארגעסען אן דער גאנצער מעשה, דאס ער איז איצטער ערנסט איבער געבען צו דער בעוועגונג, איז ביי מיר קיין צווייפעל ניטא, ער איז אבער א פאנאטיקער היינט גראדע אזוי גוט ווי ער איז גע־ ווען, ווען ער איז געווען א חסיד, וואס זיינע מאטיוון זיינען דאמאלס געווען צו געהמען א האנד אין דיין אונגליק, פארשטעה איך ניט. ער איז אבער כימ־ רע, און ער וועט קיין ווארט וועגען דעם ניט זאגען סיידען עטוואס זאנדערבאַ־ רעס וועט זיך טרעפען, אבער דארויף איז דא ווייניג וואס צו האפען, דיא איינציגע פון וועלכע מען קען אפשר וואס דערגעהן איז פיעדאַרא; זי איז אָרעם, און זי מאטערט זיך שטארק צו פארדיענען איהר חיונה. שוין דאס אליין מעג אונז אפשר העלפען, זי איז שטארק אויפגעבראכט אויף לאפוכין, פון וועמען זי האט א זוהן. זי האט איהם אליין אויפגעהאדעוועט און לאַ־ פוכין האט איהר ניט געהאלפען מיט א גראשען, דאס מעג אפשר זיין א צוויי־ טער מיטעל וואס מעג אונז דיענען, ווי איך פארשטעה איז די ליעבע צווישען מוטער און זוהן ניט צו הייס, ער גלויבט איהר ניט און ער טראגט א חשד אויף איהר. ער האט עטליכע מאל מיט מיר גערעדט וועגען דעם און ער האט זיך ביי מיר געבעטען דאס איך זאל איהם זאגען וואס איך ווייס פון זיינע עלטערען. ער איז זעלטען פעהיג און א זעהר אנשטענדיגער יונגער מאן, ער איז א סטודענט אין דער היעגער אוניווערזיטעט, און ער איז ביי אלעמען שטארק באליבט, א, יא, וואס רעד איך. איך האב זיך גאר פארגעסען, איהר מוזט איהם געווים קענען, ער וואהנט דא מיט די פיליפס און זיי באהאנדלען איהם ווי א אייגען קינד.

ראבינסאן איז אויפגעשפרונגען, און מיט א משונהדיגען קול האט ער אויסגעשריען — וואס ? ער !.. עדיע ווארנער איז דער זוהן פון לאפוכין און פיעדאַרא?.. מיין גאט!.. איז עס מעג־ ליך?

— יא איהר האט רעכט זיין נאמען איז עדי ווארנער — האט זאלקין גע־ זאגט — זי האט מיר געזאגט דאס זי האט ניט געוואלט אז ער זאל טראגען זיין טאטענס נאמען, דעריבער האט זי איהם א נאמען געגעבען ווארנער, פראָ־ פעסאר, עס איז צייט פאר מיר צו געהן, מיינע פאציענטען ווארטען אויף מיר ווען זעהן מיר זיך ווידער ?

— מארגען אוונד אויב דו ווילסט, איך וועל זיך אליין איינלאַדען צו קו־ מען מארגען אוונד ביי דיר אין דער היים און מיט אייך עססען אן אמת'ן היימישען מיטאג, און אגב וועל איך אויך האבען די געלעגענהייט זיך בעַ־ קאנטצומאכען מיט דיין פרוי און קינ־ דער. וועט זעקס אזייגער זיין צייט גענוג? האט ראבינסאן געזאגט.

— איהר זייט דער אלטער גוטער קאמעראד וואס איהר זייט געווען,

איהר קענט זיך גאר ניט פארשטעלען ווי מיין פרוי און קינדער וועלען זיין שטאלץ מיט אייער באזוך—האט זאל־קין געזאגט — און איך קען אייך צו־זאגען א מאהלצייט וואס איהר האט ניט געגעסען זינט איהר האט אייער מוטערס היים פארלאזען. מיין פרוי איז אן אמתע אידישע טאכטער און זי קען קאכען א גוטען אידישען מאהל צייט. אלזא אליע ביז מארגען אווענד אום זעקס אזייגער.



7־טער קאפיטעל

ווען דאקטאר זאלקין האט פארלאזען דעם צימער איז ראבינסאן געבליבען זיצען ווי א צודולטער; שוין העכער צוואנציג יאהר זיינען פארביי געלאפען זינט יענע שרעקליכע טעג, העכער צוואנציג יאהר ווען דער גרויסער אונגליק האט איהם געטראפען, און דורך דער גאנצער צייט האט ער קיין מאהל ניט געצווייפעלט דאס העלענא און די קינדער לעבען, וואס עס האט דעם גלויבען אין איהם בעשאפען ווייס ער ניט, אבער ער גלויבט, און דער גלויבען האט איהם געגעבען מוטה און כוח זיין גרויסען אונגליק אריבער צוטראגען; אבער איין זאך איז געווען שטארק איינגעווארצעלט אין זיינע געדאנקען, דאס זיי מוזען א סך צרות ליידען. עס איז געווען זיכער פעסטגעשטעלט אין זיינע געדאנקען דאס זיי וואלגערען זיך ארום ערגעץ וואו אין סיביר אבער איצט האט ער פון זאלקין אויסגעפונען דאס ניט סיביר איז דער ארט וואו זיי געפינען זיך און ווען די רוסישע רעגיערונג האט מיט יאהרען צוריק געענטפערט זיינע אויסלענדישע איינפלוסרייכע פריינד דאס זי ווייס ניט פון וואס צו זאגען וועגען די ראבינסאן פאמיליע, איז עס געווען אמת; יענע דעספאטישע רעגירונג וואס וועט אמאל דארפען ענטפערען פאר דעם שטוהל פון גערעכטיגקייט פאר איהרע מיליאנען פארברעכענס וואס זי האט בעגאנגען איז אמווייניגסטענס אונשולדיג אין זיין אונגליק. עס זיינען געווען לאפוכין און פיעדארא, רודאמסקי, אלעקסייעוו און מעראף וועלכע האבען דעם פארברעכען געגען איהם בעגאנגען. צוויי פון דיעזע פערזאנען זיינען דא אין מינעאפאלים און נאר איינע פון די צוויי קען ער האפען; זי וואלט איהם געקענט מאכען פאר דעם גליקליכסטען מענשען אין דער וועלט. אבער ווי פאנגט מען אן? ער האט געטראכט דאס ער וועט געהען צו איהר, ער וועט זיך ווארפען פאר איהרע פיס, ער וועט וויינען און בעטען אין דעם נאמען פון איהר אייגענע מוטער ליעבע, ער וועט איהר געבען געלד, אלעס וויפיעל ער פערמאגט זי זאל איחם נאר זאגען וואו ער קען זיי אנהייבען צו זוכען אבער ער האט זיך באלד באקלעהרט ווי נאריש עס איז אפילו גאר פון אזא פלאן צו טראכטען. עס וואלט אפשר פערדארבען אלע אנדערע פלענער. א פרוי ווי פיעדארא ווייס ניט פון רחמנות אדער מוטער ליעבע, זי איז ווי א גיפטיגע שלאנג. זי בייסט און גיסט דעם גאנצען סם אריין אין איהר קרבן, ווען אפילו עס מאכט איהר דעם טויט צוזאמען מיט איהר קרבן; און דאך איז זי די מוטער פון א זוהן וואס מעג זיין דער שטאלץ פון די בעסטע און איידעלסטע מוטער. מיין גאט, איז עס מעגליך דאס עדי זאל זיין דער זוהן פון אזא מכשפה און פון א פאטער וואס איז דער נידערטרעכטיגסטער אויסוואורף, וואס די וועלט האט ווען פערמאגט. עדי דער קינד פון אזעלכע צוויי פערדארבענע חאראקטערס. איז עס מעגליך? איז די גאנצע וויסענשאפט וואס האט פעסטגעשטעלט דעם געזעץ דאס קינדער ירש'נען די איינגעבארענע אייגענשאפטען פון זייערע עלטערן, איז ניט

מעהר ווי א באָבע מעשה, אדער איז עדי אן אויסנאַהם פון דעם כּלל?

ער האָט זיך דערמאָהנט דאָס ער האָט צו געזאָגט די דריי יונגע פּערזאָנען דאָס ער וועט זיך צו זיי צוריק קעהרען אין א שעה צייט, און די שעה איז שוין לאַנג פאַרביי. ער איז אַרונטער געגאַנגען אין גאָרטען און איז זיי נאָכגעגאַנגען זוכען, זיי האָבען איהם דערזעהען פון דער ווייטען; זיי האָבען אוועקגעוואָרפען זייערע הילצערנע האַמערס און זיינען איהם געלאָפען אנטגעגען עליין איז געווען די ערשטע ביי זיין זייט, מיט איהרע ביידע שלאַנקע אָרעמס האָט זי אַרום גענומען; זיין גרויסען ענטוויקעלטען אָרעם און האָט זיך צו איהם געטוליעט ווי א קליין קינד צו איהר פאָטער. אויף ראָבינסאָנס קראַנקע האַרץ האָט עס געווירקט ווי א באַלזאַם און ווען זי וואָלט ניט געווען א יונגע דאַמע פון איינאונצוואַנציג יאָהר וואָלט ער איהר גענומען אין זיינע אָרעמס און איהר געקושט ווי זיין אייגען קינד, אָבער איצט איז זי געווען צו אַלט, און ער נאָך צו יונג, דורך זיין מוח איז דורך געלאָפען דער געדאַנקען אַז פּיליציאַ איז איצט אַזוי גרויס און וועמען רופט זי ,טאַטע"? צו וועמענס האַרצען טוליעט זי זיך? דער געדאַנקע האָט איהם כּמעט זיין מאַרך אַנגעצונדען, אָבער עליין האָט איהם באַלד צו זיך געבראַכט, זי האָט צו איהם געזאָגט.

— פּראָפעסאָר ראָבינסאָן מיר האָבען איצט געהאַט א וכּוח איבער א געגענשטאַנד וואָס נור איהר קענט אַרויס געבען דעם ריכטיגען אורטהייל, מיר האָבען דאָס דעריבער צו אייך איבער געלאָזען, אָבער איידער איך וועל אייך זאָגען וואָס דער וכּוח איז געווען מוז איך אייך ערשט זאָגען דאָס עדי און איך האָבען זיך געוועט ווער פון אונז האָט רעכט.

— מעג איך וויסען אין וואָס איהר האָט זיך געוועט? — האָט ראָבינסאָן געפרעגט.

— אויב איך געווין דאַרף איך אייך א קוש געבען און אויב עדי וועט געווינען דאַרף ער מיין קוש קריגען — האָט עליין געזאָגט א ביסעל פאַרשעהמט.

—און עס איז לייכט צו פאַרשטעהן דאָס אייך גלוסט זיך צו פאַרליערען — האָט ראָבינסאָן געזאָגט מיט א שמייכעל. עליין האָט געהערט צו דער סאָרט פּרויען וואָס האָט ליעב געהאַט זיך צו שפּיעלען ווי א קינד אָבער קוים איז זי פון וועמען אָנגעגריפען געוואָרען אדער אין וועלכער ווייזע באַליידיגט געוואָרען איז זי פּלוצלינג געוואָרען די גרויסע שטאָלצע דאַמע וועלכע רעדט געצעהלטע ווערטער מיט טאַקט און אויפריכטיגקייט און לאָזט איהר אַנגרייפער וויסען דאָס ער האָט פאַרגעסען זיין אָרט, זי האָט זיך אויסגעלייכט און איהר געזיכט איז געוואָרען זעהר שטריינג, זי האָט לויז געלאָזען זיין אָרעם און האָט געזאָגט אין א שטאָלצען טאָן אין וועלכען עס האָט זיך געשפּירט א ביסעל כּעס.

—פּראָפעסאָר, טאָמער האָט איהר מורא פאַר מיינעם א קוש האָט איהר געקענט געפינען א סך אן איידעלערען וועג ווי אַזוי זיך דערפון אַרויסצומאַכען, און ניט דאַרפען פאַרשעהמען צוויי יונגע מענשען.

— פריילין עליין, ווייניג ווייסט איהר און ווייניג קענט איהר באַגרייפען וואָס א קוש פון ליפּען ווי אייערע מיינט פאַר מיין קראַנקער נשמה, עס וואָלט ווירקען אויף מיר ווי א שלאָף טרונק וואָס וואָלט מיר מאַכען צו פאַרגעסען די שמערצען וואָס איך לייד, ווערענד דער מעסער שניידט מיין לייב, א קוש ווי אייערער וואָלט היילען מיין אייביגען וואונד און עס וואָלט [illegible] מיר דאַכטען אויב נאָר אויף א מינוט אַז דאָס קומט פון די יעניגע וואָס זיי־

גען מיט יאהרען צוריק פון מיר גע־
רויבט געווארען — ער האט געערדט מיט וועהטאג און זיין אלטע וואונד האט זיך פון דאס ניי געעפענט, עליין האט עס געפיהלט אין זיין טאן און זי האט שטארק חרטה געהאט וואס זי איז געווען די אורזאכע דערפון. זי האט קיין ווארט ניט געזאגט נאר מיט איהרע ביידע שלאנקע ארעמס האט זי ארום געקלאמערט זיין האלז און זי האט א ווארעמען קוש ארויף געדריקט אויף זיין שטערען, ער האט איהר גע־ענטפערט מיט א צארטען קוש און זי האט געזאגט:

— איצט ווייסט אז איך וויל מיין געוועט ניט פארליערען און זאל זיך אייך דאכטען אז דאס איז דער קוש נאך וועלכען איהר בענקט —

אלע דריי האבען זיי געוואוסט דאס ראבינסאן האט פארלארען זיין פרוי און קינדער אבער די איינצעלהייטען דערפון האבען זיי ניט געוואוסט, און קיינער האט זיך ניט געוואגט איהם צו פרעגען. ראבינסאן האט געזאגט —

אייער קוש האט מיר דערמאנט ווי־פיעל איך האב פערלארען, אבער עס האט מיר אנגעפילט מיט מוטה פארט־צוזעטצען מיינע ארבייט און ניט צו־רוהען ביז איך וועל זיי געפינען; אבער זאלען מיר ניט פארגעסען דעם עיקור פון אונזער געשפרעך: וואס איז געווען די פראגע איבער וועלכע איהר האט דעבאטירט און געמאכט אייער וועט־טע?

— מיר האבען גערעדט פון ליעבע, א געגענשטאנד איבער וועלכען אלע יונגע מענשען רעדען און דעבאטירען— האט עליין געזאגט — עדי און העראלד באהויפטען דאס דער העכסטער אידעאל פון ליעבע איז די וואס עקזיסטירט צווישען די געשלעכטען, און מיין מיי־נונג איז דאס די הייליגסטע ליעבע איז די, וואס א מענש האט פאר זיין לאנד און זיין פאלק, אין א ווארט, דער פאט־ריאטיזמוס.

—עס טהוט מיר לייד האט ראבינ־סאן געזאגט א ביסעל פארטראכט — דאס איך מוז מיין אורטהייל ארויס־געבען געגען אייך, איהר האט אייער געוועט אנגעווארען, די ערשטע ליעבע וואס איז אין דער וועלט געקומען איז געווען צווישען אדם און חוה, דאס הייסט, די געשלעכטליכע ליעבע, דאס איז דער אורשפרונג פון אלע ליעבעס; פון די געשלעכטליכער געהט זי אריבער פון עלטערן צו קינדער און קינדער צו עלטערן און ערשט נאכדעם קומט די ליעבע צום לאנד און צום פאלק און די לעצטע איז בלויז א רעזולטאט פון די ערשטע, מיר ליעבען אונזער לאנד דער־פאר וואס מיר ליעבען אונזערע עלטערן אונזערע קינדער, אונזערע פרויען און אונזערע מענער. ווען די ערשטע פאר־מע פון ליעבע וואלט ניט געווען וואל־טען די אנדערע ליעבעס ניט עקזיס־טירט.

עליין האט זיך צוגעהערט מיט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט און זי האט געזאגט צו ראבינסאן.

— מערקווירדיג, נאך דעם ווי איהר האט עס אזוי איינפאך דערקלעהרט וואונדערט מיר ווי אזוי איך האב ווען עס איז געקענט נאר האבען איין אנ־דער מיינונג, איך דאנק אייך פאר איי־ער ערקלעהרונג הגם דער אורטייל איז געגען מיר און איך דארף אזוי טייער בעצאהלען. עדי איך בין בערייט אבצו־צאהלען מיינע חובות — זי האט ניט באמערקט דאס אין דער צייט וואס רא־בינסאן האט ארויסגעגעבען זיין אור־טהייל איז עדי פארבליעבען פון הינ־טען און ער האט זיך באהאלטען אונ־טער א בוים, העראלד האט לאכענדיג געזאגט:

— שוועסטער, איך גלויב דאס עדי וואלט בעסער געוואלט קאלעקטירען זיין חוב ווען קיינער וועט דערביי ניט זיין.

—איך דו ברוטוס! — האט זי גע־

זאגט צו עדי, און זיך ווענדענדיג אויך צו ראבינסאן האט זי פארטגעזעצט:

—ווי עס שיינט מיר אויס, זייט איהר ביידע אין א פארשווערונג געגען מיר און איך ווייס אסור ניט פארוואס, אלץ וואס איך זאג, אדער וואס איך טהו ליגט איהר דאס איבער און פערדרעהט דאס קאפויר, און איהר ציעלט נאר צו איין זאך דאס עדי און איך זיינען פערליעבט, און אויב אפילו אז יא, איז עס א פארברעכען? אבערווארט איך וועל פון אייך אמאל נקמה נעהמען, די נאטור בלייבט קיין בעל חוב ניט, דו הערעלד זאלסט וויסען זיין אז דיין צייט וועט קומען, און איהר פראפעסאר איך האף און בעט גאט דאס ער זאל מיר געבען די געלעגענהייט זיך מיט אייך אבצורעכענען ווען איהר וועט געפינען אייער פרוי און קינדער, דאן וועל איך אן אייך נקמה נעהמען.

—מיין ענטפער דארויף איז אמן!

—האט ראבינסאן געזאגט — אבער יאלען מיר האפען אז איהר אויך וועט נעהמען אנטייל אין מיין שמחה, וועט איהר מיר צו זאגען?

— געוויס, איך וועל אייער טאכטער רעכענען אלס מיין נייע שוועסטער. — זי האט געבעטען אום ענטשולדיגונג פון די צוויי מענער און זי איז פערשוואונדען געווארען צווישען די בוימער, חעראלד און ראבינסאן האבען זיך באקוועהם געמאכט אין צוויי פון ריטער געפלאכטענע שאקעל שטוהלען ווערענד הערלד האט געזאגט:

— זי איז געגאנגען אויפזוכען עדי, די צוויי קינדער זיינען פארליעבט איבער די אויערן און זיי ווייזען דאס ארויס צו אפען, איך האב שטארק מורא אז ביידע וועלען מוזען א סך ליידען און עס וועט צו קיין זאך ניט פיהרען אויסער צרות, אויב איהר וויסט דעם כאראקטער פון מיין מוטער וועט זי בשום אופן ניט דערלאזען דאס עדי זאל ווערען דער מאן פון

איהר טאכטער; ערשטענס קומט עדי ניט פון איהרע געזעלשאפטליכע קרייזען צווייטענס איז עדי ארעם, און דריטענס איז ער א איד און ער האט קיינע נייגונגען צו בעהאלטען זיינע אידישקייט יעדער איינער פון די דריי טעמים איז גענוג אז און פיר זיך דאס מיין מוטער זאל שטערען זייער ליעבע. אבער ווען מיין מוטער וואלט אויף דעם געקוקט מיט מיינע אויגען וואלט זי ניט געקענט געפינען א בעסערען שידוך פאר מיין שוועסטער ווי עדי ווארנער, ער איז געזונד און שטארק פיזיש און מאראליש, ער איז שעהן, עהרליך און זעלטען פעהיג; ער באזיצט חויבע אידעאלען און די גרעסטע פון אלע מעלות איז דאס זיי האבען זיך באמת ליעב, ליידער ווערט די לעצטע מעלה ניט גענומען אין אנבעטראכט אין אונזערע העכערע סאציאלע קרייזען. און דעריבער גיט עס אזוי פיעל סקאנדאלען און אזוי פיעל גט'ן. ארעמע עליין! איך זעה ווי די וואלקענס קלייבען זיך אויף דיין הימעל און זיי סטראשען מיט א גרויסען שטורעם וואס וועט באלד אויס ברעכען, עליין האט איהרע אייגענע געדאנקען און איהר אייגענעם שטארקען ווילען, זי וועט זיך ניט לאזען בייגען, און זי געגען מוטער און מוטער געגען איהר וועט זיין שטאהל געגען שטאהל, אבער ווען אזא קאמפף וועט אויסברעכען בלייב איך אויף דער זייט פון עליין, איך קען אייך גאר ניט זאגען פראפעסאר, ווי דאס קינד איז מיר ליעב; און ווי איהר ווייסט שוין איז עדי אויך זעהר טהייער ביי מיר און אזוי איז מיין פליכט א צוויפאכע צו קעמפפען פאר זיי און מיט זיי, פראפעסאר, איז פאראנען א מענש וואס זאל ניט האבען זיין פעקעל צרות? קען א מענש שווימען דעם שטראם פון לעבען און ניט באגעגענען די שווערע כוואליעס?— ראבינסאן האט געענטפערט— דער מענש וואס שווימט אין א שטראם פון רוהיגע גלאטע וואסער און טראגט

קיין משא ניט אויף זיך, דער ווייס ניט וואס לעבען איז, דער האט ניט געלעבט, דאס העכסטע און אידעלסטע אין אונזער לעבען איז דער קאמף דאס איז א פעסטגעשטעלטער געזעץ אין דער מאדערנער פילאזאפיע, כמעט אן אקסיאמע; אין אט די אנשויאונג האט מיר געזעגעלט אויפן לעבענס שטראם העכער צוואנציג יאהר, ווען ניט דיזע אמת'ע פילאזאפיע וואלט איך דעם קאמף שוין לאנג אויפגעגעבען. הערעלד, ווען מיר האבען זיך צום ערשטען מאהל באגעגענט האסטו מיר גענומען פאר איינעם וואס האט גאר קיין זארג ניט, פאר אזעלכען וואס איז נאר איבערגעגעבען צו די פארשיעדענע סיסטעמען פון דער פילאזאפיע און וואס זוכט נאר צו דערקלעהרען די פסיחאלאגישע רעטענישען פון דער נשמה; ווייניג האסטו געוואוסט דאס דיין נייער בעקאנטער איז דער אונגליקליכסטער פון אלע אונגליקליכע; און איך פיהל איצט דאס דיינע ריינע פריינדשאפט און איבערגעבענהייט צו מיר פאדערט פון מיר דאס איז זאל פון דיר קיינע סודות ניט האבען, איך האב מיר דעריבער באשלאסען דאס מארגען ביינאכט ווען איך וועל קומען צוריק פון דאקטאר זאלקין זאלסטו הערען מיין טראגעדיע, און דו זאלסט וויסען מיין גאנצע לעבענס געשיכטע.

אין דער צייט וואס הערעלד און ראבינסאן האבען פילאזאפירט איבער דעם לעבען, האט עדי ווארנער זיך א ווארף געטהאן אויף א באנק אונטער א גרויסען בוים מיט לאנגע געדיכטע צווייגען וואס האבען זיך ארונטער געבויגען ביז דער ערד, און האבען איהם דעריבער אין גאנצען בעהאלטען פון דער אויסערער וועלט. ער האט צונויף געלייגט זיינע ביידע הענד און ער האט זיי אנגעשפארט אויף דער פארענטשע פון באנק און האט אין זיי זיין קאפ בעהאלטען, אזוי איז ער געזעסען א קורצע ווילע פארזונקען אין טיעפע געדאנקען, פלוצלינג האט ער דערהערט א גערויש צווישען די צווייגען. ער האט זיין קאפ אויפגעהויבען און ער האט דערזעהן עליין שטעהענדיג. אויף איהר געזיכט איז געווען אויסגעדריקט די אלע אייגענשאפטען אין וועלכע מען לייענט דעם ווארט "כאראקטער". עס איז געווען שטאלץ, פעראכטונג, בעשלאסענהייט און ליעבע. דאס עליין איז געווען ליעבענס ווירדיג, אפענהערציג און דאס זי האט געוואוסט ווי ארויסצו ווייזען איהר ליעבע, האבען מיר שוין פריהער אין איהר דערקענט, אבער דאס זי האט אויך געקענט קעמפפען פאר איהר ליעבע איז אן אייגענשאפט וואס מיר האבען איצט צום ערשטען מאהל אויסגעפונען. זי אליין האט בעוואוסט און זי האט פאראויס געזעהן די אלע שוועריגקייטען וואס עס שטעהן אין וועג פון איהר ליעבע צו עדי; זי האט גוט געקענט איהר מוטערס נאטור, און עס איז ביי איהר קיין שום ספק ניט געווען דאס זי וועט אויף קיין פאל ניט איינשטימען צו דעם שידוך. ווען זי האט דערשפירט אין איהר הארץ די אויפוואכונג פון איהר ליעבע איז איהר ערשטע זארג געווען אויסצוגעפינען וואס עדים געפיהלען און נייגונגען זיינען צו איהר; איהר פרויען אינסטיקט האט איהר געזאגט דאס עדי ליעבט איהר נאר ער וואגט דאס איהר ניט ארויסצוזאגען, דערפאר וואס ער האט קיינע האפענונג ניט פון איהר געליעבט צו ווערען; און קוים האט זי אויסגעפונען אויף געוויס דאס איהר הערץ האט איהר ניט גענארט דאס ער ליעבט איהר מיט דעם גאנצען פייער פון זיין שטארקען מענליכען נאטור האט זי געפיהלט דאס זי האט איהר קאמף געוואונען, אהן אן אונטערשיעד וויפיעל הארצוועהטאג און ליידען עס וועט איהר קאסטען. זי האט גוט געוואוסט דאס זי מעג זיך פארלאזען אויף הערעלד, אז ער וועט זיין אויף איהר זייט פון קאמף און זי

האט אויך געהאפט צו האבען איהר פאטער אויף איהר זייט, אבער דאס איז נאר געווען ניט מעהר ווי א האפענונג. זי האט געוואוסט דאס איהר פאטער האט קיין מאהל קיין אינטערעסע ניט גענומען אין אנגעלעגענהייטען וואס זיינען נוגע צו דעם פאמיליען אדער געזעלשאפטליכען לעבען, אזעלכע זאכען האט ער איבערגעלאזען צו זיין פרוי; איהר טיעפער בליק האט דורך געדרונגען איהר פאטערס הארץ, און זי האט געפיהלט ווי שטארק זיין ליעבע איז צו איהר; און דאס האט איהר געגעבען מוטה צו האפען דאס ווען דער קריטישער מאמענט וועט קומען וועט ער זיך שטעלען אויף איהר זייט, זי האט אין איהר פאטער דערקענט א פערזאן וואס האט ווייניג געלערנט, ער איז געווען אין גאנצען איבערגעגעבען צו זיינע געשעפטען, אבער צו דער זעלבער צייט האט ער געהאט גרויסע אכטונג פאר די וואס האבען געלערנט און ווייסען איבערהויפט פאר אזעלכע וואס האבען זיך געמאכט א נאמען אין דער וויסענשאפטליכער וועלט. זי האט עס איצט באמערקט דורך דעם איינדרוק וואס ראבינסאן האט אויף איהם געמאכט· אזוי לאנג ווי זי געדענקט איהר פאטער האט ער קיין מאל ניט פארלאזען די חויז אין דער פריה שפעטער ווי האלב נאך אכט אזייגער כדי ער זאל קענען קומען אין אפיס ניין אזייגער, און ער האט קיין מאל ניט פארלאזען דעם אפיס פריער ווי האלב נאך 5 און היינט איז ער געזעסען מיט ראבינסאן צו פריהשטיק ביז צעהן אזייגער און ער וואלט א סך לייגנער געזעסען ווען די מוטער וואלט איהם ניט כמעט ארויסגעטריעבען; און איידער ער האט די חויז פארלאזען האט ער אויסגעדריקט זיין וואונש צו קומען אהיים זייגער דריי אבער ווען ער האט זיך דערוואוסט דאס ראבינסאן וועט זיין פארנומען האט ער זיין פלאן געענדערט און ער האט אפגעמאכט מיט דער פאמיליע מארגען פריה ארויס(צופאהרען אין קאנטרי קלוב און פארברענגען דעם טאג, עליין איז דורך דאס אלעם איבערציינגט געווען דאס ראבינסאן האט א שטארקען איינפלוס אויף איהר פאטער. און זי האט גוט געוואוסט דאס זי וועט קענען אויס ניטצען דיזען איינפלוס פאר איהרע אייגענע אינטערעסען. זי האט איצט געקוקט אויף עדי ווי ער איז דארטען געזעסען אין איינזאמקייט זיין קאפ בעהאלטען אין זיינע גרויסע ארעמס און זי האט איראניש געזאגט.

—אזא העלד איז מיין ראמעא, אנשטאט צו שטעהן ביי מיין זייט און מיר העלפען אין אונזער קאמפף, אנטלויפט ער נאר און בעהאלט זיך פון אלעמען און ער לאזט מיר איבער אליין צו קעמפפען.

— עליין נאר איין זאך וויל איך פון דיר בעטען — האט עדי געזאגט זיך אויפשטעלענדיג פון באנק — נאר לאך ניט פון מיר, פייניג מיר ניט מיט דיין שארפע סאטירע, זעהסטו ניט ווי אונגליקליך איך בין?

—אויב דיין אונגליק באשטעהט דערין וואס דו ליעבסט מיר, קענסטו זיך גאר לייכט בעפרייען פון דיין אונגליק, האט זי ווידער געזאגט אין דעם זעלבען טאן·

— עליין, קענסטו ניט אדער דו ווילסט ניט זעהן וואס עס געהט אן אין מיין הארצען — האט זיך עדי געבעטען ביי איהר, — צו וואס זאלסטו פון מיר חוזק מאכען, צו וואס זיך מיט מיר רייצען ווען איך בין כמעט אין פארצווייפלונג און איך ווייס ניט וואס איך זאל אנהייבען צו טאהן, דו זאגסט מיר אין געלעכטער "אויב דיין אונגליק באשטעהט אין דעם וואס דו ליבסט מיר" וויים דען עליין דאס אין דעם באשטעהט מיין אונגליק. ביז אהער האב איך מיר ארום געטראגען מיט מיין ליעבע צו דיר און קיין מוטער מענש האט דערפון ניט געוואוסט,

אפילו דו אויך ניט, און איך וואלט גע־
קענט אזוי אנגעהן מיין גאנצען לעבען
א גאנצע אייביגקייט. דער געדאנקען
אליין דאס איך ליעב דיר האט מיר
צופריעדען געשטעלט אויף מעהר האב
איך ניט געהאפט און ניט געווארט
אבער ווען איך האב אויסגעפינען דאס
אויך דו ליעבסט מיר און וויסענדיג
פאראויס צו וואס אזא ליעבע קען פיה־
רען, וויסענדיג ווי וויט דו, עליין
שטעהסט פון מיר, שרעקט מיר מיין
הארץ און אין מיינע אויערען קלינגען
די ווערטער פון דאס דייטשע ליעד
וואס דו האסט אזוי שעהן געזונגען.

„ביידע האבען זיי געמוזט שטארבען
דער פאר וואס זיי האבען זיך צופיעל
האלט געהאט".

— עליין ניט פאר מיר שרעק איך
זיך איך וואלט קענען אלעם אריבער־
טראגען, אלעם אויסשטעהן, און ליי־
דען, אפילו מקריב צו זיין מיין לעבען
פאר דיין ליבע צו מיר אבער פאר דיר
קינד, האב איך מורא, דו ביסט אזוי
יונג, אזוי אונשולדיג אזוי רייך און
גליקליך דו האסט נאך אין דיין לע־
בען קיין מאהל ניט געוואוסט פון נויט
אדער מאנגעל, דיין גאנצען לעבען ביס
טו געווען פריי פון צרות און איצט קומט
אויס דאס איך וואס ליב דיר אזוי שטארק
מוז מיט מיינע אייגענע הענד צורייסען
דיין גליק און טאקע דערפאר וואס איך
ליעב דיר, קענסטו דאס זעהען ווי איך
זעה דאס? קענסטו עס פיהלען ווי איך
פיהל עס? אנשטאט מיר צו דערמוטהי־
גען און מיר אויפמונטערען, קומסטו
און לאכסט פון מיר.

זי איז צוגעגאנגען נאהענט צו אים
און האט גענומען זיין האנד אין איהרע
ביידע הענד און האט זיך ווי געשפיעלט
מיט איהר, גלעטענדיג זייע פינגער
האט זי מיט א ווייכע ווארעמע שטימע
צו איהם געזאגט.

—עדווארד ווארדנער! איך ווייס
אלעם וואס דו ווייסט און איך פיהל
אלעם וואס דו פיהלסט, אבער מיט
פארצווייפלונג איז נאך קיין מלחמה
ניט געוואונען געווארען. אונזער שיף
האט אונז געבראכט צו פיהרען צו דעם
פארט וואו די ליעבע וואהנט, מיר
זיינען באריהרט געווארען פון איהר
הייליגען צויבער און דער לעבען האט
איצט פאר אונז גאר איין אנדער אויס־
זעהן און איין אנדער מיינונג. מיר מו־
זען קעמפפען פאר איהר, פאר אונזער
אידעאל, אן אידעאל פאר וועלכען עס
איז ניט ווערטה צו קעמפפען איז אין
גאנצען ווערטהלאז, פאס דיר מוטה,
עדי! און איך פארזיכער דיר אז עס
איז גאר ניט אזוי שווער ווי דו מיינסט,
זאלען מיר נאר ביידע גלויבען אין אונ־
זער ליעבע און זי וועט אונז פיהרען
צום זיעג.

ער האט איהר א כאפ געטאן אין
זיינע ארעמס און האט באדעקט איהר
געזיכט מיט קושען און ער האט געזאגט

— דו ביסט גערעכט דער קאמפף
איז גאר ניט אזוי שווער, א קאמפף
פאר דיין ליעבע קען גאר ניט זיין שווער
ווען ער זאל אפילו קאסטען דעם לע־
בען, אונזער ליבע וועט פון איצט אן
זיין אונזער מלאך וואס וועט אונז דורך
פיהרען די שווארצע נאכט און עס וועט
אונז ענדליך ברייגנגען צו דער ליכטי־
גער זון. אבער מיר מוזען זיך איצט
בעראטהען וואס מיר האבען צוטאהן;
דא לענגער צו פערבלייבען טאר איך
ניט. מיר ביידע זיינען צו יונג און אונ־
ערפאהרען און דעריבער אויך אפענ־
הערציג, מיר ווייסען ניט ווי צו־
בעהאלטען אונזערע געפיהלען פון דער
ארומיגער וועלט. ראבינסאן און הער־
אלד האבען זיי שוין געלייענט און
אויב איך זאל דא לענגער פארבלייבען
וועט דיין מוטער אויך באלד אויסגעפי־
נען דעם סוד, און דאן.. דאן ... א, איך
האס צו טראכטען וואס דאן וועט זיין;
עס איז דעריבער דער בעסטער פלאן
דאס איך זאל אוועקפאהרען פון דאנען.
איך מוז ענדיגען מיין שטודיום און בא־
קומען מיין „דעגריע" אבער וואו זאל

איך פאהרען? אוואו זאל איך געהען? דיעזע פראגע חאט מיר גערויבט עטליכע נעכט פון מיין שלאף און ענדליך האב איך מיר פאשלאסען דאס שיקאגא איז דער בעסטער ארט, ערשטענס איז עס ניט צו ווייט אוועק פון מינעאפאליס, צווייטנעס האט שיקאגא צוויי גרויסע אוניווערזיטעטען, און דריטענס וואהנט דארטען אונזער נייער פריינד ראבינסאן, עס איז מערקווירדיג ווי אזוי ער חאט אריין געדרונגען אין אונזערע לעבענס און מיר דאכט אויס דאס ער איז צו אונז געקומען אין דער געווינשטער צייט· ער איז א מערקווירדיגע פערזאן און איך האב איהם ליעב ווי אן איינענעם פאטער, ער וועט מיר קענען פיעל העלפען אין שיקאגא אין אלע מיינע פלענער.

עלין האט א ווילע נאכגעטראכט וועגן זיינע פלענער און זי האט געזאגט.

— מיין ראמעא חאט מיר ניט גענארט, ער איז דאס וואס איך האב אלע מאהל געגלויבט אז ער איז ווערט געליעבט צו ווערען פון דער בעסטער פרוי אין דער וועלט — און דאס איז ער אויך — האט איהר עדי אונטערבראכען — שלאג מיר ניט איבער מיינע רייד, — האט עלין פארטגעזעצט — ראבינסאן און שיקאגא, דאס זיינען צוויי ווערטער וואס ווי מיר דאכט וועלען שפיעלען א גרויסע ראלע אין אונזער ראמאן, דיין פלאן איז גוט, מיר דארפען נאר אויסארבייטען די איינצעלהייטען, אבער דאס וועלען מיר איבערלאזען אויף שפעטער, פארלויפיג זאלען מיר געהן אויף זוכען ראבינסאן און העראלד.

8־טער קאפיטעל

דעם נעקסטען אווענט האט ראבינסאן זיך צוריק געקעהרט פון די זאלקינגס ארום זייגער עלף, ער האט דארט פערבראכט א געמיטליכען אווענד אין דער געזעלשאפט פון זיין אלטען פריינד מיט זיין פאמיליע, דעם גאנצען טאג איז ער געווען מיט די פיליפס אין די קאנטרי קלוב, זיי האבען גאנץ פריה געגעסען א לייכטען פריהשטיק און אום אכט אזייגער האבען זיי פארלאזען די שטאדט, די רייזע האט געדויערט איבער א שעה, און זיי האבען דארטען פערבראכט ביז פינף אזייגער פארנאכט, אלעקסאנדער פיליפס האט דארט געוואלט בלייבען דעם גאנצען אווענד אבער ווען ער האט זיך דערוואוסט דאס ראבינסאן מוז זיין אין שטאדט אום זעקס אוהר האט מען איהם ניט מעהר געקענט האלטען אין דער קאנטרי קלוב מיט אייזערנע קייטען, ער האט דורכאויס געוואלט פאהרען צוריק מיט ראבינסאן, אפילו מאדאם פיליפס האט איצט אנגעהויבען צו קוקען אויף ראבינסאן מיט גאנץ אנדערע אויגען, און זי האט כמעט אין גאנצען פארגעסען אז ער איז א איד; און ווען ראבינסאן איז געווען אבוועזענד פון טיש אין די צייט פון א מאהלצייט, האט זיך די גאנצע פאמיליע געפיהלט ווי פארלארען.

ראבינסאן האט גוט געקענט די וועלט מיט איהרע מענשען, ווען ער האט זיך מיט וועמען עס איז באגעגנט האט ער ערשט געזוכט אויסצוגעפינען דעם כאראקטער פון די פערזאן און קוים האט ער דאס נאר אויסגעפונען האט ער שוין געוואוסט ווי זיך צו פאסען צו די געזעלשאפט; ער האט ניט ווי די מעהרסטע געלעהרטע גערעדט פון זאכען וואס זיינע צוהערער האבען ניט געקענט פארשטעהן. ער האט אלע מאהל גערעדט וועגען אזעלכע זאכען וואס האט אינטערעסירט זייגע צוהערער און אויב עס האט זיך ווען געטראפען אז ער אהט געמוזט באריהרען א געגענשטאנד וואס איז געווען א ביסעל צו טיעף פאר די וועלכע ער האט גערעדט, האט ער אבער געהאט די פעהיגקייט דאס צו ערקלעהרען און עס מאכען אזוי איינפאך דאס אלע האבען איהם געקענט פארשטעהן, דאס איז געווען איינע פון די אורזאכען וואס ער איז געווען אימשטאנד זיך צו שאפען פריינד, ער איז אריין געקומען אין דעם גרויסען זאל וואס זיי האבען גערופען דער "עמפפאנגס צימער" וואו ער האט געפונען די גאנצע פאמיליע פערזאמעלט, און עס האט אויסגעזעהן דאס זיי האבען אויף איהם געווארט, מאדאם פיליפס האט אנגעפאנגען דעם געשפרעך:

— פראפעסאר ראבינסאן, מארגען פארנאכט וועט איהר האלטען אייער פארטראג, און ווי איך פארשטעה וועט איהר האבען צווישען אייערע צוהערער די פארשטעהער פון אונזער שטאדט, אין פינאנס, געזעלשאפט און אין אינטעלעקט, אלעקסאנדער און איך האבען א גרויסען חשק אייך צו הערען, הגם די טהעמא איבער וועלכע איהר וועט רעדען האט פאר אונז קיין אינטערעסע ניט, אבער עס איז ניט די טהעמא

נאר דער רעדנער וואס אונז אינטערע־
סירט, גלויבט איהר אז מען וועט אונז
אריין לאזען?

— מאדאם פיליפס,— האט ראָ־
בינסאן געענטפערט —אייער קאמפּ־
לימענט מאכט מיר שטאלץ, אייער
חשק מיר צו וועלען הערען, מאכט מיר
אזוי פיעל עהרע דאס איך געפין ניט
גענוג ווערטער איך מיין דאנק אויס־
צודריקען, אבער וואס עס אנבעטרעפט
די טהעמא, וועט איהר מיר ערלויבען
וועגען דעם א פּאר ווערטער צו זאגען;
עס איז שטארק צו בעדויערען דאס
א פרוי ווי איהר וואס גיט אב אייער
צייט און אייער ארבייט פאר אלעם
וואס איז גוט שעהנ און איידעל, און
איהר שטרעבט צו מאכען די וועלט
א בעסערען און בעקוועהמליכען ארט
פאר דער מענשהייט צו וואהנען אין
איהר, דאס איהר האט קיין מאל קיין
צייט ניט געהאט זיך אויף א מינוט
אבצושטעלען און בעטראכטען די גרוי־
סע פיגור פון דאקטאר טהאדאר הערצל.
איך בין בעקאנט מיט געשיכטע און
איך האב נאכגעפארשט די פארשידע־
נע ליטערארישע שטרעמונגען פון די
לעצטע צוויי הונדערט יאהר, און די
פארשיעדענע כאראקטערע וועלכע האָ־
בען געשפּיעלט א ראלע אין די אויס־
בעסערונג פון אונזער וועלט. אבער אין
ערגעץ האב איך ניט געפונען א גלײ־
כען צו אונזער העלד דאקטאר הערצל,
עס איז ביי אלעמען אנגענומען דאס
פערדינאנד לאסאלל איז איינער פון די
שעהנסטע פיגורען אין אונזער מאדער־
נע ליטעראטור, אבער לאסאל איז ניט
מעהר ווי א ראמאנטישער אינגעל ווען
מען פארגלייכט איהם מיט דאקטאר
הערצל, וועהרענד דער לעצטער איז
א פיהרער, א בעל חלום און אידעאליסט
און א קעמפּפער. אלע מאהל ווען איך
טראכט פון איהם דערמאהנט ער מיר
שטארק אן די פערזענליכקייט פון משה
רבינו, אפילו זייערע לעבענס געשיכ־
טעס פאסען זיך אזוי גוט איינע צו די
אנדערע. גראדע ווי משה איז דאקטאר
הערצל אוועק אין זיין יוגענד פון זיי־
נע ברידער צו לערנען חכמה און ווי־
סענשאפט אין די פּאלאטצען פון דיא
קעניגע, און ווי משה איז הערצל גע־
קומען צוריק און ער האט דערזעהען
דעם פּיין פון זיינע ברידער און זייע־
רע גרויסע צרות. ער האט דערזעהען
זייער עלענד: ווען אין פראנקרייך האט
מען געשלאגען זיינעם א ברודער דרײ־
פוס, און פון דאמאלס אן האט ער
ניט מעהר געקענט רוהען, ער איז
שטענדיג געלאפען צו די פרעה׳ס, און
פון די פרעה׳ס צו זיין פאלק ישראל.
ער האט גע׳חלומ׳ט דעם גרויסען חלום
צו בעפרייען זיין פאלק פון זייער גלות
און קנעכטשאפט און זיי מאכען פאר
א פרייע הייליגע און אידעאליסטישע
פאלק; און זיי צו פיהרען צו א לאנד
וואס פליסט מילך און האניג. אוואו
מאדאם געפינט איהר אזא זאנדערבאָ־
רע פיגור ווי הערצל? איך פארזיכער
אייך דעריבער אז די טהעמא וועט זיין
פיעל מעהר אינטערעסאנט ווי דער
רעדנער. וואס אנבעלאנגט וועגען א
פלאטץ פאר אייך צו דער פערזאמלונג
האט איהר ניט וואס צו זארגען, איהר
זייט מיינע פערזענליכע געסט און
דעריבער קען איך אייך צוזאגען דאס
דער שעהנסטער און בעסטער פלאטץ
וועט אויף אייך ווארטען, ווי איך האב
געהערט וועלען א סך פון אייערע פריינד
מיט וועלכע איך האב מיר דורך אייך
בעקאנט, דארטען זיין, זיי האבען בא־
שטעלט בילעטען פון דער קאמיטיי,
און צווישען זיי זייגען פאראנען דאק־
טאר אנדערסאן מיט זיין פרוי, די רעוו־
רענדס מארטימער און דזשאהנסאן און
פיעלע פון די פראפעסארען פון דער
היגער אוניווערזיטעט.

— איך האב דיר געזאגט עוועלין—
האט אלעקסאנדער פיליפס געזאגט צו
זיין פרוי — וואס פאר א גרויסען נאָ־
מען פראפעסאר רובינסאן האט; נעכ־
טען האט דאקטאר אנדערסאן צו מיר

טעלעפאנירט, אונז צו דאנקען פאר דער געלעגענהייט וואס מיר האבען איהם געגעבען צו ווייזען יינע גאסטפריינדשאפט צו אזא וויכטיגע פערזאן ווי פראפעסאר ראבינסאן און ער האט מיר געבעטען איהם צו העלפען איינצורעדען אונזער פריינד דאס ער זאל אננעהמען זיין איינלאדונג צו פארברייגען מיט איהם און זיין פאמיליע, א פאר טעג אין זייער היים אין קאונטרי, דאקטאר אנדערסאן באדויערט שטארק וואס דער פראפעסאר איז אהער געקומען גראד ווען עס איז וויקאציע, ער זאגט דאס ער וואלט שטארק געוואלט דאס פראפעסאר ראבינסאן זאל האלטען א פארטראג אין דער אוניווערזיטעט.

— מיין ליבער אלעקסאנדער! — האט עוועלין געענטפערט, — דארפען מיר האבען די מיינונג פון אנדערע צו וויסען די גרויסקייט פון אונזער גאסט? פאר מיר איז ערשט געניג געווען די מיינונג פון אונזער זוהן חערלד און דערנאך האבען מיר אליין אויסגעפונען דאס הערלד האט קיין טעות ניט געמאכט. איך בין נאר מיט איין זאך שטארק אונצופריעדען ואן איך מוז עס אפען פאר אייך זאגען, מיר האבען אייך פראפעסאר אויפגענומען אין אונזער היים אלס א פריינד און א גאסט, און גלויבט מיר ווען איך זאג אייך דאס איך האלט עס פאר א גרויסע עהרע! אבער איהר האט מיר פשוט בארויבט, איהר האט פון מיר צוגענומען ניט נור מיינע אייגענע צוויי קינדער נאר אפילו אויך עדי ווארנער, און איך האב שטארק מורא צו זאגען, מיין מאן אויך. ביז איהר זייט געקומען זיינען זיי אלע מאל געווען דארטען וואו איך בין געווען, אבער זינט איהר זייט געקומען האבען זיי כמעט אין גאנצען אין מיר פארגעסען און זיי פארברייגען נאר מיט אייך; אבער האט קיין מורא ניט, פראפעסאר איך וועל אייך אסור ניט פארקלאגען פאר דיעזער רויבעריי, און אז איך האלט שוין יא ביי מיין וידוי, וועל איך אייך ווייטער זאגען דאס איך פארדיינק זיי גאר ניט, עס פערדריסט מיר נאר דאס מיינע פיעלע געזעלשאפטליכע פליכטען ערלויבט מיר ניט צו פארברענגען מיט אייך אלעמען אבער זאלען מיר זיך אומקעהרען צו אונזער פאריגען געשפרעך; זאגט מיר פראפעסאר פארוואס איז דער איד אזוי הארט נאקיג אזא עם קשי ערף? ער איז אין אזא קליינע מינאריטעט, און ער איז צוזיהט און צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט, צווישען אלע פעלקער און נאציאנען, און אלע קוקען אויף איהם ווי אויף א פרעמדען, זיי האסען איהם און פערפאלגען איהם; פארוואס זאל ער תמיד דארפען קעמפפען פאר וואס זאל ער זיך ניט פארשמעלצען און אין גאנצען פארשווינדען, ער זאל אויפהערען צו עקזיסטירען אלס איד און זיך פערמישען מיט דער גרויסער מאיאריטעט?

— איהר זייט ניט די ערשטע פארצולייגען אזא פלאן, און אייער פלאן איז ניט קיין נייער — האט ראבינסאן געזאגט — דאס הייסט אז איהר גיט אונז א עצה, אום צו לייזען די אידישע פראגע זאל דער איד אויפגעבען זיינע אידישקייט און אננעהמען דעם קריסטענטהום. מיין ענטפער דארויף איז דאס ערשטענס איז עס ניט פראקטיש; און ווען עס וואלט אפילו געווען פראקטיש איז עס אונמעגליך. זאלען מיר ערשט בעטראכטען די פראקטישע זייט פון אייער רפואה.

— וואס איז געווען דער אייביגער קאמפף צווישען די צוויי געדאנקען וואס די געשיכטע רופט אן העלעניזמוס און יודענטהום? איז עס געווען א קאמפף וועגען רייכטהום, וועגען לאנד אדער וועגען פאליטישע מאכט? איהר אליין וועט מודהזיין אז אויב דאס וואלט געווען די אורזאכע פון דעם קאמפף,

וואלט פון דעם אידען שוין לאנג קיין סימן ניט געווען! דער אמת איז אז די מחלקה איז ניט געווען קיין פיזישע, נאר א גייסטיגע, עס איז געווען א קאמף צווישען צוויי פארשיעדענע לעבענס— אנשויאונגען, פון צוויי פארשיעדענע ריכטונגען אין דער קולטור; און מערקווירדיג אבוואהל דער איד האט אויסגעשטאנען אלערליי רדיפות און פארפאלגונגען, אבוואהל מען האט איהם געברענט אין פייער, און געטרונקען אין וואסער, און אבוואהל ער איז אין א גאנץ קליינע מינאריטעט; דאך האט דער איד געזיעגט אין אלע צייטען און אין אלע לענדער. ער האט געזיעגט אין מצרים, ער האט געזיעגט איבער דיא פלישתים, און ער האט געזיעגט ווען די גרויסע מאיאריטעט האט מיט איהם געמוזט מאכען א פשרה און האט בעשאפען דעם קריסטענטהום; און ווען האט די וועלט גענומען פאר איהר אידעאל? ניט קיין גריכישען אדער רוימישען יונגען מאן, נור זי האט אויסגעזוכט א אידען, דעם זוהן פון א סטאָלער און צו איהם בוקט זיך די גרויסע מאיאריטעט. און אפילו איצט אין דער מאדערנער וויסענשאפטליכער וועלט פיהלט זי דעם אידישען איינפלוס. זי איז באהערשט פון דעם איינפלוס פון שפינאזא, דעסקארטעס, מארקס, בערגסאן און איינשטיין אין דער גייסטיגער וועלט גיט עס ניט קיין מאיאריטעט. אדער מינאריטעט, וואלט איהר ראטהען יעדען אידעאליסט, יעדען טרוימער, דאס ער זאל באגעהן זעלבסטמארד, דערפאר וואס ער איז אין דער מינאריטעט? און דאך ווילט איהר דאס א פאלק זאל באגעהן זעלבסטמארד דערפאר וואס זי איז אין דער מינאריטעט.

— און איצט קומען מיר צו דער פראגע, אויב עס איז מעגליך דורכצופיהרען אייער עצה. איהר און איך און אפשר נאך טויזענדער איינצעלנע וואס זיינען ווי איהר און איך, קענען באשליסען צו טהאן דאס וואס מיר ווילען, אבער קענט איהר צווינגען פופצעהן אדער זעכצעהן מיליאנען מענשען צו טאהן דאס זעלבע? שוין דאס אליין אז דער איד האט אלץ אין דער וועלט איבערגעטראגען אין די נייגצעהן הונדערט יאהר פון גלות און ער איז געבליבען געטריי צו זיין גאט און זיין רעליגיאן; צו זיינע טראדיציאנען און זיין קולטור, און דאס ער איז היינט אזוי שטארק ווי ער איז געווען אין דער פארגאנגענהייט, דאס אליין באווייזט, אז אייער פלאן איז אונמעגליך. דער איד לעבט און ער וועט לעבען. ערלויבט מיר מאדאם פיליפס אייך צו ווייזען א ביישפיעל אין אייער אייגענער פאמיליע; איהר אליין זייט אוועק ווייט זעהר ווייט פון אונז, איהר האט אנגעשטריינגט אלע אייערע קרעפטען אויפצובערענגען אייער זוהן דאס רעליגיאן אדער ראססע זאל איהם ניט שטערען אין זיינע אמביציעס, איהר האט אנגעווענדעט אלע מיטלען פון איהם צו בעהאלטען דעם סוד אז ער איז א איד, און וואס האט איהר אויסגעפיהרט? אייער זוהן איז געקומען צוריק צו זיין פאלק און צו זייערע הויכע אידעאלען; און איך אליין האב דורכגעמאכט דיזעלבע ערפאהרונגען, מיין טאטע איז געווען א גרויסער רב, און אלע האבען מיר גערעכענט פאר זיין לאגישען נאכפאלגער. אבער צו מיין אכצעהנטען יאהר האב איך זיך אריין געווארפען אין דער רעוואלוציאנערע בעוועגונג און איך בין אוועק פון מיינע עלטערען, פון מיין פאלק און רעליגיאן אפשר נאך ווייטער ווי איהר, אבער וואס איז דער סוף, איך בין צוריקגעקומען צו מיין פאלק, נאציאנאלע אידעען זיינען ניט ווי די מאדע פון קלידער וואס בייט זיך פיער מאהל א יאהר, די נאציאנאלע געפיהלען לעבען אין די בלוט וואס פליסען אין אונזערע אדערען זיי זיינען א טהייל פון אונז אליין, און מיר קענען זיי ניט בייטען, זיי מעגען אפשר איינשלאפען אויף

א געוויסע צייט, אבער פריהער אדער שפעטער וועלען זיי זיך צוריק אויפכאפען און מיר וועלען ווידער ווערען דאס וואס מיר זיינען געווען

"די גרויסע צרה מיט אייך אלעמען איז, דאס איהר גלויבט צו פיעל אין דעם "אתה בחרתנו" אז מיר זיינען דאס אויסגעוועהלטע פאלק בעסער פון אלע אנדערע מענשען, פעהיגער פון אלע אנדרע פלקער, און גרעסער פון אלע אנדערע נאציאנען; און דאס האט א סך צו טאהן מיט די אידישע צרות — האט מרס פיליפס געזאגט

— איתר האט א טעות האט ראבינ־סאן געענטפערט— מיר דיינקען נישט אזוי נאר די פעלקער און נאציאנען דיינקען אזוי פון אונז, ווארום לאזט רוסלאנד ניט צו אונזערע קינדער צו איהרע בילדונגס אנשטאלטען? דער פאר וואס זיי ווייסען אונזערע פעהיג־קייטען און קענען אונזערע אייגענ־שאפטען, און דעריבער האבען זיי מורא אז אונזערע קינדער וועלען פערכאפען די בעסטע שטעלען אין דער רעגיערונג די בעסטע עמטער פון דער קאמערציע, זיי וועלען ווערען די רעדאקטערע פון איהרע צייטונגען, די פערפאסער פון איהר ליטעראטור, די בעשאפער פון איהר קונסט און די קאמפאזיטארען פון איהר מוזיק, מיט איין ווארט מיר וועלען ווערען די טאן געבער פון דער רוסישער קולטור. דאס איז אויך דער פאל מיט די אלע איבעריגע לענדער, זי האבען פשוט מורא פאר אונז, און מיינט איהר אז איך פארדיינק זיי? איך זאג אייך אז ניין, און דעריבער פריידינג איך צו מיין פאלק; ווארום זא־לען מיר אין יעדע לאנד זיין פרעמדע? ווארום זאלען מיר איבעראל קומען אלס גרים און קאנקורירען מיט די תושבים, זאלען מיר געהן צו אונזער אייגענער לאנד און ווערען בעלי בתים פאר זיך אליין —

— עוועלין—האט אלעקסאנדער פי־ליפס געזאגט—איך האב מורא אז דו האסט זיך אונטער נומען א צו שווערע ארבייט, דו ביסט פיעל צו שוואך צו דעבאטירען מיט פראפעסאר ראבינסאן, זיי זיך מודה אז דו האסט די דעבאטע פערלארען, אז ניט וועסטו מיאוס דורך פאלען.

—ניין פאטער — האט עליין געזאגט איך האב ווירקליך בעוואונדערט די מו־טערס מוטה, און איהר געשיקטקייט. מיר דאכט דאס זי האט אנגעפיהרט דעם וכוח אויסגעצייכענט גוט, שוין דערמיט אליין וואס זי האט ארויס גע־בראכט אזעלכע וואונדערבארע ער־קלעהרונגען. עס פארשטעהט זיך אז דיא דעבאטע איז איינזייטיג. איך בין זיכער אז ביי אונז אין שטאדט איז ניטא קיינער וואס וואלט זיך קענען אונטערנעהמען א דע־באטע מיט פראפעסאר רובינסאן און נאך איבערהויפט וועגען דעם אידישען נאציאנאליזמוס, אויסער דעם פראפע־סארס געשיקטקייט, פיהל איך דאס ער האט די שטארקערע זייט, און אז ער האט רעכט. אבער יעדענפאלס בין איך שטאלץ מיט דיר מוטער.

העראלד איז געזעסען און האט זיך צו געהערט מיט די טיעפסטע אינטערע־סע צו אלץ וואס איז געזאגט געווארען אבער ער אליין האט ניט א ווארט גע־זאגט, עס איז געווען קענטיג דאס זיינע געדאנקען האבען שטארק געארבייט; און ווען עליין האט געענדיגט איהר בעמערקונג האט ער זיך אויפגעהויבען פון דער זאפא. ער איז צוגעגאנגען צו ראבינסאן און האט איהם געדריקט די האנד, און ער האט געזאגט.

— די אונוויסענהייט איז בלינד, איך דאנק אייך פון מיין טיעפסטען האר־צען וואס איהר האט אזוי קלאר און דייטליך ערקלעהרט די פילאזאפיע פון אידישען נאציאנאליזמוס, א געגענ־שטאנד וואס האט באשעפטיגט מיינע געדאנקען פאר די לעצטע אכט יאהר. פון יענער צייט אן וואס איך האב אויסגעפונען דאס מיין גוטע מוטער

זוכט פון מיר צו בעהאלטען דעם אמת דאס איך בין א איד; שרעק זיך ניט מוטער איך מאך דיר קיין פארווירפע ניט איך וויים אז דו האסט דאס געטהאן כדי דיין קינד גליקליך צו מאכען און איך וועל דיר אייביג דאנקען פאר דיזע אנשטרענגונגען וואס דו האסט געמאכט; צובויען מיין גליק, הגם עס איז געווען אויף א פאלשען פונדאמענט, "לעבען מיינט קאמף" האט אונזער פריינד צו מרי נעכטען געזאגט אין א געשפרעך, איך האב א לוסט צום לעבען אין דעם פולען זינן פון ווארט. איך וויל מיר זאט אנטרינקען מיט דעם בעכער פון לעבען. זייט מיר ניט חושד דאכ איך בין אייליג, און איך האב קיין געדולד ניט; אדער אז איך בין הינגעריסען פון דער "שטורעם און דראנג פעריאדע" און איך שפרינג אין קאמף אריין אהן איבערלייגונג, צו אייך אויך פראפעסאר ראבינסאן, מוז איך מאכען איין ערקלעהרונג, כדי איהר זאלט ניט מיינען דאס איך האנדעל מעהר דורך די געפיהלען פון מיין הארץ איידער די געדאנקען פון מיין מח; איבערהויפט ווי איהר האט געהערט דאס איך האב מיר אויסגעדריקט אויף אונזער רייזע, אין דער פולמאן וואגאן, אייך צו זאגען דעם אמת, האט שוין דאמאלס דער נאציאנאלער געפיהל אין מיר געלעבט, אבער איך האב געזוכט איהם צו טוידטען. עפעס האט מיר דאמאלס שטארק געצויגען צו מיין פאלק און צו מיינע ברידער, און לאכט ניט פון מיר איך בעט אייך, עס זיינען געווען צייטען ווען דער חשק צו זיין מיט אידען איז געווען אין מרי אזוי גרויס דאס מעהרערע מאהל בין איך אוועק אין א בית מדרש וואו איך האב געזעהן צעהן אדער פופצעהן אידען זיטצען נעבען א לאנגען טיש און זיי האבען געלערנט, איך האב זיי ניט פערשטאנען, און איך וויים ניט וואס זיי האבען געלערנט, איך גלויב אז עס איז געווען גמרא, אבער דעם איינדריק וואס עס האט אויף מיר געמאכט וועל איך קיין מאל ניט פארגעסען, עס וועט בלייבען אויף אייביג אין מיין זכרון, מיין פאנטאזיע האט מיר געטראגען צו ירושלים וואו די סנהדרין זיינען געזעסען און האבען געלערנט; וואו אנדערש געפינט מען אזא הערליכען בילד? אלטע מענער. ניט קיין פראפעסארען, אדער ווי מיר וואלטען זיי אנרופען. "געלעהמטע" וועלכע פעדלען אפשר דעם גאנצען טאג מיט אלטע קליידער, אדער זיי ארבייטען אין דער "סוועט שאפ" און אין די ליידיגע שטונדען זיטצען זיי אין זייערע יארמולקעס ארום דעם גרויסען טיש און זיי לערנען אבסטראקטע אידעען. איך האב געלייענט די אידישע געשיכטע, און מיר איז בעקאנט די פארשיעדענע שטרעמונגען אין דעם אידישען לאגער פון דער צייט פון יהודה המכבי ביז דעם היינטיגען טאג, און וואס איז דער ענטפער צו דער געשיכטע פון דעם אידישען פאלק? נאציאנאליזמוס, איך בין ניט אונוויסענד פון דעם נייעם אנטיסעמיטיזמוס וואס לעבט און בליהט אין אייראפא און ער הייבט זיך אן אויך אריין צו גנב'ענען ביי אונז אין די פעראייניגטע שטאאטען; וואס איז די רפואה דערצו? ניט אסימילאציאן. רעליגיאן האט אויפגעהערט צו שפיעלען די הויפט ראלע, רעליגיאן איז שטארק אפגעשוואכט געווארען און זי קען ניט מעהר פאר אייניגען אדער צו שיידען, נאציאן און ראסע האבען פארנומען איהר ארט; מען האט אונז ניט מעהר פיינט וואס מיר גלויבען ניט אין קריסטענטהום נאר מען האסט אונז דערפאר וואס מיר געהערען צו אן אנדער ראסע, וואס מיר זיינען א בעזאנדערעס פאלק, און דערפאר וואס מיר זיינען נע ונדניקעס און מיר האבען קיין היים ניט, וואס קען זיין דער לאגישער ענטפער דארויף? א היימלאנד אויף אונזער אל־

טען באדען אין פאלעסטינא. פראפעסאר ראבינסאן, איהר האט מיר געוואונען אויף אייער זייט, מיט אייך צוזאמען וועל איך קעמפפען פאר דיזען גרויסען אידעאל, פאר מיין נייעם בעגריעף פון אידענטהום, נעהמט מיר אונטער אייער מאנטעל און פיהרט מיר; איך בין דאך נאך אלעמען ניט מעהר ווי א סטודענט און איהר זייט פראפעסאר, אונטער אייער השגחה וויל איך לערנען די נייע תורה און אונטער אייער פיהרערשאפט וויל איך קעמפפען און ארבייטען אום צוריק אויפצובויען אונזער אלט נייאלאנד; און ווער ווייס אפשר אין דער צוקונפט ווען די נבואה פון אונזערע פראפעטען וועט מקוים ווערען; ווען די עלטערן וועלען פארשטעהן די קינדער און די קינדער וועלען פארשטעהן די עלטערן, אפשר דאמאלס וועל איך האבען דעם גליק אויך אריין צו ברענגען מיין ליבע און געטרייע מוטער צו אונז אין לאגער אריין.

עוועלינס ליפען האבען געציטערט און א שווארצער וואלקען האט זיך אויסגעשפרייט אויף איהר געזיכט, עס איז געוועזען קענטיג דאס א וויטאג האט אנגעגריפען איהר הארץ און מיט איהר רעכטע האנד האט זי זיך א כאפ געטאן פארן ברוסט, עפעס אזוי ווי אינווייניג וואלט וואס עס איז געפלאצט, זי האט א געשריי געטהאן ״הערעלד״ און זי איז האסטיג ארויסגעלאפען פון צימער, אפילו ניט זאגענדיג ״גוט נאכט״.

— דאס איז געוועזען א צו שטארקער קלאפ פאר איהר, און צו פלוצלינג, — האט אלעקסאנדער פיליפס געזאגט — אבער שרעק זיך ניט מיין זוהן דאס וועט אריבערגעהן און זי וועט זיך אן דעם פארגעסען. טהו וואס דיין הארץ און מח הייסט דיר, איך ווייס ניט ווער פון אייך ביידען האט רעכט, נאר דו קענסט זיך פארלאזען אויף דיין רבי; פראפעסאר ראבינסאן, איך מוז זיך מודה זיין דאס מיין גרעסטער גליק אין מיין לעבען איז היינט דערפילט געווארען, מיין איינציגער זוהן האט אייך אנגענומען פאר א וועג ווייזער, איהר מעגט זיך ביידע אויף מיר פערלאזען, מיינע מאטריעלע הילפע וועט אלע מאל אויף אייך ווארטען — ער האט גענומען אפשיעד און האט נאך געפאלגט זיין פרוי.

עס איז מיט אן אמת געוועזען א צו גרויסער קלאפ פאר עוועלין, אין דעם האט אלעקסאנדער רעכט געהאט, אבער אז עס איז געוועזען צו פלוצלינג, האט ער געהאט א טעות, זי האט עס ערווארטעט פאר די לעצטע אכט יאהר, פון יעדער צייט אן וואס מאדאם האפמאן האט איהר דערצעהלט וועגען דעם געשפרעך וואס זי האט מיט איהר געהאט, אין ווי ער האט זיך אפגעזאגט פון צו ווערען א מיטגליעד אין דער פראטערניטי; זי האט גוט געקענט איר זוהנס כאראקטער, זי האט געוואוסט אז קוים באשליסט ער זיך צו וואס עס איז, איז עס ניט קיין קאפריז נאר א פרינציפ און אז עס האט איהם דערצו געפיהרט נאכדעם ווי ער האט א סך געטראכט און נאכגעדענקט; און ווען הערעלד האט זיך אפגעזאגט אריין צו טרעטען אין דער פאטערניטי דערפאר וואס ער איז א איד, האט זי שוין דאמאלס פארשטאנען דאס זיין נאטור וועט איהם ״דערב״ ניט לאזען בלייבען דאס ער וועט געהן ווייטער און ווייטער, אז ער וועט זוכען אידישע געזעלשאפט און זי האט מורא געהאט פאר זיך אליין גאר צו טראכטען וועגען דעם, ער וועט נאך חס ושלום חתונה האבען מיט א אידישע טאכטער, און אלע איהרע אנשטרענגונגען און איהר ארבייט וועט פערלארען געהן און עס וועט זיין אומזיסט. ווען הערעלד איז געקומען אהיים און זי האט באמערקט די קליינע סצענע אויפן וואגזאל, וואו ער איז געשטאנען מיט דער קאמיטע פון עטליכע אידען און ער האט זיך אזוי לעבעדיג אונטערהאלטען מיט זיי, האט זי איינגעזעהן אז

זי האט ריכטיג געאורטהיילט, ווען דעם זעלבען אווענד זי האט מיט איהם געהאט דעם געשפרעך וועגען די איינלאדונג פון פראפעסאר ראבינסאן צו זייער היים אלס גאסט האט זי איינגעזעהן דאס העראלד איז ניט מעהר קיין קינד, אז ער האט זיינע אייגענע אנשויאונגען און בעגריפע און ער האנדעלט אין איינקלאנג מיט זיי; און נאך ערגער זי האט אין איהם געפונען אן אפענעם דערקלעהרטען אידען. עס האט איהר שטארק געערגערט, אבער זי האט אין איהם געפונען א שטיקעל נחמה, א מוטערס נחמה; הגם זי איז געווען ענטוישט אין איהרע האפענונגען, אבער זי האט באמערקט ווי קלוג ער איז. וואס פאר א טאקט ער האט באנוצט צו דורך פיהרען זיין בעשלוס, ווי איידעל און שעהן ער האט עס געטהאן. ווי ליבעסווירדיג ער האט יענעם אווענד געהאנדעלט; נאך האט זי געפיהלט זיין קוש אויף איהרע ליפען און זיין לאנגען ארעם ארום איהר טאליע, נאך קלינגען זיינע ווייכע ווערטער אין איהרע אויערען. אבער זיין חאראקטער איז שטארק ווי שטאל, ער לאזט ניט אב א האר פון זיין בעשלוס און דאך איז עס געווען א טרייסט; אבער אז העראלד זאל זיך אריין ווארפען אין א אידישע באוועגונג און קעמפפען פאר א אידישע היים און פאר א אידישע לאנד, דאס איז געווען א צו גרויסער קלאפ.

עוועלין פיליפס איז געווען א פרוי פון דער וועלט, זי האט געהאט א גוטע ערציהונג און ניט קיין שלעכטע **בילדונג**, איהר מוטער איז געשטארבען ווען זי איז געווען א קליין קינד און איהר רייכער פאטער האט איהר אריין געגעבען אין א קאטוילישען קלויסטער, און די "הייליגע שוועסטער" האבען איהר אויפגעהאדעוועט און איהר געגעבען די בעסטע אונטעררויכט, דעריבער איז איהר בליק אויף דער וועלט געווען אלע מאל איינג און קורצזיכטיג; און די פעדימלאך וואס פארקניפען און בינדען צו צו פאטער, מוטער און פאלק זיינען אין איהר אפגעשוואכט געווארען, אין זיי האבען אין גאנצען אויפגעהערט צו טאהן זייער ארבייט; און עס האט אין איהר קיינע נייע פארבינדונגס קראפט ניט ענטוויקעלט, און זי האט התונה געהאט מיט דעם רייכען אלעקסאנדער פיליפס און זי האט גענומען שפיעלען איהר ראלע אין דער געזעלשאפטליכער וועלט, איז זי ארום געריננעלט געווארען פון די גאנץ רייכע קלאסען וועלכע זיינען ניט קיין אידען און ניט קיין קאטאליקען, און אזוי איז זי געשטאנען צווישען פארשיעדענע רעליגיעזע מהנות און זי איז ניט בעאיינפלוסט געווארען פון קיינע; אין איהרע סאציאלע טהעטיגקייטען האט זי באנוצט רעליגיאן ניט מעהר ווי א שפיעלצייג. וואס אנבעטרעפט איהר זוהנס ערציהונג, האט זי זיך געשראקען נאר פאר צוויי אונגליקען. זי האט קיין מאל ניט מורא געהאט פאר זיין כאראקטער, זי האט געהאט גענוג בעווייזע דאס ער איז פון דער נאטור אויס גוט. זי האט זיך געשראקען אז ער וועט אפשר אויסגעפינען אז ער איז א איד; און ער וועט זיך נאך צוריק קעהרען צו זיין פאלק. און איהר צווייטער שרעק איז געווען דאס ער זאל פון סאציאליזמוס; אין איהרע תפילות ניט אריינגעכאפט ווערען אין דעם נעץ האט זי געבעטען ביי גאט אויסגעהיטען איהר קינד פון די ביידע אונגליקען אבער איצט ווען זי אליין האט געהערט פון העראלדס מויל וואס זיין לעבענס ארבייט וועט זיין אין דער צוקונפט, האט זי זיך געוואונשען דאס ליבערשט האלט ער געוועהלט דעם סאציאליזמוס אנשטאט צו ווערען א איד און א ציוניסט, מיין גאט! דאס וועט ניט נור איהם אליין רואינירען, נאר עס וועט ברענגען אונגליק אויף דער גאנצער פאמיליע. אלע איהרע פריינד וועלען פון

איהם אנטלויפען, און עליין? —ארעמע עליין, וועלכע שעהנע פלענער איך האב פאר איהר געהאט. מיט איהר שעהנקייט און ליעבליכקייט, מיט איהר בילדונג און איחר ריינעם אונשולד, מיט איהרע רייכקייט און דעם פלאץ וואס זיר פארנעהמען אין דער געזעלשאפט. האב איך פאר איהר געהאפט דעם גרעסטען גליק. איך האב געחלומט די שעהנסטע חלומות און פלוצלינג זיינען מיינע האפענונגען און מיינע חלומות צושמאלצען געווארען. ווי א שניי אין געגענווארט פון דער הייסער זון,—זי האט גענומען איחר קאפ צווישען איהרע ביידע הענד, און זי האט געוויינט. אין אזא צושטאנד האט איהר אלעקסאנדער פיליפס געפונען. ער האט זיך צולאכט און ער האט געזאגט:

—דו נארישע קינד, דו וויינסט ווען דו האסט זיך גאר געדארפט פרעהען. עוועלין, מיר האבען אויפגעהאדעוועט צוויי קינדער מיט וועלכע מיר האבען אלע אורזאכען צו שטאלצירען, איך מוז דיר איצט זאגען עוועלין, דאס יענעם אווענד ווען העראלד איז אהיים געקומען און האט דיר געצוואונגען איינצולאדען פראפעסאר ראבינסאן צו אונז, איז מיין גליק געווען אזוי גרויס דאס איך קען עס ניט אויסדריקען. אבער איצט פיהל איך מיר נאך מעהר גליקליך, האסטו בעטראכט ווי וואונדערבאר ער האט אויסגעזעהן ווען ער האט דערקלעהרט זיין נייעם אידעאל, ווען ניט דו וואלט איך איחם ארום גענומען מיט מיינע ארעמס און איהם געקושט אהן אן אויפהער, זיין געזיכט האט געטראגען א געטליכע געשטאלט און זיין סטוטוע איז געווען אזוי גלייך און שטאלץ. ער האט מיר שטארק דערמאנט אן דיין זיידען, דער אלטער אבער ראבינער פון פראג, וועמען מיר פלעגען אלע יאהר בעזוכען. דעם לעצטען מאל וואס מיר האבען איהם געזעהן איז געווען מיט זעקס יאהר צוריק, א קורצע צייט פאר זיין טויט, דו געדענקסט זיין הויכען געשטאלט. זיין שטאלצען בליק, זיינע גרויסע ליכטיגע אויגען מיט זיין ליעבליכען שמייכעל ארום זיין שעהנע מויל אזוי ווי א נביא פון די אלטע צייטען, און אזוי האט היינט העראלד אויסגעזעהן. ווי ריין די ווערטער זיינען געקומען פון זיין מויל און ווי הערליך זיינע אויגען האבען געשטראהלט. ראבינסאן איז גערעכט; מיר קענען זיך ניט בייטען. דיין אלטער זיידע לעבט צוריק אין אונזער העראלד. און דו ביסט דער אייניקעל און די מוטער פון איהם. מיר זיינען גליקליך עוועלין.

די ווערטער האבען געהאט א ווירקונג אויף איהר מוטערס געמיטה, און זי האט זיך ווירקליך בערוהיגט. איבערהויפט האט אין איהר ארויסגערופען א שטאלץ דער פערגלייך וואס פיליפס האט געמאכט צווישען העראלד און איהר זיידען, "איהר העראלד און איהר זיידע" און אבוואחל ער איז געוועזען א איד און א רב איז זי ניט ווייניגער שטאלץ געוועזען; אלעקסאנדער האט עס באמערקט און ער האט געלאכט אין זיך, "אזוי זיינען די פרויען, א ווידערשפרוך, זי האט מורא איינצולאדען אין איהר היים א רב מען זאל חס ושלום ניט מיינען דאס זי איז א אידיש קינד, אבער זי שטאלצירט דערמיט וואס זי האט געהאט א זיידע א רב.

ענדליך האט זי זיך צו איהם געווענדעט.

— אלעקסאנדער. וואס וועלען אונזערע פריינד זאגען?

—דאס איז דיין גרעסטע קראנקהייט — האט אלעקסאנדער געענטפערט — דו האסט אלץ מורא פאר דאס וואס דיינע פריינד וועלען זאגען אלץ וואס זיי קענען זאגען איז, דאס אונזער זוהן איז א איד. א בעל חלום און אן אידעאליסט, אבער זיי קענען אויף איהם ניט זאגען דאס וואס אלע וויסען און זאגען אויף זייערע זיהן, אז זיי זיינען קארטען שפיעלער, שיכורים, הולטייעס וואס פארפיהרען אונשולדיגע פרויען

און מיידלאך; און זיי פעלשען זייערע פאטערס נעמען צו אנווייזונגען, עוועלין פארגלייך דיין זוהן דעם בעל חלום מיט די אנדערע זיהן און קלייב א חתן פאר דיין טאכטער וועלכע פון די צוויי סארטען ווילסטו פאר איהר וועהלען?

— אלעקסאנדער איך בין שטארק מיער, און האב קיין כח ניט צו רעדען נאר אפילו ניט צו טראכטען. איך וועל זיך גוט אויסרוהען, מיין קאפ וועט ווערען קלעהרער און מיר וועלען קענען מעהר רעדען דעריבער, אבער איצט מוז איך זאגען גוט נאכט! — האט עוועלין געזאגט און איז אריין אין איהר פריוואט צימער.

9־טער קאפיטעל

צו דער זעלבער צייט וואס אלעקסאנדער פיליפס האט געטרייסט זיין ווייב איבער איהר "גרויסען אונגליק" וואס איהר זוהן האט זיך דערקלעהרט פאר א אידען און א ציוניסט, זיינען ראבינסאן און העראלד געזעסען אין בעקוועהמע ווייכע שטוהלען אין דעם מזרח פליגעל אויפן צווייטען שטאק; זיי האבען ביידע גערייכערט סיגארעטען, א קרוג קאלטע וואסער איז געשטאנען אויף א קליינעם טישעל ניט וויט פון זיי וואס מעק האט בעזארגט און ראבינסאן האט אנגעהייבען:

— עס איז שוין אפילו גאנץ שפעט אבער איך האב קיין חשק ניט צו שלאפען און אזוי לאנג ווי דו ווינשט עס וועל איך אנהייבען צו דערצעהלען מיין צוגעזאגטע ערצעהלונג. אבער איידער איך טהו דאס מוז איך פאדערען דיין עהרענווארט קיינמאל א ווארט ניט צוזאגען צו קיין לעבעדיגען נפש וועגען דעם נאמען פון איין פערזאן וואס איך מוז אריין מישען אין מיין ערצעהלונג.

—איהר זאלט עס האבען — האט העראלד געענטפערט.

— איך דאנק אייך — האט ראבינסאן פארטגעזעצט. — ווי איהר האט שוין פון מיר געהערט בין איך דער זוהן פון א רב, יא מיין פאטער איז געווען דער רב פון חארקאוו, זיין נאמען איז געווען בעקאנט איבער גאנץ רוסלאנד, אלס געלעהרטער און אלס אידישער פארשטעהער; ער איז אויך געווען שטארק אנגעזעהען אין דער ניט אידישער וועלט, און אפילו אין די רעגירונגס קרייזען האט מען איהם שטארק רעספעקטירט, ער איז צוויי מאל גערופען געווארען אין פעטערסבורג פון דער רעגירונג ווען די אידישע פראגע איז פערהאנדעלט געווארען; מיין מוטער איז געווען די טאכטער פון א בעריהמטען רב, און זי איז געווען די בעסטע און איידעלסטע מוטער אין דער וועלט איך בין געווען זייער איינציגער זוהן, אין מיינע יונגע יאהרען האט מיין טאטע מיט מיר געלערנט לשון קודש, די רוסישע און דייטשע שפראכען און אויך מאטהעמעטיקע. אין אלע די געגענשטענדען איז ער געווען אנערקענט אלס אויטאריטעט. מיין מוטער האט געוואלט דאס איך זאל זיין א גרויסער געלעהרטער און זי האט ביי מיין טאטען געפועלט דאס ער זאל מיר לאזען שטודירען אין גימנאזיאום און אין אוניווערזיטעט איך האב אפגעהאלטען אן עקזאמען און איך בין אריינגענומען געווארען אין פיערטען קלאס, איך בין געווען פארעכענט פאר א וואויל אינגעל און איך האב מיינע לעקציען פארטיג געמאכט גאר אהן מיהע, איך האב זיך אויסגעצייכענט אין אלע געגענשטענדע; צו דער זעלבער צייט האב איך געפונען גענוג צייט צו לערנען גמרא מיט אלע פירושים און אויך אין דעם פאל האב איך געמאכט א גרויסען פארטשריט. אלעס איז צוגעגאנגען אין דער שעהנסטער און בעסטער ארדענונג ביז איך בין אריינגעקומען אין אוניווערזיטעט איך בין דאן אכצעהן יאהר אלט געווען, מיינע עקזאמענס האבען געטראגען די בעסטע מיינונגען. אויך דארטען האבען אלע בעוויזען צו מיר די גרעסטע פריינדשאפט. איך האב געלערנט מיט פליים און איך האב מיר

שטארק אויסגעצייכענט אין מיינע ארבייט; אין א גאנץ קורצע צייט נאך דעם ווי איך בין אריין אין אוניווערזיטעט בין איך אריין געצויגען געווארען אין די רעוואלוציאנערע בעוועגונג, א גרויסע פראפאגאנדע, איז אנגעפיהרט געווארען אין יענער צייט אין אלע בילדינגס אנשטאלטען, און איך בין געפאנגען געווארען אין דעם נעטץ, ווען איך בין קוים צוואנציג יאהר אלט געוועזן, בין איך שוין געוועזן דער פיהרער פון דער פארטיי אין אונזער שטאדט; ביז דאן בין איך געוועזן פרום און מיין פאטער האט קיינע אורזאכען געהאט צו זיין אונצופרידען מיט מיר; אבער לאנגזאם האב איך אנגעהויבען זיך צו שיידען מיט איהם אויפ'ן וועג פון רעליגיאן. ביז איך בין ענדליך געווארען אן אוילגעשפראכענער אפיקורס. עס איז איבעריג צו זאגען דאס מיינע עלטערן זיינען דערפון שטארק געקרייינקט געווארען; מיין פאטער האט מיר געמאכט פארווירפע, אבער וואס ארט א רעוואלוציאנער די פארווירפע, אדער שברת הלב וואס ער טהוט אן זיינע עלטערן, איך בין געוועזן א פרייער מענש און איך האב געגלויבט דאס קיינער האט קיין רעכט ניט צו פערלאנגען פון מיר אזעלכעס וואס זיינען געגען מיינע פרינציפען.

אין דער אידישער גאס האט מען אנגעהויבען שטארק צו רעדען וועגען מיר, מיינע אויפפיהרונגען און מיינע אפיקורסות; איך האב אויפגעהערט צו קומען אהיים און איך האב געדונגען א דירה אין א היים פון א קריסטליכע פאמיליע. און דערמיט האב איך אין גאנצען אפגעבראכען אלע מיינע פארבינדונגען מיט מיינע עלטערן. א פאר מאל איז מיין מאמע געקומען צו מיר אין צימער, זי פלעגט קומען אווענדס, ווען עס איז געוועזן פינסטער, און דורך הינטער געסלאך כדי מען זאל איהר ניט דערקענען. זי האט זיך ביי מיר געבעטען מיט טרעהרען "רודאלף קום אהיים ווי קענסטו דאס האבען אזא הארץ און אונז, דיינע אייגענע עלטערן אנצוטאן אזוי פיעל שברת הלב, אזוי פיעל יסורים? דיין טאטע וועט דאס ניט קענען איבערטראגען, ער געהט אוים ווי א ליכט", זי האט געוויינט מיט בלוטיגע טרעהרען, זי האט זיך ביי מיר געבעטען, זי האט מיר געקושט מיינע הענד און איז געפאלען צו מיינע פיס, אבער איך בין בלינד און טויב געוועזן צו פראשטעהן דעם גרויסען אונרעכט וואס איך באגעה געגען זיי, די צוויי איידעלסטע נשמות וואס האבען מיר געליעבט מעהר ווי זייער אייגענעם לעבען.

צו יענער צייט איז אנגעקומען אין אוניווערזיטעט א יונגע מיידעל, איהר נאמען איז געוועזן העלענא פאוולאף, זי איז געוועזן א זעלטענע שעהנהייט, און איז געוועזן בעגאבט מיט וואונדערבארע אייגענשאפטען. זי האט געקענט זינגען גוט גענוג צו נעהמען א הויפט ראלע אין די בעסטע אפערא געזעלשאפט, זי איז געוועזן אן אמת'ע קינסטלערין אלס פיאנא שפיעלערין; אבער איהר גרעסטע מעלה איז געוועזן די טוגענד, זי איז געוועזן די אונשולד אליין. מיר זיינען בעקאנט געווארען. מיר פלעגען פארברענגען צוזאמען. איך פלעג איהר אפט בעזוכען, זי פלעגט פאר מיר זינגען און שפיעלען, מיר פלעגען צוזאמען לייענען דייטשע, ענגלישע און פראנצויזישע ביכער. ענדליך האבען מיר ביידע אויסגעפונען דאס מיר זיינען פארליעבט איינע אין די אנדערע איך בין דאן געוועזן יונג און ראמאנטיש און איך האב איהר געליעבט מיט דעם גאנצען פייער פון מיין נשמה. אבער א וואנט איז געשטאנען צווישען אונז וועלכע איך האב ניט געקענט דורכברעכען. העלענא איז געוועזן די טאכטער פון א קריסטליכען רעגירונגס בעאמטען. הגם איך בין געוועזן ווייט אוועק פון מיין פאלק און מיין רעליגיאן, האב איך ניט געקענט פועלן ביי זיך התונה צו האבען מיט א קריסטליכע

מיידעל ניט אזוי וועגען רעליגיעזע אורזאכען, ווי אויס פראקטישע, מיין גאנצען לעבען האב איך פערבראכט אין איין אמת'ע אידישע אטמאספערע, דאס האט מיר געלאזען אונטער דעם איינפלוס דאס חתונה איז דער הייליגסטער אינסטיטוציאן אין אונזער געזעלשאפטליכען לעבען און איך האב געגלויבט אז ווען צוויי געהן חתונה האבען מוז אין זייערע ביידענס נשמות עקזיסטירען א געוויסע הארמאניע וואס קומט בירושה, און אין די צוזאמען פארונג פון איד און קריסט, פעהלט דיזע הארמאניע, דיזער אייינקלאנג.

— ביי אונז אין שטאדט האט זיך דאמאלס געפונען א סטודענט מיטן נאמען אלעקסיי לאפוכין, אין דער פריוועט וועלט איז ער געווען פארעכענט פאר א גרויסען פארשוין; און ער האט אויך געהאט גרויסע פעהיגקייטען. דעם ערשטען יאהר וואס ער איז געווען אין אוניווערזיטעט האט ער זיך גע'שמד'ט דאס האט אונז אלעמען אויפגעבראכט געגען איהם, אפילו א רעוואלוציאנער האט פיינט א משומד; ער איז געווארען א מיטגליעד פון אונזער געהיימער געזעלשאפט, און ער האט גענומען א טהעטיגע אנטהייל אין אונזער בעוועגונג. זיין כאראקטער איז געווען צוויימעלהאפט, און גלויבענדיג אין פרייע ליעבע האט ער דאס אויסגענוצט אום צו באפריעדיגען זיינע אונבעגרענעצטע ליידענשאפטען, און אלע פאר מאנאט האט ער געהאט אן אנדער פרוי. ער איז בעקאנט געווארען מיט העלענא און ער האט איהר אנגעהויבען צו פארפאלגען מיט זיינע אונריינע ליעבע אבוואהל ער האט דאמאלס געלעבט מיט א מיידעל פון אונזער שטאדט וועלכע איך האב געקענט פון קינדוויז אן, איהר פאטער איז געווען א רייכער און אנשטענדיגער סוחר און א חשובער בעל הבית פון מיין פאטערס געמיינדע, איהר נאמען איז געווען פיעדארא ליפמאן. זי איז געווען א נארישע און אויסגעלאסענע מיידעל וואס איז אריין אין דער באוועגונג כדי צו פארדעקען איהר אויסגעלאסענקייט מיט דעם מאנטעל פון סאציאליזמוס, זי האט עטליכע מאהל פארזוכט זיך אן מיר צו טשעפען און זי האט מיר אנגעבאטען איהר שענדליכע ליעבע, אבער איך האב איהר געגעבען צו פארשטעהן אין אייגפאכע ווערטער דאס איך וויל מיט איהר ניט האבען וואס צו טאהן ,דאס מיין ליעבע איז ניט פון איהר זארט און ניט פאר אזעלכע ווי זי איז.

א געוויסען אווענד בין איך געגאנגען באזוכען העלענא, איך בין געווען פעסט בעשלאסען צו מאכען א סוף פון אונזער ליעבע אהן אן אונטערשיעד וויפיעל געזונד דאס מעג מיר קאסטען. איך האב געדיינקט איהר דעם אמת צו זאגען און איך האב געוואוסט דאס אבוואהל העלענא וועט ליידען אזוי פיעל ווי איך, דאך וועט זי אויף דעם קוקען פון דעם זעלבען שטאנדפונקט ווי איך. און זי וועט איינזעהן דאס איך בין גערעכט. ווען העלענא האט די טהיר געעפענט, האב איך דערזעהן לאפוכין שטעהענדיג מיט זיין הוט אין האנד, ער האט באלד די הויז פארלאזען און ווען מיר זיינען פארבליבען אין צימער אליין האט זי אויסגעבראכען מיט טריעהרען און האט געזאגט: "רודאלף, אויב דו ליעבסט מיר מיט אן אמת, נעהם מיר אוועק און פארטיידיג מיר געגען דיזע שמוציגע באשעפענים. איך קען ניט מעהר דערטראגען זיינע באליידיגונג". איך האב איהר גענומען אין מיינע ארעמס, איך האב אוועק געקושט די טרעהרען פון איהרע אויגען. איך האב איהר געזאגט ווי שטארק מיין ליעבע איז צו איהר און ווי גליקליך איך וואלט מיר געשעצט ווען איך וואלט איהר קענען האבען אלס מיינע, אויף אייביג מיינע, אבער צווישען אונז שטעהט איין אייזערנע וואנט וואס מיר זיינען ניט אימשטאנד דורכצוברע־

בען; און דעריבער קענען מיר פאר קיין פאל ניט חתונה האבען און דאס איך בין עקסטרא היינט געקומען אהער צו מאכען א סוף פון אונזער אונגליקליכע ליעבע. איך האב געפיהלט ווי איהרע הענד און איהר גזיכט איז פלוצלינג קאלט געווארען, ווי איהר קערפער האט אנגעהויבען צו ציטערען; ענדליך האט זי מיט א פארשטיקטען טאן מיר געפרעגט: קען איך וויסען וואס דיזע וואנט איז?" איך האב איהר געזאגט מיינע אורזאכען, זי האט מיך רוהיג און געלאסען אויסגעהערט און ווען איך האב געענדיגט מיט א טיעפען זיפץ, האט זי מיר ארום געכאפט מיט ביידע הענד און זי האט מיר געקושט אהן אן אויפהער; און זי האט מיט שמחה אויסגערופען "איך בין גליקליך רודאלף איך בין גליקליך". איך האב זיך אויף איהר איינגעקוקט מיט בעוואונדערונג, אויף איין מאמענט האב איך זיך גע־שראקען דאס איהר פערשטאנד איז געריהרט געווארען, זי האט זיך בארו־היגט און האט מיר געהייסען זיך זעטצען לעבען איהר און זי האט מיר דערצעהלט דאס איהר אמתער נאמען איז חנה לעווין, דאס זי איז די טאכ־טער פון אן אדוואקאט אין קליין רוס־לאנד. דאס זי האט געקראגען א גוטע אידישע ערציהונג, ווען זי האט געענ־דיגט גימנאזיאום האט זי שטארק חשק געהאט אריין צוטרעטען אין אוניווער־זיטעט, אבער איהר פאטער האט בשום אופן ניט געוואלט באשטעהן דארויף דאס זי זאל ארויסנעהמען א רויטען פאספארט און זיך אנגעבען אלס א פראסטעטוטקע, וואס איז דער איינצי־גער מיטעל פאר א אידישע מיידעל ווען זי וויל זיך באזעטצען אין א שטאדט וואס איז אויסער דעם אידישען תחום. און אין דעם אידישען תחום זיינען ני־טא קיין אוניווערזיטעטען. איהר פא־טער האט דא געהאט א גוטען פריינד מיטן נאמען פאוועלאף, ער איז א קריסט און א הויכער בעאמטער. ער האט זיך צו איהם געווענדעט פאר הילפע, פא־וועלאף האט געראטהען איהר פאטער אז ער זאל איהר צו איהם שי־קען און זי זאל געהן אונטער זיין נא־מען און קיינער וועט ניט שטעלען קיין פראגעס, דער נאמען פאוועלאף איז גענוג איהר פון אלעס צו בעשיצען, דאס איז אבער א געהיים וואס קיינער טאר דערפון ניט וויסען. העראלד, קענסטו זיך פארשטעלען מיין פרייד און מיין גליק ווען איך האב אויסגעפונען דאס העלענא איז א אידיש קינד ווי איך? מיט א פאר וואכען שפעטער זיי־נען מיר אוועק געפאהרען אין א דער־בייאיגע שטעדטעל. מיר זיינען געקומען צום רב, און ער חאט אונז געגעבען הופה און קידושין און העלענא איז גע־ווארען מיין ווייב, אבער מיט אונזער חתונה האט זיך אנגעפאנגען א נייער שטורעם, די שטאדט איז באלד פול געווארען מיט די נייעס אז איך האב חתונה געהאט מיט א קריסטין, און איך בין ניט געוועזן אימשטאנד דאס אבצו־לייקענען. מיין טאטע איז פון גרוים הארץ קלעמענים קראנק געווארען, פינף וואכען איז ער געלעגען אויפן קראנקען בעט און ער איז געשטארבען פון א צובראכענע הארץ. אין די פינף וואכען וואס ער איז קראנק געוועזן האב איך קיין אווענד ניט פארפעהלט צו קור־מען אונטערן פענסטער פון זיין קראנ־קען צימער און זיך זאט אנגעקוקט אויף זיין פנים, איך האב זיך אבער ניט גע־טארט ווייזען פאר קיינעם פון די הויז געזונד. דער איינציגער וואס האט דער־פון געוואוסט איז געווען דער דאקטאר, ער האט מיר געהאלפען אז דאס בעט וואו מיין טאטע איז געלעגען איז געשטעלט געווארען אזוי דאס איך זאל קענען פון מיין בעהאלטענעם זעהן מיין טאטענס צורה. מיט עטליכע מאנאט שפעטער איז מיין מוטער קראנק געווארען און אין א קורצע צייט שפעטער איז זי נאך געגאנגען מיין טאטען. א, ארעמע טייערע גוטע מאמע! א פאאר שעה

פאר איהר טויט האב איך איהר געזעהן, זי האט נאך מיר געשיקט, זי איז געווען ביי איהר פולען פערשטאנד; ווען איך בין געזעסען ביי דער זייט פון איהר בעט האט זי מתפלל געווען צו גאט אז ער זאל מיר מוחל זיין מיינע זינד; דערנאך האט זי זיך געווענדעט צו מיר און מיט א שוואכע שטימע האט זי מיר געפרעגט: "מיין קינד, ביסטו גליקליך מיט דיין פרוי?" איך האב זיך צו איהר צוגעבויגען און איך האב אריין געמורמעלט אין איהרע אויערן: "מוטער מיין ווייב איז א כשר אידיש קינד ווי דו, איך בין דער גליקליכסטער אין דער וועלט." און זי האט געזאגט "איך וועל געהן און דאס זאגען דעם טאטען, און ער וועט דיר מוחל זיין." מיט א פאר שעה שפעטער איז זי אוועק צו מיין טאטען.

מיט דעם טויט פון מיינע עלטערן האבען זיך נייע צרות פאר מיר געעפענט, די אידישע באפעלקערונג האט אויף מיר געטייטעלט מיט זייערע פינגער; זיי האבען מיר באשולדיגט אלס דער מערדער פון מיינע עלטערן.

צו יענער צייט האב איך געענדיגט מיין שטודיום און פאר מיינע אויסצייכנונג אין אלע געגענשטענדע, האט דער מיניסטער פון בילדונג מיר געמאכט פאר אן אסיסטענט פראפעסאר פון פילאזאפיע, מיט דעם צוזאג דאס אזוי שנעל ווי עס וועט זיך עפענען א געלעגענהייט וועל איך ווערען א פאלקאמענער פראפעסאר. העלענא און איך האבען געלעבט גליקליך, א יאהר נאך אונזער חתונה איז אונז געבארען געווארען א זוהן, מיר האבען איהם א נאמען געגעבען יאקאב, דאס איז געווען מיין טאטענס נאמען. מיט דריי יאהר שפעטער איז אונזער טאכטער געבארען געווארען.

ער האט איהם דערצעהלט פון משה סאמועלעוויטץ, ווי ער האט איהם געגעבען אונטערריכט און איהם פארבע־בערייטעט פאר די עקזאמענס; און דאן האט ער איהם דערצעהלט די געשיכטע וואס דאקטאר זאלקין האט איהם דערצעהלט, און אויך פון זיין געשפרעך מיט מעדאף אין האטעל ראדיסאן און ער האט געענדיגט מיט פאלגענדע ווערטער:

—איך בעטראכט דאס כמעט פאר איבערנאטירליך, פאר העכער 20 יאהר האב איך אנגעווענדעט אלע מיטלען און אויסגעזוכט די גאנצע וועלט כאטש א שפור צו געפינען פון מיין אונגליקליכע פרוי און קינדער וועגען דעם גרויסען פארברעכן וואס איז געגען אונז בעגאנגען געווארען, אבער אלע מיינע אנשטרענגונגען זיינען געווען אומזיסט, ביז איך בין געקומען אהער אין מינעאפאלים, און דא האב איך געפונען צוויי פון די קאנספיראטארס, וועלכע האבען געפלאנעוועט מיין פארניכטונג; וואס זייערע מאטיווען זיינען געווען און ווי זיי האבען דאס דורכגעפיהרט, און נאך מעהר איך האב דא געפונען איינעם וואס האט אנגעווענדעט אלע מיטלען מיר צו פארהיטען פון דעם אונגליק.

— ווער איז די צווייטע פערזאן? עס איז לייכט צו פארשטעהן דאס מעדאף איז איינער פון די צוויי — האט העראלד געזאגט.

— די צווייטע פערזאן איז פיעדארא ליפמאן. זי וואהנט דא אין מינעאפאלים און זי האט דא אויך א זוהן וואס איז די פרוכט פון איהר ליעבע מיט לאפוכין. דעם זוהן קענסטו גוט, העראלד, דער זוהן פון יענע צוויי אויסווארפען איז אונזער פריינד עדי ווארנער — האט ראבינסאן געזאגט.

העראלד איז געבליבען ווי פון אן הארמאט געטראפען, ווען ער האט געהערט ראבינסאנס לעצטע ווערטער, ענדליך האט ער אויסגערופען:

— מיין גאט, וואס הער איך, איז דאס מעגליך? אדער איז דאס ניט

מעהר ווי א חלום? איהר זאגט דאס עדי איז דער זוהן פון פיעדארא און לאפּר־כין, און ער איז מיין שוועסטערס גע־ליעבטער? מיינט איהר אז ער אליין ווייס וואס דערפון

— גאט בעוואהר, עדי איז ריין און אונשולדיג ווי א נייע געבארענע קינד, און איך בין זיכער אז ער ווייס אפילו ניט דאס זיינע עלטערן זיינען אזוי פארדארבען און אזעלכע אויסוואורפען. און נאך מעהר, ער זאל דאס אויך קיין מאהל ניט וויסען, אויף דעם האס־טו מיר דיין עהרענווארט געגעבען. — האט ראבינסאן געזאגט — און וועגען דעם וואס ער איז דיין שוועסטערס געליעבטער, מוזען מיר די זאך ערנסט און אהן פאראורטהיילע בעטראכטען; מיר ביידע קענען איהם. מיר וויסען דאס ער באזיצט אן איידעלען כאראק־טער, ער איז עהרליך ווי דער טאג. איז עס רעכט דאס מיר זאלען איהם האלטען פאראנטווארטליך פאר די זינד פון זיינע עלטערן? דאס פאסט זיך ניט פאר ענטוויקעלטע מענשען ווי מיר ביידע; עלטערן זיינען אפילו ניט פעראנטווארטליך פאר זייערע קינ־דער, ווי קענען מיר האלטען עדי'ן פעראנטווארטליך פאר זיין פאטער און מוטער דערפאר וואס זיי זיינען שאר־לאטאנעס? זאלען מיר פון איהם טראכ־טען אין דער צוקונפט ווי מיר האבען פון איהם געטראכט ביז אהער.

— אבער דיינקט איהר ניט פראפע־סאר — האט הערואלד געפרעגט — אז ווען עדי וועלט וויסען די אייזנצעלהיי־טען פון אייער אונגליק און די ראלע וואס זיינע עלטערן האבען אין דעם גע־שפיעלט, דאס ער וועלט אייך אפשר קע־נען העלפען אין אייערע פלענער ווי אייער פרוי און קינדער צו געפינען.

—עס קען זיין אז יא, — האט רא בינסאן געענטפערט, — אבער איך וועל ניט בויען מיין גליק אויף דעם אונגליק פון איין אנדערען און נאך בפרט ווען דער אנדערער איז עדי ווארנער, אדער עליין פיליפּס.

—איך פארשטעה אייך פראפעסאר, ראבינסאן — האט הערואלד געזאגט— און איך האב נאך וואס פון אייך גע־לערנט, איהר זייט מיער און איהר דארפט רוה, מארגען איז אייער גרוי־סער טאג, בעסער געהט שלאפען. וואלט איהר וואס וועלען צו בייסען? אדער אפשר וואס טרינקען פארן שלאף?

— א גלאז טהעע — האט ראבינ־סאן געזאגט, מען האט אריינגעבראכט א קויינעם רוסישען סאמעוואר און האט איהם אנגעשטעלט און אין א קור־צע צייט האבען ביידע פריינד געוויי־כערט פרישע ציגארעטען און געטרונ־קען טהעע, מיט א האלבע שעה שפּע־טער האבען זיי ביידע געשמאק געשלא־פען.

דעם נעקסטען מארגען, זונטאג פריה איז ראבינסאן אויפגעשטאנען זיעבען אזייגער, ער האט גענומען א קאלטע באד און האט זיך אפגעגאלט, ער איז ארונטער געגאנגען די טרעפּ, ער האט געפונען די צייטונגען דרויסען ביים טהיר, ער האט איינע מיט זיך מיטגע־נומען און איז אריין אין גארטען, ער האט אויסגעקליבען א קיהלען ארט וואו ער האט זיך באקוועהם געמאכט און ער האט גענומען לייענען די צייט־טונג. קוים זיינען פינף מינוטען פאר־ביי ווען ער האט דערהערט לויזע טריט אויפן גראז און דאס שארכען פון א פרויען קלייד; ער האט אויפגעהובען זיינע אויגען און דערזעהן עליין קומענ־דיג צו איהם; זי האט אויסגעזעהן פריש, איהרע באקען א ביסעל רויט־לאך און איהרע אויגען זיינען געווען פאר'חלומט, עפּעס אזוי ווי דער טהוי, וואס האט באדעקט די בוימער, גראזען און בלומען פון דער אומגעגענד וואלט אויך געווען אויסגעשפרייט אויף איהרע אויגען. זי איז צו איהם צוגעגאנגען און האט געזאגט:

—גוט מארגען פּראפעסאר ראבינ־

סאן, מעג איך פרעגן וואס אייך ברענגט אהער אזוי פריה.

קיין אנדער זאך ווי דער פארלאנג נאך לופט האט ראבינסאן געענטפערט מעג איך מיר בענוטצען מיט דער זעלבער פראגע?

— געוויס, מיין ענטפער איז נאר, אייך צוגעפינען—האט זי געענטפערט,

— איהר שמייכעלט מיר, מיס עליין — האט ראבינסאן געזאגט — מיט וואס קען איך אייך דיענען ?

— פראפעסאר איהר האט געלייגט אונזער סוד, איך מיין דעם סוד וואס געהערט צו עדי און צו מיר איהר ווייסט דאס מיר האבען זיך ביידע ליעב; און איהר קענט לייכט פארשטעהן וואס פאר א גרויסען קאמפף על שטעהט מיר פאר, איהר קענט מיין מוטער און איהר זייט בעקאנט מיט איהרע אנשויאונגען, און הגם איך בין שטארק היגעריסען פון מיינע ראמאנטישע חלומות, בין איך אבער אויף איין האר ביי זיך ניט גענארט דאס מיין מוטער וועט לייכט איינשטימען צו דעם שידוך, איך בין אבער בערייט צו קעמפפען ביז אונזער ליעבע וועט געווינען. ווי לאנג דער קאמפף וועט דויערען ווייס איך ניט; איך בין אבער בעשלאסען צו ברענגען די גרעסטע קרבנות אויף דעם מזבח פון מיין ערשטע ליעבע. אבער איין זאך איז ביי אונז ביידען פעסט אנגענומען אז עדי טאר ניט מעהר זיין אין אונזער הויז, און ער מוז אוועק פאהרען פון מינעאפאליס, און ווי הייליג אונזער ליעבע זאל ניט זיין טאר ער אבער ניט אונטערברעכען זיין שטודיומס און צוליעב דעם קום איך איצט צו אייך ווי צו איין אייגענעם פאטער, נאר איהר אליין פראפעסאר קענט אונז העלפען, נעהמט עדי מיט אייך אין שיקאגא און העלפט איהם דארטען צו ענדיגען זיין שטודיום, וועהרענד איך וועל פארזוכען אנצופילען דעם תחום וואס שיידעט אונז פאנאנדער.

אבוואהל ראבינסאן האט געוואוסט ווי שטארק איהר ליעבע איז צו עדי, און ער האט געפיהלט ווי איהר קערפער יוערט פארצעהרט פון דעם פייער וואס האט זיך אין איהר הארצען אנגעצינדען, דאך האט זי צו איהם גערעדט די ווערטער אזוי געלאסען אזוי ווי דאס וואלט גאר ניט געווען איהר אייגענער עסק, ער האט אויף איהר געקוקט מיט בעוואונדערונג און האט געזאגט:

—גליקליכער עדי ! זעהר פיעל וואלט איך אפגעגעבען ווען מיין זוהן יאקאב וואלט געליעבט ווערען פון אזעלכע ווי איהר, אבער זאגט מיר מיס עליין, ווי איך פארשטעה האט דא עדי א מוטער, ווייס זי פון אייער ליעבע? און ווייס זי אז עדי וויל מיט מיר פאהרען נאך שיקאגא?

— זי ווייס דאס עדי וויל מיט אייך פאהרען נאך שיקאגא — האט עליין געענטפערט — אבער איך גלויב ניט אז זי ווייס פון אונזער ליעבע, עדי איז געטריי צו איהר און זארגט פאר איהר ווי א זוהן דארף זארגען פאר זיין מוטער, אבער צו דער זעלבער צייט פארטראגען זיי זיך ניט צום בעסטען. ווי עס ווייזט אויס פארשטעהן זיי זיך ניט איינע די אנדערע. זי איז שטארק יאגעגען דאס ער זאל פאהרען מיט אייך, זי האט איהם געזאגט אז זי קען אייך, דאס מיט לאנגע יהרען צוריק זייט איהר געווען גוטע פריינד. ער האט מיר אויך פארטרויט, דאס פאר די לעצטע עטליכע טעג שיינט זי צו זיין ניט מיט אלעמען; זי איז שטארק אויפגערעגט און זי איז אין א נערוועזען צושטאנד, און זי האט נעכטען געזאגט צו עדי דאס זי וויל געהן זעהן דאקטאר זאלקין.

מיין ענטפער אויף אייער בקשה איז — האט ראבינסאן געזאגט — אז איהר מעגט זיך אויף מיר פארלאזען. מיס עליין, מיט אלץ וואס איז נאר דא אין מיינע כוחות וועל איך העלפען אייך און עדי אין אייער ראמאן, זאגט

נאר ארוים דעם ווארט וואס אייער פערלאנג איז, און איך וועל עס טהאן, זאגט עדי ער זאל זיך מאכען רייזע פארטיג, איך וועל איהם נעהמען מיט מיר נאך שיקאגא, ער וועט וואהנען מיט מיר אין מיין אפארטמענט און איך וועל מיט איהם לערנען, איך וועל אויך זעהן איהם צו בעזארגען מיט וועלכע עס איז לייכטע ארבייט דאס ער זאל קענען פערדיענען עטליכע דאלאר א וואך עקסטרא, כדי ער זאל זיך קענען פיהלען אונאבהענגיג.

— פראפעסאר ראבינסאן, איך ווינש אייך דאס אייער טאכטער און אייער זוהן זאלען זיך אייביג טרעפען מיט אזעלכע גוטע פריינד ווי איהר זייט צו מיר— האט עליין געזאגט מיט וואַרעמקייט — זי האט חן'עוודיג אויסגעשטרעקט איהרעביידע הענד צו איהם ער האט זיי געגומען אין זיינע און האט זיי פריינדליך געדריקט און זי האט פארטגעזעצט — לאזט מיר אייך דאנקען פאר אייער גרויס הערציגקייט, די גרעסטע און בעסטע פיער מענער אין מיין יונגען לעבען וועלען אלע מאל זיין מיין פאטער, מיין ברודער, עדי און איהר. איך וועל אייך קיין מאהל ניט אויפהערען צו דאנקען. — און זי איז אוועקגעלאפען.

ראבינסאן האט איהר נאכגעפאלגט מיט זיינע אויגען וועהרענד זי איז פול מיט חן געלאפען איבער דעם פערטהויטען גראז און ער האט צו זיך אליין איבערגעזאגט די פריהערדיגע ווערטער "גליקליכע עדי" און ער האט אנגעהויבען צו טראכטען ווי איראניש דער גורל שפיעלט מיט אונז. — עדים עלטערן האבען פון מיר מיין גליק געראויבט, און האבען מיר צושיידט פון מיין פאמיליע און איך בין איינגעלאַדען געווארען צו העלפען בויען דעם גליק פון זייער זוהן. אבער איך וועל טהאן וואס איך וועל קענען צו העלפען די צוויי קינדער; עדי איז אן אויסגעצייכענטער יונגער מאן און איך האב איהם באמת ליעב געקראגען כמעט פון דער ערשטער מינוט וואס איך האב איהם דערקענט; און עליין, וואס פאר א ליעבענס ווירדיגע קינד זי איז, ווער וואלט זיין אימשטאנד זיך אבצוזאגען פון איהר ווען זי פארלאנגט הילף? זי איז ווירקליך אלץ וואס הערצלד רופט איהר ווען ער רעדט פון איהר. איך מוז און וועל די צוויי קינדער העלפען בויען זייער גליק. דער ים אויף וועלכען אונזער לעבענס שיף פאהרט ארוים איז אונזיכער אפילו פאר ערפאהרענע שיפער; די כוואליעס ווארפען אונז ארום אהער און אהין, און זיי שאקלען אונז ארויף און אראפ די מעהרסטע פון די שיפער זינקען צום אבגרונד איידער זיי קומען צום געווינשטען ארט, איך וויל העלפען דעריבער די צוויי יונגע אונערפאהרענע קינדער אנצופאנגען זייער רייזע איך וויים ניט און איך וויל ניט וויסען וואו דער ווינד וועט זיי טראגען אבער זאלען זיי ווייניגסטענס ארויספאהרען אויפן שטורמדיגען ים מיט די נויטיגע פארבערייטונגען.—אזוי איז ראבינסאן געזעסען יענעם שעהנעם זונטאג פריהמארגען און האט האלב געטראכט און האלב געחלומט וועגען די אונבעשטימטקייט פון לעבען. עס איז געווען דער אנהייב פון דעם יאוש וואס האט זיך אנגעהייבען אריין צו גנבענען אין זיינע געדאנקען. ווער ווייס ווי לאנג ער וואלט אזוי אוועק געחלומט ווען ניט דער דיענער וואס איז געקומען איהם רופען צו פריהשטיק.

אין דעם פריהשטיק צימער וואס איז געווען אויפן ערשטען שטאק אונטער ראבינסאנס באלקאן און איז געווען אין גאנצען פון קריסטאל און ארום גערינגעלט מיט די שעהנסטע בלעטער בלומען און קליינע בוימער; אין יענעם צימער האט ראבינסאן געפונען די פאמיליע און אויך עדי ווארנער ארום טיש אויף זייערע געוועהנליכע ערטער, אבער עס האט עפעס היינט געפעהלט די לעבעדיגקייט וואס ראבינסאן איז גע־

ווינט געווארען צו טרעפען צו יעדער מאהלצייט. מאדאם פיליפס חאט אויסגעזעהען צו זיין שטארק פאראומערט און איהרע געדאנקען איז געווען צושלאגען. עליין איז געווען פארטיעפט אין איהרע אייגענע געדאנקען; עדי איז געווען אויפגערעגט און נערוועז, העראלד האט אפילו פארזוכט אנצונעהמען זיינע געוועהנליכע שטימונגען אבער עס האט איהם ניט געלונגען; וואס עס איז חאט איהם געשלעפט צו זיינע ערנסטע געדאנקען, צו זיין נייעם „אני מאמין" וואס ער האט נעכטען בייגאכט דערקלעהרט אין געגענווארט פון זיין גאנצער פאמיליע. דער איינציגער וואס איז היינט געווען פרעהליכער פון אלע מאל איז געווען אלעקסאנדער פיליפס, ער איז געווען א געבארענער אפטימיסט. ער האט אלע מאהל געזעהען נאר דאס גוטע און איידעלע אין לעבען, אין פאמיליען און געזעלשאפטליכע אנגעלעגענהייטען האט ער זיך ניט געמישט ער האט עס אין גאנצען איבערגעלאזען צו זיין פרוי. וועגען רעליגיעזע פראגעס חאט ער סתם קיין צייט ניט געהאט וועגען דעם צו טראכטען· ער איז געווען דורך און דורך אן אמעריקאנער "ביזנעסמאן" און ער האט שטארק געהאלטען פון דעם כלל "ביזנעס בעפאר פלעזשור" ער דארף נאר געבען גענוג געלד צו באזארגען די פאמיליע מיט אלע לוקסוס. טיעף אין זיין נשמה האט געלעבט א פונק פון אידישקייט. עס איז אמת אז דיעזער פונק איז געווען זעהר שוואך אבער דאך חאט עס פון צייט צו צייט ארויסגעוויזען סמנים פון לעבען ווען אפילו עס איז געווען איינגעוויקעלט אין פאנאטיזמוס. אט, צום ביישפיעל צינדעט ער אן א ליכט אין זיין צימער אלע מאל ווען עס געפאלט יאהרצייט נאך זיין פאטער און מוטער און ער לאזט עס ברענען פיער און צוואנציג שעה, זיך קיין מאל קיין רעכענונג ניט אפצוגעבען פארוואס ער טהוט דאס, אזוי אויך פלעגט ער יום כפור פארלאזען די חויז אהן פריהשטיק און אוועק געהן צו זיין אפיס און דעם גאנצען טאג ניט עסען. ער האט געוואוסט ווען יום כפור איז דורך זיין פריוואט סעקרעטער וועלכע איז געווען א אידיש קינד און זי איז אנגעקומען אין זיין אפיס מיט יאהרען צוריק ווען זי איז געבליבען א יונגע אלמנה, זי פלעגט איהם אנזאגען מיט א פאר טעג פריהער דאס זי וועט ניט קומען ארבייטען יום כפור, ווארום האט ער געפאסט? זיין ענטפער צו זיך אליין איז געווען — אה עס איז א געוואהנהייט פון קינדווייז אן. און אגב שאדט ניט צו לאזען דעם מאגען רוהען אויף א טאג.

זיינע אידישקייט האט מען געקענט באמערקען פון אן אנדער שטאנדפונקט, און דאס איז געווען די אינטערעסע און ליעבע צו זיינע צוויי קינדער; שטילערהייד האט ער זיך צוגעקוקט צו זייערע קערפערליכע און גייסטיגע ענטוויקלונגען· מיט די טיעפסטע איבערגעבענהייט. ער איז ניט געווען אין גאנצען איינשטימיג מיט זיין פרוי אין דעם ארט פון דעם לעבען וואס זי האט אנגענומען פאר זיך און דער גאנצער פאמיליע; נאר פון שלום בית וועגען האט ער איהר געלאזט געהן איהר וועג. "עס לוינט ניט אנצומאכען מחלקה'ס איבער אזעלכע זאכען" פלעגט ער זאגען צו זיך אליין; אבער ווען אלעקסאנדער פיליפס חאט זיך צו געהערט צו זיין זוהן העראלד ערשט יענעם אווענד ווען ער איז אהיים געקומען און דאן נעכטען אווענד ווען ער האט דערקלערט זיינע אנזיכטען איבערן יודענטום און זיין בעשלוס פאר דער צוקונפט איז זיין פאטערס הארץ געווארען פול מיט פרייד און גליק. ער האט געפיהלט דאס זיין זוהן, געהט באצאהלען צו זיין פאלק און זיינע שטאמס גענאססען דעם חוב וואס ער האט פארפעהלט צו בעצאהלען און איז שולדיג געבליבען. און ער איז געווען ווירק-

יך העכסט פרעהלאד ווען ער איז אריין
עקומען אין פריהשטיק זאאל, ער האט
עשטיפט געלאכט און גערעדט, אבער
ט אלע זיינע מיחע האט ער ניט גע־
ענט אויפמונטערן די איבעריגע מיט־
יעדער און דער פריהשטיק האט זיך
געענדיגט ווי ער חאט זיך אנגעפאנגען.

ווען זיי האבען זיך גענומען אויפ־
ייבען פון טיש האט מאדאם פיליפס
פלוצלינג געזאגט.

— פראפעסאר ראבינסאן, וועט
איהר אזוי גוט זיין און מיר געבען א
האלבע שעה פון אייער צייט? איך האב
מיט אייך וואס וויכטיגעס צו רעדען
און איך נויטיג זיך אין אייער הילפע.

זי האט איהם געבעטען צו קומען
אין צעהן מינוטען אין איהר פריוואט
עמפפאנגס צימער.

10־טער קאפיטעל

מיט צעהן מינוטען שפעטער האט ראבינסאן זיך געפונען אין אן עלעגאנטען, רייך בעפוצטען צימער וואס איז געווען אראנזשירט מיט גרויס געשמאק די שווערע זיידענע גארדינען זיינען געווען האלב ארונטער געצויגען, און עס האט צו געגעבען א ווייכע זאנפטע שטילקייט צו דער רייצענדער אטמאספערע. עוועלין פיליפס האט איהר גאסט ניט לאנג געלאזט ווארטען און זי איז באלד אריין געקומען דורך א צווייטער טהיר. נאך דעם ווי זיי האבען זיך ביידע געזעצט האט זי באלד אנגעפאנגען איהר געשפרעך:

— ענטשולדיגט מיר וואס איך האב מיר ערלויבט אייך אהער צו ברענגען, אבער דער געגענשטאנד איבער וועלכען איך וויל מיט אייך רעדען איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, און איך ווייס ניט קיין בעסערען מענשען צו וועמען איך קען מיר ווענדען ווי צו אייך; אבער איידער מיר וועלען אנהייבען אונזער הויפט ענין מוז איך מיר פאר אייך ענטשולדיגען וואס איך האב זיך נעכטען ביינאכט אזוי ניט פאסיג אויפגעפיהרט; איך וויל אייך פארזיכערען דאס איהר האט קיינע אורזאכע זיך וועלכע פארווירפע צו מאכען אין העראלדס האנדלען; איך האב ניט אויף אייך דעם קלענסטען חשד אז איהר האט אין דעם דאס מינדסטע שולד, דער אמת איז דאס איך האב עס דערווארטעט פאר די לעצטע אכט יאהר. איך האב מורא פראפעסאר, דאס איך האב מיינע קארטען שלעכט געשפיעלט; און פאר די פיעלע פעהלערען וואס איך האב געמאכט וועל איך איצט מוזען גאנץ טהייער בעצאהלען, איך וואלט שוין אבער צופרידען געווען מיט די פעהלערען וואס העראלד האט געמאכט מיט זיין נארישען אידעאליזמוס, ענטשולדיגט וואס איך באנוץ זיך מיט דעם ווארט "נארישען" איהר דארפט ניט פארגעסען דאס עס האט געדויערט יאהרען ביז איך האב מיר איינגעארדענט אין דעם ארט פון לעבען אין וועלכען מיר געפינען זיך איצט, און מען קען זיך ניט אזוי געשווינד ענדערען און אין א מינוט זיך צוריקקעהרען צו דעם לעבען פון מיינע עלטערן און אור עלטערן. און ווען איך זעה ווי מיין זוהן ווארפט אוועק א לעבען פון גליק רייכטהום און לוקסוס און ער ווארפט זיך אריין אין לעבען פון קאמף און ער ווארפט זיין גורל צוזאמען מיט די ארעמע אונטערדריקטע אידישע קינדער, וואס פאר אן אנדער ווארט קען איך זיין מוטער באנוצען אלס "נאריש" אבער ווי איך האב שוין געזאגט וואלט איך מיר געקענט טרייסטען. פראפעסאר א סך גרעסערער אונגליק סטראשעט אונזער פאמיליע און לויערט ארום די פיער עקען פון אונזער ביז אהער פריעדליכע היים, מיין יונגע איידעלע שעהנע טאכטער איז אין גרויס געפאהר און איך אליין פיהל מיך מאכטלאז איהר צו העלפען.

— פראפעסאר ראבינסאן, האט איהר געקאנט די עלטערן פון עדווארד ווארנער?

ראבינסאן וואלט גיכער דערווארט צו קריגען מיט א קויל אין הארצען ווי צו הערען די פראגע פון מאדאם פיליפס. ער האט געהאלטען זיי-

נע גרויסע אויגען אויף איהר און האט ניט א פינטעל געטהאן מיט זיינע ברע־מען. ער האט געענטפערט אין זיין געוועהנליכען טאן:

—איהר מעגט מיר גלויבען מאַ־דאם אז איך וויל אפילו ניט פון וועל־כע פאמיליע עדי ווארנער שטאמט אב, איהר ווייסט אז עס איז בלויז א פאר טעג צייט ווי איך האב מיר מיט איהם בעקאנט, עס איז אמת, אז ער אינטערע־סירט מיר שטארק. ער האט אויף מיר א זעלטענעם איינדרוק געמאכט און איך ערווארטע זעהר פיעלעס פון איהם. ער בעזיצט זעלטענע אייגענשאפטען און ער איז, וואס איך וואלט אנרופען א פאלקאמענער מענש. אבער וואס בע־לאנגט צו וויסען ווער ער איז, איז מיר גאר אין מיינע געדאנקען ניט געלעגען, אבער מיט א טאג אדער צוויי צוריק האב איך מיר באגעגענט מיט מיינעם א לאנדסמאן, אן אלטער גוטער פריינד, און ער האט מיר געזאגט אז עדי איז דער זוהן פון מיינעם אן אלטען בע־קאנטען, אלעקסיי לאפוכין, מיט וועל־מען איך בין צוזאמען געגאנגען אין אוניווערזיטעט. אויב דאס איז אמת אדער ניט ווייס איך ניט.

— איך דאנק אייך זעהר פאר איי־ער אפענהערציגקייט, פראפעסאר — האט מאדאם פיליפס געזאגט אין א וויכען טאן, און זי האט פארטגעזעצט — איך האב היינט דערהאלטען א בריעף דורך ספעציעלע פאסט; דער בריעף האט קיין אונטערשריפט ניט דער שרייבער זאגט דאס עדי און עליין זיינען פערליעבט, דאס עדי האט דא א מוטער וועלכע איז א קראנקע אלמנה און זי איז ארעם. זיין פאטער איז גע־וועזן א רוסישער רעוואלוציאנער, דאס די מוטער און זוהן האבען פון איהם יאהרען לאנג ניט געהערט; און אויב איך וויל וועגען איהם מעהר וויסען זאל איך פרעגען פראפעסאר ראבינסאן. ער ווייס אפשר ניט ווער עדי איז אבער ער האט גוט געקענט זיין פאטער אלעק־סיי לאפוכין און זיין מוטער פיעדארא ליפמאן. וואס אייגענטליך דער בריעף באצוועקט ווייס איך ניט, עס איז איי־בעריג צו זאגען דאס מיר האססען די שרייבער פון אנאנימע בריעף, אבער איך בין פעסט איבערצייגט אז דער בריעף ענטהאלט דעם אמת. דאס עליין איז פערליעבט אין עדי און ער ליעבט איהר; דאס מוז געשטערט ווערען, עס טאר ניט לענגער אנגעהן, עליין זאל ניט און וועט ניט חתונה האבען מיט עדי, מיין ערשטע פליכט אלס מוטער איז איהר צו פארהיטען פון דעם אונ־גליק. עליין מוז באלד גענומען ווערען נאך אייראפא; עס מוז פערכאפט ווע־רען אין דער יוגענד, זיי טארען ניט פארבלייבען אוואו זיי וועלען זיך קע־נען טרעפען. העלפט מיר פראפעסאר ראבינסאן, נעהמט עליין אונטער איי־ער שוטץ נאך שיקאגא אויף צעהן טאג אדער צוויי וואכען, ביז איך וועל קע־נען פארטיג מאכען אלע מיינע פארבע־רייטונגען פאר דער רייזע.

ראבינסאן האט א ווייל געטראכט און ער האט געענטפערט.

—וואס דער אנאנימער בריעף בא־צוועקט איז מיר פארלויפיג אונבעקאנט איך דענק אבער אז דאס איז נאר אן אנהויב, מיר ווייזט זיך אויס אז איהר וועט נאך באקומען א סך אזעלכע דא־קומענטען. און אויב איך מאך קיין טעות ניט איז די אבזיכט געלד. עס איז מיין מיינונג אז דאס איז ניט מעהר ווי א פאסקוויל, אין וועלכען דער שריי־בער וויל אייך בלויז לאזען וויסען אז ער ווייס די סודות פון אייער פאמיליע און מיט דער צייט וועט ער אייך פרע־גען וויפיעל עס איז פאר אייך ווערטה אז זיי זאלען בלייבען סודות. אבער די צייט אליין וועט אונז לאזען וויסען צו איך בין גערעכט אדער ניט. וואס עס אנבעטרעפט אייער פלאן צו פאה־רען נאך אייראפא און מיטנעהמען עליין מיט אייך וואלט איך שטארק ראטהען געגען דעם, אויסער מיינע אנ־

זיכטען אין אלגעמיין וועגען אזעלכע זאכען וואס עס טהוט מיר לייד מאדאם דאס איך קען מיט אייך ניט איינשטימען, איז פאראן נאך א גרעסערע אורזאכע פארוואס ניט אייראפא. אייראפא שטעהט איצט אויף א וואלקאן. עס איז נאר א פראגע פון טעג און שטונדען ווען די מלחמה וועט אויסברעכען. און אין אזא צייט איז די געפאהר צו גרויס זיך צו געפינען אין אייראפא. וואס איז נוגע וועגען עדי און עליין צו פערבלייבען אין דער זעלבער שטאדט קען איך אייך לייכט בארוהיגען; עדי האט באשלאסען צו פארלאזען מינעאפאליס. ער האט מיר געבעטען אז איך זאל איהם מיטנעהמען מיט מיר נאך שיקאגא וואו ער וויל ענדיגען זיין שטודיום, מיר פארלאזען ביידע מינעאפאליס ניט שפעטער ווי נעקסטען דיענסטאג.

— איהר זייט ווירקליך א מלאך, און איך האב קיין טעות ניט געמאכט, וואס איך האב אייך אנגעטרויט מיט די געהיימניסע פון מיין פאמיליע, הגם איהר זייט ניט איינפערשטאנען מיט דעם עיקור, און איך זאג אייך דעם אמת איך האב עס אויך גאר ניט ערווארטעט דאס איהר זאלט חאבען די זעלבע אנשויאונגען, אבער איך האב קיין צווייפעל ניט געהאט דאס איהר וועט זיין עהרליך מיט מיר און אז איהר וועט מיר געבען די בעסטע עצה. עס איז איבעריג אייך צו זאגען דאס איך וועל אייך אייביג דאנקבאר זיין — זי האט איהם געדריקט די האנד ער חאט איהר לייכט געדריקט און האט איהר פארלאזען; ער איז אריין צו זיך אין צימער און האט גענומען עטליכע ביכער און מאנאטס שריפטען און איז אריין צוריק אין גארטען, ער האט אויסגעזוכט א קיהלען ארט און ער האט גענומען לייענען, אבער זיינע אויגען חאבען נאר געזעהען די ווערטער וועהרענד זיינע געדאנקען חאבען ניט באגריפען זייער מיינונג, זיי האבען אוועק געוואנדערט אויף א גאנץ אנדער וועג.

די פראגע ווער האט געקענט שרייבען יענעם אנאנימען בריעף האט ווי אן עקבער געבויערט זיין מח, — איך ניט פיליפ אויך ניט; דאקטאר זאלקין? אונמעגליך, ער איז צו ערנסט און צו עהרליך אפילו גאר צו פאלען אויף אזא פלאן. מעדאף? ניין, מעדאף איז פעהיג צו טאהן זאכען פון א פרינציפיעלען שטאנדפונקט, אבער ניט אזעלכע שמוציגע ארבייט, אויף אזעלכע זאכען איז ער ניט פעהיג; עס בלייבט אלזא דער חשד אויף איין פערזאן און דאס איז פיאדארא ליפמאן, זי די ניפטיגע שלאנג איז אימשטאנד צו זינקען אין דעם טיעפסטען שמוטץ, אפילו צו שאכערען מיט דעם גליק פון איהר אייגענעם זוהן. אבער וואס קען זיין איהר מאטיף? דאס קען מען לייענען ניט נור צווישען די שורות נאר אין דיא שורות אליין. "זיין מוטער איז א קראנקע אלמנה און ארעם". וואס קען זיין דער ענטפער אויף דעם? געלד... אין מאדאם פיליפס צופריעדען מיט דעם שידוך וועט זי געווים העלען העלפען דעם חתן'ס מוטער; און טאמער איז זי געגען דעם שידוך, מיינט עס א פאסקוויל מיט וועלכען עס איז גוט צו סטראשען אז מען זאל געבען געלד. "איז פיעדארא אזוי טיעף געזונקען אז פאר געלד וועט זי איהר אייגען קינדס גליק צו שטערען? איהר אייגען קינד... עפעס גלויבט זיך מיר גאר ניט אז זי האט געהאט א קינד, איך בין דאכט זיך געוועזן אזוי נאהענט צו זיי ביידען און איך האב קיין מאהל ניט געהערט אז זיי האבען געהאט א קינד, און מיר לאזט זיך כתם ניט גלויבען דאס עדי, דער איידעלער גוטער עדי זאל האבען אזא שלאנג פאר א מוטער. פארוואס בין איך צו איהר ניט געגאנגען מיט איהר ריידען? אפשר וואלט איך פון איהר וואס דערגאנגען. אפשר וואלט זי זיך ניט ווילענדיג וואס עס איז ארויסגע־

רעדט, וואס וואלט אפשר צו וואס עס איז געפיהרט. עליין האט מיר געזאגט אז פאר די לעצטע עטליכע טעג איז פיעדארא שטארק אויפגערעגט און נערוועז. איז עס דערפאר וואס זי ווייסט אז איך בין אין שטאדט? איין זאך איז בעשטימט זי האט גענומען א טייל אין מיין אונגליק אוים נקמה, דערפאר וואס איך האב זיך אבגעזאגט פון איהר ליעבע צו מיר, אונריין און שמוטציג ווי איהר ליעבע איז געווען האט זי אבער דאך מיר ליעב געהאט.. אבער ווער ווייס אפשר האט זי אויך געהאט אנדערע מאטיוועז... עס קען זיין דאס זי האט באמערקט ווי לאפוכין האט פארפאלגט מיט זיין שארלאטאנסקע ליעבע די אונשולדיגע העלענא, און זי האט געהאט מורא דאס העלענא וועט פארנעהמען איהר ארט, און דעריבער האט זי געוואלט פון איהר פטור ווערען... איך מוז צו איהר געהן, און מיט איהר ריידען איידער איך וועל פארלאזען מינעאפאליס. עס איז א סברה אז איך וועל צו איהר געהן היינט פארנאכט. נאך מיין פארטראג. איך מוז אבער האנדלען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, איך מוז זיך היטען קיין פאלשען טריט ניט צו מאכען, איין איבעריגער ווארט קען טאהן מעהר שאדען ווי גוטעס.

זיינע געדאנקען זיינען איבערגעשלאגען געווארען ווען ער האט דערהערט טריט, ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און ער האט דערזעהן עדי קומענדיג צו איהם. עדי האט אויסגעזעהן אזוי ווי די גאנצע וועלט איז אויף איהם ארויפגעפאלען. ער איז געווען מוטהלאז און נידערגעשלאגען, ער האט זיך געזעצט געגען איבער ראבינסאן מיט א נידערגעזונקענע קאפ און ער האט קיין ווארט ניט געזאגט.

— נו מיין האמלעט — האט ראבינסאן צו איהם געזאגט לאכענדיג. אבער טיעף אין הארצען האט ער שטארק מיטלייד געהאט מיט דעם יונגען ליעבהאבער, עדי האט אויפגעהויבען זיין קאפ, ער האט אויסגעגלייכט זיינע פלייצעס און ער האט געזאגט אין א טאן וואס האט ארויסגעוויזען א געוויסען שטאלטץ.

— איך בעט איך איין זאך פראפעסאר, נאר לאכט ניט פון מיר און פון מיין אונגלאקליכע ליעבע; דיעזע מאמענטען זיינען צו ערנסט און צו הייליג, מיין גאנצער צוקונפט און אפשר מיין גאנצער לעבען ווערט אין זיי געוואוינען. איך ווייס אז איהר זייט מיין פריינד און איך בין צו אייך געקומען ווי צו א פריינד, צו וואס דען זאלט איהר זיך וויטצלען איבער מיין אונגליק? עליין האט מיר געזאגט פון דעם געשפרעך וואס זי האט היינט מיט אייך געהאט און איך בין געקומען אייך צו דאנקען פון מיין טיעפסטען הארצען פאר אייערע איידעלע גוטסקייט, וואס איהר בעווייזט צו אונז ביידען, דערמיט וואס איהר זייט בערייט אונז צו העלפען אין א צייט פון נויט; איך נעהם אן אייערע טובות וואס איהר באט מיר אן, האפענדיג אז עס וועט קומען א צייט ווען איך וועל אייך קענען אבדיענען, און איך וועל קענען פיר אייך ווייזען אז איך בין ניט קיין האמלעט און ניט קיין ראמעא נאר א נארמאלער מענש, וועלכער ווייס ווי צו ליעבען ניט נאר עליין נאר אויך די יעניגע וואס בעווייזען איהם פריינדשאפט. איך פאהר מיט אייך מיט, פראפעסאר, ווען רעכענט איהר צו פארלאזען מינעאפאליס?

— אפשר מארגען, אבער יעדעפאלס ניט שפעטער ווי דינסטאג אווענט. — האט ראבינסאן געזאגט — עדוואורד, איידער מיר פארלאזען מינעאפאליס זאג מיר עטוואס מעהר גענוי וועגען דיין מוטער, דיין היים, און די איבעריגע פון דיין משפחה, עס איז נויטיג דאס איך זאל עס וויסען.

— איך ווינש אז איך וואלט קענען אייך א סך זאגען און דערצעהלען,

לײדער איז עס א געגנשטאנד פון וועלכן איך קען אייך גאנץ ווייניג דערצעהלען — האט עדי געזאגט — מיין פאטער האב איך ניט געקענט, מיין מוטער זאגט מיר דאס ער איז געווען א הויך געבילדעטער מענש און ער איז געווען א רוסישער רעוואלוציאנער, דאס ער איז געשטארבען ווען איך בין בלויז פיער יאהר אלט געווען, און מיין גאנצען לעבען בין איך געווען מיט מיין מוטער, איך בין איהר איינציגער קינד; איך האב קיין מאל ניט געזעהן אדער געהערט פון וועלכע פערוואנדטע, ניט אויף מיין מוטערס אדער אויף מיין פאטערס זייט. אפילו וועגען מיין מוטער אליין קען איך אייך זעהר ווייניג וואס דערצעהלען; זי איז אלע מאהל געווען שטריינג מיט מיר און עפעס אנדערש ווי אלע אנדערע מוטערס זיינען. אין אלגעמיין האט זי מיר מיט אלעס בעזארגט אין מיין גאנצען לעבען האט מיר קיין זאך ניט געפעהלט, אבער פון דער נאטור אויס איז זי קאלט און פון ווייטען. איך קען קיין איינציגען פאל ניט געפינען ווען זי האט מיר וועלכע ליעבשאפט געוויזען ווי איך האב געזעהן אנדערע מוטערס ווייזענדיג זייערע ליעבשאפט צו זייערע קינדער. אין די לעצטע עטליכע טעג האט זי מיר שטארק איבעראשט, פלוצלינג לייגט זי איהרע ביידע הענד ארויף אויף מיינע פלייצעס און קוקט מיר אריין אין געזיכט און זי זאגט: „דו וועסט מיר ניט פארלאזען עדי, דו ביסט דער איינציגער טרייסט וואס מיר איז איבערגעבליבען". זי האט עס ווידערהאלט עטליכע מאל. אין דער פארגאנגענהייט זיינען געווען מאמענטען ווען איך האב שטארק געצווייפעלט צו זי איז מיין מוטער, אבער איצט שיינט מיר אז דאס איז געווען דערפאר וואס זי באזיצט אזא קאלטען טעמפעראמענט וועהרענד איך בין אין געגענטייל פון א הייסערען טעמפעראמענט, איך האב געוואלט ליעבען און געליעבט ווערען, און ווען איך האב עס ניט באקומען פון מיין מוטער זיינען אלערהאנד געדאנקען צו מיר געקומען. אין די לעצטע עטליכע טעג האט זי זיך שטארק פארביטען, און מאנכע מאהל האב איך מורא פאר איהר, ווי איך האב פארשטאנען פון איהרע רייד קען זי זיך מיט אייך פון קינדוויז אן, און הינם יעדען מאהל וואס זי זעהט מיר פארפעהלט זי ניט זיך נאכפרעגען נאך אייך, און זי איז שטארק נייגעריג צו וויסען פון אלעס וואס איז אייך נוגע, אבער צו דער זעלבער צייט ווייזט אויס ווי זי וואלט זיך פאר אייך שרעקען.

— ווען זי רעדט וועגען מיר איז איהר שטימונג פריינדליך צו מיר אדער ניט? — האט ראבינסאן געפרעגט.

— ווי אמאל, מאנכע מאל איז זי זעהר פריינדליך, אבער עס טרעפען זיך צייטען ווען זי איז שטארק אויפגערעגט אויף אייך און דאן רעדט זי פון זאכען וואס איך הייב ניט אן א ווארט צו פארשטעהען, דען אין אזעלכע צייטען רעדט זי אין דער רוסישער שפראך און דאס איינציגע וואס איך קען נאר פארשטעהן זיינען די נעמען וואס זי דערמאנט, זיי זיינען: ראבינאוויטז, העלענא, לאפוכין, אלעקסייעף, רודאמסקי און סאמועלעוויטש. איך האב זיי געהערט אזוי אפט דאס איך קען זיי אויף אויסווייניג. — האט עדי געענטפערט.

— וואס פאר א ווירקונג דיינקסטו וועט אויף איהר מאכען מיינער א וויזיט? — האט ראבינסאן געפרעגט.

— דאס איז שווער פאראויסצוזאגען. — האט עדי געענטפערט — דאס וועט זיך ווענדען אין וואס פאר א שטימונג איהר וועט איהר געפינען. — ביידע מענער זיינען אויף א ווילע שטיל געווארען, ענדליך האט ראבינסאן ווייטער געפרעגט:

— און וואס פאר א ווירקונג דיינקסטו וועט אויף איהר מאכען דיין אוועקפאהרען?

— דאס איז אייגענטליך איצט מיין גרעסטע זארג. — האט עדי געזאגט -- ווי איהר ווייסט האב איך קיין שום אורזאכע ניט מורא צו האבען פאר עליינס ליעבע, איך האב דעם גרעסטען ציטרוי צו איהר אז זי וועט זיך ניט לאזען בייגען פון איהר מוטער און אז זי וועט אויף מיר ווארטען ווען עס זאל אפילו זיין אויף אייביג, אבער מיין זארג איז וועגען מיין מוטער, זי איז שטארק דאגעגען דאס איך זאל אוועק פאהרען; און ווי מיר דאכט זיך אויס איז זי אייך חושד דאס איהר זייט דער וואס נעהמט מיר צו פון איהר. זי האט נעכטען ביינאכט געוויינט ווי א קינד און זי האט זיך ביי מיר געבעטען אז איך זאל איהר ניט פארלאזען און איך זאל זיך ניט צוהערען צו אייך, מיר ווייזט זיך אויס אז זי האט אין איהר לעבען געמוזט א סך ליידען און עס האט געווירקט אויף איהרע נערוועון; און אויב איך האב קיין טעות ניט טראגט זי זיך ארום מיט א גרויסען סוד וואס זי בעהאלט פון אלעמען אין די פיעלע יאהרען האט זי דאס פאר קיין מוטער מענש ניט דערצעהלט. און דאס דריקט שטארק איהר הארץ. מיט עטליכע אווענדען צוריק, מיר דוכט אז דאס איז געווען דעם זעלבען אווענד, ווען איהר און הערלאלד זיינען אנגעקומען; זי איז געגאנגען צו א פערזאמלונג וואו א רוסישער רעוואלוציאנער האט געהאלטען א פארטראג, זי האט מיר געזאגט דאס אבוואחל ער איז מיט א יאהר צעהן אינגער פון איהר האט זי אבער איהם גוט געקענט אין דער שטאדט וואו זי האט געוואהנט און דעריבער האט זי איהם געוואלט הערען. ווען זי איז אבער צוריק אהיים געקומען יענעם אווענד, האט זי אויסגעזעהן כמעט אן אנדער מענש. און זי האט גע־האנדעלט אזוי ווי זי וואלט איהר זינען פארלארען; זי האט היסטעריש געוויינט און זי האט די אלע נעמען עטליכע מאל איבער געזאגט. און זי האט גערעדט פון זאכען וואס האט מיר אן אימה אנגענומען; זי האט גערעדט ווי צו א פערזאן וואס איז איהר אנטגעגען גע־שטאנען און זי האט צו איהם גע'טענהט " א קוק מיר ניט אזוי אן ראבינאוויטץ, עס איז ניט געוועזן מיין שולד, דו האסט פון מיר געווייכט און איך האב מורא געהאט דאס הערלנא וועט איחם אויך פון מיר צונעהמען, וואס האב איך געקענט טהאן, ליעבע און זעלבסט־פארטיידיגונג האבען מיר געטריבען פון דיר דיין גליק צו רויבען".

ראבינסאן האט זיך צוגעהערט צו עדים ערצעהלונג וועגען זיין מוטערס ווערטער און איהר אויפפיהרונג און ווערהענד די ווערטער האבען קיין שום מיינונג ניט געהאט פאר עדי האט ער אבער קלאר געלייענט זייער מיינונג און באדייטונג. ווען עדי האט געענדיגט האט זיך ראבינסאן פארטראכט אויף א מינוט און דאן האט ער געזאגט.

עדי היינט נאך דער פערזאמלונג, וועל איך געהן באזוכען דיין מוטער, דו, אבער טארסט ניט זיין דערביי.

—איך וועל אייך זעהן ביי דער פערזאמלונג — חאט עדי געזאגט און ער איז אוועק.

א קורצע וויילע שפעטער איז הער־אלד געקומען און האט גענומען דעם פלאטץ וואס עדי האט ליידיג געמאכט

— וואס מאכט דיין מוטער?—האט ראבינסאן געפרעגט — האסטו איחר געזעהן זינט זי האט מיט מיר גערעדט אין איהר פריוואט צימער?

—איך האב איהר אט וואס פאר־לאזען, זי האט מיר אלעם דערצעהלט וועגען אייער געשפרעך, און איך קען אייך זאגען דאס איהר האט געוואונען א גרויסען זיעג. זי חאלט אייך פאר די גרעסטע פערזאן וואס זי האט ווען בא־געגענט, און נאך מעהר אייערע ווער־טער וועגען עדי האט אויף איהר גע־מאכט א גרויסען איינדרוק. און איך בין איצט איבערציינט דאס עליינס קאמפף וועט גאר ניט זיין אזוי שווער

ווי איך האב מיר אנפאנגס פארגע־
שטעלט. מיין מוטער וועט זיין אין אט־
לעטיק קלוב צו אייער פארטראג. זי גיט
און אלס אויסרייד דאס אזוי לאנג ווי
איהר זייט אונזער גאסט, און נאך בפרט
אז פיעלע פון די פערזאנען וואס זיי־
נען געוועזן איינגעלאדען צו דעם אווענד
אין אייער עהרע, וועלען דארט זיין
פאסט ניט דאס זי זאל זיין אבוועזענד.
איך אבער ווייס בעשטימט דאס זי וועט
קומען פשוט אייך צו הערען, און מיין
פאטער איז אויסער געדולד, ער
צעהלט די מינוטען אייך צו קענען
הערען. מארגען וועט זיך קאכען אין
דער אידישער מינעאפאליס, אלע ווע־
לען ריידען וועגען זאנדערבארן צופאל
דאס די גאנצע פאמיליע פיליפס איז
געווען אנוועזענד צו דאקטאר הערצלס
יאהרצייט.

— העראלד, איך וויל פון דיר פער־
לאנגען א טובה, — האט ראבינסאן גע־
זאגט — איך האב מיר בעשלאסען דאס
נאך דער פערזאמלונג זאל איך באזו־
כען פיעדארא ליפמאן. איך האב ווע־
גען דעם גערעדט מיט עדי און איך האב
איהם געזאגט אז ער טאר ניט זיין
דערביי, איך וויל דאס דו און זאלקין
זאלען מיט מיר מיט געהן.

העראלד האט די איינלאדונג אנגע־
נומען מיט פארגעניגען און ער האט
געזאגט דאס ער אליין וועט טרייבען
דעם אויטאמאביל און דערביי וועט עס
געבען א געלעגענהייט פאר עליין און
עדי צו פארברענגען א ווילע לייגגער
צוזאמען איידער עדי וועט די שטאדט
פערלאזען. — און ער האט געזאגט:

— איך זאג אייך פריינד ראבינסאן
עדיס אוועקפאהרען וועט כמעט זיין
פאר מיר אזוי שווער אריבערצוטראגען
ווי פאר עליין, איך קען אייך גאר ניט
זאגען ווי אומעטיג עס וועט מיר זיין,
איך ווייס ניט וואס איך וועל אנהויבען
צו טאהן אהן איהם, ער איז ווי מיין
רעכטע האנד און איצט אז איהר ביידע
וועט מיר פארלאזען בלייב איך אהן א
האנד און אהן קאפ.

אבער זייט וויסען, די ערשטע גע
לעגענהייט וואס איך וועל האבען וועל
איך קומען נאך שיקאגא און איך וועל
אייך צו לאסט פאלען; פון איצט אן הע
רען אויף פאר מיר האטעלס צו עקזיס־
טירען אין שיקאגא, איך מוז זיין דאר־
טען וואו איהר און עדי וועלען זיין.

די פערזאמלונג לכבוד דאקטאר
הערצלס יאהרצייט איז געווען די גרעס־
טע און שעהנסטע וואס די אידישע בא־
פעלקערונג פון מינעאפאליס האבען
ווען אבגעהאלטען. דער גרויסער באנ־
קעט זאלל פון דעם אטהלעטיק קלוב איז
געווען נאך מיט א האלבע שעה פריה־
ער ווי די באשטימטע צייט אנגעפילט
מיט געסט. דאקטאר הערצלס בילד אין
א שווארצע ראהם איז געהאנגען אי־
בער דער ביהנע און אויף ביידע זיי־
טען זיינען געשטאנען צוויי זיידענע
פאהנען פון וועלכע די שפיטצען פון
די לאנגע שטעקענס האבען זיך
אויבען איבערן בילד אנגעריהרט איי־
נע אן די אנדערע. אויף איין זייט איז
געווען די רויטהע, ווייסע און בלויע
שטרייפען מיט די שטערן אין מיטען
און פון דער צווייטער זייט איז געווען
די בלויע און ווייסע שטרייפען מיט
דעם מגן דוד אין מיטען. צווישען די
געסט האט מען בעמערקט א מאססע
קריסטען פון די העכערע קולטורעלע
קלאסען אונטער וועלכע עס האבען זיך
געפונען דאקטאר אנדערסאן מיט זיין
פרוי און די רעווערענדס מארטימער און
דזשאנסאן מיט זייערע פרויען. די פא־
מיליע פיליפס זיינען געקומען מיט רא־
בינסאן און זיי האבען פארנומען א
פלאטץ אין די ערשטע רייהע מיט די
דערמאהנטע געסט.

רבי זאננבערג האט געעפענט די
פערזאמלונג און ער האט פארגעשטעלט
דאקטאר ריינהארט אלס דעם פארזיט־
צענדען; א יונגע דאמע איז פארגערופען

געווארען און זי האט געשפּיעלט אויף דער פּיאנא שאפּענס לויה מארטש; א יונגער מאן האט דאן געשפּיעלט אויף דער פידעל ווינאווסקיס "לעגענדע" און נאך דעם ווי ער האט געשפּיעלט אן אנקאר "אלי אלי למה עזבתני", האט דאקטאר ריינהארט אין א קורצע רעדע פארגעשטעלט פּראפעסאר רודאלף ראבינסאן. דער גאנצער עולם האט זיך ווי איין מאן אויפגעשטעלט. מען האט געפּאטשט בראוואָ. געפּאכט מיט קליינע ציוניסטישע פאהנען אדער טאשענטיכער, ווערהרעגד אמיצער האט א קלאפּ געגעבן אויף דער אָפענער פּיאנא די ערשטע אקארדען פון דער תקוה, דער גרויסער עולם האט אנגעהויבען צו זינגער "אונזער האפענונג", די סצענע איז געווען רייך און בעגייסטערנד.

ווען שטילע רוהע האט ווידער געערשט האט ראבינסאן אין א זיסער מוזיקאלישע שטימע אנגעפאנגען זיין פארטראג: ער האט גערעדט ניט הויך אבער פול מיט הארץ, און יעדערווארט האט דורך געדרונגען דעם גרויסען זאאל, ער האט ערשט געמאהלען א בילד אין לייכע פארבען, אין וואס פאר א לאגע דער אידישער פאלק האט זיך געפונען ווען דאקטאר הערצל איז ערשינען ער האט געשילדערט די פּאגראמען אין רוסלאנד, דעם "וויסענשאפטליכען" אנטיסעמיטיזמוס אין דייטשלאנד און עסטרייך. די בלוט בלבולים פון אונגארן, די געזעטץ געגען אידען אין רומעניען און דעם דרייפוס פּראצעס אין פראנקרייך; און ראבינסאן האט געזאגט: "שווארצע וואלקענס האבען זיך פארשפּרייט איבער דעם אידישען הימעל, און עס האט זיך ניט געזעהן דער מינדעסטער שיין פון ליכט, פּלוצלינג האט זיך א מעטעאר אריבער געצויגען איבער דעם גאנצען האריזאנט. עס האט איבערגעריסען די וואלקענס, די אידישע וועלט איז אנגעפילט געווארען מיט ליכט. דאקטאר הערצל איז צו אונז געקומען".

אין עטליכע שטריכען האט ער מיט די געטרייעסטע קאלירען וואס א קינסטלער קען נאר פארמאגען, געמאחלען דאס פּריוואט לעבען פון דאקטאר טהאדאר הערצל; די ליעבע צווישען איהם און זיין פרוי און די צווי קינדער, זיין איבערגעבענהייט צו זיין טייערע אלטע מוטער, ווי אזוי ער האט אלעם מקריב געווען אויף דעם מזבח פון זיין פאלק. די ווערטער זיינען געקומען פון טיעפען הארצען און ער האט געמאהלען דעם בילד אויף דעם לייווענט, וואס עס איז געווען געוועבט פון זיין אייגענעם כוח הדמיון. און זיין פּינזעל האט ער געטונקט אין די בלוט פון זיין אייגענעם הארצען, און די קאלירען זיינען ארויסגעקומען עהרליך און געטריי, דער טאן אין וועלכען ער האט איצט גערעדט איז געווען א ביסעל נידעריגער ווי פריהער אבער טיעפער.

די גרויסע מתנה צוהערער האבען קיין ווארט ניט פארלארען, ער אליין האט שטארק געפיהלט די גרויסע טראגעדיע, דען דער בילד איז געווען זיין אייגענער אזוי גוט ווי הערצלס. די מאסען זיינען געווען געשפּאנט, אין זאל איז געווען אזוי שטיל, דאס מען האט געקענט הערען אן אטהעם צוג, און ראבינסאן האט פארטגעזעצט: הערצל ווי משה רבינו האט דערשפּיערט דעם הייליגען פייער וואס האט זיך אנגעצונדען און האט זיך ניט געוואלט פארלעשען, דעם פייער פון א הויכען אידעאל, צו ראטעווען א פאלק פון שקלאפעריי און פארניכטונג; און הערצל האט ניט מעהר געקענט געהן צוריק; ער האט אבגעגעבען זיין אלטע מוטער; זיין געליעבטע פרוי און זיינע טהייערע קינדער, פאר דעם גליק פון זיין פאלק".

פלוצלינג האט זיך פון ערגעץ וואו אין זאל דערהערט א משונהדיגער ווילדער קול האט אויסגעשריען: "גע־נוג ראבינאוויטש! גענוג. נעהם איהם ניט אוועק פון מיר, ער איז מיין איינ־ציגער טרייסט וואס מיר איז איבערגע־בליבען... ניין, איך בין ניט שולדיג... לאפוכין און די איבעריגע פון זיין כא־לאסטריע, זיי האבען דיר אבגענארט, און דיר בארויבט פון דיין פרוי און קינ־דער... א, איך קען ניט הערען איהר געוויין און געבעט... נעהמט איהר צו, נעהמט איהר אוועק... כא, כא, כא!...

אין דעם זעלבען ווילדען משונה'דיי־גען קול האט זי זיך היסטעריש צולאכט **און איז געפאלען צו דער ערד, א דיקער** שאם האט ארויסגעשלאגען פון איהר מויל.

עס איז געווארען א שטארקע אונ־רוה, כמעט אלע האבען זיך אויפגע־הויבען פון זייערע ערטער צו זעהן און אויסצוגעפינען וואס דא האט פאסירט, ראבינסאן האט דערזעהן דאס עדי, דאקטאר זאלקין און הערלאלד זיינען געוועזן ביי איהר זייט און האבען פיע־דארא ליפמאן ארויסגעטראגען פון זאל. דאקטאר רייטהארט האט לייכט גע־קלאפט אויפן סטענדער און אלע זיינען ווידער רוהיג געווארען. ראבינסאן האט פארטגעזעצט:

— איך קען די פסיכאלאגיע פון די מאסען. איך ווייס דאס איהר וועט מעהר קיין געדולד ניט האבען צו הערען ביז איהר וועט וויסען וואס דא האט זיך געטראפען. איהר זאלט עס גלייך וויסען. דאס איז געווען א טהייל פון א טראגעדיע וואס האט מיר געראובט מיין גליק; און חרטה האט איהר איצט געפלאגט **ביז משוגעת.**

ער האט זיין רעדע פארטגעזעצט אין א לייכטע און ריינע שפראך האט ער איבערגעגעבען דעם גרונדשטיין פון „הערצעל'ס אידענשטאט" און פון זיין "אלט ניי לאנד" און ער האט געפיהרט צום שלום דאס די אידישע פראגע וועט נאר דאן געלייזט ווערען ווען ער וועט אויפהערען צו זיין א וואנדערער און אין יעדער לאנד א פרעמדער, ווען דער איד וועט זיך צוריקקעהרען צו זיין איי־גען לאנד. און ער האט געענדיגט זיין פארטראג: "הערצעל איז טויט אבער זיין גייסט לעבט אין די געפיהלען און געדאנקען פון אידישען פאלק; און דאר־טען וועט ער אויף אייביג לעבען. א מצבה וואס ווערט געגעבען פון הארץ. [illegible]אנאט אדער שטיינער מוז דור[illegible] ל[illegible] דור[illegible] פאר[illegible] [illegible] אבער מצבות וואס ווערען געבויט אין דעם זכרון [illegible] א פאלק, די לעבט אייך אייביג. זאלען מיר דא היינט שטעלען אזא מצבה, נאך דעם גרויסען אידישען העלד נאך דעם גרויסען ארכיטעקט, וואס האט געלעגט דעם פונדאמענט צו בויען א אידישע פאלק, נאך דאקטאר טהאדאר הערצל".

די אפלאדיסמענטען האבען פאר־הילכט דעם זאאל און עס האט גע־דויערט מינוטען לאנג און דאן האט זיך דער עולם א לאז געטאן אויבען אן צום רעדנער זיין האנד צו רייכען, און אויב מעגליך איהם צו דאנקען. די פיע־דארא ליפמאן עפיזאדע האט געמאכט א שרעקליכען איינדרוק אויף ראבינ־סאן. איהרע ווערטער: "א, איך קען ניט הערען איהר געוויין, איהר געבעט" האט אנגעצונדען זיין מח אין העלישע פלאמען. זיין העלענא וויינט און בעט זיך רחמים ביי איהרע פייניגער, ער האט זיך אבער שטארק אנגעשטריינגט דאס אויף דערוויילע צו פארגעסען, אמ־ווייניגסטענס ביז ער וועט קענען ענדי־גען זיין פארטראג; דיעזע אנשטריינ־גונגען האבען שטארק געווירקט אויף זיין קערפער, אבער ווען ער האט גע־ענדיגט איז די רעאקציאן געקומען. ער איז געווארען מאכטלאז. אלע זיינע קרעפטען זיינען ענטשעפט געווארען, און זיינע פיס האבען אנגעהויבען אונ־טער איהם צו זינקען, דאקטאר אנדער־סאן, עוועליז, עליין און אלעקסאנדער

פיליפס האבען עס באמערקט און זיי זיינען געווען די ערשטע ביי זיין זייט. עוועלין האט אנגעזאמעלט אלע איהרע כחות און זי האט אויסגעשריען צו רבי זאנגבערג וועלכער איז געשטאנען ווייט אוועק פון איהר.

— אום גאטעס ווילען לאזט קיינעם ניט צו. ער דארף האבען לופט — איהר שטימע האט דורך געדרונגען דעם גרויסען זאאל און די מאססען האבען זיך צוריקגעהאלטען און זיי זיינען געבליבען שטעהען פון וויטען; מאדאם פיליפס האט געפונען הינטער דער ביהנע א קראן קאלטע וואסער, זי האט איינגעטונקען איהר טאשענטוך, און האט עס געבראכט צו ראבינסאן און וועהרענד עליין האט געפאכט זיין געזיכט מיט איהר זיידענעם פאכער האט עוועלין מיט מוטערליכע צערטליכקייט געריבען זיין שטערען מיט איהר נאסען טאשענטוך. דער עולם האט זיך צוטיילט אין גרופעס און זיינען געשטאנען אין זאל און האבען ניט געוואלט אוועקגעהן, הערלאלד, דאקטאר זאלקין און עדי זיינען צוריק געקומען, זיי האבען גענומען ראבינסאן אונטער זיינע ארעמס, און האבען איהם געהאלפען אריין געהן אין אויטאמאביל. איידער זיי זיינען אפגעפאהרען האט ראבינסאן זיך געווענדעט צו דאקטאר אנדערסאן אונז אין א שוואכע שטימע האט ער געזאגט:

—היינט אוועגד וועל איך אייך לאזען וויסען מיין בעשלוס, אונטער אלע אומשטענדען וועלען מיר זיך זעהן איידער איך וועל די שטאדט פארלאזען.

11טער קאפיטעל.

מיט פינף וואכען שפעטער, געפינען מיר ראבינסאן זיטצענדיג אין א קליינע אבער בעקוועהמע היים אין שיקאגא. עס באשטעהט פון פיער צימערען אין די עמערסאן אפארטמענט און איז ניט ווייט פון לייק מישיגאן. ער האט געהאלטען א פאר׳חתמ׳טען בריעף אין האנד, ער האט גענומען א פאפיר מעסער פון דעם לאנגען שווארצען טיש וואס איז געווען באדעקט מיט ביכער און זשורנאלען, ער האט אויפגעפענט דעם בריעף און ער האט געלייענט.

מינעאפאליס, דעם 7־טען אויגוסט 1914

טייערער פריינד ראבינסאן.

אייך צו זאגען אז עס איז אומעטיג וועט עס ניט אויסדריקען דאס וואס איך וואלט אייך וועלען זאגען; איך פיהל מיר ווידער ווי דער אמאליגער נייין יעהריגער חעראלד, אהן פריינד און אהן חברים מיט וועמען צו פארברענגען, ניט מעהר ווי איך מיט מיין שוועסטער׳ דער אלטער ראבינסאן קרוסא און זיין מענ׳ש פרייטאג. אזוי פארברענג איך טאג איין און טאג אויס. די מוטער איז איצט מיט אונז מעהר ווי זי איז ווען מיט אונז געווען. ביסלעכוויי! ציהט זי זיך צוריק פון איהרע געזעלשאפטליכע קרייזען און זי גיט איהר צייט צו איהרע קינדער; זי פאהרט אויס מיט אונז. זי לייענט מיט אונז, און זי שפיעלט מיט אונז קרוקיי, גאנץ אפט רעדט זי פון אייך; נעכטען האט זי מיר פערטרויעט א סוד אז זי וועט קיין מאל ניט פארגעסען אייער פארטראג. אבער אין דעם הינזיכט איז זי ניט קיין אויסנאהם, מיט וועמען איך האב נאר גערעדט פון יענעם טאג אן האב איך געהערט די זעלבע מיינונגען. מיין פאטער ווייזט ארויס זיין בייגקענעם נאך אייך מעהר ווי מיר אלע. ער ווארט אומגעדולדיג אויף אייערען א בריעף, און ביז אהער האט ער געלייענט יעדען ווארט וואס איהר האט געשריבען צו מיר, עליין, אדער צו אונז אלעמען. ער זוכט א געלעגענהייט צו פאהרען נאך שיקאגא כדי ער זאל אייך קענען ווידערזעהן. אפילו דאקטאר זאלקין האט געבראכט אייערע בריעף צו איהם אויף זיין פארלאנג.

—ענדליך שטעהען מיר אויף דעם שוועל פון א וועלט מלחמה און איך בין איבערצייגט וואס פאר א טיעפע און ווייטע אויג איהר האט; איך געדענק ווען מיר האבען גערייזט ביידע אין דעם פולמאן וואגאן פון שיקאגא נאך מינעאפאליס, ווען איהר האט דערזעהן די נייעס דאס דער עסטרייכישער קרוין פרינץ איז ערמארדעט געווארען, ווי איהר האט דאמאלס שוין אלעס קלאר און דייטליך פאראויס געזעהען ווי א נביא, איך דערמאן זיך ווי איהר האט מיט א זיפץ בעמערקט: ״און די הויפט כפרה הינדעל פון אזא מלחמה וועט זיין דער איד״. רוסלאנד האט שוין אנגעהויבען זיי ארויסצוטרייבען פון אלע שטעדט וועלכע זיינען ביי די גרענעצען און עס בלוטעט די אידישע הארץ. נעכסט צו דעם אידישען אונגליק קומט די ארעמע בעלגיום וואס האט דורך געמאכט א צווייטען חורבן ירושלים. איהר ווייסט ליבער פריינד, אין פרינציפ בין איך געגען מלחמה אבער די

לאנגע פון אונזערע ברידער און פון די אונגליקליכע בעלגיום קען מיר נאך טרייבען אנצוטאהן א שווערד און נעהמען א ביקס און אריין אין קאמפף פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט.

— איך זעה איצט עליין אין א גאנץ אנדער ראלע און איך זאג אייך דאס זי איז צו בעוואונדערען; די ליעבע האט פון איהר געמאכט אן אנדער מענשען און איך צווייפעל ניט מעהר אז זי וועט זיעגען אין איהר קאמפף; ווען ניט דער אונגליקליכער צופאל צו אייער פארטראג ווען פיעדארא איז משוגע געווארען, וואלט מיין מוטער שוין זיך לאנג אונטער געגעבען. אבער יענער סקאנדאל און ווי אזוי די צייטונגען האבען דאס בעשריבען האט עס געמאכט א סך שווערער פאר עליין.

— פיעדארא איז נאך אלץ אין דעם פסיכאפאטישען האספיטאל און ווי דאקטאר זאלקין זאגט מיר וועט זי מוזען געשיקט ווערען אין א משוגעים הויז. זאלקין און איך זיינען געווארען גוטע פריינד, מיר באזוכען זיך גאנץ אפט איינע די אנדערע, עליין וועט די טעג צו אייך שרייבען א לאנגען בריעף, גריסט עדי פון מיינט וועגען.

אייער ערגעבענער פריינד הערלד.

ווען ער האט געענדיגט לייענען דעם בריעף האט די טהיר גלאק געקלונגען, ווען ראבינסאן האט די טהיר געעפענט איז חיים סארעס פאר איהם געשטאנען מיט זיין שטרויענע הוט אין האנד.

—א גוטען אווענד אייך פראפעסאר — האט ער געזאגט. — איך בין דא געוועזן דערביי האב איך זיך מישב געוועזן אריין צו קומען צו אייך אויף א ווייל און מיט אייך פארברענגען אויב איהר וועט צייט האבען.

ראבינסאן האט איהם פריינדליך עמפפאנגען, ער האט פון איהם גענומען זיין הוט וואס איז אלט געוועזן עטליכע זומערען און דעריבער איז זי נעווען געל, ער האט איהם איינגעלאדען צו זיטצען.

חיים סארעס איז געוועזן א מאן נאהענט פון פערציג יאהר אלט, פון מיטעלען וואוקס, זיין רוקען איז געוועזן א קליין ביסעלע געבויגען, די קאפ וואס איז געזעסען צווישען זיינע צוויי ברייטע פלייצעס איז געוועזן ניט קיין מיאוסע, זיין געזיכט איז געוועזן סימפאטיש, און די בלאנדע וואנצעס האבען איהם אויך צוגעגעבען חן, ווען ניט זיין דריי טאגעדיגע באָרד וואָס ער האט אלץ מאל געטראגען אויף זיין געזיכט. די לצנים האבען געזוכט אויסצורעכענען ווען ער גאלט זיך, אז ווען נאר מען באגעגענט איהם האט ער א באָרד וואס איז דריי טאג אלט. ער האט גערעדט שנעל און האט אונטערגעמאכט מיט'ן האנד ווען ער האט גערעדט. ווי ער וואלט געלערנט א בלאט גמרא און האט זיך אונטער געקוועטשט אויף דעם מאי קמשמא לן.

חיים סארעס האט דורך געלעבט דריי פארשידענע פעריאדעס אין זיין יונגען לעבען און אין יעדער פעריאדע האט ער געדיענט איין אנדער גאט, ער האט זיך אויפגעהאדעוועט אין א קליין שטעדטעל אין פוילען וואו ער האט געקוועטשט די באנק און האט געגעסען טעג, צו יענער צייט איז ער געוועזן גוט און פרום און ער האט געגלויבט אין רבש"ע גאר אהן קונצען, ווי א פרומער איד דארף גלויבען. ווען ער איז אלט געווארען זעכצעהן יאהר איז זיין מוטער געבליבען אן אלמנה מיט פינף עופהלאך. ער איז געוועזן דער עלסטער, האט מען זיך צונויף געלייגט אויף א שיפסקארטע און מען האט איהם אוועק געשיקט נאך אמעריקא; ווען ער איז אנגעקומען נאך ניו יארק האבען זיינע לאנדסלייט איהם אריין געגעבען אין א ציגארען פאבריק זיך צו לערנען מאכען ציגארען. ער איז געווארען א סך פריהער אן נארכיסט איידער ער האט זיך

אויסגעלערנט אלס ציגארען מאכער. ער האט דאן אוועקגעווארפען זיין גאט פון ישראל און ער האט אנגעהייבען צו דינען א דריי קעפיגען גאט, ער איז געווארען א גלויביגער אין די דריי אייניגקייט; דזשאחן מאסט, פעטער קראפאטקין און מיכאיל באקונין; און הגם חיים האט ווייניג פערשטאנען די פילאזאפיע פון די דריי פיהרער פון דעם קאמוניסטישען אנארכיזמוס, האט מען אבער מיט חיים'ן ניט געקענט רעדען קיין פינף מינוטען אז ער זאל ניט דערמאנען זיין נייעם דריי קעפיגען גאט.

מיט א יאהר צעהן שפעטער איז חיים סארעס מגולגל געווארען אין שיקאגא, ער איז אהער געקומען זעהן א כלה, זי איז געווען אן אנשטענדיגע אידישע מיידעל פון פשוטע אבער עהרליכע עלטערען, זיי זיינען געווען מיט איהם ווייטע קרובים און חיים האט ווידער געמוזט בייטען זיין גאט און זיין גלויבען. ער איז געווען א בעל הבתישער יונגער מאן וואס קען א ביסעל לערנען און איז באלעזען; זיין דריי קעפיגער גאט איז געשטארבען; אבער אזוי ווי א מענש מוז דאך עפעס האבען א רעליגיאן, האט זיך חיים בארעכענט אז דער בעסטער פלאן איז פאר איהם צו ווערען א ציוניסט; דער ציוניזמוס וועט א סך בעסער הארמאנירען מיט זיין נייע לאגע.

ער איז א איד וועלכען דער עולם האלט פאר א למדן און א משכיל און דעריבער איז דער ציוניזמוס געווארען זיין רעליגיאן און דר. הערצל זיין נייער גאט, און אזוי ווי ער האט פריהער גערעדט פון די דריי פארשטעהער פון דעם אנארכיסטישען קאמוניזמוס. האט ער איצט גערעדט פון דאקטאר הערצל. "אזוי האט דאקטאר הערצל געזאגט". אדער „ווי דאקטאר הערצל זאגט". ער איז אבער ווירקליך געווארען טהעטיג אין דעם ציוניסטישען לאגער. און ער איז געווארען ערנסט איבערגעבען צו דעם נאציאנאלען אידעאל, ער איז געווארען מיט דער צייט א רעדנער, און ווען מען האט געדארפט ארויסשיקען א אידישען רעדנער אויפן פראווינץ פלעגט חיים סארעס אפט נעהמען די ארבייט. און ער האט ניט שלעכט גערעדט, אדער בעסער געזאגט, ער האט גוט געוויינט. חיים'ס א רעדע וואלט מען קיין מאל ניט געקענט אפדרוקען, ווייל טרעהרען לאזט זיך ניט דרוקען· דאך האט חיים סארעס א סך געהאלפען דער באוועגונג, ווען ניט זיינע צוויי גרויסע חסרונות, ערשטענס וואס ער האט זיך געיאגט נאך כבוד און האט געוואלט זאגען א דעה אין שטאדט אנגעלעגענהייטען; און צווייטענס האט ער אלע מיטלען אנגעווענדעט צו בעהאלטען זיין פערגאנגענהייט. ער האט מיט אלע מעגליכקייט געזוכט צו בעהאלטען פון דער וועלט אז ער איז א מאל געווען אן אנארכיסט.

ווען פראפעסאר ראבינסאן איז אנגעקומען אין שיקאגא און איז געווארען א תושב, און מען איז געוואהר געווארען אז ער איז א ציוניסט, האט חיים סארעס באלד געזוכט א געלעגענהייט מיט איהם בעקאנט צו ווערען. און ער איז געווארען גוטע פריינד מיט איחם.

סארעס האט געהאט פאלגענדע אורזאכען צו זוכען ראבינסאנס פריינדשאפט, ערשטענס איז עס ווערט אלע געלטען צו זיין בעקאנט מיט א פראפעסאר און נאך בפרט אזעלכער וואס האט אזא גרויסען בערוף ווי ראבינסאן האט געהאט; צווייטענס מוז דער אמת געזאגט ווערען, וועהרענד חיים סארעס איז ניט געווען פון די גרויסע געלעהרטער האט ער אבער ליעב געהאט זיך צו רייבען צווישען געלעהרטע און א מאל כאפען פון זיי עטוואס גוטעס, און ראבינסאן איז פאר איהם געווען אן אוצר וואס שעפט זיך ניט אויס, א דריטע אורזאכע איז געווען וואס אין

ראבינסאנס הויז האט ער זיך געקענט
אריין כאפען פרייטאגצונאכט און ריי־
כערען א ציגארעטעל אונגעשטערט;
און קיינער פון זיינע בעקאנטע וואל־
טען איהם דארט ניט געכאפט מיט
די קאנטערבאנד.

אויף דער אנדער זייט האט ראבינ־
סאן ניט פיינט געהאט צו פארברענגען
מיט סארעס צוליעב עטליכע טעמים.
ערשטענס האט ער אין איהם געפונען
א אידישען טיפ וואס ער האט שוין
לאנגע יאהרען ניט געזעהען. ער האט
איהם שטארק דערמאנט אין משה סאר־
מועלעוויטץ. ווען ראבינסאן האט איהם
געגעבען אונטעררויכט איז משה נאך
געווען דער פאנאטישער ישיבה בחור.
ער האט אויך שטארק ליעב געהאט פון
איהם צו הערען ווי ער פלעגט זאגען:
"ווי דאקטאר הערצל האט געזאגט".
ראבינסאן האט געלייענט אלעס וואס
דאקטאר הערצל האט ווען עס געשריבען
ניט נאר איבערן ציוניזמוס נאר אפילו
אויך זיינע פעלעטאנס אין דער נייער
פרייע פרעססע, און ער האט גוט גע־
וואוסט וואס הערצל האט געזאגט און
וואס ער האט ניט געזאגט, און עס האט
איהם שטארק אמוזירט הערען זאכען
וואס סארעס האט געזאגט אין הערצל'ס
נאמען, פון וועלכע הערצל האט אפילו
ניט גע'חלומט, און עס האט אויך
אמוזירט ראבינסאן צו רעדען מיט א
מענטשען וואס ווייס ניט פון קיין מי־
טעלפונקט, וועלכער לויפט פון איין
עקסטרעם צום צווייטען אין אלע זיינע
הסגות.

סארעס האט געהאט א נאטירליכע
נייגונג צו איבערטרייבען זאכען, און
זיין פארשטעלונגס קראפט איז געווען
זעלטען שטארק. אבער די הויפט אור־
זאכע וואס רודאלף ראבינסאן האט
ליעב געהאט די געזעלשאפט פון סארעס
איז געווען דערפאר וואס סארעס האט
ביי איהם פארנומען די שטעלע פון א
"נייעם אגענט". ער איז געווען דער
פאדעם וואס האט געהאלטען צוגעבונ־
דען ראבינסאן צו דער אידישער גאס.
ער פלעגט ברענגען צו ראבינסאן אלע
נייעס וואס האט פאסירט אין דער אי־
דישער סביבה, ווער עס האט חתונה גע־
האט, ווער עס איז געשטארבען און
אלעס וואס עס טהוט זיך בכלל אין דער
אידישער שיקאגא.

ראבינסאן פלעגט זיך צוהערען מיט
א טיעפע אינטערעסע צו חיים סארעס
איבערטריבענע ערצעהלונגען און ווען
סארעס האט געענדיגט, האט ראבינ־
סאן געצויגען זיינע אייגענע שליסע
אויף וויפיעל עס איז אמת, און וויפיעל
עס איז איבערטריבען.

ווען חיים סארעס האט זיך בע־
קוועהם געמאכט אין א שטוהל, האט
ראבינסאן איהם געבעטען אום ענט־
שולדיגונג אויף א פאר מינוטען, איהם
זאגענדיג "איך האב נאך מיינע בריעף
ניט דורכגעלייענט" און ער האט גענו־
מען א צווייטען בריעף וואס איז געלע־
גען אויפן טיש. ער האט געעפענט דעם
קאנווערט און ער האט געלייענט.
פריינד ראבינסאן:

— זינט איך האב דערהאלטען דיין
לעצטען בריעף האב איך געשריבען צו
מיינעם א גוטען פריינד אין שיקאגא,
איך האב איהם מיטגעטיילט דיין אד־
רעס און אפילו דיין טעלעפאן נומער.
איך פיהל אז עס איז נויטיג דאס איהר
ביידע זאלט זיך באקענען, און איך בין
זיכער אז אייער בעקאנטשאפט וועט
אייך פיהרען צו אן אויסערגעוועהנלי־
כען פריינדשאפט. ער איז אן איבער־
געבענער ציוניסט און ער פארקערפערט
אין זיך די העכסטע אידעאלען וואס
מען געפינט צווישען די רוסישע אידען
און די קולטור און פעהיגקייט פון אונ־
זער נייעם אידישען דור, דא אין אמע־
ריקא. זיין נאמען איז דוד פרומקין.

— איך האב היינט פון איהם גע־
קראגען איין ענטפער אויף מיין בריעף,
ער שרייבט מיר אז ער האט פון דיר
געהערט, און ער ווייס אויך אז דו
וואהנסט אין שיקאגא, אבע ביז אהער

האט אייך דער צופאל ניט צוזאמענגע־
בראכט, אבער איצט, אז ער ווייסט
דאס דו ביסט מיינער איין אינטימער
פריינד וועט ער נעהמען די ערשטע גע־
לעגענהייט זיך מיט דיר צו בעקענען;
ער וועט די טעג צו דיר טעלעפאנירען
און בעשטימען א צייט ווען און וואו
איהר זאלט זיך טרעפען, איך ווייס
פאראויס אז פרומקינס פריינדשאפט,
וועט דיר זיין שטארק אנגענעהם. איך
בין בעשטימט, אז עס וועט דיר פיעל
העלפען ארויס צושלאגען פון זינען דיין
אייביגער טרויער.

ווי עס ווינשט דיר

דיין איבערגעבענער פריינד

עמאנועל פריעדבערגער

ראבינסאן האט דורכגעלייענט דעם בריעף און האט איהם ווידער צוזאמען געקנייצט און אריין געשטעקט אין קע־שענע, זיך ווענדענדיג צו חיים סארעס האט ער געזאגט:

—נו וואס הערט זיך עפעס נייעס אין שטאדט וואס מאכען אונזערע חברים?

—וואס זאל זיך הערען, מען רעדט נאר פון דער מלחמה—האט סארעס גע־ענטפערט—דער עולם איז שטארק צו־רודערט, רוסלאנד האט אנגעהויבען ארויסצוטרייבען די אידען פון די שטעדט וועלכע זיינען ביי די גרענעצען, און אוואו נעבעך וועלען זיי זיך אהין מאחן? נאר איין גאט מעג רחמנות הא־בען, דאס איז אפשר דער גרעסטער חורבן וואס האט אונזער פאלק גע־טראפען; דאס איז ווי דאקטאר הערצל האט געזאגט: "די פארניכטונג פון א פאלק וואס איז אין גלות". און אין אונ־זער ציוניסטישען לאגער קריגט מען זיך און מען רייסט זיך ארום, און טאהן עפעס פארן ציוניזמוס, טהוט מען גאר נים.

—וועגען וואס קריעגט מען זיך? —האט ראבינסאן געפרעגט.

—עס איז א לאנגע מעשה — האט כארעס געענטפערט — אבער איך וועל דאס מאכען בקיצור. די מלחמה איז צוליעב צוויי צדדים. מיר האבען דא אין שיקאגא צוויי יונגע לייט ביידע זיינען זיי אמתע אידען. איבערגעגע־בען צום יודענטהום מיט קאפ און האר־צען, ביידע האבען זיי א גוטען נאמען צווישען דעם אידישען עולם. איינער איז דזשייקאב קלויזנער און דער צוויי־טער איז דוד פרומקין; פארשטעהט זיך דאך שוין דאס יעדערער פון זיי האט זיך זיין צד און זיינע נאכפאלגער. פאר די לעצטע עטליכע יאהר איז קלויזנער געוועזען אונזער פרעזידענט, און אלץ איז אנגעגאנגען שעהן און פיין, אלע האבען געארבייט און יעדערער האט געטהאן דאס בעסטע וואס ער האט גע־קענט פאר דער באוועגונג. חאט זיך אבער געטראפען לעצטען ווינטער דאס פרומקינס צד האבען איהם אויסגע־וועהלט פאר פרעזידענט צו דעם יעהר־ליכען קאנפערענץ, פארשטעהט איהר דאך שוין ווייל דער אנדער צד איהם ניט העלפען, און אזוי ווערט קיין זאך ניט געטהאן.

— הייסט עס אז צוליעב פערזענלי־כע מחלוקת רואינירט איהר אונזער בע־וועגונג — חאט ראבינסאן געזאגט מיט פערדרוס. איהר אליין זייט מודה אז פרומקין איז אן אויסגעצייכענטער יונגערמאן, א גוטער ציוניסט, דער עולם רעספעקטירט איהם, פארוואס זא־לען אונזערע אייגענע ציוניסטען זיך געגען איהם שטעלען און נאך דערצו שאדען אונזער באוועגונג? דער אלטער אידישער אונגליק איבעראל קריגעריי, איבעראל מחלוקת. צוליעב א קמצא און א בר קמצא איז א גרויסע שטאדט אומ־געקומען און צוליעב א קלויזנער און א פרומקין דארף אונזער גרויסער אי־דעאל ליידען.

—די צרה איז, — האט סארעס גע־זאגט. — דאס פרומקין איז עפעס ניט "נאשע בראט" ער איז א ביסעל צופיעל דייטשמעריש געווארען. ער רייבט זיך

צושטאַרק צווישן די גדולים, און דע־
ריבער פיהלען מיר זיך ניט אזוי היי־
מיש מיט איהם ווי מיר פיהלען זיך מיט
דזשייק קלויזנער; אבער עס וועט נעה־
מען נאך א פּאר מאנאט און מיר ווע־
לען ווידער ערוועלען קלויזנער און מיר
אלע וועלען זיך ווידער נעהמען צו דער
ארבייט, און מיר וועלען אבמאכען פאר
דאס וואס מיר האבען ביז אהער פאר־
נאכלעסיגט. — אויב קלויזנער וועט
ערוועהלט ווערען, וועט פרומקינס צד
וועלען מיט אייך ארבייטען? האט ראַ־
בינסאָן געפרעגט.

דאס זעהט איהר מוז מען מודה
זיין, פרומקין און זיינע נאכפאלגער
וועלען ארבייטען פאר אונזער אידעאל
אהן אן אונטערשיעד ווער עס איז דער
פּרעזידענט. — האט סאָרעס געענט־
פערט.

ראבינסאן האט צו זיך אליין גע־
שמייכעלט און ער האט געלאכט. "מיין
פריינד פּראָפעסאר פריעדבערגער פאר־
שטעהט זיך אויף מענשליכע נאטורען
און כאראקטערס, און ווי איך זעה האט
ער ריכטיג אפּגעשאצט פרומקין איך
מוז מיר מיט איהם באקענען". זיי זיי־
נען געזעסען און האבען געפּלוידערט
א ביסעל וועגען פארשידענע זאכען,
דער טעלעפאן האט געקלונגען, ראבינ־
סאן האט אויפגעהויבען דעם רעסיווער
און א קול פון דער אנדער זייט האט
געפרעגט: " זייט איהר פּראָפעסאר ראַ־
בינסאָן? מיין נאמען איז דוד פרומקין,
אונזערע ביידענס פריינד, פּראָפעסאָר
עמאנועל פריעדבערגער פון הארווארד
האט צו מיר וועגען אייך געשריבען און
איך בין שטארק אונגעדולדיג זיך מיט
אייך צו טרעפען; מיין פרוי און איך
זיינען איצט אין אייער געגענד און
אויב איהר זייט פריי, וועלען מיר אריין
קומען צו אייך אויף א פּאָר מינוטען".
ראבינסאן האט ניט געוואלט דאס
פרומקין און זיין פרוי זאל זיך גראד
איצט טרעפען אין זיין הויז מיט חיים
סאָרעס; ער האט אויך ניט געוואלט
דאס סאָרעס זאל וויסען מיט וועמען
ער רעדט, ער האט דאריבער געענט־
פערט:

— אונזער פריינד האט צו מיר
אויך געשריבען וועגען אייך און איך
פארזיכער אייך דאס אייער אונגעדולד
איז ניט גרעסער ווי מיינע, איך וועל
אייך טרעפען אין פופצעהן מינוטען ארום
אין קופּער קארלטאן האטעל, איך וועל
זיין אין דער לאבי און וועל אויף אייך
ווארטען, איך וועל אייך שוין דערקענען
און דאן וועלען מיר זיך בעסער פאר־
שטעהן, אויף ווידערזעהן".

ראבינסאן האט זיך ענטשולדיגט
פאר סאָרעס דאס ער מוז אוועק געהן,
צוויי פּערזאנען ווארטען אויף איהם
אין קופּער קארלטאן האטעל, ער האט
איהם איינגעלאדען צו פארבלייבען און
פארוויילען די צייט מיט זשורנאלען
אָדער ביכער, און אויב סאָרעס וויל
וועט ער איהם געבען הערצלס ווערק
צו לייענען אין דייטש, ענגליש אדער
העברעאיש. סאָרעס האט אבער ניט
געוואלט בלייבען אליין, ער האט זיך
אויף געהויבען, ער האט גענומען זיין
הוט און געזאגט גוט נאכט און האט
פארלאזען דעם צימער.

מיט פופצעהן מינוטען שפּעטער
זיינען דריי פּערזאנען געזעסען ארום
א טיש אין דער רעסטאראנט פון קו־
פּער קארלטאן האטעל און זיי האבען
זיך אונטערהאלטען אזוי ווי זיי וואלטען
געווען גאנץ אלטע פריינד. זיי זיינען
געווען רודאלף ראבינסאן דוד פרומ־
קין און זיין פרוי, מאדאם מרים פרומ־
קין וואס האט איהם נאכגעפאלגט ווי
א געטרייער חבר. די דריי נייע פריינד
האבען א ביססעל איבערגעביסען און
האבען זיך גערעדט איבער אלגעמיינע
טאגעס פראגען. מאדאם פרומקין האט
באמערקט אז עס איז א צו הייסער
אוונד צו זיצען אין רעסטאראנט,
אז עס וואלט געווען מעהר אנגענעהם
זיך דורכצופאהרען אין זייער אויטא־
מאביל און געניסען די פרייע לופט; די
צוויי הערען האבען מיט איהר איינ־

געשט־מט, און זיי זיינען ארויס פון האָטעל אין די שעהנע פרייע לופט.

די נאכט איז געווען שטיל און וואַרעם; ניט דער מינדעסטער ווינטעלע האָט געשטערט די לופט; די מיליאנען פארמאטערטע מענשען וואס האבען דעם גאנצען טאג געטריעבען דעם ראד פון ציוויליזאציאן זיינען ארויסגעקומען אבצושטאטען א וויזיט צום לייק מישיגאן, דער הימעל איז געווען קלאר און קיין שטיקעל וואלקען האט ניט פארפלעקט די טיעפע בלויקייט. די גרויסע רונדע לבנה מיט די מיליאנען פינקעלדיגע שטערן האבען אויסגעזעהען ווי זיי וואלטען געשוואומען אין די אונענדליכע לופט, האיד פארק בולווארד איז געווען באלויכטען מיט די גרויסע עלעקטערישע לאמפען און עס האט אויסגעזעהן העל ווי אין מיטען טאג. צוויי אונענדליכע צייל‎ען פון אויטאמאבילס האַבען זיך געצויגען פון ביידע זייטען בולווארד, איין צוג איז געגאנגען פון דער נארד צו זיד און דער צווייטער האט זיך געצויגען פון סאוטה צו נארד.

פרומקינס אויטאמאביל איז געשטאנען אויף דער אנדערער זייט פון בולווארד און צוליעב די צוויי צייל‎ען האט ער געמוזט ווארטען ביז זיי וועלען זיך אבשטעלען און איהם לאזען אריבערגעהן. ער האט באמערקט מיט ווייט פון איהם צוויי יונגע מיידלאך וואס זיינען געשטאנען אויף דער זעלבער זייט און האבען אויך געווארט אויף א געלעגענהייט זיך צו קענען אריבערבאפען אויף דער אנדער זייט פון גאס. זיי האבען אויסגעזעהן א יאהר פופצעהן, און עס איז געווען קענטיג אז זיי זיינען געקומען פון לייק וואו זיי האבען זיך געבאדען, די צוויי צייל‎ען אויטאמאבילס האבען זיך אבגעשטעלט אויף א מאָמענט, די צוויי מיידלאך האבען זיך האסטיג בעוועגט אריבער צולויפען אויף דער אנדער זייט פון בולווארד אבער איידער זיי האבען דערגרייכט דעם טראטואר איז אן אויטאמאביל אנגעלאָפען פון נארד און האט א ווארף געטהאן איינע פון די מיידלאך און איז פארשוואונדען געווארען צווישען די איבעריגע טויזענדע אויטאמאבילס. איידער א ווארט איז אויסגערעדט געווארען איז פרומקין געשטאנען ביי איהר זייט, ער האט איהר אויפגעהויבען אין זיינע ארעמס און האט איהר צוגעטראגען צו זיין אייגענעם אויטאמאביל וואס איז געשטאנען ניט ווייט פון דעם ארט וואו דער צופאל האט פאסירט. ראבינסאן, מאדאם פרומקין און די מיידעל'ס חבר'טע זיינען אריין אין מאשין, פרומקין האט איהר געהאלטען אויף זיין שויס וועהרענד ער איז שנעל אוועקגעפאהרען צו דעם אסט ענד האספיטאל. אויף דער רייזע צום האספיטאל האט די חבר'טע זיי דערצעהלט דאס דיא מיידעל איז א יתומה און זי וואהנט מיט איהר מוטער אין א צימער אין דעם לענאקס האטעל וואס איז גענויע צוויי מייל וועסט פון האיד פארק בולעווארד אז זיי זיינען ניט לאנג אין אמעריקא, דאס זיי קומען פון ברוסעל בעלגיום, און אז די מיידעלס מוטער האט געעפענט א שול וואו זי גיט אונטערריכט אין אויסלענדישע שפראכען.

וועהרענד די דאקטוירים האבען אונטערזוכט די מיידעלס וואונדען האט ראבינסאן געפונען א טעלעפאן, ער האט מיטגעטהיילט די מוטער פון דעם צופאל וואס האט געטראפען איהר טאכטער. די דאקטוירים האבען מיטגעטיילט אז די מיידעל האט גליקליכערווייזע קיינע ערנסטע וואונדען ניט ערהאלטען, זי איז געווען מעהר צו שראקען ווי פערוואונדעט. די זייטיגע פוס ברעט פון אויטאמאביל האט איהר בלויז א שטופ געטהאן און איהר אומגעווארפען, פון דעם האט זי זיך צושלאגען איהרע קניע און די עלענבויגענס פון איהרע הענד. זיי האבען געראטהען אז זי זאל פארבלייבען אין האספיטאל אויף א פאר טעג. די פרומקינס און ראבינסאן האבען געווארט אין קראנקען צימער ביז

די מוטער איז געקומען. זי האט אויס־געזעהען צו זיין אין עלטער פון א יאהר אכט און דרייסיג. מיט א שעהנעם שלאנקען פיגור א זעלטען שעהנע גע־זיכט, גיעט געקליידעט; זי איז אריין געקומען אין צימער וואו איהר טאכ־טער איז געלעגען, זי האט אויסגעזעהן שטארק צושראקען אבער זי האט זיך באנומען ווי איינע וואס פארלירט זיך נים אונטער קיינע אומשטענדען. זי איז מיט א שטאלצען מוטה צוגעטרעטען צום בעט וואו איהר קינד איז געלעגען און מיט פיבערישע ליפען האט זי איהר געקושט. זי האט איהר קיינע פארווירפע ניט געמאכט, ווי עס איז דער פאל מיט די מעהרסטע מוטערס וואס טהוען דאס אין אזעלכע אומשטענ־דען. געלאסען האט זי אנגעהויבען זיך נאכצופרעגען ווי דער צופאל האט זיך געטראפען, די טאכטער האט איהר אלעס דער־צעהלט, און ווען זי האט איהר דער־צעהלונג געענדיגט האט זי אנגעוויזען מיט איהר קליינע ווייסע האנד אויף ביידע פרומקינס און אויף ראבינסאן, און זי האט געזאגט:

— די דאמע און די ביידע הערען זיינען געוועזן מיינע רעטער — און שמייכלענדיג צו זיי האט זי פארטגע־זעצט:

— דאס איז מיין מוטער, מאריא לאשין, איהר וועט מיר ענטשולדיגען איך ווייס אפילו ניט די נעמען פון די וואס האבען מיר גערעטעט.

דוד פרומקין האט פארגעשטעלט פאר מוטער און טאכטער זיין פרוי, פראפעסאר ראבינסאן און זיך אליין.

זיי זיינען פארבליבען א קליינע ווייל'ע מיט די קראנקע קינד אין האס־פיטאל און דאן האט פרומקין איינגע־לאדען מאדאם לאשין און איהר טאכ־טערס חבר'טע צו פאהרען אהיים מיט זיי אין דעם אויטאמאביל. די איינלא־דונג איז מיט דאנק אנגענומען געווא־רען.

12־טער קאפּיטעל

די קליינע ווערא לאשין איז פארבליבען דריי טעג און דריי נעכט אין האספּיטאל, יעדען אווענד זיינען דיא פרומקינס געקומען צופאהרען צו ראבינסאן און האבען איהם מיטגענומען, און זיי זיינען אלע דריי אוועק געפאהרען צו דעם איסט ענד האספּיטאל איהר צו בעזוכען; און יעדען מאל וואס זיי זיינען אריינגעקומען אין וויעראס צימער האבען זיי געפונען מוטער און טאכטער זיך שפּילענדיג ווי צוויי יונגע שוועסטערלאך, און ווען עס איז געווען צייט צו פארלאזען דעם האספּיטאל האבען זיי גענומען די מוטער מיט זיך און זיי האבען איהר אבגעפיהרט צום לענאקס האטעל. אויף דעם דריטען טאג זיינען פרומקינס און ראבינסאן געקומען ארום זעקס אזייגער פארנאכט, זיי זיינען היינט געקומען פריהער ווי אלע מאהל, דער פאר וואס זיי האבען היינט געזאלט נעהמען וויערא אהיים, זיי האבען איהר געפונען אנגעטאהן אין א לייכטע זומערדיגע קלייד, אין ווייסע שיך און זאקען מיט א גרויסע שטרויענע הוט פון א הימליכען פארב מיט א גאנץ בריטען ראנד וואס איז א ביסעל ארונטערגעפאלען ביי די ברעגעס און עס האט בעהאלטען איהרע קורצע גאלדענע האאר. זי איז געווען פריש און מונטער און זי האט געוויזען פאר דעם יונגען דאקטאר וואס איז מיט מאריא געזעסען אין צימער, א נייע גראציעזע בעוועגונג אין א טאנץ פון די נימפען, און זי אליין האט מיט אן אמת אויסגעזעהן ווי א נימף.

ווען די דריי זיינען אריין געקומען האט זי זיך פארשעהמט זי איז צוגעלאפען צו איהר מאמע און מיט ביידע ווייסע ארעמס האט זי ארום גענומען איהר האלז און האט בעגראבען איהר יונגען פרישען פנים אין איהר מוטערס בוזים, מאדאם פרומקין און די אלע איהרעגע וועלכע האבען זיך געפונען אין צימער האבען זיך ביי איהר געבעטען זי זאל פארזעטצען דעם טאנץ, זי האט אויף געהויבען איהרע גאלדענע קאפּ פון וועלכע די הוט האט זיך ארונטער גערוקט אויף הינטען און איז געבליבען היינגען אויף צוויי סאמעטענע שווארצע בענדער וואס זיינען געווען פארבונדען אונטער איהר קליינע מארדע און זי האט געזאגט צו מאדאם פרומקין.

— אייך מאדאם קען איך ניט אבזאגען. איהר זייט געווען אזוי גוט צו מיר און צו מיין מוטער דאס איך מוז מיינע שעהמעוודיגקייט בעהאלטען און טאהן וואס איהר ווינשט. — זי האט שטילערהייד גענומען זינגען פון פירעגיינט "אניטראס טאנץ" און זי האט געטאנצט נאכן טאקט פון איהר אייגענער באגלייטונג. איהר קליינער יונגער קערפּערל חאט זיך אזוי עלאסטיש געבויגען ווי זי וואלט גאר קיין ביינער ניט געהאט. איהר יעדער בעוועגונג איז געווען פול מיט חן און שעהנקייט. און דער קראנקען צימער פון איסט ענד האספּיטאל איז פערוואנדעלט געווארען אין א טאנץ זאאל; ווען זי האט געענדיגט האבען די פינף אנוועזענדע פּערזאנען ענטהוזיאסטיש איהר אפּלאדירט, ווערענד מאדאם פרומקין האט איהר גענומען אין איהרע ארעמס און זי האט איהר געקושט, זי האט צו איהר געזאגט.

— דו וואונדער קינד, אוואו האסטו דאס געלערנט?

— איך האב זיך געלערנט טאנצען אין ברוסעלס פון אונזערע א פריינד; איהר נאמען איז פיליציא לאוויטע, זי האט א נאמען פאר די גרעסטע טאנצעריין אין איירופא — האט וויערא געענטפערט.

ווען ראבינסאן האט דערהערט דעם נאמען "פיליציא" האט ער א ציטער געטהאן. דוד פרומקין האט פארגעבראכט, אז עס וואלט געווען א גוטער פלאן אריבערצופאהרען אין דער וועסט סייד, אין דעם אידישען קווארטאל און לכבוד דער שמחה וואס וויערא איז געזונד געווארען, צו שפייזען אין א אידישען רעסטאראנט. מיט א האלבע שטונדע שפעטער איז די גאנצע געזעלשאפט וואס איז בעשטאנען פון ראבינסאן, ביידע פרומקינס און ביידע לאשינס געזעסען ארום ארונדען טיש אין דער "קאסמאפאליטאן רעסטאראן", וואס האט זיך געפונען אויף האלסטעד כטריט.

צו דוד פרומקין און רודאלף ראבינסאן זיינען אזעלכע רעסטאוראנטס ווי די "קאסמאפאליטאן" ניט געווען אונבעקאנט, מען געפינט זיי אין אלע גרויסע שטעדט פון איירופא און אמעריקא וואו עס געפינען זיך א גרויסע צאהל אידען; זיי זיינען געוועהנליך בעקאנט אונטער דעם נאמען "אידישע רעסטאראנטס" אדער "קאפעעס" אבער די איינציגע אידישקייט וואס אין זיי איז צו געפינען איז דאס זיי ווערען באזוכט פון אלערהאנד קלאססען אידען. און מען באקומט דארטען אזעלכע שפייזען וואס זיינען ספעציעל באוואוסט אלס אידישע שפייזען ווי מצה קניידלאך, בולבע-לאטקעס, געהאקטע לעבער, הערינג, גענזענע שמאלץ און געפילטע פיש, עס דערמאהנט נאר אן די אלע געריכטען וואס מיר פלעגען באקומען אין דער חיים פון אונזערע מאמעס אבער אין טעם קען מען דאס ניט דערקענען.

אויף כשרות מאכען זיי גאר קיינע פרעטענזיעס ניט. אין די לעצטע צייטען זיינען דיעזער ארט קאפעעס אויך גוט בעקאנט געווארען צו א געוויסע קלאס אמעריקאנער וועלכע געהערען צו דער "אינטעליגענציע", צו זיי איז עס א מין "באהעמיא". עס מאכט קיין אונטערשיעד וועלכע צייט, ביי טאג אדער ביי נאכט, מען זאל דארטען אריין קומען, וועט מען דארט אלע מאהל טרעפען גרויסע גרופעס מענשען זיטצענדיג ארום רונדע טישען, און יעדער גרופע דעבאטירט זיך איבער אזעלכע פראגען וואס זי איז מעהרסטענס פעראינטערעסירט. ביי איין טיש וועט מען הערען א דעבאטע וועגען די לעצטע "רייכעס", וועלכער פערד עס וועט געווינען; אדער מען וועט דארטען אויך האבען א דעבאטע איבער דעם נעכסטען "פרייז פהייט" וועלכער פון די צוויי גלאדיאטערען עס האט א גרעסערען ,טשאנס' צו געווינען דעם קומענדיגען פהייט. ביי אן אנדער טיש זעהט מען א גאנץ גרויסע גרופע וואס דעבאטירען וועגען קונסט, דארט הערט מען די אלע גרויסע פיהרער פון דער קלאסישע, ראמאנטישע, רעאליסטישע אדער נאטור ליטעראטור. אלע שולען פון מאלעריי און סקולפטור, מוזיק און די דראמא ווערען דארטען געמאסטען און געשאצט. די פארשיעדענע סיסטעמען אין דער פילאזאפיע ווערען דארטען דורכגעדרינגען, אויך ווערען דארט ניט אויסגעלאזען די אפעראס און די זינגער. ביי איין אנדער טיש זיטצען א גרופע מענשען און דעבאטירען איבער פאליטישע עקאנאמיע; דארטען זיינען פערטראטען סאציאליסטען, קאללעקטיוויסטען, סינגעל טעקסיסטען, מארקסיסטען, לאסאלליסטען, אנארכיסטען — קאמוניסטען און אנארכיסטען—אינדיווידואליסטען; דארטען ווערט די וועלט צושמעטערט הונדערטער מאל א טאג. און פון דאס ניי אויפגעבויט אזוי פיעל מאל. לעבען אן אנדער גרויסען טיש זיטצט

אן אנדער גרופע און ו'עבאטירט וועגען אידישען פאלק, און דארטען אויך געפינט מען וכו׳ מאמינים; חובבי ציוניסטען פון דער אלטער שוהל, אחד־העם׳יסטען, הערצליאנער ציוניסטען זאנגווילס טעריטאריאליסטען, פועלי ציוניסטען און סאציאליסטען טעריטאריאליסטען. עס איז אן אמתער דור הפלגה, און פאר די וואס קומען אהין דעם ערשטען מאל איז דער פלאץ זעהר אינטערעסאנט. אבער דאגעגען פאר פערזאנען ווי פרומקין און ראבינסאן איז עס מעהר קיין נייעס ניט געווען.

די צוויי דאמען מאריא לאשין און מאדאם פרומקין האבען זיך דא געפגען דעם ערשטען מאל אין זייער לעבען און זיי האבען זיך ניט געקענט אבוואונדערען פון אלץ וואס זיי האבען געזעהן און געהערט· זייערע אויגען האבען ארום געוואנדערט איבער דעם גרויסען פלאטץ און זיי האבען גענוי בעמערקט כמעט יעדען פערזאן וואס האט זיך דארטען געפונען. מאריאס אויגען זיינען ענדליך געבליבען שטעהן אויף דעם גרויסען פענסטער וואס האט ארויסגעקוקט צו האלסטעד סטריט; דארטען זיינען געווען אויסגעהאנגען פארשידענע פלאקארדען, וועלכע האבען אנגעזאגט און געמעלדעט קאנצערטען, טעאטער פארשטעלונגען, פיקניקס מאסענפערזאמלונגען און פארטייען; איהרע אויגען זיינען ווי צוגעשמיעדט געווארען צו איינעם פון די פלאקארדען אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעמאהלען דער בילד פון א מאן און אונטערן בילד איז געווען געדרוקט אין אידיש די אנזאגונג און דעם נאמען פון דעם פערזאן וואס דער בילד שטעלט פאר.זי האט זיך אנגעשטרענגט דאס צו לייענען, אבער זי איז געווען צו ווייט און זי האט ניט געקענט זעהן די בוכשטאבען, זי האט זיך דארום געווענדעט צו ראבינסאן און זי האט געזאגט:

— פראפעסאר, וועט איהר אזוי גוט זיין און איבערלייענען פאר מיר יענעם פלאקארד וואס האט דעם בילד אויף זיך?

ראבינסאן האט זיך צוגעבויגען נעהנטער צום פענסטער און האט געלייענט אין דער הויך: "דיענסטאג דעם 28טען אויגוסט וועט גרעגאר מעדאף האלטען א פארטראג איבער דער טהעמא "די רעוואלוציאן און דער פראלעטאריער", מעדאף איז דער פרעזידענט פון בונד אין רוסלאנד, די גרעסטע רעוואלוציאנערע ארגאניזאציאן, די פערזאמלונג וועט אפגעהאלטען ווערען אין הארמאניע האל.

פון וויעראס מויל האבען זיך ניט ווילענדיג ארויסגעחאפט די ווערטער "גרעגאר מעדאף!" און איהר געזיכט איז בלאס געווארען, ראבינסאן האט עס באמערקט ,און ער האט געפרעגט מיט געצעהלטע ווערטער, וועהרענד ער האט איהר טיעף אין געזיכט אריינגעקוקט.

— קענט איהר איהם? אויב איהר ווילט וועל איך אייך אלעמען נעהמען צום פארטראג און מיר וועלען הערען וואס ער האט צוזאגען וועגען דער רוסישער רעוואלוציאן. איך אליין בין שטארק נייגעריג איהם צו הערען· מיט לאנגע יאהרען צוריק איז ער געווען מיינער א תלמיד.

— צו איך קען איהם? לוידער צו גוט — האט מאריא געענטפערט — איך קען איחם אזוי גוט, דאס איך וויים אפילו אויך ווער עס איז געווען זיין אמאליגער לעהרער וואס האט איחם פארבערייטעט צו די עקזאמענס אריין צוטרעטען אין אוניווערזיטעט. איך וויים דאס מעדאף׳ס לעהרער און וואהלטהעטער איז רודאלף ראבינאוויטש, און איך האב נאך א גרעסערע איבערראשונג פאר אייך פראפעסאר, איך קען אויך העלענא און פיליציא ראבינאוויץ, אייער פרוי און טכטער. פרפיצכאר ראבינסאן !עס איז מיין גליק דאס איך בין פון גאט בעשטימט געווארען צו

זיין דער שליח איך און אייער פאמיליע צו פאראייניגען. ווי גליקליך איך שעטץ מיר — זי האט די ווערטער ארויסגעזאגט שנעל און מיט אן אונטערדריקטען טאן אזוי ווי זי וואלט מורא געהאט דאס זי זאל ניט שטארבען מיטן סוד צוזאמען. ראבינסאן איז אויפגעשפרונגען פון דעם שטוהל אויף יועלכען ער איז געזעסען; און ער האט אויסגעשריען מיט א משונה׳דיגען קול:

— מאריא סאמועלעוויץ! — דיא שטימע האט געדונערט, און דער נאמען האט דורך געדרונגען אלע אויערען פון די וואס האבען זיך געפונען אין רעסטאוראנט, און זיי האבען אלע אויף איהם געקוקט פערוואונדערט; דאס האט איהם באלד צו זיך געבראכט. ער חאט זיך צוריק געזעצט אויפן שטוהל און האט שטיל געמורמעלט אין איהרע אויערען, ווי א תפלה אדער א בקשה:

— מאריא ,אום גאטעס ווילען, האלט מיר ניט אויף, זאגט מיר, לעבט מיין העלענא? לעבען מיינע קינדער? לעבען זיי אלע? איך בעט אייך, געשווינד געשווינד, זעהט איהר ניט אז מיינע כחות פארלאזען מיר פון אומגעדולד און פארצווייפלונג

— יא פראפעסאר ,זיי אלע לעבען זיי זיינען געזונד און גליקליך, דאס איינציגע וואס עס האט זיי געפעהלט צו מאכען זייער גליק פאלקאמען, זייט איהר געווען, אבער איצט ווען זיי וועלען אייך האבען וועלען זיי זיין די גליקליכסטע אין דער וועלט. מעהר וועגען דעם צו רעדען איז דא ניט דער ארט דערצו. זאלען מיר זיך איצט משמח זיין לכבוד דעם גרויסען גליק וואס איז צו אייך געקומען. הערר פרומקין וועט איהר אזוי גוט זיין און בעשטעלען וויין. איהר זייט די איינציגע מחותנים אויף דער גרויסער שמחה, איהר ווייסט גאר ניט וואס פאר א זכיח איהר האט צו זיין דערביי ווען א צוואנציג יעהרינגער געהיים איז פאר איהם אנטפלעקט געווארען, איהר מוזט זיין דערביי ווען איך וועל פאר איהם אלעם דערצעהלען, איך בין זיכער אז איהר וועט הערען און שטוינען, און איהר וועט אויסגעפינען דאס ראמאן איז נאך ניט אין גאנצען טויט.

פרומקינס האבען קיין זאך ניט געוואוסט וועגען ראבינסאנס לעבענס געשיכטע. אויסער וואס עמאנועל פריעדבערגער חאט געשריבען דאס ראבינסאן איז איינער פון די גרעסטע מענער און ער טראגט אין זיין הארצען דעם גרעסטען אונגליק. זיי האבען זיך איצט צוגעקוקט צו דער סצענע און צו געהערט צו דעם געשפרעך מיט די גרעסטע אינטערעסע; די בעקאנטשאפט מיט ראבינסאן וואס איז נאר דריי טעג אלט געווען האט אויסגעשפראצט אין א ווארעמע פריינדשאפט, און זיי האבען איהם אמת ליעב באקומען. זיי האבען איצט געפיהלט אז עפעס האבען זיי א חלק אין דעם וואס האט געמאכט א סוף צו ראבינסאנס צרות, און זיי האבען ווירקליך זיך געפיהלט גליקליך צו זיין דערביי, ביי דיזער גרויסער געלעגענהייט. פרומקין האט גערופען דעם קעלנער און האט בעשטעלט א פלאש שאמפאניער. וועהרענד זיי האבען געטרונקען דעם גאלדענעם וויין האט פרומקין געזאגט:

— פריינדע, הערט מיר אויס אויף א מינוט; מיר קענען אלע פארשטעהען ווי אונגעדולדיג דער פראפעסאר ווארט מעהר צו הערען פון זיינע געליעבטע; און מאדאם לאשין איז אויך אויסער געדולד איהם אלעם צו דערצעהלען, אבער אלערערשט מוזען מיר האבען א פלאץ וואו מיר זאלען ניט געשטערט ווערען. מאדאם לאשינס צימער איז ניט גרויס גענוג. אפילו ראבינסאנס אפארטמענט איז ניט בעקוועם און נאך בפרט אז ער האט דארטען א פרעמדע פערזאן וואס דארף דאס ניט הערען. מיין פלאן איז דאס איהר זאלט פאה־

רען מיט אונז צו אונז אהיים. מיר האבען פלאץ גענוג פאר צעהן געסט, די רייזע נעהמט בלויז א שעה צייט. מיר וועלען פערלאזען די רעסטאראן אום אכט אזייגער און מיר וועלען זיין אין דער חיים אום ניין. מיר וועלען זיך קענען געמיטליך זיטצען אויף אונזער ווארענדא און געניסען דעם פרישען ווינטעל וואס בלאזט פון לייק מישיגאן וועלכער איז בלויז דריי הונדערט פוס ווייט פון אונז׳ און אין די שטילקייט פון דער נאכט וועט מאדאם לאשין קענען אונגעשטערט דערצעהלען דאס וואס אונזער פריינד גארט צו הערען.

דעם וויין און די שפייז האט ראבינסאן נאר פארזוכט, אבער געגעסען און געטרונקען האט ער ניט; גליק און אונגליק, פרייד און לייד, טרעהרען און לאכען ווערען באהערשט פון די זעלבע געפיהלען. און גראדע ווי צופיעל אונגליק בארויבט אונז דעם אפעטיט צו עסען און טרינקען, אזוי טהוט אויך צו פיעל גליק. ראבינסאנס גאנצער לעבען איז געוועזן אויסגעפילט מיט אונגליק, לייד, טרויער און שמערץ; פון דער צייט וואס ער איז געווארען א זעלבסטשטענדיגער מענש, ווען זיין פאטער, דער גאון האט אויף אייביג צו געשלאסען זיינע הייליגע אויגען; אבער גליק, אמת׳ע גרויסע גליק האט ראבינסאן בלויז געהאט צוויי מאל אין זיין גרויסען שטורעמדיגען לעבען. דער ערשטער גליק זיינער איז געוועזן ווען העלענא האט איהם אויסגעזאגט אז זי איז א אידיש קינד, און אפשר נאך גרעסער ווי דער ערשטער איז זיין איצטיגער גליק. העלענא לעבט און די קינדער לעבען, און זיי זיינען אלע געזונד און גליקליך! ניין, ער קען ניט עסען און ער קען ניט טרונקען, די שמחה איז צו גרויס, כמעט צו גרויס אז די הארץ זאל אין איהם ניט צוזעצט ווערען פון פרייד; און נאך דערצו שמאכטעט זיין מח פון אונגעדולד, ער וואלט נאר וועלען הערען וועגען זיי, ווי זיי זעהען אוים, אויף וויפיעל העלענא האט זיך געענדערט אין דער לאנגער אייביגקייט וואס זיי זיינען געוועזן געשיידעט. וואס פאר א קינד איז פיליציא? איז זי שעהן איז זי געראטען? זי מוז זיין שעהן אויב זי איז נאר ענהליך צו איהר מוטער, און וועגען איהר געראטענקייט דארף גאר קיין ספק ניט זיין, זי שטאמט פון צוויי געראטענע פאמיליעס, און יאקאב, ער מוז זיין גרויס און שטארק ווי זיין זיידע, נאך וועמען ער הייסט. ער האט אלע מאהל געהאט זיין אנבליק. האט ער אבער גענאסען די בילדונג פון זיין טאטען און זיידען? ראבינסאן האט גוט געוואוסט דאס העלענא וואלט אלעס געאפפערט כדי צו געבען די קינדער א גוטע בילדונג און ערציהונג. ראבינסאן האט געטראכט:

— אך ווי איך בענק נאך זיי איצט. ווען איך ווייס אז זיי לעבען; ווי איך גאר זיי אלעמען צו זעהן, אבער באלד באלד, און איך וועל זיי זעהן און הערען, איך וועל זיין מיט זיי ביי זייער זייט, זיי צו ליעבען, באשיטצען און פארטהיידיגען, ווי א געטרייער מאן און גוטער פאטער. באלד וועט די פינסטערע נאכט פארשווינדען אין א נייער ליכטיגער מארגען וועט פאר אונז קומען.

דיעזע געדאנקען האבען איהם אויף א מינוט ניט אפגעלאזען, ער איז געווען ווי פארשיכורט פון זיי, ווען זיי האבען געענדיגט דעם מאהלצייט און ער האט באמערקט דאס פרומקין נעמט זיך צו בעצאהלען דעם קעלנער, האט ער זיך ווי פון א חלום אויפגעכאפט און ער האט געזאגט צו פרומקין:

— דאס איז מיין שמחה, היינט מוזט איהר מיר לאזען באצאהלען.

— איהר האט פארגעסען אז איך בין דער מחותן—האט פרומקין געזאגט• — דעריבער מוזט איהר אזעלכע זאכען צו מיר איבערלאזען. — פרומקין האט באצאהלט און זיי זיינען גע־

גאנגען צום טהיר. ראבינסאן האט זיך דערמאהנט דאס ער דארף טעלעפאני־רען צו עדי און איהם זאגען אז ער וועט היינט ניט קומען אהיים שלאפען. ער איז צוגעגאנגען צום טעלעפאן און האט באקומען אן ענטפער דאס עדי האט פארלאזען די הויז ארום פיער אזייגער און ער איז נאך ניט צוריק געקומען. ראבינסאן האט זיך צוריק געקעהרט צו זיינע פריינד און זיי האבען פערלאזען דעם "קאסמאפאליטאן" רעסטאראן.

ווען עדי איז דעם זעלבען נאכמי־טאג געקומען אהיים האט ער געפונען א בריעף; נאך אויפן קאנווערט האט ער דערקענט עליינס האנדשריפט, ער האט איהם האסטיג געעפענט און האט געלייענט:

מיין טהייערער עדי. —

—איך בין אין א פערצווייפלונג און איך ווייס ניט ווי מיין בריעף אנצו־פאנגען. א גרויסער אונגליק האט אונז געטראפען און עס האט מיר אין גאנ־צען נידערגעשלאגען. דיין ארעמע אונ־גליקליכע מוטער, דו ווייסט דאך אין וואס פאר א צושטאנד דו האסט איהר איבערגעלאזען, האט געשריבען א בריעף צו זיין מוטער; זי שרייבט אז דו ביסט ניט קיין עהרליך קינד, דאס דו ביזט א ממזר. און זי זאגט דאס אויב מיין מוטער וויל אז דאס זאל בלייבען א סוד, פארלאנגט זי פון אונז פינף און צוואנציג טויזענד דאל. און טאמער וועט מיין מוטער איהר ענטזאגען וועט זי מאכען אונזער נאמען שווארץ ווי דיא בלאטע, מיין מוטער איז געווארען אזוי אויפגערעגט אז זי האט געשווארען דאס אזוי לאנג ווי זי וועט לעבען וועט דיעזער פרוים זוהן ניט זיין איהר טאכ־טער'ס מאן. דו קענסט זיך פארשטעלען וואס פאר א נידערשלאג דאס איז פאר מיר. אין א צייט וואס איך האב שוין כמעט געהאט מיין מוטער אויף אונזער זייט געוואונען. ווען זי וואלט זיך נאר לאזען רעדען וואלט איך אפשר איהר געקענט איבעררעדען און איהר איבער־צייגען דאס דיין אונגליקליכע מוטער איז ניט ביי איהר קלאהרען פערשטאנד, אבער זי ערלויבט מיר ניט דיין נאמען ווי אויך דעם נאמען פון דיין מוטער צו דערמאהנען. גיב מיר איין עצה וואס איך זאל אנהייבען צו טאהן. איך פיהל מיר צו שוואך דעם קאמפף פון דאס נייע אנצופאנגען. דיעזער צופאל האט פון מיר בארויבט מיין מוטה און קר־ראזש. אבער טהייערער עדי מיין ניט אז איך וועל זיך אונטערגעבען, דו זאלסט וויסען איין זאך, אז וואס עס זאל זיך טרעפען וועל איך אויף דיר ווארטען. און איך וועל אויף אייביג פארבלייבען דיינע.

ע ל ל י י ן

עדי האט געהאט וויניגע ערפאהרונ־גען אין זיין לעבען. זיינע פערלאנגען זיינען אלע מאל געווען פון קליינע וויכ־טיגקייטען. דעריבער האט ער געקענט לייכט זיי ערגרייכען. קוים אבער האט ער זיך באגעגענט צום ערשטען מאל אין זיין לעבען מיט אן אמת גרויסען קאמפף ווי דער איצטיגער האט זיך איהם אויסגעדרוקט צו זיין אונעררייכ־באר און עס האט איהם אריין געוואר־פען אין א פערצווייפלונג.

ער האט דורכגעלייענט דעם בריעף, און ער האט געפיהלט אז די גאנצע וועלט איז אויף איהם ארויפגעפאלען. ער איז געזעסען א רעכטע ווילע מיט דעם בריעף אין האנד ווי א צומישטער; ענדליך איז ער אויף געשפרונגען פון שטוהל און ער האט אויסגערופען:

— אויב איך וועל דא לענגער פער־בלייבען וועל איך ארונטער פון זינען ווי מיין מוטער. איך מוז זיי וויזען אז איך בין ניט קיין האמלעט וואס ווערט משוגע און ניט קיין ראמעא וואס באגעהט זעלבסט מארד איבער אן אונ־גליקליכע ליעבע. איך מוז אריין אין קאמפף; איך מוז קעמפפען ביז איך וועל געווינען. און אויב עס איז באַ־שטימט אז עס זאל ניט זיין, וועל איך

ווייניגסטענס אבגעגעבן מיין לעבן פאר מיין אידעאל, פאר עליין און דער גאנצער מענשהייט.

ער האט זיך געזעצט ביי דעם לאנגען שרייב טיש און האט אנגעשריבן צוויי בריעף, איינעם האט ער אדרעסירט צו עליין און דעם צווייטען צו ראבינסאן. מיט א שעה שפעטער איז ער געזעסען אין א פולמאן וואגאן אויף דעם וועג נאך דעטראיט און פון דארט צופאהרען נאך קענעדא זיך אנצושליסען אין אן ענגלישען רעגימענט און קעמפפען פאר דער וועלטס פרייהייט.

"גליקליכע עדי" האט איהם ראבינסאן גערופען מיט א וואך זעקס צוריק ווען ער האט באמערקט ווי שטארק עליין פיליפס ליעבט איהם און ווי פיעל זי איז בערייט צו אפפערען פאר איהר ליעבע. ווען ער וואלט איהם אבער איצט געזעהן, אויף זיין רייזע נאך קענעדא, ווי ער זיצט איינער אליין אין וואגאן מיט רויטע אויגען בענעצט מיט טרעהרען. און דעם קאפ געזונקען צו דער ערד. גלייך ווי ער האט אלץ אין דער וועלט פארלארען; איבערגעגעבן צו פעסימיסטישע געדאנקען; וואלט ער געווים אויסגעשריען: "אונגליקליכער עדי". ווען עדי וואלט אבער ניט געווען אזוי הייליג און ראסטלאז ווי די יוגענד איז; ווען ער וואלט נאר געהאט א ביסעלע געדולד און געווארט א פאר שעה וואלט ער אויסגעפונען אז ער איז דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט. אבער אזוי שפיעלט זיך דער שיקזאל מיט אונז. ווען דער גליק קומט צו אונז און קלאפט אין טיהר, און ער וויל אריין קומען מיט אונז די צייט פארברענגען, טרעפט זיך גראד דאס מיר זיינען אין דער היים ניטא. דער גליק געהט אוועק און אין די מעהרסטע פעללע קומט ער ניט מעהר צוריק.

אין זיין גאנצער קאריערע וואס ראבינסאן האט זיך געראנגעלט מיט פילאזאפישע פראבלעמען האט ער קיין מאל ניט באגעגענט די פראגע צו איז א שעה מעהר אדער ווייניגער ווי זעכציג מינוטען; נאך זיין מאטעמאטישע רעכענונג איז ביי איהם געווען פעסטגעשטעלט דאס א שעה איז א שעה, ניט מעהר און ניט ווייניגער; אבער ערשט היינט אווענד האט ער געמאכט די ערפאהרונגען דאס א שעה וואס דויערט געוועהנליך דור פרומקין צו פאהרען פון שיקאגא אהיים אין טעררייס פארק מעג זיין א גאנצע אייביגקייט.

עס איז געווען איינער פון די שעהנסטע אווענדען אין אויגוסט און דער וועג וואס פיהרט פון שיקאגא נאך טערריים פארק איז די שעהנסטע מיט וועלכע ש י ק א ג א שטאלצירט; עס איז באזעצט מיט קליינע רייכע וועלדלאך און עס פיהרט דורך די שעהנסטע פארשטעדטלאך וואו שיקאגאס קולטור און רייכטהום איז באזעצט. מען פאהרט דורך טיעפע טאהלען און ראווינען. און מען קלעטערט אויף הויכע בערג. די פייער פליגען פליהען פאר ביי אדער זיי פליהען פאראוים ווי זיי וואלטען וועלען בעלויכטען דעם וועג פון די רייזענדע. און אבוואהל עס גיט צו א זעלטענעם רייץ צו דער רייכער פאנאראמע איז אבער זייער מיה ניט נויטיג. די גאנצע וועג איז איין לאנגע שטרעקע בולווארדס און איז באלויכטען מיט געדיכטע עלעקטרישע לאמפען. ראבינסאן, וועמענס נאטור איז געווען פאעטיש געשטימט, האט די רייכע פאעטישע סצענע קיין איינדריק היינט ניט געמאכט אויף איהם; און אנשטאט צו ווערען הינגעריסען פון די וואונדערבארע רייכע נאטור און דיעזער הערליכער שעהנע שטילע נאכט, האבען אין זיינע אויערן געקלונגען היינעס ווערטער:

ווי לאנגזאם קריכט זי דאהין .
די צייט, די שוידערהאפטע שנעקע?

— וועט זיך די רייזע קיין מאל ניט ענדיגען? האט ער געטראכט. ער איז

געזעסן פון פארענט מיט פרומקין, דער לעצטער האט גוט פערשטאנען ווי אומגעדולדיג זיין פריינד איז, און ער האט געמאכט עטליכע פערזיכען איהם אריין צושלעפען אין א געשפרעך, כדי ער זאל זיך ניט לאנגווייליגען. אבער אומזיסט, ראבינסאן׳ס גאנצער וועזען איז געווען פארנומען מיט די דריי פערזאנען וואס זיינען איהם געווען אזוי טייער ,ער האט זיך אליין געפרעגט ווי אזוי ער האט געקענט איבער לעבען די־זע לאנגע צייט, דיעזע צוואנציג יאהר, און ער האט געטראכט "וואס פאר א מערקבארע באשעפענים דער מענש איז. שוואכער פון די קלענסטע פליעג און מעכטיגער פון דעם שטארקסטען לייב; צוואנציג יאהר ווארטען אין הא־פען פון טאג צו טאג און דאס אריבער־לעבען. צוואנציג יאהר צו דולדען אלע צרות און פיין, אלע ליידען און אונגליקען מיט וועלכע דער וועג פון מיין לע־בען איז געווען געפלאסטערט און בא־פלאנצט, און פארוואס? צוליעב וועל־כען צוועק? בלויז דערפאר וואס א קליי־נער שיין פון האפענונג האט פון ער־געץ וואו צו מיר געוואונקען און מיר געמורמעלט אין מיינע אויערען אז איך וועל זיי נאך געפינען; און דיזער שיין דיעזע האפענונג האבען מיר ניט אפגע־נארט; וואס פאר א וואונדערבארער צו־פאל, די גאנצע זאך איז געווען, און ווי מערקווירדיג די נאטור האט איהר פלאן אויסגעארבייט, דאס איך זאל זיי געפינען... פריעדבערגערס בריעף צו פרומקין און צו מיר... פרומקינס טעלע־פאן.. די נעגענווארט פון חיים סארעס.. דער קופער קארלטאן האטעל. דאס אי־בערפאהרען פו ווערא.. די שנעלקייט פו פרומקין איהר צו ראטעווען דאס טרעפען זיך מיט מאריא לאשין.. דער מאהלצייט אין מעטראפאליטאן רעסטא ראן.. און ענדליך מעדאף׳ס בילד.. יע־דער פעדימעל וואס האט זיך דורך גע־צויגען און פארבונדען די אלע סיבות וועלכע האבען געהאלפען פאר איהם ווי־דער צוברענגען פרייד און גליק זיינען איהם הייליג און טהייער געווארען, אפילו דער נאמען פון מעדאף האט ניט מעהר אזוי העסליך געקלונגען אין זיי־נע אויערען.

זיי זיינען אנגעקומען אין טעררייס פארק, זיי זיינען דורך געפאהרען א ברייטע אלעע מיט געדיכטע בוימער פון ביידע זייטען; און זיי זיינען גע־שטאנען ביי דער טהיר פון פרומקינס שעהנע גרויסע הויז. זיי זיינען אלע ארויס פון אויטאמאביל. פרומקין האט געשטופט א קנעפעל און אלעם ארום איז פול געווארען מיט ליכט; די געסט האבען זיך באקוועהם געמאכט אויף דער גרויסער ווערענדא. מאדאם פרומ־קין האט געבראכט זיסע זאכען פאר די פרויען און ציגארען פאר די מענער. ווערא איז געווען מיעד און א דיענסט האט איהר באגלייטעט צו איהר צימער פרומקין האט אויסגעדרייט די ליכט, און בלויז א דונקעלער ווייכער שיין האט זיך דורך גע׳גנב׳ט דורך די לאנגע זיידענע גארדינען, און האט צו געגעבען רייץ צו דער סצענע. פון די נאהענטע לאנקעס ארום האט זיך געהערט דער מאנאטאנישער געזאנג פון א פעלד גריל מאריא לאשין האט אנגעפאנגען איהר ערצעהלונג:

13טער קאפיטעל.

—איך צו דערצעהלען העלענאס געשיכטע פון אנהייב ביזן סוף וואלט געוועזן נויטיג דאס איך זאל פאר אייך אויפדעקען א שרעקליכע וואונד אין מיין אייגענעם הארץ און אייך דערצעהלען מיין אייגענע שאנד. איך וועל דאס אבער ניט טאהן. איהר וועט מוזעןווארטען ביז העלענא וועט אהער קומען און דאן וועל איך איהר בעטען דאס זי זאל אייך דערצעהלען דעם טייל פון דער געשיכטע וואס האט צו טאן מיט מיר. אבער אלס פארווארט מוז איך אייך אזוי פיעל זאגען, איך האב פיעל געזינדיגט אבער איין גאט איז מיין עדות אז איך האב טייער באצאהלט פאר מיינע זינד; און איך פיהל אז מיין נשמה איז אין גאנצען געלייטערט געווארען אין דעם גרויסען פייער פון חרטה. דער פייער וואס האט מיר כמעט אי גאנצען פארצעהרט. און צו אייך מאדאם פרומקין וויל איך זאגען, דאס ווען איהר וועט הערען די ערצעהלונג פון מיין גרויסע שאנדע זאלט איהר דאנקען גאט אז איהר האט זיך געהאדעוועט ניט אין רוסלאנד, נאר אין אמעריקא. נאר די אונגליקליכע וועלכע האבען, ווי איך, געלעבט אין רוסלאנד און האבען געהאט א לוסט צו לעבען, לערנען און וויסע קענע זיך מאכען א באגריעף און פארשטעהן וואס דאס מיינט; און נאך בפרט פאר א אידישע מיידעל, און איצט צו אונזער ערצעהלונג.

— א קורצע צייט נאך דעם ווי אייך האט זיך געטראפען דער אונגליק בין איך אנגעקומען אין כארקאוו. איך האב אריינגעטראטען אין דער אוניווערזיטעט. איך בין געוועזן פלייסיג און מען האט אויף מיר געזאגט אז איך באזיץ גרויסע פעהיגקייטען; איך האב געמאכט גרויסע פארשריטע אין מיין שטודיום· איך האב אבער געוואהנט אונטער א רויטען פאספארט. און מיין לעבען איז מיר באלד געווארען אונאנגענעהם דערפאר וואס די פאליציי האבען זיך גענומען טשעפען צו מיר; עס פארשטעהט זיך אז באלד אין אנהויב האבען זיי גוט געוואוסט דאס איך בין ניט געקומען האנדלען מיט מיין קערפער און איך האב געמוזט שמירען מיט געלד. . אבער עס האט געגרייכט צו א פונקט דאס שמירען האט ניט מעהר געהאלפען. איינער פון די פאליציי בעאמטע האט מיר אנגעהויבען צו פארפאלגען מיט זיין שמוציגע גיידענשאפטליכע ליעבע; איך האב געמוזט זוכען א מיטעל ווי זיך צו ראטעווען. משה סאמועלעוויטץ, א געבארענער פון כארקאוו איז מיט מיר בעקאנט געווארען באלד נאך מיין אנקומען, ער האט מיר אפט בעזוכט און ער האט מיר ליבע דערקלערט. ער איז געוועזן גאנץ ווייט פון מיין אידעאל. אבער איך האב בארעכענט אז ווען איך וועל מיט איהם חתונה האבען וועט עס מיר ראטעווען פון דער פאליציי, איך וועל דאן ניט דארפען דעם רויטען פאספארט, ווען איך וועל ווערען זיין פרוי און אין א קורצע צייט האבע מיר מיט מזל חתונה געהאט. ניט לאנג נאך אונזער חתונה האט מיר סאמועלעוויטץ דערצעהלט וועגען זיין ראלע וואס ער האט געשפיעלט אין דער קאנספיראציע געגען אייך. דער פאנאטיקער וואס ער

איז געווען האט ער אייך געהאלטען די אורזאכע פון אייער פאטערס טויט, דערמיט וואס איהר האט התונה געהאט מיט א ניט קיין אידיש קינד; אייער פרוי חאט ער גערעכענט אלס די סיבה פון זיין טויט און דעריבער האט זי אויך געהאט א שולד דערינען. אלס מיטגליעד פון דער אידישער קהילה האט ער געהאלטען פאר א חוב אן אייך ביידע נקמה צו נעהמען.

—לאפוכין מיט זיין גע׳שמד׳טע קאפ האט דאס געוואוסט און ער האט אויס גענוצט דעם פאנאטיזם פון סאמועלעוויטש פאר זיין נידערטרעכטיגען פלאן. ווען ער האט דאס מיר ערצעהלט איז ער שוין ניט מעהר בלינד געווען. און ער האט געהאט א פולען באגריף פון דער גרויסער טראגעדיע וואס ער האט געהאלפען צו שאפען און איך מוז זאגען דעם אמת דאס ער האט שטארק חרטה געהאט איבער דעם גאנצען שמוציגען מסחר. אבער ווי געוועהנליך איז די חרטה געקומען צו שפעט און ער האט ניט געקענט צוריקציהען דאס וואס ער האט אפגעטאן.

מיט א יאהר פיער שפעטער בין איך געקומען אין פאריז, איך בין געווען אין א פארצווייפעלטע לאגע און גאט ווייס וואס עס וואלט געווארען פון מיר און מיין קינד ווען ניט דער מלאך וואס איז צו אונז געקומען אין דעם געשטאלט פון אייער פרוי חעלענא לאוויטע. פון יענער צייט אן איז זי געווען ווי א מוטער צו מיר, און ווען מיר זיינען שטארק בעפריינדעט געווארען האט זי מיר דערצעהלט דאס וואס זי האט געוואוסט פון אייער געשיכטע, און אזוי ווייס איך מעהר ווי אירגענד וועלכע אנדערע פערזאן, אלץ וואס עס האט זיך געטראפען.

—די בריעף וואס איהר האט דערהאלטען וועגען דעם אטענטאט אויף איגנאטעף זיינען געווען געפעלשטע און זיי זיינען מיט אן אמת געווען פארפאסט פון לאפוכין; ער האט אויך מיטגעטיילט די פאליציי אין פעטערסבורג, דאס אזא פארזוך וועט געמאכט ווערען ער האט אבער ניט ארויסגעגעבען אייער נאמען. ווי אזוי אייך האט געלונגען צו אנטלויפען פון דער פאליציי ווייסט איהר בעסער , נאר העלענא און איך האבען דאס אלע מאל גערעכענט פאר דעם גרעסטען נס, רודאמסקי איז אייך נאך געפאהרען אין פעטערסבורג און ער האט זיך צוגעקוקט פון דער ווייטען און ער האט אלעם געזעהען וואס דארטען האט פאסירט און ווען איהר זייט אנטלאפען האט ער דאס מיט געטיילט צו דער באנדע אין כארקאוו.

העלענא האט פון קיין זאך ניט געוואוסט, איין פארנאכט האט זי באמערקט ווי דריי זשאנדארען שלעפען זיך ארום אין אייער נאכבערשאפט און האבען געהאלטען איין אויג אויף אייער הויז, דאס הארץ האט איהר געזאגט, אז אן אונגליק דערווארטעט איהר. און זי האט אנגעהייבען צו אכטונג געבען אויף די זשאנדארען, מעהר ווי זיי האבען אויף איהר אכטונג געגעבען. זי האט עטליכע מאהל באמערקט א מאסקירטע פערזאן זיך ארום דרעהענדיג ארום הויז, און עס איז קענטיג געווען ווי ער וואלט געוואלט מיט איהר רעדען, אבער ער זוכט אויסצומיידען די זשאנדארען; זי האט גענומען די אפערא גלעזער און דורך א זייטיגען פענסטער האט זי געהאט א גוטע געלעגענהייט איהם אין געזיכט אריין צו קוקען און זי האט אין איהם דערקענט איינעם פון אייערע בעסטע פריינד. אויב איך האב ניט קיין טעות דוכט זיך מיר אויס אז זיין נאמען איז זאלקין. זעהענדיג איהם אזוי אפט פארמאסקירט איז ביי איהר מעהר קיין צווייפעל ניט געווען אז די געפאהר איז גרויס. דעם נעקסטען מארגען האט זי דערזעהען ווי א בעטלער איז געקומען נאהענט צו אייער הויז, און האט זיך אונטערהאלטען מיט דיא זשאנדארען. זי האט ווידער בענוצט די פארגרעסער־גלעזער און זי האט אין

דעם בעטלער דערקאנט לאפוכין. איהר קלוגער פערשטאנד האט איהר באלד געזאגט וואס דאס מיינט; זי האט באלד פערשטאנען דאס די ווילדע בעסטיע פלאנעוועט מיט נאר אייער פארניכטונג נאר ער זוכט אויך ווי איהר צו פאנגען אין זיין מאכט זי האט א ווילע נאך געטראכט און זי איז געפאלען אויף א פלאן. זי האט אריין גערופען די אם און האט איהר פארטרויט דעם סוד, זי האט איהר געזאגט וואס דא קומט פאר, און האט איהר געבעטען צו העלפען ראטעווען איהר און די קינדער.

די אם האט איינגעוויליגט, העלענא האט צוזאמענגעפאקט אלע ווערטהפאלע זאכען וואס זי האט געקענט מיט זיך מיטנעהמען. זי און די אם האבען זיך געביטען מיט זייערע קליידער, העלענא האט זיך פארשטעלט פאר די אם. זי האט א ביסעל אפגעפארבט איהר געזיכט און האט געענדערט איהרע האאר, זי האט אנגעטאן די קינדער פאר א גאסען שפאציער, און דעם זעלבען נאכמיטאג איז זי ארויס מיט די קינדער אין גאס פאר א שפאציער, זי איז פארביי געגאנגען איינעם פון די זשאנדארען. ער האט זיך אין איהר איינגעקוקט, אבער זי האט זיך געמאכט ניט זעהענדיג און ער האט קיין ווארט ניט געזאגט. זי איז אוועק מיט די קינדער צום זאאלאגישען גארטען. פון גארטען האט זי גענומען א דראשקע און זיי זיינען אוועק געפאהרען צום וואגזאל. זי איז אריין אין וואשצימער און האט אראב גענומען דעם פארב פון איהר געזיכט, זי האט געענדערט איהרע קליידער און פארריכט איהרע האאר זי האט געקויפט א בילעט, און מיט דעם נעכסטען צוג האט זי מיט די קינדער פארלאזען בארקאוו און איז גליקליכער ווייזע אנגעקומען אין שטאקהאלם.

ראבינסאן איז געווען אויפגערעגט ביז צום העכסטען גראד ווען ער האט זיך צוגעהערט ווי אזוי העלענא האט אפגענארט איהרע פארפאלגער. ער איז געווען געשפאנט וואו ער וואלט געלייענט א סענסאציאנעלען ראמאן. ער האט ניט געוואגט אונטערצוברעכען ביז ער האט געהערט אז זי איז בשלום אנגעקומען אין איין אנדער לאנד און ער האט פלוצלינג אויסגעבראכען.

— מיין טייערע בראווע און קלוגע העלענא וואס פאר א זעלטענער פלאן און ווי קלוג דו האסט עס דורך געפיהרט; אבער זאלקין האט מיר געזאגט דאס ערהאט געזעהן ווי זיי האבען איר אריין געשטופט אין א בלינדע קארעטע.

— אזוי האבען זיי אלע געמיינט; האט מאריא געזאגט — אבער אין דער אמתען האבען זיי גאר אריין געשלעפט סאניע די אם. אין שטאקהאלם איז העלענא פארבליבען א פאר מאנאטען ביז די געשיכטע האט זיך איבערגעקאכט און איז אין גאנצען איינגעשלאפען; פון דארטען איז זי אוועק געפאהרען נאך זשענעווא אין דער שווייץ זי האט געהאפט אז דארטען וועט זי אפשר געפינען א שפור פון אייך אבער זי האט קיין ווארט ניט געהערט פון אייך. זי האט זיך דארט באזעצט און באקוועם איינגעארדענט; זי האט געעפענט א שול וואו זי האט געגעבען אונטערריכט אין פיאנא שפילען און זינגען און זי האט געמאכט גלענצענדע געשעפטען; אבער איהר מאס פון ליידן איז נאך ניט געווען פארפול. איין נאכמיטאג ווען זי האט ארויסגעשיקט די דיענסט מיידעל מיט די קינדער אין שפאציר גארטען, איז מיט א האלבע שעה שפעטער די דינסט מיידעל געקומען צו לויפען אהן אטהעם, זי האט געטראגען פיליציע אין איהרע ארעמס און זי האט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען.

— א מאדאם וואס פאר איין אונגליק, מיר זיינען געקומען אין גארטען און מיר האבען זיך געזעצט אויף א באנק, ניט ווייט פון דעם וויליאם טעל פאנטאן, די קינדער האבען זיך אזוי

שעהן געשפיעלט, פלוצלינג איז א פארשלייערטע פרוי צו געלאפען און האט א חאפ געטהאן יאקאבען אין איהרע ארעמס און זי איז מיט איהם ענטלאפען. איך האב גענומען פיליציא אויפן האנד און איך בין איהר נאכגעלאפען און איך האב געשריען פאר הילפע, א סך מענשען זיינען זיך צונויפגעקומען אויף מיין געשריי; אבער ניט מעהר ווי א הונדערט טריט פון דעם ארט וואו מיר זיינען געזעסען איז געשטאנען א קארעטע און חאט אויף איהר געווארט, דער קוטשער האט געעפענט די טיר פון קארעטע און ער האט איהר אריינגעהאפט מיט דעם קינד, און די פערד זיינען אוועקגעלאפען אין א גאלאפ ווי א זאווערוכע און זיי זיינען פערשוואונדען.

העלענא האט געמעלדעט דעם פאל דער פאליציי, זיי האבען געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונגען דאס קינד צו געפינען, אבער ביז אהער שוין העכער צוואנציג יאהר און עס איז פון זיי קיין שפור ניטא. זי איז זיכער אז דאס איז געווען די ארבייט פון דערזעלבער באנדע. און מיר ווייסען אויך ווער די פרוי איז געווען, דען צו דער זעלבער צייט איז זי פערשוואונדען געווארען און קיין לעבעדיגער מענש ווייס ניט וואו זי איז נעלם געווארן.

— און איך בין זיכר, — האט ראבינסאן בעמערקט — דאס איך ווייס וואו ביידע זיינען, פיעדארא און יאקאב, ווי קליין די וועלט איז נאך אלעמען. אבער דערצעהלט ווייטער, איך וועל אייך שפעטער זאגען וואס איך ווייס פון פיעדארא און איהר זוהן— מאריא האט פארטגעזעצט.

— נאך דעם ווי זי איז בארויבט געווארען פון איהר קינד איז זי פארבליבען אין זשענעווא העכער א יאהר איחרע געשעפטען האבען זיך א סך פארבעסערט אבער א געוויסען טאג האט זי באמערקט לאפוכין אויפן גאס ער האט איהר אפילו ניט געזעהן אבער זי האט מורא געהאט אז ער וועט איהר אויסגעפינען, דאריבער איז זי אפגעפאהרען נאך פאריז, דארטען האבען מיר זיך מיט צוויי יאהר שפעטער באקאנט, מיר זיינען געווארען גרויסע פריינד, העלענא חאט מיר ארויף געפיהרט אויפן דרך הישר, זי האט מיר געלערנט וואס עס מיינט צו זיין איין אנשטענדיגע פרוי און וואס עס מיינט צו זיין א מוטער... פון יענער צייט אן האבען מיר צוזאמען געוואהנט און צוזאמען פארבראכט, צוזאמען האבען מיר ארויסגעצויגען נאך ברוסעלס, וואו איך האב איהר איבערגעלאזען מיט ניין מאנאטען צוריק ווען איך מיט מיין טאכטער זיינען אפגעפאהרען נאך אמעריקא. אבער מיר שרייבען זיך איינע צו די אנדערע כמעט אלע וואך, העלענא איז די איידעלסטע באשפנים אין דער וועלט. זי חאט א נשמה פון א מלאך.

—דערצעהלט מיר וואס עס איז וועגען פיליציא, וואס פאר א קינד איז זי? איז זי שעהן, קלוג און גוראטען? זאגט מיר איך בעט אייך, דערצעהלט מיר אלעס וואס איהר ווייסט. — האט זיך ראבינסאן ביי איהר געבעטען.

— פיליציא איז גראדע ווי איהר מיטער, — האט מאריא געענטפערט — זי איז שעהן, קלוג איידעל, געבילדעט און געראטען צו אלץ אין דער וועלט. זי איז אנערקענט אלס די גרעסטע טענצרין אין אייראפא אין קלאסישע טענץ, זי געהט אונטער דעם נאמען "פיליציא לאוויטא", זי האט אויפגעטרעטען אויף די ביהנעס אין די גרעסטע שטעדט פון אייראפא העלענא פאהרט מיט איהר מיט און באגלייט איהר אויף דער פיאנא און זי קריגט גוט באצאהלט, פון פיליציא האט ווערא זיך אויסגעלערנט טאנצען און פון העלענא האט זי געלערנט די פיאנא און זינגען.

ראבינסאן האט דערצעהלט וואס ער ווייס פון פיעדארא ליפמאן און פון איהר זוהן עדי ווארנער, פון דעם צו־

פאל וואס האט געהערט דערצו אז עדי איז געקומען נאך שיקאגא, און ער האט געענדיגט מיט די פאלגענדע ווערטער

—מיט עטליכע שטונדע צוריק בין איך געווען דער אונגליקליכסטער מענש אין דער וועלט און איצט בין איך איינער פון די גליקליכסטע; מארגען פריה פאהר איך אחיים וואו מיין זוהן ווארט אויף מיר, ניט וויסענדיג דאס איך בין זיין פאטער, און דאן וועלען מיר שיקען א דעפעשע צו העלענא און פיליציא, און אין צוויי וואכען שפעטער וועט די ראבינסאן פאמיליע זיין פאראייניגט.

ראבינסאן האט פארגעסען דאס א האאר טיילט פאנאנדער די וואהרהייט פון די פאלשקייט און די חלומות פון דער ווירקליכקייט. לאנג האט ער גע־דורשטיגט נאך גליק, און אין דער לעצטער שטונדע האט ער אזוי פיעל גע־טרונקען פון דעם בעכער פון גליק דאס ער איז כמעט שיכור געווארען און דעריבער האט ער פארגעסען דאס מיט א פאר טעג צוריק איז די דייטשע ארמעע אריין געקומען אין ברוססעלס, און די ארמעע בעלגיום האט דערפיהלט דעם טעם פון מלחמה; אלעס איז צושטערט און פארניכטעט געווארען, פרויען זיינען געשענדעט געווארען, און ווער ווייס וואו זיין העלענא און פיליציא געפינען זיך איצט. אדעמער ראבינסאן, נאך איז זיין טראגעדיע ניט געענדיגט, די ביטערע טראפענס פון זיין בעכער איז נאך ניט אין גאנצען פארצעהרט געווארען. נאך איז ער ווייט פון זיין גליק.

דעם נעקסטען מארגען נאך פריהשטיק איז דוד פרומקין געפאהרען מיט זיינע פיער געסט צוריק נאך שיקאגא, יעדער פון זיי איז געווען פארטיעפט אין זייערע אייגענע געדאנקען און קיינער פון זיי האט ניט געוואגט צו שטערען די שטילקייט, אפילו ווערא וואס איז געווען פון דער נאטור א לוסטיגע און זי האט ניט געקענט איינזיטצען רוהיג אויף א מינוט, אפילו זי איז געווען באהערשט פון אן ערנסטע שטימונג. איהר מוטער האט איהר געזאגט דאס ראבינסאן איז דער מאן פון טאנטע העלענא, און אז ער איז אנקעל רודאלף און ער איז דער פאטער פון פיליציא. זי האט איהר אויך געזאגט דאס טאנטע העלענא און קאזין פיליציא וועלען אין קורצען אהער קומען; און זי איז געווען אויסער זיך פון פרייד, אבער ווען זי האט געזעהען ווי דיא איבעריגע דריי פערזאנען זיינען געווען פאריאמערט האט זי מורא געהאט צו ווייזען א פרעהליכע מינע. דורך ראבינסאנס געדאנקען האט זיך דורך גע־טראגען פארשידענערליי פלענער. ער מוז איצט פארזארגען א שעהנעם און בעקוועהמען וואהנונג פאר דער פאמיליע און אויב מעגליך מוז ער אויך אין דער זעלבער געביידע געפינען א קלענערען אפארטמענט פאר מאריע און ווערא; ער האט אויך געטראכט פון עדי און עליין; עס איז מעהר ביי איהם קיין צווייפעל ניט געווען אז איצט וועט מאדאם פיליפס ניט מעהר שטעהן אין וועג פון די קינדערס גליק; עדי האט געקראגען א נאמען, ער איז ניט מעהר דער זוהן פון א כאראקטערלאזע פרוי וואס איז משוגע געווארען דערפאר וואס זי האט געפיהרט אזא ווילדען לעבען אין איהרע איונגערע יאהרען, און אויך צוליעב די חרטה וואס זי האט די לעצטע צייט געליטען. עדי האט באקומען א פאטער און מוטער מיט וועלכע ער דארף זיך ניט שעהמען. זו גליקליך די צוויי קינדער וועלען זיין, עליין, די שעהנע ליבענסווירדיגע קינד וועט יערען א מיטגליד פון זיין פאמיליע, די פרוי פון זיין זוהן יאקאב.

פרומקין האט געטראכט פון דער־ערצעהלונג וואס ער האט נעכטען ביינאכט געהערט פון מאדאם לאשין, אי גרויבער ווייזע ווי ער וואלט איצט געפאהרען פון א טעאטער פארשטעלונג וואו ער האט געזעהן א הארץ

גרייבענדע דראמא, און איצט געהן די אינצעלהייטען פון די דראמאטישע פאסירונגען דורך זייערע געדאנקען פון אנהויב ביז'ן סוף.

מאריא איז געווען געטראגען; מעהר ווי די איבעריגע העלדען פון דער דראמא; זי האט גוט פערשטאנען ווי צו שעטצען דיא ראלע וואס זי האט געשפיעלט אין דעם צוריק אויפבויען דעם גליק פון העלענא און ראבינסאן. און זי האט זיך געפיהלט גליקליך אז זי איז באשטימט געווארען צו זיין די וואס האט זיי ענדליך פעראייניגט, אבער צו דער זעלבער צייט האט זי שטארק געפיהלט א טיעפען ווייטאג אין איהר הארצען, פארוואס זי האט ניט געקענט דערצעהלען די געשיכטע פון איהר טייערע פריינדין העלענא און ניט אויפצועפענען איהר אייגענע טיעפע וואונד וואס איז אויסערליך געווען פארהיילט, אבער אונטער די פארטריקענטע הויט האט עס געבלוטעט און עס האט געשטאכען איהר הארץ ווי מיט נאדלען. הגם זי האט אויסגעווייכט צו רעדען וועגען זיך און זי האט עס איבערגעלאזען צו דער צוקונפט ווען העלענא וועט קומען און זאל עס דערצעהלען, איז אבער איהר אייגענע לעבענסגעשיכטע, איצט פאהרענדיג צוריק פון טערריים פארק געקומען צו איהרע געדאנקען אין איהר גאנצער העסליכקייט; און זי האט געטראכט: וואס פאר א מאדנער באגריעף פון לעבען דאס איז געווען; איך האב זיך געשפיעלט מיט די הייליגסטע געפיהלען; היינט געליעבט איינעם און מארגען אן אנדערען און זיך אפילו קיין רעכענונג ניט אפגעגעבען וואס ליעבע איז, וואס לעבען איז און וואס מאראל איז; ווי פאלש אונזערע אנשויאונגען זיינען געווען, דעם איינציגען בעגריעף וואס מיר האבען געהאט פון לעבען איז געווען די געשלעכטליכע ליידענשאפטען. אויסער דעם האט דער לעבען קיין ווערטה און קיין רייץ ניט געהאט. ער איז געווען לעער און פוסט, אונזער קאמף איז געווען ניט נאר געגען די רעגירונג נאר געגען אלץ וואס אונטערדריקט מענשליכע פערלאנגען; און וויפיעל אונשולדיגע קינדער, האט די פאלשע פילאזאפיע געפיהרט צום אבגרונד? ווי נאהענט בין איך אליין געשטאנען ביי דעם תהום, נאך איין טריט און איך וואלט געזונקען אויף אייביג. און דעם טריט בין איך געווען בערייט צו מאכען ווען ניט די איידעלע קלוגע העלענא, אין אלע בעציהונגען איז זי דאכט זיך געווען אזא מיידעל גראדע ווי איך, פון אנשטענדיגע אידישע עלטערען, ניט בעסער ווי מיינע, זי האט געהאט א איידישע ערציהונג, איך האב עס אויך גענאסען, זי האט געענדיגט גימנאזיאום איך האב אויך דורכגעמאכט גימנאזיום; זי האט געענדיגט צוויי קורסען אין אוניווערזיטעט, איך האב דאס אויך געהאט, און דאך וואס פאר אן אונטערשייד עס איז דא צווישען אונז ביידע, זי האט א טיעפען ווייטען בליק וועגען דעם לעבען און די מענשהייט, וועהרענד מיין בליק איז געווען קליין און קורצזיכטיג, מיין בליק איז ניט ווייטער געגאנגען ווי ביז דעם געגענווערטיגען מאמענט, און עס האט בלויז געזעהן דעם אויסערליכען גלאנץ, וועהרענד איהר בליק דרינגט דורך מענשען און זאכען; און זי זעהט דעם רעזולטאט ווען ער איז אפילו אין דער ווייטעסטער צוקונפט.

זיי זיינען געקומען צו דעם געשעפטס קווארטאל פון שטאדט, פרומקין איז געגאנגען צו זיין אפיס וועהרענד ראבינסאן האט געדונגען א טעקסי און האט אפגעפיהרט מאריא און ווערא צו דעם לענאקס האטעל, און מיט א הארץ פול מיט פרייד איז ער אבגעפאהרען צו זיין אפארטמענט צו דריקען צו זיין פאטערס ברוסט זיין לאנג געזוכטען זוהן.

14טער קאפיטעל.

ארײן קומענדיג אין זײן צימער האט ראבינסאן געפונען צװײ בריעף אײנער איז געװען פון דאקטאר זאלקין און דער צװײטער איז געװען פון עדי װארנער; ער האט ערשט געעפענט דאקטאר זאלקינס בריעף און ער האט געלײענט:

מײן טײערער פרײנד.

— זאנדערבארע נײעס פאר אײך; לײענט נור געלאסען און זײט ניט אויפגערעגט, פיעדארא ליפמאן האלט בײם שטארבען. נעכטען פריה האט זיך איהר פערשטאנד אין גאנצען צוריקגעקעהרט, צו איהר, זי האט מיר געשיקט רופען; װען איך בין צו איהר אין צימער ארײן געקומען האט זי געבעטען די איבעריגע דאקטוירים אז זײ זאלען אונז לאזען אלײן. װען זײ האבען דעם צימער פערלאזען האט זי צו מיר געזאגט. זאלקין איך האב אלע מאל געװאוסט אז דוא ביסט אן איבערגעגעבענער פרײנד צו די ראבינססאנס, דעריבער װיל איך פאר דיר דערצעהלען מײן סוד, איך זעה דעם סוף; װי דו װײסט בין אי געװען א רעװאלוציאָנערקע געגען די רוסישע אויטאקראטיע און דו װעסט זיך מודה זײן אז איך בין געװען א בראװע קעמפפערין, אבער איך בין מאכטלאז צו קעמפפען געגען דעם טויט, און איך זעה פון דער װײטען איהם קומענדיג; אלזא פרײנד זאלקין, דו זאלסט איצט װיסען דעם אמת, עדװארד װארנער איז ניט מײן קינד, ער איז דער זוהן פון רודאלף און העלענא ראבינאװיץ איך האב איהם מיט נעגויע צװאנציג יאהר צוריק צוגענומען פון זײן מוטער אין זשענעװא אין א שפאציער גארטען, װאו ער האט זיך געשפיעלט מיט זײן קלײנע שװעסטערן און זײער אם, און איך האב איהם באלד געבראכט קײן אמעריקא. אויב איך האב עס געדארפט טאן אדער ניט, איז איצט ניט די פראגע, אבער אויף אײן זאך װעלען אלע מודה זײן, איך האב איהם אפגעהיט װי א געטרײע מוטער און איך האב איהם געגעבען א גוטע ערציהונג. פרעג מיר ניט װאס מײנע מאטיװען זײנען געװען, װען אין דעם הערצען פון א פרוי טרעפען זיך צוזאמען ליעבע, אײפערזוכט און נקמה, דאן איז זי אומשטאנדע אלעס צו טאן.

עפעס װילט זיך מיר איצט שליסען שלום מיט דער װעלט, אין גאט האב איך קײן מאל ניט געגלויבט און עס איז צו שפעט איצט אנהויבען צו גלויבען, אבער עס װילט זיך מיר שטארק, אויף אזוי פיעל װי עס איז נאר מעגליך, דאס די מענשען געגען װעלכע איך האב װעלכע אונרעכט בעגאנגען, זאלען מיר מוחל זײן. איך קען ניט האפען דאס ראבינסאן און זײן פרוי העלענא, װען איך זאל אפילו װיסען װאו זי איז, װעלען מיר מוחל זײן. מײן פארברעכען געגען זײ איז צו גרויס; אבער דא אין מינעאפאליס איז פעראנען אן אידעאלע פרוי, װאס האט מיר קײן מאל קײן בײזעס ניט געטהאן, אימגעגענטײל, זי האט שטארק בעפרײנדעט עדי, און אין א מאמענט פון משוגעת האב איך צװײ שענדליכע בריעף צו איהר געשריבען, אהן שום אורזאכע אין װעלכע איך האב איהר שטארק באלײדיגט, זי איז מאדאם פיליפס. אויב עס װאלט מעגליך זײן אז זי זאל מיר ענטשולדיגען װאלט איך געקענט געהן

צו מיין קבר מיט פרייד. בעט איהר אין מיין נאמען אחער צוקומען, זאגט איהר אז דאס איז דער לעצטער פערלאנג פון איין אונגליקליכע פרוי וואס וועט באלד פארשווינדען פון דער וועלט, דאס אפילו די רוסישע געהיים פאליציי וועלען איהר ניט קענען געפינען. דיעזע בקשה מיינע איז ניט נאר פון מיינטוועגען נאר אויך צוליעב עדי, איך וויל דאס זיי זאלען וויסען דעם אמת וועגען איהם, ער איז א גוטער קינד, און איך האב איהם אלע מאל ליעב געהאט, זאג ראבינסאן אז נאר ער אליין האט פון מיר געקענט מאכען א ניטצליכען און אנשטענדיגען מענשען.

— איך חאב טעלעפאנירט צו הערלד, איך האב איהם אלעם איבערגעגעבען וואס זי האט מיר געזאגט און קנאפער ווי א שעה שפעטער איז ער מיט זיין מוטער און שוועסטער אנגעקומען אין האספיטאל. פיעדארא האט פאר זיי אלעם דערצעהלט וועגען עדי און זיינע עלטערען און ווי אזוי זי האט איהם גערויבט פון זיין מוטער. עליין האט איהר געקושט אויף איהר שטערן, און זיך ווענדענדיג צו מאדאם פיליפס האט זי געזאגט: "נו מוטער וואס זאגסטו וועגען עדי ראבינסאן, דער זוהן פון פראפעסאר רודאלף ראבינסאן. מעג ער זיין מיין מאן?" די מוטער האט איהר צערטליך ארומגענומען און האט איהר געענטפערט: "מיין קינד ווי עס ווייזט אויס איז עס אזוי באשערט פון גאט; דעריבער וועל איך ניט מעהר וואגן אייך צו שטערען."

ענדליך האבען מיר א פונקט פון וואנען מיר זאלען אנהויבען צו זוכען אייער פרוי און טאכטער; און ענדליך האסטו דיין זוהן געפונען. עס הייבט אן צו טאגען.

דיין פריינד

מיכאעל זאלקין

ראבינסאן האט געעפענט דעם צווייטען בריעף, געשריבען פון זיין געפנגענעם זוהן און ער האט געלייענט.

מיין טייערער פריינד און וואהלטהעטער!

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, וואס איך האב ניט געווארט אייך צו זאגען פערזענליך דאס וואס איך שרייב צו אייך, גלויבט מיר אז איך קען ניט לענגער ווארטען, איך האב שטארק מורא אז ווען איך זאל דא לענגער בלייבען וועל איך מיין פערשטאנד פערלירען; און געגען אזא אונגליק מוז איך מיר היטען.

איך האב באקומען א בריעף פון עליין און זי שרייבט מיר דאס זי איז אין א גרויסע פארצווייפלונג איבער די לעצטע ערייגניסע אין מיין מוטערס משוגעת. מיין מוטער האט געשריבען, א בריעף צו מאדאם פיליפס אין וועלכען זי האט איהר שטארק באליידיגט, און מאדאם פיליפס האט געשווארען אז איך וועל ניט חתונה האבען מיט איהר טאכטער. איך וויים מיין פריינד אז איהר פיהלט מיט מיר, אין מיין גרויסען אונגליק.

— מיר זאגט די הארץ אז איהר אויך טראגט אין אייער הערצען א גרויסען אונגליק, און ווער וויים אפשר קומט עס אויך פון א ליעבע; אבער איך קען זיך צו אייך ניט גלייכען, איך לייד עט, אבער איהר באזיצט די קראפט פון דולדען, איך אבער האב קיין גע־דולד ניט און דעריבער שטעהן פאר מיר דריי וועגען, ענטוועדער משוגע צו ווערן ווי האמלעט, באגעהען זעלבסטמארד ווי א ראמעא אדער שטארבען אויפן שלאכטפעלד ווי א העלד. איך האב געוועהלט די לעצטע, אויב איך האב קיין נוטצען ניט געבראכט צו דער וועלט מיט מיין לעבען וועל איך דאס וויינינגסטענס טאהן מיט מיין טויט, און דער געדאנקען אליין דאס איך געה אריין אין קאמפף פאר דער

וועלטס פרייהייט איז פאר מיר א גרויסער טרייסט, עס גיט מיר מוטה און קוראזש. און איך פיהל מיר שטארק ווי א ריעז; איך פיהל אז ווען איך וואלט אייער עצה געפרעגט וואלט איהר פאלקאמען איינשטימיג געווען מיט מיינע אנזיכטען; און איך בין זיכער אז איך טראג מיט אייער ברכה.

איך וועל אייביג טראכטען פון אייך אייער גרויסע הארץ און אייער איידעלע נשמה, איך פאהר נאך קענעדא זיך אן צושליסען אן א בריטישען רעגימענט; ווייס גאט אויב מיר וועלען זיך א מאהל ווידערזעהן, איך פארבלייב אייערער אויף אימער דאנקבארער און איבערגעבענער פריינד

עדווארד ווארנער

ג. ב. ווען איהר וועט זעהן עליין זאגט איהר דאס איך טראג אוועק איהר בילד מיט מיר אין מיין הארצען און איך וועל אייביג פון איהר טראכטען, טרייסט איהר און העלפט איהר אז זי זאל אן מיר לייכט פארגעסען.

עדי ווארנער

ראבינסאן איז געקומען אהיים פון טערדייס פארק אנגעפילט מיט די אלע געדאנקען און געפיהלען וואס ער האט מיט זיך געטראגען ווען מיר האבען איהם געזעהען אין פרומקינס אויטאמאביל; ער האט איצט געהאפט אריין צו קומען אין הויז און אומארמען זיין זוהן, זיין אייגען קינד און איהם דריקען צו זיין ברוסט; ער וועט איהם אנזאגען די גרויסע פרייד, ער וועט אים דערצעהלען אלעס וואס ער האט געליטען אין די צוואנציג יאהר, צום סוף, האט ער געפונען א ווייסע שטיקל פאפיר אויף וועלכע עס איז געווען אנגעשריבען די ווערטער וואס ער האט איבערגעלייענט. אבער רובינסאן האט ניט געטרויערט און ניט געוויינט. ער האט אפילו ניט געבראכען מיט די הענד, ער האט זיך געזעצט ביי זיין שרייבטיש און האט א צווייטען מאל איבערגעלייענט דעם בריעף און ער האט אויס

גרעופען: " איך בין שטאלץ מיט דיר מיין קינד, דיין טאטענס און דיין זיידענס בלוט פליסען אין דיינע אדערען. דו פארדיענסט מיט רעכט דעם נאמען יאקאב, דעם נאמען פון דיין זיידען; דער גאון דער חריף און דער גרויסער פריינד פון דער מענשהייט. איך בין זיכער אז אזוי וואלט ער געטאהן, און אזוי וואלט איך געטאן און אזוי מיין זוהן האסטו געטאן, געה אין קאמפף, ווי דיין פאטער האט געקעמפט זיין גאנצען לעבען .

די מאדערנע פסיכאלאגיען וואלטען אפשר באצייכענט רובינסאן אלס א פאראדאקס; אבער עס פאדערט אפט מעהר גרויסקייט צו זיין א פאראדאקס ווי צו זיין קאנסעקווענט, יעדער עקשן איז קאנסעקווענט, אבער עס פאדערט הכמה מוטה און וויסענשאפט צו ביוטען מיינונגען.

ראבינסאן האט געליעבט שלום, שלום איז געווען זיין ירושה, שלום איז דער אידישער באגריסונגס ווארט, שלום עליכם פלעגט זיין טאטע זינגען פרייטאג צו נאכט ווען ער פלעגט קומען פון שוהל און עמפפאנגען די מלכה־שבת; מיט שלום קומט דער איד אריין אין דער וועלט און מיט שלום פארלאזט ער די וועלט, אזוי איז דער איד א בעשעפניס פון שלום.

אבער ווען אימיצער הויבט א האנד געגען זיינע אידעאלען דאן ווערט דער איד א גרויסער קעמפפער, דאן הויבען ווידער אן ציבליסען אין זיינע אדערען די בלוט פון יהודא חמכבי; ראבינסאן האט געהאסט מלחמה ווי ער איין האט געזאגט צו חעראלד אויף זיין רייזע צו מינעאפאליס און דאך האט ער זיין גאנצען לעבען געקעמפט אבער ער האט געקעמפט פאר אידעאלען, פאר די פרייהייט פון רוסישען פאלק און דאן פאר די פרייהייט פון זיין אייגענעם פאלק; און ווען ער האט איצט געפונען דעם זיי־בען כאראקטער זיך אבשפיגלען [illegible]

אין זיין זוהן איז זיין הארץ אנגע־ פילט געוואָרן כ״ש שטאָלץ; אין עס האט איהם אפילו ניט געארט וואס ער וועט דארפען ווארטען איהם צו זעהן, וואס ער קען איהם יעצט ניט נעהמען אין זיינע ארעמס.

ער האט גענומען פאפיער און ער האט אנגעשריבען א טעלעגראמע צו זיין פרוי און טאכטער, אדרעסירט צו ברוססעלס, בעלגיום, צו דעם נומער און די גאס וואס מאריא האט איהם געגעבען. ער איז אוועק צו דער נעקס־ טער טעלעגראפישע סטאנציע און האט עס איבערגעגעבן צו א יונגע טעלעג־ ראפיסטין, זי האט עס איבערגעלייענט און האט איהם צוריק דערלאנגט דעם פאפיר מיט די באמערקונג.

— עס טהוט מיר לייד, אבער מיר נעהמען ניט אן דעפעשען אדרעסירט צו בעלגיום, מיר קענען ניט פארזיכע־ רען אויב עס וועט אנקומען אין דיא הענד צו וועלכע עס ווערט געשיקט, זינט דייטשלאנד האט פארכאפט די טעלעגראפישע דראהטען.

ראבינסאן האט איהר אנגעקוקט ווי איינער וואס איז אין חלום. פאר די לעצטע צוועלף שטונדען איז זיין מח געווען אנגעפילט נאר מיט איין געדאנקען. זיין פרוי און טאכטער, אלע אנדערע געדאנקען זיינען אויסגעשלאסען געווארען. די מלחמה, דייטשלאנד בעל־ גיום און אלע אנדערע ברענענדיגע פראגעס פון טאג האבען פאר איהם אויפגעהערט צו עקזיסטירען. פלוצלינג האט איהם א שרעקליכער קלאפ אויפ־ געוועקט פון די חלומות און ער איז צור־ ריקגעקומען; העלענא און פיליציא זיי־ נען אין ברוססעלס, בעלגיום. גאט מיין גאט איז נאך מיין מאס ניט פול? מוז איך נאך מעהר ליידען? בעלגיום, דיא אונגליקליכע בעלגיום איז די לאנד וואס איז גענומען געווארען פון דייטשלאנד זי איז די ערשטע וואס האט פארזוכט דעם טעם פון מלחמה. גאט באהיט און באשיטץ מיינע צוויי טייערע נשמות.״

די יונגע דאמע האט ניט געהערט, וואס ער האט געזאגט נאר זי האט בא־ מערקט דעם טיעפען שמערץ וואס האט זיך פארשפרייט אויף זיין געזיכט, און זי האט געזעהען ווי זיינע געבויגענע פיס האבען זיך געשלעפט אונטער זיין גרויסען קערפער. ווען ער איז געווען אויף דער אנדער זייט פון טיהר האט זי געזאגט צו איהרע מיטארבייטער, ״ארעמער מענש מסתמא האט ער ווע־ מען וואס איז איהם זעהר טייער; ווי בלייך ער איז געווארען ווען איך האב איהם צוריק געגעבען די טעלעגראמע. ער איז אבער ניט דער איינציגער, עס איז א צייט פון מלחמה.

עס איז געווען ארום מיטאג צייט ווען ראבינסאן איז צוריק געקומען פון דער טעלעגראפישע סטאנציע, אבער ער האט ניט געוואוסט ווי שפעט עס איז געווען, און ער האט אויך ניט גע־ וואוסט ווי אזוי ער איז אהיים געקומען.

ערשט נעכטען ביינאכט האט זיך די צייט געשלעפט, זי איז געקראכען ווי א שלאנג; און היינט האט ער אויפ־ געהערט צו האבען אַ הסגה פון צייט. און די צוואנציג יאהר וואס ער איז גע־ ווען צושיידט מיט זיין פאמיליע און ער האט ניט געוואוסט אויב זיי לעבען אדער ניט, האט ער געלעבט מיט דיא האפענונג, אבער דורך די אלע יאהרען האט ער קיין מאל ניט אויף דאס מינ־ דעסטע געצווייפעלט אין העלענאס לע־ בען..

ער האט באשטימט געוואוסט אז אויב נאר זי לעבט איז זי זיינע. און מאמער אפילו האט איהר לאפוכין אונ־ טער זיין מאכט און ער קען איהר צווינ־ גען צו באפרידיגען זיינע ליידענשאפט־ ען וועט זי ליבערסט וואהלען דעם טויט איידער זיך איבערגעבען צו איהם. אבער איצט ווייס ער אויף געוויס אז העלענא און פיליציא לעבען, דאס ביי־ דע זיינען שעהנע פרויען; צוויי עלענ־ דע שעפעלאך, איינזאם און אליין, זיי האבען קיינעם ניט וואס זאל זיי באשי־

צען, וואס זאל זיך פאר זיי אננעהמען, וואס זאל זיי קענען העלפען מיט ראטה אדער טהאט, אליין אין א ווילדע וועלט פון מלחמה, פון פארניכטונג און צור־שטערונג; אליין אין די חענד פון וויל־דע פארשיכורטע יונקערס.

אזעלכע שווארצע טרויעריגע גע־דאנקען האבען געמאטערט רובינסאנס מח און ער האט ניט געשפיערט ווי די צייט איז אוועק געלאפען; די טהיר־גלאק האט איהם פלוצלינג אויפגעוועקט פון זיינע געדאנקען, ווען ער איז גע־גאנגען עפענען די טיהר האט ער צום ערשטען מאהל באמערקט דאס אין הויז איז געווען פינסטער; ער האט אנגע־דרייט די עלעקטערישע ליכט און איז געגאנגען עפענען די טהיר, א אינגעל האט איהם איבערגעגעבען א טעלעגרא־מע, ער האט געלייענט פאלגענדעס:

—מוטער, הערעלד און איך וועלען אנקומען מארגען פריה אכט אזייגער אויף דעם נארד וועסטערן וואקזאל.
— עליין.

די טעלעגראמע האט איהם א ביס־סעל אויפגעמונטערט; ער וועט ווייניג־סטענס ניט זיין אליין. מארגען פריה וועט ער האבען פריינד, וואס זיינען איצט שטארק פאראינטערעסירט אין אלץ וואס איז איהם נוגע ער וועט הא־בען הערעלד, עליין און מאדאם פיליפס. ער האט גוט געוואוסט אז זיי אלע דריי קומען צו איהם אלס פריינד. אבער היינט איז איהם שרעקליך אומעטיג. נאך קיין מאל אין זיין לעבען האט ער ניט געפיהלט אזא אומעט ווי איצט; ער וויל האבען מיט זיך פריינד און בעקאנטע וואס זאלען איהם קענען גע־בען אן עצה און איהם ארויסרייסען פון דער מרה שחורה אין וועלכע ער האט זיך געפונען, ער איז צוגעגאנגען צום טעלעפאן און האט גערופען דוד פרומ־קין. "קומט איצט צופאהרען מיט אייער גוטע פרוי, אויב איך האב זיך ווען גענויטיגט אין פריינד, איז דאס איצט. איך קען לייכט פארשטעהן אז איהר זייט נאך מיעד פון נעכטיגע נאכט" האט ער זיך געבעטען ביי פרומקין, ווען פרומקין האט איהם צוגעזאגט צו קו־מען האט ער טעלעפאנירט צו מאריא לאשין; ווען ער האט דאס געענדיגט, האט ער גענומען לייענען די אוונד־צייטונגען.

עס איז געווען צום ערשטען מאל זייט דער אויסברוך פון דער מלחמה וואס ראבינסאן האט גענומען לייענען די איינצעלהייטען, פון די פארשידענע ארמייען אויף דעם וועסטליכען פראנט.
ער האט באמערקט א שטיקעל ניי־עס:

"דער פרעזידענט פון די פאראייני־גיגטע שטאאטען האט אויפגעפאדערט אלע בירגער זיך צו האלטען אונפאר־טייאיש".

ראבינסאן האט געטראכט:

— ווי קען מען זיך האלטען אונ־פארטייאיש ווען מען לייענט דעם נא־קעטען אמת וואס דייטשלאנד האט געטאן צו די ארעמע אונשולדיגע בעל־גיום, די אונפארטייאישע נייטראלע בעלגיום? דער וואס האט נור א הארץ מוז זי פלאטצען. און ראבינסאן האט געהאט א גרויסע מענשליכע הארץ וואס האט געפיהלט ניט נאר פאר זיין פרוי און טאכטער נאר פאר אלע אונגליקלי־כע און ארעמע פון דער גאנצער מענש הייט.

און זיין הארץ איז קראנק געווארען פון רחמנות, ווידער האט זיך זיינע גע דאנקען צוריק געקעהרט צו זיין זוהן עדי וועלכער איז איצט אויף דער רייז זע צו העלפען ראטעווען הונדערטער און טויזענדער מוטערס און שוועסטער ווי זיינע אייגענע.

און ווידער איז ער אנגעפילט גע־ווארען מיט שטאלץ :

—איך בין דיר מקנא מיין זוהן—האט ער צו זיך אליין געזאגט. איך וואלט מיר געשעטצט איבערגליקליך ווען איך וואלט געקענט ביי דיין זייט קעמפפען

מיט דיר צוזאמען פאר די וועלטס פרייהייט.

ווידער א קלונג פון טהיר גלאק אין דעם מאהל זיינען אריין געקומען מא־ריא און ווערא לאשין. ווערא מיט איהר קינדעשע אונשולד איז צוגעצויגען גע־ווארען צו ראבינסאן פון דעם ערשטען מאמענט וואס זי האט איהם דערקאנט, אויף מארגען נאך דעם ווי זי איז איבער געפאהרען געווארען מיטן אויטאמאביל האט זי געזאגט צו איהר מוטער:

— דו ווייסט מאמע איך האב זיי אלע דריי ליעב, זיי זיינען אזוי גוט און פריינדליך צו אלעמען, אבער דעם אמת זאגענדיג ליעב איך דעם פראפע־סאר מעהר ווי אלעמען, ער איז אזוי פריילאך און לוסטיג, אבער האסטו ווען באמערקט מוטער, וואס פאר א טרוי־ער עס ליעגט איהם אונטער זיינע גרוי־סע אויגען?

—אלע מאהל ווען איך זעה איהם ווילט זיך מיר איהם ארום נעהמען מיט מיינע ביידע הענד און אוועק קושען יענעם טרויער.

אזוי האט ווערא פון איהם געטראכט אויפן צווייטען טאג וואס זי האט איהם געקענט. אבער איצט האט זיא געוואוסט אז ער איז אנקעל רודאלף, און זי האט אריין געטאנצט אין הויז און האט איהם געקושט אונטער זיי־נע אויגען און מיט א לוסטיגען טאן האט זי צו איהם געזאגט:

— אנקעל איך וועל אייך ניט מעהר לאזען זיין טרויעריג, איהר מוזט זיין ווי טאנטע העלענא. זי איז אלע מאל געווען פריילאך.

— די גאנצע צייט וואס איך האב איהר געקענט האב איך נאר איין מאהל איהר געזעהען וויינענדיג. אבער דאס איז געווען לאנג צוריק.

— איך בין נאך דאמאלס געווען א סך קלענער. זי האט מיר געהאלטען אויפן שויס און זי האט זיך מיט מיר געשפילט, זי האט פאר מיר דערצעהלט וואס פאר א גוטער אנקעל איהר זייט געווען, ווי איהר האט ליעב געהאט קינ־דער. איך האב איהר געפרעגט: "טאנטע, אוואו איז אנקעל? פארוואס קומט ער ניט אהיים?" זי האט מיר ניט געענט־פערט, ווען איך האב א קוק געטאן אויף איהר געזיכט האב איך געזעהען ווי זי האט געוויינט.

ראבינסאן האט איהר שטארק גע־דריקט צו זיין שטורמדיגען בוזעם און ער האט איהר הייס געקושט און ער האט געזאגט:

— איצט אז איך האב דיר מיין קינד וועל איך ניט מעהר זיין טרויעריג.

— דאס איז ווירקליך געווען א בעשלוס וואס ראבינסאן האט געמאכט נאך א סך דיינקען און טראכטען. די צייט ערלויבט ניט א געזונטען נארמא־לען מענשען זיך אריין צו ווארפען אין א פערצווייפלונג. אדער זיך איבערצור־געבען צו א מרה שחורה, די וועלט נוי־טיגט זיך אין מענשען מיט טהעטיג־קייט. איך מוז מיר צופאסען צו דער וועלט, איך מוז ווערען טהעטיג:

מיט דעם אנקומען פון מוטער און טאכטער איז ראבינסאנס הויז געווא־רען פרייליכער.

ווערא האט פארריכט עטליכע פאר־האנגען. זי האט געבראכט די ביכער און זשורנאלען וואס האבען באדעקט דעם לאנגען שווארצען טיש אין גוטע ארדענונג, זי האט אבגעווישט דעם שטויב און ווען זי איז פארטיג געווא־רען מיט דער ארבייט האט זי זיך גע זעצט ביי דער פיאנא און מיט א ענטוויקעלטער רייכע סופראנא שטימע האט זי געזונגען מאססענייס עלעגיע אין דער פראנצויזישער שפראך און זי האט געשפיעלט איהר אייגענער באג לייטונג אויף דער פיאנא. די ווערטער זיינען ארויס געקומען זעלטען שעהן, און די שטימע איז געווען טיעף און ברייט און זעלטען רייך און בויגזאם.

ווען די לעצטע טרעלען זיינען אב־געשטארבען האט זי אונערווארטעטער ווייזע דערהערט שטורמישע אפלאדיס־

מענטען, דורך די אפענע טהיר און פענסטער. זי האט זיך פארשעהמט, אבער מאדאם פרומקין האט איהר גע האלטען אין איהרע ארעמס; און זי חאט צו איהר געזאגט:

—מיט יעדען מאהל וואס מיר זעהן דיר געפינען מיר אוים אלץ מעהר וואס דו קענסט. דו זינגסט גאר ניט ווי אן אמאטור, דיר הערענדיג קען מען מיינען אז דו ביסט אן אלטע אפערא זינגערין, און ווי איך זעה איז דיר די פיאנא אויך ניט פרעמד, וואו האסטו געלערנט שפיעלען און זינגען, דו וואונדער קינד

— טאנטע העלענא האט מיר געלערנט זינגען און שפיעלען — האט ווערא געזאגט, און אין דער זעלבער צייט האט זי פארגעסען איהר שעהמקייט.

— זי איז א גרויסע זינגערין, איך האב איהר עטליכע מאהל געהערט אין אפערא אין דעם גרויסען פאריזער טעאטער ”אפערא קאמיק“ און דעם קריסמאס איידער מיר זיינען אוועק געפאהרען פון ברוססעלס חאט זי מיר מיטגענומען אין רהאימס אין דעם גרויסען קאטידראל וואו זי איז געווען די סאליסטען צו די רעליגיעזע צערעמאניען, דאכ איז געווען צום לעצטען מאהל וואס איך האב איהר געהערט זינגען אין דער עפענטליכקייט.

די פרומקינס זיינען אנגעקומען ווען ווערא האט נאר וואס אנגעהויבען צו זינגען, די טהיר פון די עמערסאן אפארטמענט איז געווען א ביסעל אפען זיי האבען לייכט געקאנט אריין קומען זיך ניט מעלדענדיג, אבער די ליעד, די זענגערין, די שטימע, די אויסדריקע פון די ווערטער, די רעזיגנאציאן פון די פרייד און גליק וואס די יונגע קינסטלערין האט אויסגעדריקט מיט איהר זאנדערבארע בעטאנונג האט איהרע צוהערער אזוי בעצויבערט דאס די פרומקינס האבען פאר קיין פאל ניט געוואלט טאהן דאס מינדעסטע צו אונטערברעכען אדער שטערען די זינגערקע ביז זי וועט ענדיגען דעריבער האבען זיי געווארט אין פארהויז וואו א סך פון די שכנים פון די ארומיגע אפארטמענטס האבען זיך פערזאמעלט; און ערשט ווען זי האט געענדיגט דאס ליעד זיינען די פרומקינס אריין געקומען.

ראבינסאן האט זיי מיט פרייד אויפגענומען און ער האט אפען ארויס געוויזען זיינע דאנקבארקייט פאר זייער קומען. זיי האבען אלע א רעכטע צייט פארבראכט, און דאן האט ראבינסאן פאר זיי דערקלעהרט די אורזאכען צוליב וועלכע ער האט זיי גערופען אהער, ”אויסער ווערא האט איחר אלע געהערט מיין טראגעדיע פון די ליפען פון מאריא, און אויך וועגען מיין גרויסען גליק וואס מיר ערווארטעט.

עס איז איבעריג אייך צו זאגען ווי גרוים מיין פרייד איז געווען. אבער פון גרוים שמחה האב איך זיך פארגעסען אז מיין פרוי און טאכטער זיינען אין די גרעסטע געפאהר.

זיי זיינען לעצטענס געווען אין ברוססעלס און ווי די צייטונגען האבען מיטגעטהיילט איז ברוססעלס גענומען געווארען דעם צוואנציגסטען פון דיזען מאנאט, פון דער דייטשער ארמעע. איהר קענט אליין פארשטעהן די איבעריגע. צוויי הילפלאזע פרויען אליין אין אן איינגענומענע שטאדט; מיין זוהן יאקאב איז אויך פון מיר אוועק איידער איך בין אהיים געקומען, איידער איך האב געהאט די געלעגנהייט איהם צו זאגען אז ער איז מיין זוהן, אוים פארצווייפלונג דורך איין אונגליקליכע ליעבע האט ער זיך באשלאסען אריין צוטרעטען אין אן ענגלישען רעגימענט, און נעכטען אווענד ווען איך האב מיט אייך פארבראכט איז ער אוועק געפאהרען נאך קענעדא.

אבער וועגען איחם האב איך קיין זארג ניט. פארקעהרט איך בין שטאלץ דאס מיין קינד האט זיך בעשלאסען צו קעמפפען פאר דער מענשהייט, אבער צו ראטעוועז מיין פרוי און טאכטער וואס קען איך טאן? מר. פרומקין גיט מיר איין עצה.

פרומקין האט זיך פארטראכט אויף א מינוט אדער צוויי און ער האט געזאגט — איך גלויב אז איך האב איין עצה, און דערצו א גוטע, א מיטגליעד פון קאנגרעס איז מיינער א פערזענליכער פריינד, ער איז גראדע איצט אין שיקאגא, מיר וועלען מארגען צו איהם געהען, און ער וועט מאכען אן אנפראגע דורכן סטייט דעפארטמענט וועגען אייער פרוי און טאכטער און אין א גאנץ קורצע צייט וועלען מיר האבען אן ענטפער, גליקליכערווייזע האט אונזער רעגירונג א פארטרעטער אין בעלגיום מיט וועלכען מיר מעגען שטאלצירען, ער איז א שרייבער א דיינקער, אן עקאנאמיסט און א בעל חלום, איהר האט געווים פון איהם געמוזט הערען. ער איז בראנד וויטלאק.

—זעהר פיעל—האט ראבינסאן געענטפערט, — און נאך מעהר ער האט אויך פון מיר געהערט, ער האט צו מיר צוויי בריעף געשריבען וואו ער האט מיר שטארק געדאנקט פאר די רעצענזיע וואס איך האב געשריבען איבער זיין לעצטען בוך וואס איז כיט א מאנאט צוריק געדרוקט געווארען.

— דאס איז א זעלטענער גוטער צופאל — האט פרומקין געזאגט. — עס וועט אונז א סך העלפען און איך בין זיכער אז אין א קורצע צייט וועלען מיר קריגען אונזער געווינשטען ענטפער; און דאן וועלען מיר פאר זיי זוכען אמעריקאנער פראטעקציאן. אלזא מיר געהן מארגען צום קאנגרעסמאן לינדמאן, קומט צו מיר אין אפיס ארום צעהן אזייגער.



15טער קאפיטעל.

טעג, וואָכען און חדשים זיינען פערביי געלאפען און דער געווינשטער ענטפער איז ניט געקומען, ראבינסאָן האט ערהאלטען אַן ענטפער אויף זיין אנפראגע, פון סטייטס דעפארטמענט, און א פערזענליכען בריעף פון בראנד ווהיטלאק אבער זיי זיינען ניט געווען דער "געווינשטער" ענטפער. ווהיטלאק האָט איהם געשריבען א העכסט פריינד־ליכען בריעף, ער האט איהם ווידער דערמאהנט די רעצענזיע וואָס ראבינ־סאָן האט געמאכט, ער האט איהם פאר־זיכערט דאס די עמבאסי, און ער פער־זענליך וועלען אלע מיטלען אנשטרענ־גען צו געפינען די צוויי דאמען, דאס די ביז אהעריגע נאכזוכונגען האט געבראכט צו זיי דעם פאקט אז די דא־מען זיינען דא געווען גוט בעקאנט אבער פארלויפיג האבען זיי קיין שפור פון זיי ניט געפונען.

ער האט איהם צוגעזאגט דאס זיי וועלען ניט אויפהערען זיי צו זוכען, ביז מען וועט וואָס בעשטימטעס ווע־גען זיי הערען, און אזוי שנעל ווי די געלעגענהייט וועט זיך מאכען, וועט ער אין זיי פאראינטערעסירען דעם קא־מאנדיר פון דער דייטשער ארמיי אין בריססעלס.

דער קאמאנדיר פון דער דייטשער ארמיי האט זיך מיט אן אמת פעראינ־טערעסירט אין די צוויי דאמען וועז ער האט אויסגעפונען אז ראבינסאָן איז א לאנגע צייט געווען פראפעסאר אין היידעלבערג, אבער איהם אויך האט ניט געלונגען קיין זאך אויסצוגעפינען.

ראבינסאָן האט געקראגען א בריעף פון עדי, ער האט איהם עטליכע מאחל דורך געליינט; און ווען ער האט איהם געקענט אויסווייניג האט ער דעם בריף איבערגעגעבען צו עליין, זי איז איצט געווען אין שיקאגא און זי מיט וויערא האבען אויסגעפילט די פוסטקייט פון זיין הארץ. דער בריעף האט פאלגענדעס ענטהאלטען:

מייערער פריינד. —

— איך בין איצט בערוהיגט און בין אימשטאנד קלאר צו דענקען. די וואכע־רען פון קענעדא האבען אבגעקיהלט מיין הייסען שטערן און מיינע געהירען, און מיין הארץ האט אויפגעהערט צו קלאפען אזוי האסטיג.

עס איז שוין העכער א מאנאט ווי איך בין אהער געקומען און איך בין איצט א פאלקאמענער סאלדאט, ניט נאר אין מיין אויסזעהן נאר אויך אין מיין גאנצען ארט פון דיינקען.

דער סאלדאטישער מונדיר מאכט א זעלטענעם איינדרוק אויף די וואס טראגען איהם, אפילו מיינע געדאנקען זיינען איצט דיסציפלינירט; און מיין גרויסע הייליגע ליעבע צו עליין איז אויך דיסציפלינירט געווארען, איך ליעב איהר ניט מינדער און איך טראכט פון איהר ניט ווייניגער, אבער מיין ליעבע איז עפעס אנדערש ווי עס איז געווען און איך טראכט פון איהר אנ־דערש ווי איך האב ביז אהער פון איהר געדענקט.

אין דער פערגאנגענהייט פלעג איך פון איהר טראכטען ווי פון איינע וואס קומט פון איין אנדער וועלט, ווי פון א חימלישע וועזען וואס שטעהט ווייט פון אונז מענשען; און דעריבער האב

איך איהר געזעגנט אלס אונעררייכ־
באר פאר מיר.

— אבער איצט זעה איך אין איהר דעם געשטאלט און כאראקטער פון א מענשען, אזעלכע וואס באזיצט אלע מעלות פון א מענשען און וויניגע חסרונות און דעריבער שטעהט זי העכער פון אלע אנדערע מענשען.

אבער די גרעסטע מעלה וואס זי באזיצט איז דאס זי ליעבט ווי א מלאך, און זי קען קעמפפען פאר איהר ליעבע ווי א דעמאן. אזא מעלה איז זעלטען צו געפינען צווישען פרויען.

— ווען איך בין פון אייך אוועק געפאהרען בין איך געווען אין א גרויסע פארצווייפלונג; און איך האב גערעכענט אז עס איז דער סוף פון אלעס, פון מיר און פון מיין ליעבע.

אין דער קורצער צייט האב איך פיעל געלערנט, און איך האב אויסגעפונען אז דאס איז גאר דער אנהויב.

איך האב איצט אנגעהויבען צו פארשטעהן אז איך ליעב און איך לעב, און וועהרענד מיין לעבען ווערט מיט יעדען טאג, אלץ רייכער ווערט מיין ליבע אלץ טיעפער אין מיינע ערפאהרונגען אלץ ברייטער.

עס האט מיר געפיהרט צו איין בעשלוס און איין רעזולטאט וואס איז דער גרונדשטיין פון מיין גאנצער פילאזאפיע, פון מיין גאנצען לעבענס אנשויאונג דאס דער גאנצער לעבען איז איין קאמף, און דארטען וואו עס איז קיין קאמף ניטא איז קיין לעבען ניטא.

ווען מיין ליעבע איז באלד פון אנהויב אין מיר באשאפען געווארען, און איך וואלט דאן גאר אהן א קאמף געקענט נעהמען מיין עליין פאר דער האנד און איהר אוועקפיהרען אלס מיין פרוי, דענקט איהר דאס מיין גליק וואלט געווען אזוי גרויס ווי עס וועט זיין אין דער צוקונפט, ווען איך וועל איהר געווינען דורך א גרויסען קאמף? קעמפפען און זיעגען איז דער גרעסטער גליק אין לעבען, קעמפפען און פארלירען איז דער צווייטער גליק אין לעבען; אבער צו געווינען אהן א קאמף איז ניט קיין גליק און ניט קיין אונגליק.

איך האב אריין געטרעטען אין א קאמף פאר א גרויסען אידעאל; איך בין זיכער אז די מלחמה וועט געוואונען ווערען אויף דער זייט פון גערעכטיגקייט, און אזוי בין איך אויך זיכער אז איך וועל געווינען מיין עליין, אהן אן אונטערשיעד ווער מיין מוטער איז; איך וועל איהר געווינען ווען איך אליין וועל זיך ווערטה מאכען איהר צו בעזיטצען. אבער ביז דאן וועל איך מיינע געפיהלען, האלטען פאר זיך אליין, קיינער טאר זיי ניט וויסען אויסער מיין בעסטער פריינד פון וועמען איך טראסט אלע מאל ווי פון מיין אייגענעם פאטער.

— טייערער פריינד, ווי איך האב פאר אייך דערצעהלט ווייסט איהר אז איך האב קיין מאל מיין פאטער ניט געקאנט, און איהר ווייסט אויך די לאגע פון מיין אונגליקליכע מוטער; קענט איהר זיך פאסען א בעגריעף ווי גליקליך איך וואלט מיר איצט געפיהלט ווען איך וואלט דיזעלבע ווערטער געקענט שרייבען צו מיין טאטען אדער צו א סימפאטישע מאמען? אבער אזא גליק איז מיר ניט ערלויבט, און אזוי ווי אייך איז בארויבט געווארען דער גליק פון צו האבען אייערע קינדער, און מיר צו האבען מיינע עלטערען. וועט איהר מיר ניט ערלויבען צו אייך זיך צו ווענדען פון צייט צו צייט ווי א זוהן צו א פאטער? דאס וואלט מיר פיעל לייכטער מאכען אריבער צוטראגען מיין שיקזאל.

— אונזער רעגימענט וועט פארלאזען קענעדא אין עטליכע טעג, אוואו מיר וועלען פון דאנען געהן ווייס איך ניט, עס וועט אייך אבער אינטערעסירען צו וויסען דאס פון א גאנץ גרויסען רעגימענט זיינען נאר א פאר אויסגעקליבען געווארען אריין צו טרעטען אין

און אפיסערס טריינינג קעמפ, און צווישען די פאר געפינט זיך אויך מיין נאמען.

פארלויפיג וועל איך מיין אדרעסע אייך ניט שיקן, די אורזאכע דארף איך אפילו אייך ניט זאגען אבער גלויבט מיר אז די אורזאכע איז הויך און אידעל. אויב עס וועט זיך וואס מיט מיר פאסירען וועט די ענגלישע רעגירונג אייך מיטטיילען, זייט געזונד און זאגט עליין אז דער בעוואוסטזיין דאס זי ליעבט מיר וועט מיר געבען מוטה און קראפט צו פארניכטען א גאנצען רעגימענט.

מיין איינציגע און הייליגסטע האפענונג איז אז איך וועל אין דער צוקונפט זיין אימשטאנד אויסצודריקען מיין ליעבע צו איהר אין דער געגענווארט פון איהר מוטער, מאדאם פיליפס. אייער נייער זוהן עדי.

עליין איז אנגעקומען נאך שיקאגא מיט איהר מוטער און איהר ברודער, ווי זי האט געשריבען אין איהר דעפעשע, זי האט די דעפעשע געשיקט באלד נאך דעם ווי זי האט ערהאלטען עדיס בריעף אין וועלכען ער האט איהר געשריבען אז ער פאהרט אפ נאך קענעדא. זי האט דעם בריעף געפונען אין דער היים ווען זי האט זיך צוריקגעקעהרט פון האספיטאל וואו פיעדארא איז געלעגען אויף איהר שטערבעבעט. מאדאם פיליפס איז געוועזען שטארק אויפגערעגט פון דער סצענע אין פיעדאראס ודוי אין האספיטאל, און אויסגעפינענדיג דאס עדי איז ראבינסאנס זוהן האט איהר דער געוויסען שטארק געפלאגט וואס זי איז געוועזען די אורזאכע וואס האט צושטערט איהר מאכטערס גליק.

דאס זי אליין האט אלע מאל געהאט א גוטע מיינונג וועגען עדי ווארנער איז צו פארשטעהן, פון דעם וואס זי האט איהם איינגעלאדען צו איהר היים און זי האט איהם בעהאנדעלט ווי אן אייגען קינד. זי האט געוואלט פאריכטען דאס וואס זי האט פריהער קאליע געמאכט און זי אליין האט פארגעשלאגען דעם פלאן אז זיי זאלען אלע פאהרען נאך שיקאגא מיט דעם ערשטען צוג וואס פארלאזט מינעאפאליס, מיט דער האפענונג אז אפשר וועלען זיי נאך טרעפען עדי, און זיי וועלען קענען ענדערען זיין פלאן.

עליין האט געוואלט פאהרען נאך שיקאגא זי האט געוואלט זעהן עדי און פארזיעגלען זייער הייליגע ליעבע מיט א קוש אין געגענווארט פון איהר מוטער אבער זי איז געוועזען פעסט אין איהר בעשלוס אז אויף קיין פאל זאל זי איהם ניט שטערן אין זיינע פלענער.

זי ווי ראבינסאן איז געוועזען שטאלץ מיט עדים בעשלוס, "עדי איז ניט קיין אינגעל מעהר, ער איז א פאלקאמענער מאן; אפילו אין דעם מאמענט פון זיין גרעסטע פארצווייפלונג, ווארפט ער ניט אוועק זיין לעבען, נאר ער טרעט אריין אין א הייליגען קאמף צו ראטעווען די מענשהייט" אזעלכע געדאנקען האבען באשעפטיגט איהר מח די גאנצע נאכט פון זייער רייזע נאך שיקאגא. און זי האט ניט צוגעמאכט איהרע אויגען, ווען זי האט געטראפען רובינסאן אויף דעם נארטה־וועסטערן וואגזאל האט זי איהם אומגעארמט און איהם געקושט אין נעגענווארט פון אלעמען. און ווען זי האט איהם גערופען פאטער איז ראבינסאן אן אנדער מענש געווארען. עס איז ניט מעהר נויטיג געוועזען אוועק צו קושען דעם טרויער פון אונטער זיינע אויגען, דער טרויער איז איצט אין גאנצען פערשוואונדען געווארען. זיי זיינען אלע אבגעפאהרען אין א פאמיליען האטעל ניט ווייט פון די עמערסאן אפארטמענטס.

עליין איז אין דער קורצער צייט א סך פארענדערט געווארען. די ליעבע פאר וועלכע זי האט איצט געלעבט האט צו איהר צוגעגעבען א סך חן און זי האט ארויסגעוויזען מעהר כאראקטער מעהר שטאלץ און מעהר זעלבסט בע־

הערשונג. נאך דעם ווי זי האט געהאט א לאנגען געשפרעך מיט ראבינסאן און זי האט אויסגעפונען דאס זייערע מיינונגען וועגען עדי, שטימען איין האט זי זיך בעשלאסען צו פארבלייבען אין שיקאגא. העראלד האט ניט געוואלט פאהרען איינער אליין אהיים, אהן עדי, אהן ראבינסאן און אהן עליין און ער איז אויך פארבליבען אין שיקאגא, דעריבער איז עוועלין פיליפס מיט צוויי וואכען שפעטער נאך איהר אנגעקומען אין שיקאגא צוריק אפגעפאהרען נאך מינעאפאליס צו איהר מאן וועלכער האט זיך שטארק באקלאגט אין אלע זיינע בריעף צו איהר אז עס איז איהם זעהר אומעטיג.

זיי האבען אפגעגעבען זייערע צימערען אין האטעל און העראלד האט זיך אריבערגעצויגען אין ראבינסאנס אפארטמענט וועהרענד עליין, מאריא און וויערא האבען געפונען א באקוועהמען אפארטמענט אין די עמערסאן. און אזוי האבען די פינף פערזאנען פארבראכט ווי איין פאמיליע; און עליין האט ארויסגעוויזען איהרע פעהיגקייטען אלס גוטע הויז ווירטהין.

ווען עליין האט דורך געלייענט דעם בריעף וואס עדי האט געשיקט צו ראבינסאן זיינען איהרע אויגען אנגעפילט געווארען מיט טרעהרען, זיי זיינען אבער געווען טרעהרען פון פרייד. דער בריעף איז געווען געשריבען ניט צו איהר. און דער שרייבער האט אפשר קיין מאל ניט געהאפט דאס זי וועט האבען די געלעגענהייט איהם צו לייענען; און וואס פאר א טיעפע און הייליגע ליעבע רייסט זיך ארויס פון זיין איבערפילטע הארץ, און עס איז ניט פון דעם סארט ליעבע וואס די ראמאנטישע פאעטען האבען געזונגען, ומיט וועלכע מעהרסטע פון די יונגעלייט לייענען זיך אן און זיי רעדען זיך איין דאס אזוי ליעבען זיי; עס איז אויך ניט די בלאססע אבגעלעבטע ליעבע פון אונזער צייט מיט וועלכע אונזערע פסיכאלאגיען באשעפטיגען זיך. די ליעבע וואס האט קיינע פאעזיע ניט און איז נאר באגרינדעט אויף געשלעכטליכע ליידענשאפטען. די ליעבע פון איהר עדי איז א געזונטע נארמאלע ליעבע; זי ערשיינט ניט פאר איהם אלס א געטין, אלס א הימלישער שטערן, אדער א בלויע בלומע, און ער דערנידעריגט איהר ניט צו דער שטופע דאס זי איז נאר צו באפרידיגען זיינע ליידענשאפטען.

זיין ליעבע פאראייניגט אין זיך די רעאלע און אידעאלע, דאס קערפערליכע און די גייסטיגע. ער זעהט אין איהר גרויסע מעלות אבער זי איז אויך ניט פריי פון חסרונות. זי איז א מענש אבער בעסער פון אלע אנדערע מענשען, וואס פאר א הייליגע ליעבע עס לעבט אין איהם".

חעראלד פיליפס האט געהערט צו דער קלאסע מענשען וועלכע וויסען ניט פון קיין מיטעל פונקט; ענטוועדער ער איז געגען א אידעע און ער וועט עס בעקעמפפען מיט לייב און זעלע, אדער ער איז פאר דער אידעע און ער וועט ארבייטען מיט די זעלבע ענערגיע און איבערגעבענהייט איהר צו פערווירקליכען.

ווען העראלד האט דערקלעהרט איין זייער חיים אין מינעאפאליס, אז ראבינסאן איז גערעכט, דאס דער נאציאנאליזם איז די איינציגע לייזונג פון אלע אידישע פראגעס, האט ער ניט געמיינט בלויז אבצוקומען מיט ווערטער און דערביי צו בלייבען.

ווען ער האט געזאגט צו ראבינסאן אז ער פיהלט זיך אלס קאנדידאט אריין צו טרעטען אין ציוניסטישען לאגער, האט עס פאר איהם געמיינט ארבייט, אונענדליכע ארבייט; ער האט נאך דאמאלס ניט געוואוסט באשטימט אין וואס די ארבייט וועט באשטעהן, אבער ער האט געוואוסט פון ערפאהרונג דאס יעדער באוועגונג פאדערט קרבנות, און

ער איז געווען צוגעגרייט צו ברענגען זיין חלק.

די צייט פאר ארבייט איז געקומען א סך גיכער ווי ער האט ערווארטעט.

עס איז געווען צו אלעמען בעוואוסט אז די מלחמה, אהן אן אונטערשיעד, ווער עס וועט געווינען, וועט ענדערען די מאפע פון אייראפא, און ווען טער־קיי און יאפאן זיינען אריין אין דעם גרויסען וועלט קאמפף, מיינט עס ניט אייראפא אליין נאר עס שליסט אויך איין דעם אריענט און עס וועט האבען א שטארקען איינפלוס אויף פאלעסטי־נא.

די וואס זיינען געווען בעקאנט מיט געשיכטע האבען דערזעהן אין דער מלחמה א צוריקשפרונג פון דער צייט אן ענדערונג אין דער ציוויליזאציאן. און א טויטקלאפ צו דעם קאסמאפאלי־טיזמוס און א צוריקשטויס צו דעם אינ־טערנאציאנאליזמוס, וואס זיינען אזוי שטארק געווען ענטוויקעלט אין דעם סוף פון 19טען און אין אנהויב פון דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט מיט דעם אנהויב פון דער מלחמה האט זיך ארויסגעוויזען א נייער קאמפף פון די קליינע נאציאנען וועלכע זיינען שוין לאנג געווען אבגעמעקט פון דער ערד און זיינען געווען איינגעשלונגען פון די גרויסע עמפייערס, זיי האבען גע־האפט פאר א נייעם רענייסאנס, פאר פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט. הערצל האט דאס געלייענט אין די סמנים פון דער צייט און ער האט גוט פערשטאנען אז די אידען וועלען מוזען אננעהמען די זעלבע סארט פאליטיק, און עס מיינט ארבייט.

הערצל האט אויך דערזעהן ווי די אידישע צרות כמעט איבער דער גאנ־צער וועלט האבען זיך אנגעהויבען אין טויזענדער פאכען צו פארערגערען, אזוי ווי ראבינלאן וואלט עס בנבואה געזעהן. די אידען וועמען די פעלקער פון מיטעל אלטער האבען ניט ערלויבט קיין אנדער בעשעפטיגונג ווי מסחר, זיינען פאראורטיילט געווארען צו ווע־רען א האנדעלס פאלק, און אזוי ווי דער מסחר ווערט מעהרסטענס געטרי־בען ביי די גרענעצען, האט דער איד אנגעפילט אלע שטעדט און שטעדטלאך וואס געפינען זיך ארום די גרענעצען, און אזוי זיינען מיליאנען אידען געווא־רען די קרבנות ניט נאר פון א וועלט מלחמה נאר אויך פון אונמענשליכע הכזריות און רציחות.

רוסישע סאלדאטען האבען איינגע־נומען א דייטשע שטאדט האבען זיי מקדש געווען די שטאט מיט א פאגראם אויף אידען און אויב דייטשלאנד האט פארכאפט א רוסישע שטאדט האט זי געמאכט שהחינו אויף אידישע בלוט און אידישע האב.

ענדליך איז געקומען דער גרעסטער אונגליק אויף די רוסישע אידען. ווען רענד די אידישע יוגנד איז אריין אין דער רוסישער ארמעע צו פארטיידיגען רוסלאנד מיט דעם גייסט פון פאנאטי־קער, האט רוסלאנד דערפאר בעדאנקט איהרע אידישע העלדען דערמיט וואס זיי האבען איינגעפאקט די אלטע טא־טעס, מאמעס שוועסטער און ברידער, און אין א סך פעלע זייערע איינגענע פרויען און קינדער אין וואגאנען וואס זיינען ניט געווען גוט גענוג פאר בהמות און מען האט זיי געטריבען פון איין ארט צו אנדערען. ארעמקייט, הונגער און פעסט האט אויסגעבראכען, און די אונגליקליכע האבען אויפגעהויבען זוי־ערע אויגען צו זייערע גליקליכערע און רייכערע ברידער פון אמעריקא.

צו מאכען די אידישע לאגע נאך טרויעריגער איז געקומען דער געשריי פאר הילפע פון פוילען און רומעניען און דאן פון פאלעסטינא וואו די טערקישע ארמעע האט צוגענומען אלץ וואס די קאלאניסטען האבען געהאט איינגעזא־מעלט אין זייערע שייערן, שפייכלערס און וויינקעלערס. און די פארזייטע פעלדער זיינען צוטראמפעלט געווארען אונטער די פיס פון די קעמלען, אייז־

לען און פערד וואס האבען געהערט צו דער טערקישער ארמיי.

חגם די ציוניסטען זיינען געווען די ערשטע צו ענטפערען אויף דעם הילפסגעשריי פון אלע אידען פון דער גאנצער וועלט, און זיי האבען געאר־בייט ווי ריזען צו העלפען זייערע אומ־גליקליכע ברידער, האט אבער דער רוף פון ארץ ישראל זיי אנגעריהרט נעהנ־טער צום הארצען. און ווידער האט עס געפאדערט גרויסע ארבייט.

העראלד פיליפס האט זיך אריינגע־ווארפען אין דער ארבייט מיט דעם גאנצען פייער פון זיין איידעלע נשמה און זיין שוועסטער עליין האט איהם געהאלפען אויף יעדען שריט און טריט. די אמעריקאנער ציוניסטען האבען איינגערופען א קאנפערענץ אין ניויארק צו רעארגאניזירען די ציוניסטישע קרעפטען דאס זיי זאלען קענען דורכ־פיהרען זייער פראגראם און ענטפערען מיט הילף צו די אלע לענדער. הויפט־זעכליך האט זיך דער קאנפערענץ בע־שעפטיגט וועגען די ארבייט אין פא־לעסטינא, גאנץ אייראפא זייענדיג אריין געצויגען אין דער מלחמה האט פאלעס־טינא אויפגעהערט צו באקומען די געוועהנליכע שטיצע פון אייראפא און דער גאנצער לאסט איז געפאלען אויף אמעריקא.

צווישען די פיעלע דעלעגאטען וואס זיינען אנגעפאהרען פון שיקאגא האבען זיך אויך געפונען ראבינסאן און פרומ־קין, וועלכע האבען פארטרעטען שיקא־גא, און העראלד פיליפס האט פאר־טרעטען מינעאפאליס.

קלויזנער און סארעם האבען אויך פארטרעטען שיקאגא.

עס איז געווען איינע פון די גרוי־סע אסיפות, און אין יענער דונקעלער נאכט האט זיך א נייער ליכטיגער שטע־רען באוויזען אויף דעם אידישען הי־מעל: יאזעף פריימאן וואס איז גוט בע־קאנט געווען צו דעם אמעריקאנעם פאלק, אלס גרויסער אדוואקאט, פאט־ריאט און אלס פריינד פון די גרויסע מאסען; אבער וועלכער האט קיין מאל קיין אינטערעסע ניט גענומען און אי־דישע אנגעלעגענהייטען, איז פלוצלינג ערשינען אלס איד און אלס ציוניסט, זיין ערנסטקייט, זיין סימפאטישע פער־זענליכקייט, זיינע אפענהערציגקייט און זיינע איינפאכקייט האט אויף אלע־מען געמאכט א זעלטענעם איינדרוק. העראלד האט געהאט די געלעגענהייט איהם צו הערען אין הארווארד מיט עטליכע יאהר צוריק, אבער ער האט ניט געוואוסט דאס אין דעם גרויסען וועלט־מענש איז דא א הארץ וואס פיהלט אזוי שטארק אידיש. און אז אין זיין נשמה ברענט דער אייביגער אידי־שער פייער.

העראלד איז אין גאנצען באהערשט געווארען אונטער דעם איינפלוס פון דעם נייעם פיהרער פון אידישען פאלק. יאזעף ר. פריימאן האט אויך דערקענט אין העראלד א זעלטענעם כאראקטער, און ער איז צו איהם שטארק צוגעצוי־גען געווארען.

העראלד ראבינסאן פרומקין און קלויזנער זיינען געווארען מיטגליעדער פון דער עקזעקיוטיווער קאמיטע פון וועלכער פריימאן איז געווארען פרע־זידענט.

העראלד איז צוריק געקומען פון יענעם קאנפערענץ א גאנץ אנדער מענש. ראבינסאן האט איהם דעם וועג געוויזען, ער האט צו זיין פארשטאנד גערעדט. אבער פריימאן האט גערעדט צו זיינע געפיהלען. ער האט איהם פא־עטיש בעגייסטערט. פריימאן האט איהם אויפגעהויבען אויף די פליגלען פון זיין פאנטאזיע און האט איהם אוועקגעטראגען צו א גאנץ אנדער וועלט. ער האט פאר איהם געמאהלען א בילד פון דעם קינפטיגען אידען, א גאנץ אנדער באשעפענים. ניט דעם וואס העראלד האט געקענט, ניט דעם "רעגס קלייבער" ניט דעם קרבן פון יעדען פאגראם און פון יעדען חוליגאן,

ער האט איחם געוויזען א הויכע שטאלצע פיגור וועמעס פיס עס זיינען שטארק געפלאנצט אויף דער ערד ווערענד זיין קאפ גרייכט אין הימעל אריין וואו ער רעדט מיט גאט, אזא בילד האט פריימאן געמאהלען פון דעם צוקונפטיגען אידען אין ארץ ישראל. און העראלדם נשמה וואס האט געהאט א ניצוץ פון זיין זיידען, דער אבער ראבינער פון פראג און וואס איז געווען פון פאעטיש מיסטישער שטימונג איז אנגעצונדען געווארען פון דעם זעלבען פייער.

ווען ראבינסאן, פרומקין און העראלד זיינען געווען אין נויארק בייצווואהנען דעם קאנפערענץ, האט מאדאם פרומקין איינגעלאדען מאריא, עליין און ווערא צו פארברענגען מיט איהר די עטליכע טעג אין טערריים פארק, אלע פיער דאמען האבען זיך גאנץ אנגענעהם אמוזירט.

ווערא האט אפט געטאנצט און געזונגען עליין האט געשפיעלט ענטוועדער אויף דער פיאנא אדער אויפן פידעל.

אלע פארנאכט זיינען זיי געגאנגען שווימען אין לייק מישיגאן און אוונדס זיינען זיי געגאנגען צו ראוויניא פארק צו הערען גרענד אפערא אדער א קאנצערט פון דער סימפאני ארקעסטרא.

עס איז געווען אין אנפאנג סעפטעמבער, דעם לעצטען אוונד פון דעם סיזאן. עס איז געווען א יום טוב און דער עולם איז געווען אונגעהייער גרויס דען א גוטע קינסטלער געזעלשאפט האט געזאלט זינגען די מוזיקאלישע אפערא "לאקמע", די פיער דאמען האבען ניט רעזערווירט זייערע פלעטצער פאראויס, האבען זיי זיך באשלאסען צו בלייבען צווישען די בוימער אנשטאט צו זיצען אין פאוויליאן; און זיך צו צוהערען פון דער וויטען, עס איז געווען א הערליכער אוונד, די שטערען האבען היינט אויסגעזעהן גרעסער ווי אלע מאל, און די לבנה איז געווען רונד, און איז ווי געהאנגען אין די בלויע לופט, א געשמאקער ווינטעל האט געבלאזען פון לייק מישיגאן, און דיא פויגעלאך וואס זיינען געשטערט געווארען פון זייער שלאף דורך די מוזיק, האבען מיט זייער זינגען געפרובירט איבערשטייגען דעם גרויסען ארקעסטרא.

מאריא האט זיך געפונען אין א פאעטישער שטימונג.

אין צווייטען אקט ווען לאקמע בעגעגענט זיך אויף דעם אריענטאלישען מארק פלאץ מיט דעם ענגלישען לייטענאנט רעגינאלד און זי זינגט צו איהם, וועהרענד די גלאקען קלינגען, האט מאריא דאס געוואלט הערען פון דער וויטען, זי איז דעריבער אריין איינע אליין טיעפער צווישען די בוימער וואו עס איז געווען האלב פינסטער, זי האט זיך אנידער געזעצט אויף א באנק און האט פערמאכט איהרע אויגען און האט זיך צוגעהערט צו דער רייכע קאלאראטור שטימע פון די זינגערין וועמעס טענער זיינען צו איהר געבראכט געווארען פון דעם קליינעם ווינטעל. מאריא האט געקענט די גאנצע אפערא כמעט אויף אויסוויינייג און זי האט אזוי ווי דורך געחלומט דעם גאנצען אקט, ווען זי האט אויפגעמאכט איהרע אויגען האט זי דערזעהען א הויכע פיגור שטעהענדיג אנטגעגען איהר, אנפאנגס האט זי זיך שטארק דערשראקען, אין דער פינסטער האט זי ניט דערקענט די פערזאן, אבער איידער זי האט צייט געהאט צו זיך צו קומען, האט די פערזאן געזאגט אין א נידעריגען טאן.

— מאריא דאדערט? ווי קומט זי אהער? און ווער איז איחר נייער קרבן?

מאריא האט ניט ווילענדיג א צייטער געטאן, זי האט זיך אבער באלד מוטה געפאסט און איהרע אויגען וואס זיינען ביז אהער געווען פארחלומט האבען זיך פלוצלינג ברייט געעפענט און האבען אנגעהויבען צו שיסען פייער

דינע בליקען אויף איהם וואס האט גע־
וואגט איהר אזוי צו אונטערברעכען, און מיט א שטרענגען טאן האט זי גע־זאגט.

— סאמועלעוויץ, אדער גראנאר מעדראף, עס מאכט מיר קיין אונטער־שיעד ניט וואס דיין נאמען איז; עס איז אפילו אמת אז איך בין דיין גע־זעטצליכע פרוי אבער דערביי האב איך נאר דיין נאמען גע׳ירשנט אבער ניט דיין נאטור; צו מקריב זיין מענשליכע קרבנות אויף דעם ביסטו א בריה, רו־דאלף און העלענא ראבינסאן וועלען אויף דעם עדות זאגען; אויב איך האב ווען געבראכט קרבנות זיינען זיי געווען מיינע אייגענע, איך האב מקריב גע־ווען מיינע געפיהלען מיין געוויסען און מיין עהרע ווען איך האב מיט דיר התונה געהאט. איך האב זיך אליין מקריב געווען ווען איך האב בלינדער־הייד נאך געפאלגט אייער פאלשע תורה, איך מיין ניט דערמיט צו פארקלענערען די רעוואלוציאנערע בעוועגונג, נאך אפילו איצט ווען איך בין אין גאנצען אוועק פון אייערע לעהרען און פאלשע אנשויאונגען גלויב איך אז דער הייליגס־טער טויט איז צו שטארבען פאר דער מענשהייט. אבער מיט אייך איז די רע־וואלוציאן נאר א נעבען זאך, די הויפט ראלע וואס ביי אייך שפיעלט איז דיא אונמאראלישע אויסגעלאסענהייט, און דאס איז וואס איך רוף אייער תורה; אבער איין זאך זאלסטו וויסען אז אין מיין גרעסטע שטונדע בין איך שטאלץ דאס דורך די קרבנות וואס איך האב מקריב געווען האט קיין מענש ניט גע־ליטען אויסער איך אליין.

— ווי איך זעה האסטו נאך דעם זעלבען פייער וואס דו האסט געהאט מיט צוואנציג יאהר צוריק . האט מע־דראף געזאגט.—האסטו מעדראף זיך געענ־דערט אין די צוואנציג יאהר? —האט מאריא געפרעגט.

— זעהר פיעל, האט מעדראף געענט־פערט, איך בין געווארען מעהר ראצי־אנעל. איך בין ניט מעהר דער פאנאַ־טיקער וואס איך בין געווען אין מיין יוגענד, און אין א סך פעלע האבען זיך מיינע אנזיכטען געענדערט; וואס אנבע־לאנגט צו ליעבע האב איך באקומען נייע באגריפען. אדער בעסער געזאגט, איך בין געגאנגען צוריק צו מיינע אל־טע באגריפען, צו די באגריפען וואס איך האב געהאט דאמאלס ווען איך האב זיך מיט דיר באקענט, איך בין צוריקגעקו־מען צו דער איבערצייגונג אז די אמתע ליעבע איז די אין וועלכע אונזערע על־טערן האבען געגלויבט, צו לעבען צוזא־מען אויף אייביג, צו האבען קינדער און צו לעבען פאר די קינדער, דאס איז דער באזיס פון ליעבע. אהן דעם איז דער לעבען פוסט און לעער און ער האט קיין צוועק און קיין ציעל ניט.

— מאריא, איז עס ניט מערקוויר־דיג, דאס נאך נייצעהן יאהר ווי מיר האבען ארום געוואנדערט האט אונז דער שיקזאל צוריק צוזאמען געבראכט דא, אויף דיעזען ארט, וואו אלעס ארום אונז, יעדער טאן, יעדער פויגעלע, יע־דער ווינטעל, יעדער גראז שפראצונג און בלומעלע אטהעמט און פרעפעלט צו אונז די סודות פון ליעבע.

— איז דאס מעגליך אז דאס איז סימבאליש אז מיר ביידע וועלען זיך צוריקקעהרען צום ערשטען קאפיטעל פון אונזער ראמאן?

— ניין מעדראף. דער ערשטער קא־פיטעל פון אונזער ראמאן איז שוין לאנג אויסגעמעקט געווארען פון מיין זכרון. ער איז אויסגעמעקט געווארען מיט די טרעהרען פון מיינע אויגען, און די בלוט פון מיין הארצען.

—איך בין זיכער אז דו האסט איהם שוין אויך לאנג צוריק פארגעסען. ווען איך נעהם אין אנבעטראכט די פיעלע ליעבעס וואס דו האסט דורך געמאכט אין די לעצטע נייצעהן יאהר.

— איך אליין וואלט געקענט אויס־רעכענען העכער א טוטץ פון דיינע גע־ליעבטע.

אונזער ליעבע איז פון אנפאנג אן געבויט געווארען אויף א פאלשען באַזיס און דעריבער האט זי געמוזט איינפאלען.

— מעדאף, אויב דו האסט מיר ווען געליעבט מיט אן אמת, און אויב אין דיין רוישענדען שטורמדיגען לעבען דו האסט זיך ווען אפגעשטעלט אויף א מאמענט א טראכטצוטאן וועגען מיר, ווי דו האסט מיר צום ערשטען מאהל געזעהען, געקענט און געליעבט דאן בעט איך דיר אין דעם נאמען פון יענער ליעבע אז דו זאלסט מיר בעפרייען נאך דעם געזעטז פון לאנד, און נאך די טראדיציאנען פון דער אידישער רעליגיאן.

—אהא! דו ביסט גאר געווארען א רביצין, מיט אלע קליפערלאך, דו פארלאנגסט גאר א קלייניגקייט; דו ווילסט אז איך, גרעגאר מעדאף, דער פרעזידענט פון בונד זאל געהן מיט דיר צו א רב און דיר געבען א גט. כא, כא, כא! עס קלינגט אסור ניט שלעכט. — און ער האט זיך צולאכט.

— און דו האסט מיר געזאגט אז דו האסט זיך א סך געענדערט, און אז דו האסט מיר א מאל געליעבט. איך מוז געהן, אדיע מעדאף, דו ביסט דער זעלבער ווי דו ביסט א מאל געווען. — איהר לייכטער פיגור איז פערשוואונדען געווארען צווישען די בוימער.

16טער קאפיטעל.

דער זומער איז אוועק און דער ווינטער איז געקומען. די וועלט קריעג איז נים אויף א האר אבגעשוואכט געווארען; גראד פארקעהרט, עס האט מעהר געוויטטערט און געשטורעמט ווי בעפאר. דייטשלאנד און עסטרייך האבען געווארפען זייערע קרעפטען אויף אלע גרענעצען, און איבעראל האבן זיי געזיגט , איבעראל האבען זיי פעראורזאכט חורבן און פארניכטונג. די סובמארין האט געטהאן איהרע טייוולישע ארבייט אויפן ים אונטערן וואסער און די סם געז און פייער גע' חאבען געטאן זייער ארבייט פון צושטערונג און פארניכטונג אויף דער יבשה. עדי ווערנער האט מעהר ניט געשריבען צו ראבינסאן און ראבינסאן האט אויך קיין ווארט ניט ערהאלטען פון זיין פרוי און טאכטער.

אלס מיטגליעד פון דער ניי ארגאניזירטע עקזעקוטיווע קאמיטע האט ראבינסאן זיך אריין געווארפען אין דער ארבייט צו העלפען די אידישע קרבנות פון די מלחמה לענדער מיט זיין גאנצען לייב און לעבען.

ער האט געארבייט טאג און נאכט, און אויסער דעם וואס ער האט געפערנען א טרייסט, דורך די ארבייט האט ער פארגעסען זיין גרויסען שמערץ, יענעם ווינטער איז דער קענעדישער רעגימענט כמעט אין גאנצען פארניכטעט געווארען אין שלאכט ביי די מארן. אבער ראבינסאן איז געוועזן זיכער אז עדי לעבט, ווען ניט וואלט איהם די ענגלישע רעגירונג געלאזט וויסען.

עס איז בעשלאסען געווארען ביי דער קאמיטע אונטער די פיהרערשאפט פון יאזעף ר. פריימאן דאס א שיף מיט שפייז און אנדערע נויטיגע זאכען זאל געשיקט ווערען פאר די הונגעריגע און נויטהליידענדע אין פאלעסטינא. דיא אמעריקאנער רעגירונג אונטער די ליירטונג פון פרעזידענט וואודראו ווילסאן, וואס איז געוועזן א פריינד פון אלע ליידענדע האט פאר דעם צוועק איבערגעגעבען א רעגירונגס שיף צו דער אידישער קאמיטע.

פראפעסאר ראבינסאן איז ערוועהלט געווארען אלס פאסענדער פערזאן אנגעטרויט צו ווערען מיט די שליחות צו פאהרען מיט דער שיף נאך פאלעסטינא און חעלפען אויסטיילען די שפייז, קליידער או מעדיצין צו די וואס וועלען זיך האָם מעהרסטע נויטיגען אין דעם. ראבינסאן האט געפונען א פאזיציאן אין חיים סארעס, זיין איינציגע איינווענדונג וואס ער האט געהאט געגען ראבינסאן איז דער פאר וואס ראבינסאן איז ניט פרום און ער איז מחלל שבת. אבער די קאמיטע האט זיך ניט צוגעהערט צו סארעס. ראבינסאן האט אנגעהויבען זיך פארטיג צו מאכען צו דער רייזע.

א פאר טעג איידער ראבינסאן חאט פארלאזען שיקאגא, האט גרעגאר מ־דאף איהם טעלעפאנירט דאס ער איז שטארק גערן צו רעדען מיטן פראפעסאר איידער ער וועט אוועק פאהרען נאך פאלעסטינא. ראבינסאן האט מיט איהם באשטימט אויף אכט אזייגער דעם זעלבען אווענד אין זיין אפארטמענט. פון דער צייט וואס דאקטאר זאלקין האט דערצעהלט ראבינסאן די ראלע וואס מעדאף האט געשפיעלט אין זיין טראגעדיע, האט ראבינסאן ניט געוואלט זיך מעהר באגעגענען מיט

איהם און ניט מעחר האבען וואס צו טאהן מיט איהם, אבער צייט מאריא לאשין איז אריין געקומען אין זיין לעבען האט עס געענדערט זיינע מיינונגען וועגען דעם געגענשטאנד; ער האט אויפריכטיג ניט געוואוסט די פארהעלטעניסע צווישען איהר און מעדאף.

ער האט קלאהר געלייענט אין מאריא אז זי איז אין וועמען פערליעבט און ער האט געהאט א חשד אז מעדאף איז דער מאן.

די ערינערונג אין קאסמאפאליטאן רעסטאראנט, און נאכהער אין טעריים פארק ווען זי האט דערצעהלט זיין אייגענע געשיכטע און זי האט געמאכט א לייכטען פארזוך צו פארטיידיגען מ ע ד א ף ה א ט א י ה ם געפיהרט צו קיין אנדער שלוס דאס מאריא איז פארליעבט אין מעדאף, אין האבענדיג א פערלאנג צו העלפען מאריא אין אלץ וואס איז נוגע איהר גליק האט ער ניט געוואלט אב ברעכען אין גאנצען מיט מעדאף.

פונקט אכט אזייגער פון דעם זעלבען אוונט איז מעדאף געקומען אין ראבינסאנס אפארטמענט ביידע מענער חאבען זיך בעקוועהם געמאכט און האבען פאר רויכערט ציגארעטען, און זיי האבען גערעט איבער פארשידענע זאכען וואס זיינען ניט געוועזן פון גרויסע אינטערעסען, מעדאף האט קלאר געמאכט, דאס ער האט ק י י ן חשק ניט געהאט אפצוגעבען דעם כבוד צו א סובמארין אז זי זאל מיר פאר ניכטען, און דעריבער וועל איך דא מוזען בלייבען ביז איבער די מלחמה.. ענדליך האט ער זיך געווענדעט צו ראבינסאן און ער האט געזאגט:

—פראפעסאר מיין הויפט קומען צו אייך איז אויסצוגלייכען אן איינמעדעם, איהר געדענקט אונזער געשפרעך אין ראדיסאן האטעל, ביי אייך אין צימער, איך מוז זיך פאר אייך מודה זיין אז איך תאב אייך דאן געזאגט א ליגען.

— נאר איינעם? האט ראבינסאן סאטיריש געפרעגט.

— איך בין געקומען מיט אייך רעדען צוליעב איינעם — האט מעדאף געזאגט ווערנדיג א ביסעל אויפגערעגט — אבער איך וואלט וועלען מיט דיר רעדען וועגען עטליכע ליגענס וואס דו האסט מיר געזאגט, — האט ראבינסאן מיט ביטערקייט אבער אויך מיט איין ערנסט געזאגט.

—זאלען מיר אויפהערען צו שפאסען, דער ענין וועגען וועלכען איך בין אהער געקומען איז צו ערנסט — האט מעדאף געזאגט ווערענד זיין געזיכט איז רויט געווארען און זיין שטערען האט אנגעפאנגען צו שוויטצען.

— מעדאף, האסטו מיר ווען געזעהן אנדערש אלס ערנסט און איך חאב היינט קיין אורזאכע צו זיין אנדערש פון אלע מאל; און ווען איך זאג דיר איצט אז דו האסט מיר געזאגט מעהר ווי איין ליגען, מיין איך דאס גאר אהן שפאס, אבער זאל זיין גענוג, און זאג מיר וועגען וועלכען ליגען דו ביסט אהער געקומען מיט מיר צו רעדען איך ווייס פאראויס אז עס איז ניט דער ליגען איבער וועלכען איך וואלט געוואלט מיט דיר רעדען.

—איך האב אייך דאן דערצעהלט וועגען מיין ליעבע צו מאריא — האט מעדאף אנגעפאנגען — און צום סוף פון אונזער געשפרעך האט איהר מיר פלוצלינג א פרעג געטהאן:

— ”און וואו איז מאריא אהין געקומען?“

— איך האב אייך געענטפערט אז איך ווייס ניט וויפיעל מענער זי האט שוין אונטער דער צייט געהאט“ און איך האב דעם געגענשטאנד באהאנדעלט ווי עס וואלט מיר גאר ניט אינטערעסירט, און מאריא וואלט מיר גאר ניט געקימערט, איך בין געקומען צו אייך זאגען דעם אמת.

— מיין ליעבע צו מאריא איז אלע מאהל געווען שטארק. אבער אין די

לעצטען עטליכע מאנאט האב איך שטארק אנגעהויבען צו בייזנקען נאך איהר, און איצט אז איך האב איהר געפונען האט מיין ליעבע פון דאס נייע אויסגעבראכען אין פלאמען; איך האב אלע מיטלען אנגעווענדעט מיינע געפיהלען צו אונטערדריקען אבער עס איז אונמעגליך, זיי לאזען מיר נישט רוהען.

— פארוואס ביסטו געקומען מיר דאס צוזאגען? האט ראבינסאן איהם געפרעגט.

—דערפאר ווייל איך ווייס אז איהר זייט א גוטער פריינד פון מאריא — האט מעדאף געזאגט, און איך ווייס אויך דאס זי און אייער פרוי זיינען די בעסטע פריינד.

— צייט ווען ווייסטו אז זי און העלענא זיינען פריינד? האט ראבינסאן געפרעגט.

— איך האב זיך דערפון דערוויסט מיט עטליכע טעג צוריק, צו דער זעלבער צייט האב איך אויך אויסגעפונען אז פיליציא לאוויטע די גרעסטע איירעפעאישע טענצערען איז אייער טאכטער, איך האב איהר הונדערטער מאהל געזעהן אין פארשידענע שטעדט פון אייראפא — האט מעדאף געענטפערט.

—נו דו זאגסט אז איך בין דיער פריינד פון מאריא — האט ראבינסאן געזאגט — וואס פארלאנגסטו פון מיר? מיט וואס קען איך דיר העלפען ?

— איהר קענט מיר זעהר פיעל העלפען, האט מעדאף געזאגט— איין ווארט פון אייך וועט אויף איהר מעהר ווירקען ווי אלע מיינע בקשות, ווי גאר די טרעהרען וואס איך קען איהר געבען, זאגט איהר אז איך ליעב איהר מיט אן אמת, זאגט איהר אז איך וויל מיין גליק. מיין לעבען, מיין שטאלץ, מיין כבוד, אלץ וואס איך האב און וואס איך בין מיט איהר טהיילען און ווען איהר וועט דאס איהר זאגען וועט זי אייך גלובען.

ראבינסאן האט איהם אויף א ווייללע אנגעקוקט ווערהענד ער האט זיך פארטראכט און ער האט געזאגט.

— דו זעהסט מעדאף, אז אונזער קליין וועלטעל דרעהט זיך ארום אין א צירקל? מיט העכער צוואנציג יאהר צוריק האסטו געהאלפען מיין גליק צושטערען, און מיר צו רואינירען.

— דו האסט נאך מעהר געטאן, דו האסט געהאלפען א ווילדע חיה מיט בעסטיאלע ליידענשאפטען צו פאנגען מיין אונשולדיגע העלענא אין זיין נעץ, עס איז אפילו אמת אז דו ביסט געווען צו נאריש און צו נאאיוו דאס אלעס צו פארשטעהן, דורך דיין נארישען פאנאטיזמוס האסטו זיך געלאזט פיהרען אין א קאנספיראציע פון מיר נקמה צו נעמען פאר מיין טאטענס טויט.

— דו האסט מיר געוואלט בארויבען פון מיין פרוי דערפאר וואס דו האסט געמיינט אז זי איז ניט קיין אידיש קינד.

—און איצט קומסטו צו מיר מיט טרעהרען אין דיינע אויגען ווי א יונגער אינגעל וואס האט צום ערשטען מאהל אין זיין לעבען דערשפיערט די ליעבע אויפוואכען אין זיין הארצען.

— און דו פארלאנגסט פון מר, אז א יד זאל דיר העלפען בויען דיין גליק, אז איך זאל צורעדען מאריא אז זי זאל דיר ליעב האבען, אז איך זאל זינגען דיינע שבחים אין איהרע אויערען.

— דו מעדאף האסט נים געוואלט, אז איך זאל פיהרען א פאמיליע לעבען מיט א ניט אידישע פרוי, אבער דו ווילסט אז איך זאל צו רעדען א גוטע איידעלע אידישע טאכטער אז זי זאל זיך צו דיר איבערגעבען.

—ניין, איך קען דאס ניט טאן, מאריא וויל פארברענגען א אידישען לעבען, איהר נשמה איז געליטערט געווארען, און זי איז איצט ריין פון זינד.

— מיין געוויסען ערלויבט מיר ניט איהר צו אזא זאך צורעדען, אויף אזוי פיעל נאר קען איך דיר צוזאגען, אז

אויב מאריא וועט זיך אליין באשליסען צו דיר צוריק צוגעהען וועל איך איהר דערפון ניט אברעדען, אבער ניט מעהר.

— איך האב מורא אז דאס וועט קיין מאהל ניט זיין· אהן אייער הילפע וועט זי פאר קיין פאל ניט איינשטימען, זי וויל געהן צוריק צו דעם פאטער פון איהר קינד, דאס איינציגע וואס עס האלט איהר צוריק איז דער גט. זי וויל פון מיר קריגען א כשרן גט און דאן וועט זי מיט איהם חתונה האבען. אבער דאס וועט זי פון מיר קיין מאל ניט באקומען, ניט נאר אליין דער פאר וואס איך ליעב איהר, נאר שטעלט זיך פאר וואס פאר א פנים איך וועל האבען:

— איך, גרעגאר מעדאף זאל געהן צו א רב און דורך מאכען אלע צערעמאניען פון א גט. וואס וואלטען מיינע חברים זאגען? האט מעדאף געזאגט.

— מעדאף, מעדאף! אין מיינע אויגען האסטו זיך ניט אין דאס מינדעסטע געביטען; דו ביסט דער אלטער משה סאמועלעוויטץ, דו האסט נארגעביטען דיין תורה, אבער דו לערנסט דיין נייע תורה ווי דו האסט געלערנט דיין אלטע תורה. מיט דעם זעלבען פאנאטיזמוס און מיט דעם זעלבען קרומען שכל. דער איינציגער אונטערשיעד איז, ווען דו האסט געלערנט דיין אלטע תורה האסטו מורא געהאט פאר גאט און מיט דיין נייע תורה שעהמסטו זיך פאר דיינע חברים.

— די מאס מיט וועלכען מיר דארפען מעסטען רעכט און אומרעכט איז אונזער אייגענער געוויסען; אויב דער געוויסען זאגט דיר אז עס איז רעכט, דאס מאריא זאל האבען איהר פרייהייט, דארף זי דיזע פרייהייט פון דיר בעקומען, ווען אפילו דו דענקסט דאס די צערעמאניע איז נארריש, און דו אין וועמענס הענד די מאכט ליעגט, טארסטו ניט קוקען אויף וואס דיינע חברים וועלען זאגען.

— דיין פליכט איז איהר צו געבען די פרייהייט, צו דער זעלבער צייט וועסטו איהר ווייזען אז ניט מיט געוואלד ווילסטו איהר ליעבע געווינען

— גיב איהר דעם גט און נאך דעם רעד מיט מיר וועגען דעם און עס מעג זיין אז איך וועל דיר העלפען. אבער ניט ביז וואנען דו וועסט איהר געבען דעם גט.

מעדאף איז געוועזען דער פיהרער פון א גרויסע פארטיי און ער איז געוועזען זעלטען שטאלץ דערמיט, ער האט גע האט דעם פערלאנג צו שטעהן פאר דער אינטעלעקטועלער וועלט אלס איינער וואס האנדעלט אלע מאהל אין איינקלאנג מיט זיינע סאציאליסטישע אנשויאונגען, און ער האט געזוכט צו רעכטפערטיגען אלע זיינע געדאנקען און טהאטען אויף דער זעלבער פילאזיפישער ווייזע.

דעם איינציגען טהאט וואס ער האט ניט געקענט רעכטפערטיגען אין זיינע געדאנקען איז געוועזען יענער וועלכען ער האט באגאנגען געגען די ראבינסאנס.

ער האט מיט אן אמת געפיהלט אז דאס איז א פלעק אויף זיין נשמה. אן אנדער מענש אויף זיין ארט וואלט געזוכט ווי אזוי דעם פעהלער צו פארריכטען אויף פארשידענע אופנים. אבער מעדאף האט געליטען פון צוויי גרויסע פעהלערען, גאוה און פאנאטיזמוס. זיין גאוה וואלט איהם קיין מאל ניט ערלויבען זיך אונטערצוגעבען, אדער זיך מודה צו זיין פאר וועמען עס איז, אז ער האט בעגאנגען א אונרעכט. און זיין פאנאטיזמוס האט איהם ניט געלאזט גלויבען דאס ער חאט ווען א פעהלער בעגאנגען. אזוי האט מעדאף געזוכט צו פארגעסען זיין טייל אין די ראבינסאן טראגעדיע.

און די איצטיגע שטארקע ווערטער פון ראבינסאן האט ער געזוכט צו פאר־

ענטפערען מיט זיינע סאציאלע אנשוי־
אונגען, און ער האט געזאגט.

— מיינט איהר טאקע מיט אן אמת אז מיר ענדערען זיך? מיר בייטען אפשר אפט אונזערע זיטען, אונזערע געוואהנ־הייטען, אבער דאס וואס איז אין אונז געבארען דערביי בלייבען מיר אויף אייביג.

— רעדט ניט וועגען מיר אליין, נעהמט זיך אליין פאר א ביישפיעל, די וואס קענען אייך ניט אזוי גוט ווי איך קען אייך און וואלטען וויסען איי־ער לעבענס געשיכטע, וואלטען זיי מיינען אז איהר האט זיך אין גאנצען געענדערט אין די לעצטע צוואנציג יאהר. אבער פאר מיר זייט איהר דער זעלבער פראפעסאר ראבינסאן.

— נאך מעהר אפילו דער זעלבער רפאל ראבינאוויטש, דער זוהן פון דעם קארקאווער רב וועמען איך האב געקענט ווען איך בין נאך געווען א קליין אינ־געל.

—איהר זייט היינט דער זעלבער מאראל פריידיגער, דער זעלבער סענ־טימענטאליסט, דער זעלבער בעל חלום, דער זעלבער ענטהוזיאסט וואס איהר זייט געווען ווען איהר האט געפריידיגט די סאציאלע רעוואלוציאן; און דאך זיי־נען מיר ניט אלע ווי איהר זייט, איהר זייט געווען איין אויסנאהמע.

— איהר קענט אונטערדריקען אייע־רע ליידענשאפטען און קאנטראלירען אייערע געפיהלען. איהר זייט אן עמא נועל קאנט.

— ווער ווייס, אויב איהר וואלט פארבליבען אין קארקאו | וואלטען אפשר די קארקאווער בעלי בתים רע־גולירט זייערע זייגערס נאך אייער געהן און קומען, ווי די קעניגסבערגער בירגער האבען עס געטהאן נאך דעם געהן און קומען פון עמאנועל קאנט.

— ווען איך ליעב א פערזאן וויל איך איהר באזיטצען, און יעדער זאך וואס איז ווערט צו באזיטצען, איז ווערטה דערפאר צו קעמפפען. און אין א קאמף זיינען אלע מיטלען בערעכטיגט.

—איך ווייס אז מאריא ליעבט מיר ניט און אז זי ליעבט איין אנדערען. מיין איינציגע האפענונג איהר צו גע־ווינען איז כל זמן איך וועל זיי האל־טען צושיידעט.

אין דעם מאמענט וואס זיי ווערען פאראייניגט ענדיגט זיך אלע מיינע הא פענונגען· דער גט איז מיין איינציגע וואפען מיט וועלכע איך קען זי האלטען צו שיידעט, און איהר קומט און מוסרט מיר מיט אייערע הויכע מאראל, און איהר פערלאנגט פון מיר אז איך זאל געהן צו א רב און איהר געבען א גט. איך פרעג אייך, אוואו איז אייער לאגי־קע? פראפעסאר.

— עס טהוט מיר לייד וואס איך קען מיט אייך ניט איינשטימען אין אייערע פילאזאפישע אקסיאמען וועגען רעכט און אונרעכט, אזוי לאנג ווי אין מיר וועט זיין לעבען וועל איך קעמפ־פען, מאריא לאשין ווידער צו באזיט־צען.

איך האב איצט אין איהר דערקענט אייגענשאפטען צו וועלכע איך בין פריהער בלינד געווען. איהר נייער לע־בען איהר ראלע אלס מוטער און דיא אמת אידישע טאכטער וואס זי איז פון דאס ניי געווארען, מיט די אלע מעלות און טוגענדען, דאס אלעס האט אין מיר אויפגעוועקט נייע געפיהלען און עס האט אנגעצונדען נייע פלאמען אין מיר. און איך זאג אייך אז דער קאמף האט זיך נאר וואס אנגעפאנגען.

מעדאף האט די לעצטע ווערטער ארויסגערעדט מיט געפיהל און אפילו ראבינסאן וועלכער האט איהם איצט געקאנט דורך און דורך, האט זיך צו געהערט מיט פארוואונדערונג, און ער האט זיך אליין געפרעגט צי איז עס מעגליך דאס מעדאף איז ווירקליך ערנסט . ער איז אונטערבראכען געווארען אין זיינע געדאנקען דורך א קלונג פון דער טיהר גלאק ער האט גע־

עפענט די טיהר און מאריא איז אריין געקומען.

מאריא האט אין דעם מאמענט אויס־געזעהן זעלטען שעהן. איהר איידעלער צארטער קערפער וואס איז געקומען אין באריהרונג מיט דעם פראסט אין דרויס־סען האט געשיקט איהרע בלוט צו אי־רע ווייסע באקען, און זיי האבען אויס־געזעהן ווי צוויי בלומען. איהר פעלצע־נער מאנטעל האט איינגעוויקעלט איר שלאנקע פיגור וועהרענד דער קאלנער האט ארומגערינגעלט א ווייסע און עט־וואס לאנגע האלז. די פעלצענע היטעלע אויף איהר שעהנע רונדע קאפ וואס האט באהאלטען א גרויסע מאסע לאנגע שווארצע האר האט צוגעגעבען א זעל־טענעם חן צו דעם גאנצען אויסזעהן. זי האט זיך פארנייגט צו די הערין און האט געזאגט מיט א שמייכעל:

— שטער איך אייך?

ביידע הערין האבען איהר פארזיי־כערט דאס מאריא האט זיי ניט גע־שטערט, זי האט זיך אפגעשפילעט דעם מאנטעל און האט ארונטערגענומען די פעלצענע היטעלע פון קאפ און זי האט פארטגעזעצט:

— אזוי לאנג ווי איהר פארזיכערט מיר אז איך האב אייך ניט געשטערט, מעג איך וויסען דעם ענין פון אייער געשפרעך?

מעדאף האט זיך אונטערגענומען צו ענטפערען די פראגע און ער האט גע־זאגט:

— די טעמא איז רייך אין אינהאלט, אינטערעסאנט אין פארמע און זעלטען שעהן. זי איז אזוי צוציהענד דאס איך וואלט געקענט וועגען איהר ריידען גאנ־צע טעג און נעכט און קיינמאל ניט פארמאטערט ווערען.

— דו מאכסט מיר נייגעריג —האט זי געזאגט, אבער קוים האט זי די ווער־טער ארויסגעזאגט, האט זי שטארק חרטה געהאט, זי האט אנגעהויבען צו פארשטעהן צו וואס ער ציעלט, אבער עס איז געווען צו שפעט.ראבינסאן האט זיך צוריקגעצויגן אין א פריוואט צימער און מעדאף האט געזאגט:

—דיין נייגעריגקייט קען זעהר לייכט בעפרידיגט ווערען, מיר האבען גערעדט וועגען דיר, איך האב זיך מודה געווען פאר מיין אלטען רבי ווי שטארק איך ליעב דיר.

— דו מיינסט צו זאגען ווי שטארק דו ליעבסט זיך. — האט מאריא גע־זאגט.

— מאריא, גיט עס א זאך אין דער וועלט וואס א מענש ליעבט און אלער ערשט זיך ניט אליין צו ליעבען?

א מענשענס זעלבסט ליעבע איז דער פונדאמענט פון אלעס אין דער וועלט; דו האסט מיר פיינט דערפאר וואס דו ליעבסט זיך, דו ליעבסט לעאן מארגענ־שטערן ווייל דו ליעבסט זיך און איך ליעב דיר דערפאר וואס איך ליעב זיך. אלץ וואס א מענש טהוט איז עס דער־פאר וואס ער ליבט זיך, אפילו זעלבסט־מארד ווערט באגאנגען דורך זעלבסט ליעבע, דער מענש טהוט עס ווייל ער וויל אויסמיידען די צרות, ליידען און אונגליקען און אום דערפון צו אנטלוי־פען מאכט ער אן ענד צו זיין לעבען.

מאריא האט ניט געוואלט אריינקרי־כען אין א דעבאטע מיט מעדאף איבער דיזען געגענשטאנד, איהר הייליגסטער וואונש איז געווען דאס זי זאל זיך קא־נען פון איהם באפרייען פאר גאט און פאר מענשען, אבער זי איז ניט ווילענ־דיג אריינגעפאלען און זי האט געמוזט צונויפקלייבען אלע איהרע גייסטיגע קרעפטען צו קענען מיט איהם קעמפען און זי האט געזאגט:

— גוט, איך וועל צוגעבען דאס דיין פילאזאפיע פון זעלבסט ליעבע, פון דעם „עגא“ איז ריכטיג, און דאך וויסען מיר אז אפילו די זעלבסט ליעבעס אונטער־שיידען זיך איינע פון די אנדערע; מיר וועלן צום ביישפיעל נעהמען דיין ליע־

בע: דו זאגסט אז דער פאר וואס דו
ליעבסט זיך אליין, דיין אייגענעם „ענא"
ליעבסטו מיר און דו זוכסט אלעס צו
פארניכטען אפילו די וועלכע דו ליבסט,
דעם ציעל צו דערגרייכען און דיין לי־
בע צו באפרידיגען: דאס איז די נידע־
ריגסטע פון אלע ליעבעס, אזא ליעבע
געהערט צו ווילדע חיות און ניט צו קיין
מענשען. נון זאלען מיר נעהמען אן אנ־
דער זארט וואס איז דער היפוך פון
דיין ליעבע, יענע טיעפע איידעלע ליעבע
וואס מאנכע באזיצען און זיי זיינען בע־
רייט ליבערסט זיך אליין צו פארניכטען
איידער צו פאראורזאכען די מינדעסטע
יסורים צו די פערזאנען וועלכע זיי ליע־
בען; אזא ליעבע איז מיינע צו לעאן
מארגענשטערען, דער פאטער פון מיין
קינד, און איך בין זיכער דאס אזוי ליבט
ער מיר. דו מעדאף ביזט קיינמאל ניט
פעהיג געווען צו ברייננגען אזא קרבן
אויף דעם מזבח פון דיין ליעבע, אפילו
ניט דעמאלס ווען איך האב איהר צום
ערשטען מאל אנגעצונדען אין דיין נשמה
שוין דאמאלסט איז דיין ענא געווען ניט
קלענער ווי ער איז איצט. איך וויל זיך
איצט מודה זיין פאר דיר אז ווען איך
האב מיט דיר חתונה געהאט, הגם איך
האב דאן ניט געהאט קיין באשטימטען
באגריף וואס דאס מיינט, דאך, ווען איך
וואלט אין דיר געפונען יענע איידעלע
און הייליגע ליעבע וואס איך האב שפע־
טער געפונען אין מארגענשטערן, דאן
וואלסטו מיר לייכט געוואונען גייסטיג
ווי דו האסט מיר געוואונען קערפערליך.
פון דער נאטור אויס בין איך געשאפען
צו זיין א אידישע ווייב און א אידישע
מוטער: און דו האסט געקענט די געפי־
לען אין מיר אויפוועקען גאנץ לייכט,
אבער דיין ליעבע איז פון דעם זעלבען
זארט ווי די ליעבע פון לאפוכין און איך
האס אייך ביידען. איהר רופט עס ליעבע
עס איז א באליידיגונג פאר דעם היילי־
גען ווארט: ליעבע מיינט עטוואס גרע־
סערעס, מעהר ערהאבענעס, אבער ביי
אייך מיינט עס הולטייסטווע, אויסגע־
לאסענקייט און נידעריגע ליידענשאפט,
באלד נאך דיין שבועה אז דו ליעבסט
נאר מיר האסטו די זעלבע שבועה אי־
בערגע'חזר'ט צו פיעלע אנדערע פרויען,
דאס איז די געשיכטע פון אונזער ראַ־
מאן, מיר האבען זיך קיינמאל ניט גע־
פאסט איינע פאר די אנדערע. אין איצט
געווים ניט. אויב דו וואלסט מיר מיט
אן אמת געליעבט ווי דו זאגסט, וואלט
עס אין דיר אויפגעוועקט א ביסעל
רחמנות, דו וואלסט ארייגעקוקט אין
מיין מוטערס הארץ און דו וואלסט גע־
זעהן וואס דארט טהוט זיך, דו וואלסט
פארשטאנען וואס דאס מיינט פאר מיר
און פאר מיין קינד, מיין אונשולדיגעס
קינד, וואס איז אויף דער וועלט געקומען
אהן איהר וויסען און אהן איהר ווילען.
זי וויים נאך נעבאך ניט וואס עס ער־
ווארטעט איהר אין לעבען. די וועלט
איז אזוי קאלט צו אלעמען און נאך
בפרט צו א קינד וואס איז געבארען גע־
ווארען אהן חופה און קדושן. מעדאף,
פארגעס לעאן מארגענשטערן און דענק
נאר פון מיר און פון ווערא, ווייז צו דער
וועלט און צו דיינע גענאסן אז דו האסט
א הארץ, אז דו ווייסט וואס דער ווארט
רחמנות מיינט און ווייז מיר אז דו
ווייסט דעם מיינונג פון אמת'ע ליעבע
מעדאף צום לעצטען מאל בעט איך דיר
בעפרייע מיר און גיב מיר א גט.

מעדאף איז געבליבען הארט ווי איי־
זען, ער איז געזעסען אונבאוועגט, די
ווערטער וואס וואלטען כמעט א שטיין
געריהרט האבען אויף איהם קיין וויר־
קונג ניט געמאכט, עס האט אין זיין
הארצען קיין אפקלאנג ניט געפונען, ער
האט געזאגט:

— קום מיט מיר מאריא און איך
וועל געבען צו דיין קינד מיין נאמען.איך
וועל איהר ליעבען ווי א פאטער ליעבט
זיין אייגען קינד, זי וועט זיין בעוואוסט

אין אונזער וועלט אַלס מיין טאָכטער, און דו ווייסט וויפיל דאָס מיינט, דו וועסט זיין די גליקליכסטע פרוי אין דער וועלט, קום מיט מיר מאַריאַ!

— מעדאַף, ווייס איין זאַך — האָט מאַריאַ געזאָגט — און איך האָף אַז דו וועסט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן, דאָס וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר וועט קיינמאָל ניט געשעהן; מיר געהן אויף צוויי פאַרשידענע וועגען, מיר זיינען צוויי פאַרשידענע שטראָמען וואָס קענען קיינמאָל ניט זיך צוזאַמענמישען, מיר זיינען צוויי מעטאַלען וואָס וועלען זיך קיינמאָל ניט קענען פאַרשמעלצען. איך קען נאָר האָפען דאָס ווען עס איז אין דער צוקונפט וועט אפשר דיין האַרץ ווייכער ווערען, און דער אייז וואָס איז אַרום איהר וועט צושמאָלצען ווערן, דאַמאָלסט ווען דיין ענגע וועט אַביסעל אָבגעשוואַכט ווערען און דיינע געפיהלען וועלען שטאַרקער ווערען, דאַמאָלסט וועסטו אפשר זעהן און פאַרשטיין דעם גרויסען אונרעכט וואָס דו האָסט געגען מיר באַגאַנגען. אַדיע ביז דאַמאָלסט.

זי האָט פאַרלאָזען דעם צימער.

17טער קאפיטעל.

שפעט נאכמיטאג, דעם צווייטען אפּריל, אין דעם יאהר 1917, אין א בולווארד קאפע אין פאריז זיינען געזעסען צוויי אפיצערען ביי א קליינעם טישעל זיי האבען געטרונקען טהיי און געגעסען א לייכטען צובייסען; איינער א יונגערמאן פון א יאהר זיעבען און צוואנציג האט געטראגען דעם ענגלישען מונדיר: דער צווייטער איז אלט געווען א יאהר פערציג און ער האט געטראגען דעם אנצוג פון דער בעלגישער ארמיי, ער האט געהאט אן עדעלע און שענע געזיכט, מיט א סך קנייטשען, קענטיג אז ער האט פיעל געליטען אין זיין לעבען. זיי האבען געגעסען, געטרונקען און געמיטליך גערעדט צווישען זיך, דער ענגלישער אפיצער האט געהאט אויסגעשפרייט פאר זיך די פאריזער אויסגאבע פון שיקאגאר „טריביון“, אין וועלכע ער האט פון צייט צו צייט אריינגעקוקט, ווען מיר באטראכטען איהם אביסעל נעהענטער דערקענען מיר אין איהם גאר אהן מיה אונזער אלטען באקאנטען עדי ווארנער, עס איז אמת, ער זעהט אויס פיעל עלטער און א סך מענליכער; אויף זיין געזיכט איז צו באמערקען א ערנסטקייט וואס איז ביז אהער געווען פרעמד צו איהם, אבער דאס איז, עדי ווארנער. אויף זיין ברוסט היינגען צוויי מעדאלען, איינער איז איהם געגעבען געווארען פון גענעראל הייג, הויפט קאמאנדיר פון דער ענגלישער ארמיי; פאר העלדישע אויסצייכנונג, די צווייטע דעקאראציע האט ער ערהאלטען פערזענליך פון קעניג אלבערט פון בעלגיום,דער פאר וואס ער מיט א גאנץ קליינע צאל פון זיינע סאלדאטען האבען געראטעוועט א האספיטאל אין בעלגיום ניט ווייט פון רהיימס וואו עס האבען זיך געפונען א גרויסע צאהל פארוואונדעטע סאלדאטען און א סך פרויען און קינדער וועלכע זיינען אנטלאפען פון די ארומיגע שטעדט ווען די דייטשע ארמיי איז אנגעקומען. עס איז געווען איינער פון די גרויסע וואונדערס פון דער מלחמה; און כמעט אלע אייראפעאישע צייטונגען האבען וועגען דעם געשריבען ווי אזוי א קליינע קאמפאני פון אכצעהן מאן מיט זייער אפיצער זיינען באפאלען העכער דריי הונדערט דייטשע סאלדאטען, וועלכע האבען ארומגערינגעלט א האספיטאל, און עדי מיט זיינע אכצעהן סאלדאטען האבען געפאנגען העכער א הונדערט, א גרויסע טהייל זיינען געפאלען טויט ווען די איבעריגע זיינען אנטלאפען געווארען.

עדי האט פון זיך אוועקגעשטופט די צייטונג און די טהיי און ער האט געזאגט צו זיין פריינד — ענדליך איז עס געקומען, אין דער מינוט זיינען אלע מיינע פלענער געענדערט געווארען. לעאן, אמעריקא האט בעשלאסען אריינצוקומען אין דער מלחמה. ערשט מיט דריי שעה צוריק האט פרעזידענט ווילסאן פארקלאגט די דייטשע רעגירונג פאר ביידע אפטהיילונגען פון קאנגרעס, ער האט אויסגערעכענט די אלע פארברעכענס וואס דייטשלאנד האט באגאנגען געגען דער מענשהייט און ביידע אפטיילונגען פון קאנגרעס האבן געשטימט מלחמה געגען דייטשלאנד. איך וואלט געווען בערייט פיעל אבצוגעבען צו קענען דארטען זיין ווען ער האט גערעדט, ער איז אהן צווייפעל דער גרעסטער פרע

זידענט וואס מיר האבען ווען געהאט: און ער איז די גרעסטע פיגור צווישען אונזערע מאדערנע שטאאטס מענער. וואס פאר א פלאץ ער וועט פארנעהמען אין דער געשיכטע פון דער וועלט, אלזא, מיין פאלק קומט צו ראטעווען די וועלט פון דער גרעסטער סכנה, ביז אהער האב איך געקעמפפט פאר דער אלגעמיינער מענשהייט און פאר דער וועלט׳ס פרייהייט, אבער איצט מוז איך געהן קעמפפען פאר מיין פאלק און פאר איהר עהרע, איך גיב אפ מיין רייזע נאך אמעריקא און איך געה צוריק אריין אין דער מלחמה; מארגען פריה וועל איך געהן צו אונזער אמבאסאדאר און איך וועל מאכען באדינגונגען דא צו ווארטען ביז אונזער ארמיי וועט אנקומען און דאן וועל איך זיך אנשליסען אן א רעגימענט, און איך וועל קעמפפען פאר מיין אייגען פאלק.

— ברודער אפיצער! — האט זיין פריינד געענטפערט — איך בין אייך שטארק מקנה, איהר האט א לאנד, א שטאאט און א פאלק פאר וועלכע איהר געהט ווידער אין שלאכט צו קעמפפען, פאר ווענען האב איך, און מיליאנען אנדערע ווי איך, געקעמפפט? מיר האבען קיין היים ניט און קיין לאנד. מיר זיינען עס אפשר פון ווענען אייער פאעט האט געדיכטעט די ליעד, „א מאן אהן א לאנד“ רוסלאנד איז ניט מיין היים און בעלגיום איז ניט מיין היים. זייענדיג אין בעלגיום, ווען די מלחמה האט אויסגעבראכען און דייטשלאנד איז איבערפאלען ברוססעל און אהן רחמנות געמארדעט פרויען און קענדער, האב איך געפיהלט אלס א חוב צו נעמען וואפען און קעמפפען צו פארטהיידיגען די הילפלאזע. אוואו וועל איך געהן ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען, ווען שלום וועט ווידער רעגירען די וועלט? וואו וועלן די איבעריגע מיליאנען פון מיינע שוועסטער און ברידער געהן? פאר אונז איז נאר דא איין ארט, דער קבר. געדיינקט איהר לארד בייראנס ווערטער?

איהר וואנדערער, מיט א הארץ
פארשמאכט
ניטא קיין רוה, סיי טאג, סיי נאכט
די טויב האט איהר נעסט, דער
פוקס זיין שטוב
יעדער פאלק א לאנד, ישראל—א גרוב.

— לויטענאנט מארגענשטערען — האט עדי געזאגט, עס איז געווען קענטיג אז ער איז שטארק געריהרט געווען פון מארגענשטערענ׳ס ווערטער — ווייסט איהר ניט דאס דער הויפט ציעל צוליעב וועלכען אמעריקא געהט אריין אין דער מלחמה, איז צו מאכען די וועלט זיכער פאר די דעמאקראטישע פרינציפען. איך בין בעשטימט אז דער גרויסער טאג וועט קומען, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען און שלום וועט צוריק ארויפטרעטען אויף איהר טראן, דאן וועט די וועלט זיין גרויס גענוג פאר אלע איהרע קינדער, אהן א אונטערשיעד פון ראסען און קלאסען, בלוט, קאליער אדער רעליגיאן און אונזער פאלק וועט אויך געפינען א מקום מנוחה. ווער ווייס אפשר איז עס די צייט פון וועלכע די נביאים האבען אנגעזאגט דאס די מענשהייט וועט לעבען ווי איין פאמיליע.

— איך צווייפעל שטארק אין אזא צייט — האט מארגענשטערען געזאגט, — די מענשען וועלען אויף אויביג זיין מענשען, און די אלע זאכען וואס מאכען אונז פאר מענשען, גוטע אדער שלעכטע וועלען אויף אויביג מיט אונז בלייבען, אויף אויביג וועט זיין קנאה, אויף אויביג וועלען זיי זיך שלאגען איינע מיט די אנדערע, אויף אויביג וועלען זיי זיך האסען; אלע מאל וועלען מיר האבען שקלאפען און הערן, אונטערדריקטע און אונטערדריקער. אין מיינע יונגע יאהרען האב איך אנדערש געגלויבט, אלע וועלט פראגעס האב איך דאן געזעהן פארוויקעלט אין איין פראגע: די עקאנאמישע פראגע איז דא־

מאלסט געווען אז ענטפער אויף אלע אין דער וועלט, עס איז געווען א מין פאטענטירטע מעדיצין וואס היילט אלע קראנקהייטען, און איך האב געגלויבט אז ווען די עקאנאמישע פראגע וועט גע־לייזט ווערען וועלען אלע אנדערע פרא־געס אבגעשאפען ווערען. פון יענער צייט אן האב איך א סך געלערענט און איך בין געקומען צו דער פעסטער איבער־צייגונג דאס קאסמאפאליטיזמוס איז א ליגען, עקאנאמישע גלייכהייט, אן אונ־מעגליכקייט און הומאניטעט א פוסטע פראזע. איינגאנצען צו לייזען די אידישע פראגע וועט אפשר דויערען טויזענדער יאהרען אבער ווי אזוי אויסצובעסערען די אידישע לאגע איז דא נאר איין מי־טעל, נאר איין וועג, און דאס איז: צו מאכען דעם אידען א זעלבסטשטענדיגע פאלק, אויף זיין אייגענעם באדען, דאן ערשט קען דער איד געראטעוועט ווערען, ערשט דאן וועט די אידישע פראגע ווי־ניגסטענס פיעל אבגעשוואכט ווערען אויב זי וועט ניט איינגאנצען אויפהערען.

— מערקווירדיג ווי איר אלע איירא־פעאישע אידען זייט ווי פאר'שיכורט מיט צוויי עקסטרעמע אידעאלען, ענט־ווערער איהר זייט סאציאליסטען אדער ציוניסטען. אין די לעצטע דריי יאהר האט מיר דער שיקזאל געפירט צו פאר־שידענע לענדער און איבעראל האב איך געזוכט די באקאנטשאפט פון אונזערע ברידער און איבעראל האב איך געפו־נען דעם זעלבען צושטאנד, זיי דיענען צו די צוויי געגענזעצטע געטער, און דער גרעסטער וואונדער וואס האט פא־סירט איז דאס איך אליין בין שוין כמעט איינגאנצען אין דעם נעץ אריינ־געכאפט געווארען. פריינד לעאן, איך האב שטארק מורא דאס איך וועל ניט ירשנ'ען מיין פאטערס אנשויאונגען; מען האט מיר דערציילט אז ער איז געווען א רעוואלוציאנער, אבער איך בין אויפ'ן וועג פון ציוניזם. מיינע צוויי פריינד אין אמעריקא וועלען ניט ווייניג איבע־ראשט ווערען ווען זיי וועלען ערפאה־רען מיינע נייע אידעען. ביידע זיינען זיי איבערגעבענע ציוניסטען. מיט א שעה צוריק בין איך געווען איבערפילט מיט די האפענונגען דאס אין צוויי וואָ־כען ארום וועל איך זיי זעהן ביידען, אבער איצט ווייס גאט ווען איך וועל זיי זעהן. — עדי האט זיין טאן ארונ־טערגעלאזען און ער האט געזאגט ווי צו זיך אליין, — און ווייס גאט צי וועל איך איהר ווען עס איז זעהן. —

— איך האב אויך צוויי טייערע פריינד אין אמעריקא — האט מארגענ־שטערען געזאגט. — איך וואלט פיעל זייער פיעל געגעבען ווען איך וואלט זיי קענען זעהן, נאר אויף זיי א קוק טהאן, אבער איך האב מורא אז אזא גליק וועל איך קיינמאל ניט האבען—

ער האט א טיעפען זיפץ געטאן, ער האט זיינע אויגען ארונטערגעלאזען טיף אין דער ליידיגער טאסע וואס איז אויפן טיש געשטאנען, עדי האט איהם אנגע־קוקט מיט רחמנות, און ער האט גע־זאגט:

— מיר דאכט דאס די וועלט ווערט רעגירט פון צוויי טיראנען, פון ליעבע און פון האס. פריינד לעאן, עס ווייזט מיר אוים אז מיר ביידע זיינען אמת'ע קאמעראדען, ניט נאר אלס מלחמה העלדן, נאר אויך אלס ראמאנטישע העלדן. אונזער גאט פון מלחמה וואהנט דא אין אייראפא וועהרענד אונזער גאט פון ליעבע איז אין אמעריקא.—

מארגענשטערען האט ניט געענט־פערט, ער איז נאך אלץ געזעסען פאר־זונקען אין זיינע געדאנקען, ער האט לאנגזאם אויפגעהויבען זיין קאפ און האט געקוקט אויף עדי און ער האט גע־זאגט:

— איך האב געמיינט אז מארגען פארלאזט איהר פאריז און איהר וועט פאהרען א היים, דעריבער האב איך מיר געהאט באשלאסען אייך היינט צו דערציילען פון מיין אונגליקליכען רא־

מאַן, אָבער אַזוי ווי איהר בלייבט דאַ
אויף אַן אונבאַשטימטער צייט האָבען
מיר זיך ניט וואָס צו איילען. אויב אייך
וועט דאָס אינטערעסירען קענט איהר
דאָס הערען ווען איהר וועט וועלען. —

— איהר זאָגט "אויב מיר וועט דאָס
אינטערעסירען" פריינד מאָרגענשטערען
האָט איהר נאָך ניט געלייענט מיין איי־
גענעם סוד? זעהט איהר ניט מיינע איי־
גענע קראַנקהייט? זייט איהר אויף אַזוי
פיעל פאַרנומען מיט אייער אייגענעם
פעקעל צרות, דאָס איהר האָט קיין צייט
צו באַטראַכטען מיינע צרות? ווייסט
דען אַז איך ליידע אויך פון אַן אונגליק־
ליכע ליעבע, עס איז ניט געווען די מענ־
שהייט, אָדער בעלגיום וואָס האָט מיר
אַהער געבראַכט, עס איז אַ ליעבע וואָס
האָט מיר אַהער פאַרשטויסען. מיין איינ־
ציגער טרייסט איז דאָס איך ליעב און
ווער געליעבט. אָבער גענוג פון דעם צו
ריידען. מיר זיינען אמת'ע קאַמעראַדען
ביידע האָבען מיר געקעמפט פאַר דער
וועלטס פרייהייט, ביידע האָבען מיר גע־
וואונען דעם זיעגערס קראַנץ, ביידע זיי־
נען מיר קראַנק פון ליעבעס קראַנקהייט
און אונזערע ביידענס רפואה ליעגט אין
אַמעריקאַ. זאָלען מיר געהן, אָדער ווילט
איהר נאָך דאַ אַ ווייַלע זיצען?

— מיר אַרט ניט וואָס איהר ווילט
טאָהן אין דער נעקסטער שעה, — האָט
מאָרגענשטערן געענטפערט, איך וויל
נאָר וויסען וואָס איהר רעכענט צו טאָן
היינט אָבענד? אויב איהר זייט פריי
וואָלט איך וועלען אייך מיטנעהמען מיט
מיר, דאַ וואָהנען
מיינע צוויי גוטע פריינד־
אַ מוטער און אַ טאָכטער, ביידע זיינען
זיי זעלטענע דאַמען, פון דער טאָכטער
האָט איהר אפשר געהערט, איהר נאָמען
איז פעליציאַ לאַוויטע, זי איז אַנערקענט
אַלס די גרעסטע קלאַסישע טענצערין
פון אייראָפּאַ, די מוטער איז זעהר מוזי־
קאַליש, זי איז אַ גרויסע פּיאַניסטען און
ווען זי וואָלט נאָר וועלען וואָלט זי זיך
געקענט האָבען דערוואָרבען אַ גרויסען
נאָמען אויף דער ביהנע אַלס גרענד אָ־
פּעראַ זינגערין, איך בין זיכער דאָס
ביידע וועלען אייך אינטערעסירען, און
איך קען אייך צוזאָגען אַן אַנגענעהמען
אָוונט. זיי זיינען גערן מיט אייך באַ־
קאַנט צו ווערען, אייער נאָמען איז זיי
באַקאַנט און אייערע העלדישע טהאַטען
איז זיי באַוואוסט און עס ווילט זיך
מיר גלויבען דאָס איהר ווערט טעגליך
דערמאַנט אין זייערע תפילות. זיי זיינען
ביידע געווען אין האָספּיטאַל אין דער
צייט וואָס איהר האָט איהם געראַטע־
וועט פון די דריי הונדערט דייטשען.
איך האָב זיי צוגעזאָגט אַז ווען איהר
וועט קומען נאָך פּאַריז וועל איך אייך
צו זיי אַרויפיהרען. וואָס זאָגט איהר צו
מיין פּלאַן? ווי געפעלט ער אייך?

— איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט
די נייגונג צו מאַכען באַקאַנטשאַפט מיט
דאַמען, וועלכע האָבען פאַרבינדונג מיט
דער ביהנע, אָבער איך בין זיכער דאָס
איך מעג מיר אויף אייך פאַרלאָזען און
ווען זיי ווערען פון אייך רעקאָמענדירט
פאַרשווינדען אַלע צווייפעל, דעריבער
איז מיין ענטפער, „פיהרט מיר און איך
וועל אייך נאָכפאָלגען.“—האָט עדי גע־
זאָגט.—

די צוויי יונגע לייט האָבען פאַרלאָזען
די קאַפע הויז און זיי האָבען געמאַכט
אַ שפּאַציר דורך די בולוואַרדען צו דעם
פּלאַץ פון שטערן; זיי זיינען דאָרטען
אָנגעקומען און האָבען פאַרבראַכט אַ
לענגערע צייט, באַוואונדערענדיג דעם
שעהנסטען אָרט אין דער וועלט.

די פּאַריזער זון האָט זיך געטובלט
אין דעם וועסטליכען ים און די זילבער־
נע שטערען האָבען זיך אָנגעהויבען צו
ווייזען אויף איהר אָרט אין דער בלוי־
ער לופט. באַלד איז די גאַנצע שטאָדט
אָנגעפילט געוואָרען מיט אַ ים פון עלעק־
טרישע ליכט, היינט איז געווען אַן אויס
נאַם. אַ גאַנץ לאַנגע צייט האָט די לוס־
טיגע פּאַריז געשמאַכט אין פינסטער־

ניש, ערשטענס צו שפּאָרען די עלעק־טריציטעט וואָס מען האָט געדאַרפט פאַר דער מלחמה, און צווייטענס, אויס מורא פאַר די דייטשע לופט שיפען. אָבער היינט האָט זי געפייערט אַ יום־טוב לכבוד אַמעריקאַס אַריינקומען אין דער מלחמה, און פאַריז האָט זיך איי־בערגעגעבען צו איהר געוועהנליכען נאַכט לעבען. גרויסע פּלאַקאַרדען האָ־בען פון די פענסטער מיט גרויסע בוכ־שטאַבען אַנגעזאָגט די פריילאַכע נייעס אַז די פאַראייניגטע שטאַאטען, די גרעסטע רעפּובליק אין דער וועלט איז געקומען העלפען איהר שוועסטער די פראַנצויזישע רעפּובליק. אין דעם גרוי־סען ים פון ליכט האָבען זיך געזעהן די רויטע ווייסע און בלויע שטרייפען ווייַ־הענדיג ביי דער זייט פון דער פראַנצוי־זישער פאָהן. פון מאַנכע טעאַטערע און אַנדערע פּלעצער פון אַמוזירונגען האָבען זיי געהערט די טענער פון דער אַמערי־קאַנער נאַציאָנאַלער ליעד „אָ, זאָג קענ־סטו זעהן."

עדי איז נאָך געווען האַלב בארוישט פון דער מלחמה, ערשט ניט לאַנג צוריק האָט ער פאַרלאָזען דעם שלאַכט פעלד וואו אַ גרויסער קאַמף איז דורכגעפירט געוואָרן. און איצט דערזעהענדיג פאַריז אין איהרע גליקליכסטע מאָמענטן ציים די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען, און ווּיסענדיג אַז זיין אייגענע לאַנד איז די אורזאַכע פון דעם יום טוב, האָט ער זיך געפיהלט ווי אַ בירגער פון צוויי וועלטען. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, די סצענע וואָס איז פאָרגעקומען מיט אונגעפער אַ הונדערט און פערציג יאָהר צוריק ווען לאַפאַיעט איז אָנגעקומען מיט זיין רעגימענט צו העלפען די גרינדער פון דער אַמעריקאַ־נער רעפּובליק. ווען ער האָט מיטגע־בראַכט די נייע תורה פון מענשליכע רעכטע און פרייהייט. עדי האָט געפילט אַז עס איז אַ זעלטענע פּריווילעגיע צו זיין אין דעזער שטונדע אין פאַריז. אָב־ער וואָהל זיין נשמה האָט שטאַרק געבענקט נאָך יענע איידעלע וועזען וואָס ער האָט קיינמאָל ניט ארויסגעלאָזען פון זיינע געדאַנקען האָט ער אָבער איצט געפילט אַז זיינע אַרבייט וועט ניט זיין אומזיסט דער זיעג וועט קומען, ניט נאָר פאַר די פאַראייניגטע נאַציאָנען, נאָר אויך פאַר איהם, עס איז ביי איהם קיינמאָל קיין ספק ניט געווען אַז עליין וואַרט אויף איהם, און ווען דער סוף וועט קו־מען וועט ער אויך געניסען די פרוכט פון זיעג און פון נצחון. ער וועט קומען צוריק צו מינעאַפּאָלים און עוועלין פי־ליפּס וועט פיהרען עליין צו זיינע אַרעמס.

זיין מח אָנגעפילט מיט אַזעלכע גע־דאַנקען, איז עדי געפירט געוואָרען פון לייטענאַנט מאָרגענשטערן און זיי זיי־נען אָנגעקומען צו דער וויקטאָר הוגאָ גאַס, זיי האָבען אַ רעכטע ווייַלע אַרום געשפּאַצירט אַהין און צוריק און אַרום צעהן מינוט נאָך אַכט האָט זיך עדי גע־פונען אין דעם וואוינונג פון מאַדאַם הע־לענאַ לאַוויטע. עס איז ניט געווען קיין צו גרויסע וואוינונג און אויך ניט צו רייך, אָבער געשמאַקפאָל מעבלירט און קונסטפאָל דעקאָרירט, אַלעס האָט דאָרט אויסגעזעהן אַז די אויג פון אַ גוטע ווירטהין, מיט אַן ענטוויקעלטען און קונסטפולען געשמאַק גיט אויף אַלעס אַכטונג.

עדי איז אויפגענומען געוואָרען פון מאַדאַם לאַוויטע מיט מוטערליכע ליבע. זי האָט איהם אונטער איהר שוץ גענו־מען, ער האָט זיך באַקוועם געמאַכט אויף אַ זאָפאַ ביי איהר זייט און אין די ערש־טע פּאָאַר מינוטען האָט ער זיך געפיהלט ווי ביי זיך אין דער היים ,פריי און אונבאַשרענקט. זי האָט מיט איהם גע־רעט וועגען זיין היים זיינע עלטערן און זיינע חברים. עדי האָט צו איהר גע־רעט מיט פיעל מעהר פרייהייט ווי ער פלעגט ריידען צו זיין אייגענע מוטער. ער האָט פאַר איהר דערציילט אַלעס

וועגן זיך, זיין שטודיום און זיינע פריינדשאַפט מיט די פיליפּס צוויי סודות האָט ער פאַר איהר באַהאַלטען, זיין ליבע צו עליין און די אומשטענדען צווישען איהם און זיין מוטער. עדי איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד מיט זיינע נייע באַקאַנטשאַפט, ער האָט זיך געפילט אין זייער געזעלשאַפט אַ גאַנץ אַנדער מענש. עס האָט איהם שטאַרק פאַראינטערעסירט די פליסיגקייט מיט וועלכע ביידע דאַמען האָבען גערעדט די ענגלישע שפּראַך. זיינע אויגען זיינען געפּאַלען אויף אַ בילד וואָס איז געשטאַנען אויף דער גרענד פּיאַנאָ אין אַ געשניצטען ראַם. די בילד איז געווען פון אַ מאַן פינף און צוואַנציג יאָהר אַלט מיט אַ סימפּאַטישע אינטעליגענטנע געזיכט מיט אַ פאַר גרויסע אויגען. עפּעס האָט ער די געזיכט ערגעץ וואו געזעהן. און די אויגען... ווי באַקאַנט זיי זיינען איהם, ווער קען אַזעלכע אויגען פאַרגעסען? אָבער וואו האָט ער זיי געזעהן? ווער פון זיינע באַקאַנטע באַזיצט אַזעלכע אויגען? אומזיסט האָט ער געטראַכט, אומזיסט האָט ער געזוכט אין זיין זכרון אויסצוגעפינען ווען און וואו ער האָט געזעהן דעם אייגענטהימער פון יענע אויגען, אָבער די פראַגע איז געבליבען אונפאַרענטפערט.

ניט ווייניגער ווי פון דער מוטער איז עדי אויך איבעראַשט געוואָרען פון דער טאָכטער. לעאָן מאָרגענשטערן האָט איהם געזאָגט אַז זי איז די גרעסטע טענצערין אין איירָאָפּאַ, און ער האָט איהר געפונען אַזוי איינפאַך, אַזוי נאַיוו און אַזוי אונשולדיג, זי אויך איז געווען אַזוי פריינדליך ווי די מוטער, און עס האָט איהם געוואונדערט ווי זי קען גאָר ערשיינען אויף דער ביהנע, ער האָט באַלד אויסגעפונען אַז זי האָט פיינט די מאַסקע, זי איז דאָס וואָס זי ווייזט אויס צו זיין און זי ווייזט זיך פאַר דער וועלט דאָס וואָס זי איז. זי האָט איהם שטאַרק דערמאָנט אַן זיין עליין אין אַ גאַנץ קורצע צייט האָט ער זיך געפיהלט שטאַרק צוגעצויגען צו איר, אָבער עפּעס אַנדערש ווי ער פלעגט זיך פיהלען אין דער געזעלשאַפט פון עליין. אין העלענאַ האָט ער געפונען אַ מוטער, מיט מוטערליכע געפיהלען און אינסטינקטען וועהרענד אין פיליצאַ האָט ער געזעהן אַ גוטע איבערגעבענע שוועסטער, פול מיט סימפּאַטי און צוטרוי און ווען ער איז געזעסען ביי איהר זייט, ביי דער פּיאַנאָ און זי האָט געשפּילט טשייקאָווסקיס אַ סאָנאַטאַ, האָט ער זיך דערמאָנט אַן אַ סך אַזעלכע סצענעס וואָס ער האָט געזעהן פון הערלאַלד און עליין. דער אָווענד איז גיך פאַרבייגעלאָפען, מען האָט גערעדט איבער קונסט און ליטעראַטור, פּיליציאַ האָט עטליכע מאָהל פּאַרזוכט צו ריידען וועגען עדיס מעדאַלען, זיינע העלדענשאַפט, ווי אַזוי ער האָט געראַטעוועט דעם האָספּיטאַל מיט די פּאַציענטען, די פילע פרויען און קינדער וועלכע האָבען זיך דאָרטען געפונען, אָבער עדי האָט אויסגעווייכט וועגען דעם צו ריידען. ענדליך זיינען זיי אַרויפגעקומען אויף דער טהעמאַ וועגען דעם באַשלוס פון אַמעריקאַ אַריינצוטרעטען אין דער מלחמה. עדי האָט באַמערקט דאָס אַזאַ טהאַט איז דער גרעסטער און הייליגסטער אין דער גאַנצער וועלט געשיכטע, און ער האָפט אַז עס וועט אַ סך גוטעס ברייגנען צו איירָאָפּאַ און אַמעריקאַ, און ער האָט פאַרטגעזעצט:

— אַמעריקאַ זוכט ניט קיין גליקען, זי זוכט קיין זאַך ניט צו געווינען, ניט קיין טעריטאָריע, ניט קיין מאַכט און ניט קיין געלט, זי קומט צו העלפען די וועלט, איהר צו באַפרייען פון אַ וועלט אימפּעריע. באַטראַכט נאָר וועלכע גוטעס דערפון וועט אַרויסקומען אויסער דעם וואָס די פאַראייניגטע נאַציאָנען וועלען מיט איהר הילף מוזען געווינען די מלחמה, וועט די אַמעריקאַנער יוגענד

אריבערקומען אהער און זי וועט באַקאַנט ווערען מיט די אייראָפּעאישע זיטען, אנשויאונגען און אידעאַלען איבער די העכסטע זאכען פון לעבען; און אויף דער אנדער זייט קען זיין אז מיר וועלען

אפשר וואָס אריבערברייננגען צו אייך אייראָפּייער וואָס וועט זיין ווערטה פאָר אייך דאָס פון אונז צו לערנען, און אזוי וועלען מיר האָבען די געלעגענהייט

צו לערנען איינע פון די אנדערע, און מיר וועלען זיך בעסער בעקאנען איינע מיט די אנדערע און די מענשהייט וועט נעהנטער צוזאמען קומען.

—דאס איז די האפענונג פון אלע די וואס שטרעבען פאר א בעסערע צוקונפט און האפען פאר א געזאמטע מענשהייט ווען מלחמה וועט מעהר ניט עקזיסטירען, און ווען דאס וועט פארווירקליכט ווערען וועט עס ווערטה זיין דער פרייז וואס די מענשהייט דארף איצט בעצאָהלען.

—אבער דענקט איהר מיט אן אמת אז אמעריקא האט קיין אנדערע אבזיכטען ניט אריין צו קומען אין דער מלחמה, ווי בלויז צו ראטעווען די וועלט, — האט פיליציא געזאגט.

— גלויבט איהר ניט אז זי האט אויך אנדערע מאטיווען, ווי צו געפינען א מארק פאר איהרע פראדוקציאן, און אפשר אויך אוים מורא, אז נאך דעם ווען דייטשלנד וועט פארטיג ווערען מיט די אנדערע פעלקער וועט זי זיך נעהמען צו אמעריקא?

—ענטשולדיגט מיר, ווען איך וועל אייך זאגען אז איהר האט א פאלשע רעכענונג — האט עדי געזאגט — אויב אמעריקא וואלט זוכען אייגענע אינטערעסען, וואלט זי קיין זאך ניט געדארפט טאן, נאר זיטצען רוהיג און רייך ווערען דורך דעם פארקויפען פון איהרע פראדוקציאן צו די מלחמה לענדער און זי וואלט א סך מעהר פראפיטירט ווי אבצוגעבען איהר גוט און בלוט.

— וואס עס אנבעלאנגט אונזער מורא פאר דייטשלאנד, איז עס פשוט לעבערליך; מיר האבען ניט פארוואס זיך צו שרעקען געגען אירגענד וועלכע אייראפעאישע מאכט.

—ערשטענס קענען מיר זיך באגעהן אהן אייראפא, דערפאר וואס מיר פראדוצירען אלעס וואס מיר דארפען.

צווייטענס, אבוואהל מיר האבען ניט קיין שטענדיגע ארמעע און נייווי, זיינען מיר די שטארקסטע נאציאן אין דער וועלט, עס איז אמת אז אונזערע יונגע לייט האבען ניט געלערנט דיא קונסט פון מלחמה, אבער אין א גאנץ קורצע צייט וועלען מיר אייך איבערצייגען וואס מיר זיינען פעהיג אויפצוטאהן.

— נעהמט מיר פאר א ביישפיעל, קיין מאהל אין מיין לעבען האב איך קיין ביקס ניט געהאלטען אין מיינע הענד, און דאך האב איך זיך אויסגעצייכענט אין יעדען שלאכט, און איך בין קיין אויסנאהם ניט, יעדער אמעריקאנער קען טאהן אזוי פיעל ווי איך און אפשר נאך מעהר.

— וואס איז אייער מיינונג וועגען די איינגעוואנדערטע אין אמעריקא, וועלכע קומען פון אלע וועלט טיילען און זיינען נאך ניט פארשמאלצען אין דעם אמעריקאנעם שמעלץ טאפ, יעדערער פון זיי האט נאך א פארבינדונג מיט דעם לאנד פון וועלכער ער קומט אדער פון וואנען זיינע עלטערען קומען? האט פיליציא געפרעגט. — און גלויבט איהר אז זיי וועלען לייכט דיסציפלינירט ווערען?

— עס מאכט קיין אונטערשיעד וואס זיי האבען ביז אהער געטראכט, און מיט וועמען זיי האבען סימפאטיזירט — האט עדי געזאגט, אבער אין דעם מאמענט ווען עס הויבט זיך אן צו האנדלען וועגען אמעריקא און איהרע אייגענע אינטערעסען, וועגען איהרע פרייהייט און איהרע אינסטיטוציאנען, וועלען זיי אלע ווערען געטרייע אמע־

דיקאנער פאטריאטען, און איך בין זי־
כער דאס די נייע בירגער, די איינוואנ־
דערער וועלען זיין די בעסטע סאלדא־
טען אין אונזער ארמעע.

— אויב אלע אמעריקאנער זיינען
ווי איהר זייט, וואלט אמעריקא ווירק־
ליך געווען א זאנדערבארע נאציאן?—
האט פיליציא געזאגט.

— איהר מאכט ווייעדער א טעות —
האט עדי געזאגט. — ווען איך וואלט
געווען ווי אלע אמעריקאנער זיינען
וואלט איך ווירקליך געווען א גרויסער
מאן, ליידער בין איך דאס ניט.

— און מיין מיינונג איז אז איהר
זייט דער גרעסטער אמעריקאנער אין
אייראפא· האט פיליציא געזאגט.

מרגנשטערען האט דערצעהלט
פאר מוטער און טאכטער, פון עדים
בעשלוס, דאס ער פארבלייבט אין פא־
ריז ביז די אמעריקאנער ארמעע וועט
אהער אריבער קומען און דאן וועט ער
זיך אן איהר אנשליסען.

— אויב אזוי האט פיליציא געזאגט
מוסט איהר אונז צוזאגען אז איהר וועט
אונז אפט באזוכען. ניט אמת מוטער?

— עס בעשטעהט דערויף וואס ליי־
טענאנט ווארנער פארשטעהט אונטער
דעם ווארט „אפט" — האט העלענא
געזאגט,—איך וויל עס מאכען מעהר בא־
שטימט. איהר ביידע זייט דא פרעמדע
אין פאריז, ווי איך פארשטעה האט
איהר דא קיינעם ניט וואס זאל אייער
צייט פון אייך פארדערען.

מיר זיינען דא אפילו ניט קיין פרעמ־
דע אבער ווען מיר האבען זיך אהער צו־
ריק געקעהרט פון ברוסעלס האבען מיר
געפונען דאס אונזערע אלטע פריינדע
און בעקאנטע זיינען צוזעהט און צו־
שפרייט איבער דער גאנצער וועלט.

מיין טאכטער און איך רעכענען
אריין צוטרעטען אין א האספיטאל און
ביישטייערען אונזער טייל צו דער
מלחמה. אבער דאס וועט נאך נעהמען
א ביסעל צייט. זאלען מיר דאריבער
באשליסען, דאס אזוי לאנג ווי מיר אלע
וועלען דא פארבלייבען, זאלען מיר
אלע אוועקנד שפייזען צוזאמען אין אונ־
זער היים, און מיר וועלען פארברענגען
צוזאמען, ווי איהר ווייסט געהערט פי־
ליציא צו דער קינסטלער וועלט, זי איז
אויף דער ביהנע, און איך אויך בין
מעהר אדער ווייניגער אין בעריהרונג
מיט איהר וועלט.

דעריבער האבען מיר די פרייהייט
צו באזוכען אלע אנשטאלטען וואס בע־
שעפטיגט זיך מיט קונסט און יעדערער
פון אונז ביידען האט דאס רעכט מיט־
צוברענגען א פריינד.

דאס מיינט אלע טהעאטערס, אפע־
ראלס, קונסט גאלייריען מוזעאומס און
אלערליי אויסשטעלונגען. דאס וועט
אייך געבען א גוטע געלעגענהייט לוטע־
נאנט ווארנער, באקאנט צו ווערען מיט
דער פאריזער קונסט וועלט. לוטענאנט
מארגענשטערען איז א גרויסער פארהע־
רער פון קונסט, און אויב איך מאך קיין
טעות ניט האט אונזער פריינד לוטענאנט
ווארנער אויך א שטיקעלע פייער פון
קונסט אין זיין נשמה. עס פערשטעהט
זיך אז דיעזער אבמאך טאר ניט שטע־
רען אדער אונטער ברעכען אייערע אנ־
דערע געזעלשאפטליכע פליכטען. וואס
זאגט איהר דארויף ? זייט איהר צו־
פריעדען?

— ווער איז אימשטאנד זיך אבצו־
זאגען פון אזא איידעלע איינלאדונג ?
האט עדי געזאגט מיט ווארימקייט —
אבער זאגט מיר מאדאם לאוויטע, ווי
קומט עס דאס אידישע פרויען זיינען
אזוי גאסט פריינדליך ? אין אלע
לענדער וואס איך האב אויסגעוואנדערט
האב איך געהאט די געלעגענהייט צו
בעאבאכטען ווי גאסט פריינדליך דיא
אידישע פרויען זיינען.

— איך בין צו אייך געקומען א פרעמ־
דער, מיר האבען זיך קיין מאל אין
אונזער לעבען ניט געזעהן, און אין עט־
ליכע שעה צייט זיינען מיר די בעסטע
פריינד, און איך בין איינגעלאדען צו
ווערען א גאנצער בן בית.

אבער ערלויבט מיר אייך צו זאגען מאדאם לאוויטע, עפעס פיהל איך מיר צו אייך ווי איך וואלט אייך געקאנט מיין גאנצען לעבען. איך נעהם אן אייער אידעלע איינלאדונג און איך דאנק אייך פון מיין טיפסטען הארצען, איך וויים ניט ווען איך וועל אייך קענען אפדינ־נען.

פיליציא האט זיך ווידער געזעצט ביי דער פיאנא און זי האט געשפיעלט שאפינס נאקטורנס, ווען זי האט געענ־דיגט האט זיך עדי געזעצט ביי דער פיאנא, פיליציא האט גענומען די פי־דעל און האט געשפיעלט אן אבליגאטא צו הלוי'ס אריא פון די "אידין" און העלענא מיט א וואונדערבארע שטימע האט געזונגען די ווערטער "ראכעל ווען גאט האט דיר צו מיר געגעבען".

ווען עדי און לעאן האבען די הויז פארלאזען, האבען די עלעקטרישע לאמ־פען פון גאס זיך אנגעהויבען אויסצו־לעשען און די שטערען האבען זיך אנ־געהויבען אויס צו בלייכען, וועהרענד אויפן מזרח זייט פון הימעל האבען זיך אנגעהויבען צו בעווייזען די רויטקייט פון באגינען.

ווען עדי ווארנער איז געקומען אין האטעל צו זיין צימער האט ער זיך אריין געווארפען אין א גרויסען שטוהל און האט זיך פארטיעפט אין געדאנקען, ער האט געטראכט פון די צוויי דאמען, מוטער און טאכטער:

— צוויי זעלטענע אידישע פרויען" האט ער צו זיך אליין געטראכט, עדי האט איצט אנגעהויבען שטארק צו באטאנען דעם ווארט „אידיש".

ער האט פון די לעצטע דריי יאהר גענומען אנטייל אין א פעלקער קאמפף, אלע גרויסע נאציאנען פון דער וועלט האבען געהאלטען איינע די אנדערע ביי די גארגלען און יעדער פאלק האט גע־וואלט דערשטיקען און פארניכטען די אנדערע פעלקער.

דער נאציאנאלער גייסט האט אי־בעראל געשטיגען און זיינע אייגענע נא־ציאנאלע געפיהלען האבען זיך ענט־וויקעלט, אגב איז ער א סך אין בא־ריהרונג געקומען מיט אידען אין פאר־שידענע לענדער וואו דער קאמפף האט איהם געשיקט, און ער האט אנגעהוי־בען צו שפירען אז עפעס זיינען זיי אנדערש ווי אלע מענשען, עפעס לעבט אין זיי א גייסט וואס קיין אנדער פאלק באזיצט ניט, אפילו דער פראסטער פשוטער איד איז אלץ מאל באהערשט פון געוויסע אידעאלען, און ער פיהלט א גרעסערע נייגונג צו זיינע מיט מענ־שען, א שטארקען פולס קלאפ פאר הור־מאניטעט.

ער האט געזעהען דעם חורבן פון אידישע שטעדט און שטעדטלאך, וואו אלעס איז פארניכטעט געווארען, אלעס איז חרוב געווארען, קוים איז דער שטורם פאריבער און ווי דערשראקע־נע לעמער האבען זיי אנגעהויבען ארויס צו קריכען פון זייערע בעהעלטעניסען, זיינען זיי אלער ערשט געלאפען זוכען ניט קיין ברויט פאר די הונגעריגע, ניט קיין מעדיצין פאר די קראנקע און ניט קיין קליידער פאר נאקעטע, נאר זיי זיינען געגאנגען זוכען אוואו צו עפענען חדרים פאר זייערע קינדער צו לערנען תורת משה.

ער האט געפונען די צוויי פרויען אמת אידישע פרויען, זיי זיינען מוטער און טאכטער, אבער דער וואס קען זיי ניט וואלט זיי אנגענומען פאר צוויי ליבענסווירדיגע שוועסטער, וועלכע האבען זיך צוזאמען אויפגעהאדעוועט אונטער דער השגחה פון אן אויפריכ־טיגע ליעבע מוטער, און זיי זיינען צו־געבונדען איינע צו די אנדערע מיט א בונד פון דער הייליגעסטער ליעבע.

ער האט ניט אויף א מינוט געקענט טראכטען פון פיליציא און זיך ניט צו דערמאהנען אן עליין. זיי זיינען אזוי עהנליך איינע צו די אנדערע.

ביידע זיינען זיי שעהן יונג און אונ־שולדיג, ביידע זיינען זיי אזוי ווייך און

בויגזאם און דאך אזוי שטארק ווי א שטאהל.

ביידע באזיטצען זיי זעלטענע אייגענשאפטען און ביידע זיינען זיי באגאבט מיט אלע מעלות.

און העלענא! ווי מוטערליך, ווי צערטליך ווי ליעבע פאל, די זעקס און צוואנציג יאהר מיט וועלכע זי איז עלטער פון איהר טאכטער האט איהר בלויז צוגעגעבען מעהר ערפאהרונג אין לעבען, אבער אין אלע אנדערע באציהונגען איז זי געוועזן ווי איהר טאכטער.

—אבער ווער זיינען זיי? פון וואנען קומען זיי? וואו איז העלענאס מאן און ווער איז פיליציאס פאטער?

די לעצטע פראגעס האט עדי אוועק געשטופט אן דער זייט. ער האט זיי פארטריבען מיט דעם פאלגענדען געדאנקען "ווארום זיך קימערען ווער זיי זיינען? צו וואס זיך נאך פרעגען ווער פיליציאס פאטער איז פון וואנען זיי שטאמען? ווען די וועלט וואלט זיך ניט בעשעפטיגט מיט אזעלכע פראגעס וואלט איך איצט ניט געוועזן אין פאריז. איין זאך איז זיכער זיי זיינען צוויי אידישע קינדער, צוויי איידעלע בלומען וואס א ווינט האט אהער פארטראגען פון דעם גארטען פון שרון. און אזוי ווי זיי דערמאהנען מיר אין זייערע תפילות וועל איך פאר זיי בעטען אז גאט זאל זיי האלטען אזוי ריין, גוט און שעהן.

18טער קאפיטעל.

עדי ווארנער האט ניט געקענט שלאפען, זיינע געדאנקען האבען גע־וואנדערט פון פיליציא צו עליין, פון העלענא צו עוועלין, פון הערואלד צו ראַ־בינסאן. און ענדליך האט ער זיך אפ־געשטעלט ביי זיין מוטער "וואו איז זי איצט? וואס טהוט זי וואס מאכט זי? האב איך גענען איהר געהאנדעלגט ווי א געטרייער זוהן דארף האנדלען?"
ער האט זיך געמאכט פארווירפע פאר־וואס ער האט איהר פארלאזען אין א צייט ווען זי האט זיך אפשר שטארק געגויטיגט אין איהם, ווען ער האט גע־קענט זיין א גרויסע מאראלישע און גייסטיגע שטיצע צו איהר, ער האט איהר פערלאזען ווען א גרויסער אונגליק האט איהר געטראשעט, ווען די ליכט פון איהר פערשטאנד האט געהאלטען ביים אויסגעהן.

ער עדי ווארנער וואס רעכענט זיך פאר אן אידעאליסט, א בעל חלום האט פארלאזען זיין מוטער אין אזא קריטי־שען מאמענט.

פאר וואס האט ער דאס געטהאן? מיט וואס קען ער אזא טהאט רעכט־פערטיגען?

זיין ליעבע צו עליין האט איהם דער־צו געצוואונגען. אח! די אלטע געשיכ־טע, די אלטע לעגענדע, צו בעווייזען די געליעבטע, אז ער ליעבט איהר וועט ער ברענגען צו איהר זיין מוטערס הארץ אויף א טעלער; אזוי האט ער, עדי ווארנער געהאנדעלט, איבער זיין ליעבע צו עליין פיליפס האט ער אר־בערגעלאזען זיין אלטע קראנקע מוטער, עלענד און אליין אין א קריטישען צו שטאנד..

אבער פארוואס פיהלט ער ניט צו איהר ווי צו א מוטער?

ער האט מיט איהר פארבראכט זיין גאנצען לעבען, זי האט איהם אויפגעהא דערוועט און זי האט איהם געגעבען אן ערציהונג, זי האט איהם געלאזט ביל־דען, און דאך האט ער צו איהר קיין מאל ניט געפיהלט ווי א קינד דארף פיהלען צו א מוטער.

זי האט איהם קיין מאל ניט געוור־זען די ליעבע וואס ער האט געזעהען אנדערע מוטערס ווייזען צו זייערע קינ־דער.

ער האט דורך געזוכט זיין גאנצע לעבענס געשיכטע און ער האט זיך ניט געקענט דערמאנען קיין איין איינציגען פאל ווען זי האט איהם גענומען אין איהרע ארעמס און זי האט איהם גע־דריקט צו איהר בוזעם, ווי ער האט אפט געזעהען די מוטערס פון זיינע חברים האבען געטהאן. און ער האט זיי אזוי שטארק מקנא געווען.

עראינערונגען פון א גאנץ אלטע צייט האבען זיך אפגעשפיגעלט אין בע־האלטענע קעמערלעך פון זיין זכרון.

אבער זיי זיינען געווען איינגעווי־קעלט ווי אין א נעבעל טהוי, זיי זיינען געקומען פארדונקעלט און ניט קלאר. און עפעס א מין חלום פון א מוטער וואס פלעגט איהם קושען צערטלען און דריי־קען צו איהר בוזעם.

עדוואַרד האט געוואונשען אין דעם מאמענט איינצושלאפען כדי דער חלום זאל ארויסקומען מעהר בולט.

זיינע געדאנקען זיינען צוריק גע־גאנגען צו דער היים וואו ער האט דעם אווענד פארבראכט, ער האט באוואונ־

דערט ווי אלעס איז דארטען געוועזן אזוי געשמאקפול; זיי שטעלען זיך אב ביי דעם בילד וואס איז אויף דער פיאנא געשטאנען, און ווידער טראכט ער; יענען אויגען, אוואו האב איך זיי געזעה? ווי זיי קומען מיר פאר בעקאנט; און די געזיכט וואס פארא שעהנע אינטעליגענטע געזיכט דאס איז.

איך וויים גאר ניט ווי אזוי קען מען גאר אזא געזיכט פארגעסען, ווען מען האט איהר נאר אפילו איין מאהל אין לעבען געזעהען, אז איך האב די געזיכט מיט די פאר אויגען געזעהן איז ביי מיר גאר קיין ספק ניט. דאך חאב איך פארגעסען וועמעס געזיכט דאס איז.

פארוואס האב איך ביי זיי ניט געפרעגט וועמעס בילד דאס איז? זיי וואלטען מיר געוויס געזאגט.

פלולינג האט ווי א בליץ דורכגעצוקט זיינע געהירען און עדי האט אויסגערופען "יוריקא!" איך האב געפונען. עס איז ראבינסאנס געזיכט. ראבינסאנס אויגען; ער איז נאר פינף און צוואנציג יאהר אינגער ווי ער איז איצט. אבער איך קען שווערען אז דאס איז ער.

איז עס מעגליך דאס איך האב פארבראכט אין דער געזעלשאפט פון ראבינסאנס פרוי און טאכטער? ווערענד ער הערט זיי ניט אויף צו זוכען און ער קען זיי ניט געפינען.

מארגען וועט זיין אן עראייגנים פו לער טאג , איך מוז אלעס וויסען מארגען אווענד.

און אויב איך האב קיין טעות ניט וועט מיין טייערער פריינד ראבינסאן זיין אין פאריז אין א גאנץ קורצע צייט.

—אך! ווי דערלעבט מען שוין דער אווענד זאל קומען, איך געה אוים פון אונגעדולד.

זיינע געדאנקען געהן ווידער צוריק צו מינעאפאלים און ער טראכט פון עוועלין פיליפס, די מוטער פון עליין און הערالד, זי איז א זעלטענע גוטע מיטער, זי איז פעהיג אליין אין דער וועלט צו טהאן פאר איהרע קינדערס גליק אבער ווי אנדערש איז זי פון העלענא לאוויטע, עוועלין איז שטאלץ און שטרענג, א קאלטער אריסטאקראטישער רעספעקט הערשט צווישען איהר און איהרע קינדער, צופיעל פארמאליטעט און צו ווינציג אמתע פריינדשאפט און קאמעראדשאפט מען קען לייכט באמערקען אז די מוטער האט געהאט ווייניגע פערזענליכע בארירונגען מיט איהרע קינדער.

פון זייער געבורט אן זיינען זיי געווען אין פרעמדע הענד; פרעמדע האבען געוויגט זייער וויגעלע, פרעמדע האבען זיי געהאדעוועט, פרעמדע האבען זיי דערנעהרט און פרעמדע האבען זיי געלערנט זי די מוטער איז נור געווען דער קאפיטאן וואס האט קאמאנדירט די פרעמדע.

אנדערש אבער איז עס מיט העלענא און איהרע קינדער, זי אליין האט געטאן די אלע ארבייט פון א מוטער, וועהרענד די פרעמדע האבען איהר נאר מיט געהאלפען. אבער זי האט געשפילט די הויפט ראלע אין איהר קינדס ערציהונג און ענטוויקלונג.

זי האט איהר געלערנט שפיעלען די פיאנא און די פיעדעל, זי האט איהר געלערנט פרעמדע שפראכען, און זי האט איהר געגעבען די ערשטע אונטעריכט אין טאנצען.

וועהרענד עדי האט געטראכט פון די אלע זאכען איז אבער יעדער מינוט ארויף געשוואומען פון אויבען דער בילד פון עליין, ענדליך האט ער זיך ביי איהר בילד אבגעשטעלט, "פארוואס האב איך צו איהר ניט געשריבען? שוין כמעט דריי יאהר ווי איך האב פארלאזען שיקאגא, פארלאזען רובינסאן. און פארלאזען עליין און ניט א ווארט צו איהר געשריבען; פארוואס האב איך דאס געטהאן? וועלכע זינד האט זי בעגאנגען דאס איך זאל איהר אזוי שטראפען?

ער האט געוואוסט אז דעם בריעף וואס ער האט געשריבען צו ראבינסאן האט זי געוויס געלייענט און ער האט אויך געוואוסט אז זי פארשטעהט איהם.

זי האט אלע מאהל געלייענט זיינע געדאנקען ווי א בוך, וועט זי זיי איצט ניט לייענען ריכטיג?

עליין ווייס אז ווען איהר מוטער האט אויסגעזעצט געגען איהם דערפאר וואס ער קען ניט שטאלצירען מיט זיין מוטער אין יענעם מאמענט איז עטוואס ניי בעשאפען געווארען אין זיין נשמה.

א געהיימע שטימע האט געפרעפעלט אין זיינע אויערען און חאט צו איהם געזאגט :

— דו קענסט ניט געווינען עליין דערפאר וואס די קומסט פון א נידעריגען ראנג, דעריבער מוסטו אבמאכען דעם פעהלער אויף איין אנדער וועג.

— דו מוזט איהר געווינען דורך דיין אייגענעם "איך" ניט איהר ארויסנארען מיט שעהנע ווערטער, ניט מיט טרעהרען און ניט מיט געוויין. דו מוזט איהר געווינען אלס מאן, דו מוזט איבערצייגען מאדאם פיליפס אז דו אליין ביסט גוט גענוג, גרויס גענוג און פעהיג גענוג צו זיין דער מאן פון דיא בעסטע פרוי אין דער וועלט.

ער האט געוואוסט דאס עליין האט יענע שטימע געהערט אזוי גוט ווי ער

ער האט ניט געטארט שרייבען צו איהר ביז ער וועט זיין פלאן דורך פיהרען, ביז ער וועט אליין קענען קומען צו איהר און זאגען: עליין איך בין איצט דער מאן וועלכער איז ווערטה דיר צו באזיטצען.

אבער ביז וואנען איז דער שיעור? ערשט נעכטען פריה חאט ער גערעבענט פאהרען אהיים און באלד געהן צו עוועלין פיליפס און בעטען פאר איהר טאכטערס האנד; ער ברענגט מיט צוויי מעדאלען צוויי דעקאראציעס, פון צוויי פארשיעדענע לענדער; ער טראגט אויך מיט זיך די פיעלע ארטיקלען וואס זיינען וועגען איהם געשריבען געווארען אין די איראפעאישע צייטונגען; און אין זיין קעשענע האט ער אויך א דאקומענט פון דער ענגלישער רעגירונג, וואס ער האט ניט געוויזען צו קיין לעבעדיגען מענשען; און ער האט עס קיינעם ניט געזאגט; ער האט דעם כור געהאלטען פאר עליין. זי זאל זיין די ערשטע דאס צוזעהן און צו וויסען.

די ענגלישע רעגירונג האט איהם דערהויבען צו דעם אמט אלס קארנעל, אבער נעכטיגע עראייגניסע האבען געענדערט זיינע פלענער; אמעריקא איז אריין אין דער מלחמה און ער מוז צאהלען זיין חוב צו זיין אייגענער לאנד פון וועלכע ער איז א בירגער.

ער קען ניט פאהרען פארלויפיג צוריק נאך אמעריקא אבער פארוואס זאל ער איצט ניט שרייבען צו עליין און ראבינסאן? ער איז ניט שלעפעריג, ער וועט זיך זעטצען און אנשרייבען א בריעף צו עליין; ער וועט ווארטען ביז מארגען צו שרייבען צו ראבינסאן.

ער מוז ערשט אויסגעפינען וועגען בילד.

ער האט זיך געזעצט ביי דעם שרייב טיש און ער האט אנגעשריבען דעם פאלגענדען בריעף.

מיין טהייערע עליין!

— ענדליך איז געקומען דער טאג ווען איך מעג צו דיר שרייבען און דיר צו זאגען וויפיעל איך ליעב דיר; עס איז אמת אז דו האסט דאס אלע מאהל געוואוסט, אבער אזוי לאנג ווי איך קען נאך ניט פאלגען מיינע פארלאנגען און דאס דיר זאגען טויזענדער מאל מיט די פייערינגסטע ווערטער וואס איך וואלט נור קענען געפינען, וועט עס דיר זיין אנגענעהם וויינינגסטענס צו לייענען פון דעם וויסען קאלטען פאפיער.

מיט זעכצעהן שטונדען צוריק האב איך געהאפט דאס איז צוויי וואכען ארום וועל איך דיר דאס קענען זאגען מיט מיינע אייגענע הייסע ליפען.

אבער ווען איך האב געלייענט דיא

לעצטע נייעס דאס אמעריקא טרעט אריין אין דער מלחמה צו העלפען אייראפא האבען זיך מיינע פלענער געענדערט.

איך ווייס דאס אזוי איז אויך דיין וואונש, אז איך זאל ניט קומען צוריק ביז איך וועל באצאהלען מיין חוב צו צו מיין פאלק און צו מיין לאנד, איך פיל אבער אז איצט מעג איך צו דיר שרייבען.

צוויי גרויסע רעגירונגען חאבן אויף מיר עדות געזאגט אז איך בין א שטאלץ צו דער גאנצער מענשהייט׳ צוויי ארמעעס האבען מיר דעקארירט, און מערקווירדיג עליין, ניט דערפאר וואס איך האב צושטערט מענשליכע לעבענס פארקעהרט, דער פאר וואס איך האב געראטעוועט מענשליכע לעבענס; און א סך, איך האב דיר נאך וואס צו זאגען, דו ביסט די ערשטע דאס צו וויסען, די בריטישע ארמעע האט מיר דערהויבען צו דעם ראנג פון קארנעל. אבער וואס פאר א ווערטה האט עס אלעם ביי מיר, אהן מיין עליין, אפילו די קרוין פון א קעניג וואלט מיר ניט צופרידען שטעלען, אהן איהר; און מיט איהר וואלט גענוג זיין א קליינע ביידעל ערגעץ וואו אויף אן איינזאמען אינזעל.

— עליין, דארף איך דיר זאגען פאר וואס איך האב צו דיר ניט געשריבען אין די צוויי און א האלב יאהר צייט וואס איך האב פערלאזען אמעריקא? איך ווייס אז דו האסט געלייענט מיינע געדאנקען קלאר און דייטליך. דעריבער ווייסטו דאס אלעם וואס איך האב אונטער דער צייט געטהאן איז עס געוועזן פון דיינטוועגען; עס איז געוועזן פאר אונזער חייליגער ליעבע וועלכע מוז זיין פריי און אפען פאר דער גאנצער וועלט.

דיין נאמען איז שטענדיג געוועזן אויף מיינע ליפען, און דיין בילד אין מיין הארצען און מיינע געדאנקען. דו ביסט געוועזן דער מלאך וואס האט מיר שטענדיג באגלייטעט אין אלע געפעהרליכע אונטערנעהמונגען; און צו דיין בילד וואס איך האב שטענדיג געטראגען אין מיין בוזעם קעשענע אוואו איך בין געגאנגען, פלעג איך אלע נאכט אויסגיסען מיין געבעט און מיינע תפילות; און דאס האט מיר געגעבען מוטה און קראפט איבערצוטראגען אלע געפאהר און אלע שוועריגקייטען.

— איך מוז דיר אויך זאגען עליין, אז איך וועל צו דיר צוריק קומען א סך א בעסערער מענש ווי אי בין פון דיר אוועק; די מלחמה האט אונז א סך געלערנט, ניט נאר צושטערונג און פארניכטונג נאר זי האט אונז אויך געלערנט די סודות פון לעבען און דעם ווערטה פון לעבען.

די קרבנות וואס אלע קלאססען אין דער געזעלשאפט, האבען געבראכט האט אונז געגעבען צו פארשטעהן אז קלאסען אין דער געזעלשאפט איז ניט קיין נאטירליכע זאך׳ דאס יעדער מוטערס זוהן איז בערעכטיגט צו דאס בעסטע אין לעבען אין דער זעלבער מאאס ווי ער איז פערטיג אבצוגעבען דאס העכסטע אין לעבען, ווען די מענשהייט פאדערט עס פון איהם. הויפטזעכליך האבען מיר פון דער מלחמה געלערנט דאס דיא געזעלשאפטליכע ארדענונג מוז זיך ענדערען אין פיעלע הינזיכטען.

מיר וועלכע זיינען געוועזן בערייט אפצוגעבען דאס גרעסטע וואס מיר באזיטצען, דעם לעבען אליין, די וועלט צו ראטעווען, וועלען ניט זיין צופרידען ביז ענדערונגען וועלען געמאכט ווערען אין אונזערע עקאנאמישע, אינדוסטריעלע און סאציאלע אנגעלעגענהייטען; ווען דאס וועט דורכגעפיהרט ווערען וועט די וועלט ווערען שעהנער און בעסער, און מעהר בעקוועהם פאר אלע מענשענקינדער אין איהר צו וואהנען.

ווי שטאלץ וועלען דאן זיין יענע וועלכע האבען דאס געהאלפען דורך צו

פיהרען; און צווישען זיי וועט אויך זיין
דיין דיך אויף אייביג ליעבענדער

ע ד י.

נ. ב. איך שרייב מארגען צו פראָ־פעסאר ראבינסאן. עס זאגט מיר די הארץ אז איך וועל האבען פאר איהם איבערראשענדע נייעס, איך האב זיך באקאנט מיט צוויי זעלטענע פרויען. א מוטער און א טאכטער און עס ווייזט מיר אויס דאס זיי האלטען אין זייערע הענד דעם שליסעל פון זיין גרויסע טראַ־געדיע. אבער ניט א ווארט צו איהם ביז איך בין זיכער אז איך האב קיין טעות ניט.

ע. וו.

ווען עדי האט דעם בריעף געענט־דיגט האט ער איהם דורך געלייענט און אריין געלייגט אין א קאנווערט. עס איז געווען גרויסער טאג, די זון האט אריין געשיינט אין פענסטער. ער איז געווען מיעד און ער האט געוואלט א ביסעל רוהע.

ער האט ארונטערגעצויגען דעם דאק פון זיך און ער האט זיך א ווארף געטהאן אויף זיין בעט, און ער האט באלד אייגעשלאפען אין א טיעפען שלאף.

אום זעכס אזייגער איז לעאן מאר־גענשטערען געקומען איהם נעהמען צו די לאוויטעס, ער האט אנגעקלאפט אין טהיר און ער האט קיין ענטפער ניט ערהאלטען; ער איז אריין געקומען אין צימער און ער האט געפונען עדי ליגענ־דיג אין בעט אין זיינע קליידער און שטיוועל, אויסער זיין ראק וואס איז גע לעגען אויף א שטוהל.

זיין געזיכט איז געווען רויט ווי פייער, זיינע ליפען טרוקען און ווי פארברענט. זיינע אויגען האלב אפען און אזוי ווי א פייער וואלט אין זיי געברענט.

מארגענשטערען האט איהם געוועקט אבער עדי איז געווען ווי בארוישט און ער האט ניט געוואוסט וואס מיט איהם טהוט זיך.

ער האט געמורמעלט ווערטער וואס זיינען געווען אונפראשטענדליך. מאר־גענשטערען האט גערופען דעם דאק־טאר פון האטעל, נאך א קורצע אונטער־זוכונג, האט דער דאקטאר געפרעגט.

—אין וועלכער שלאכט האט אייער פריינד געדיענט?

— ער קומט פון באגדאד, אוואו ער האט געקעמפפט מיט דער ענגלישער ארמעע — האט מארגענשטערען גע־ענטפערט.

— דער שלאכט איז מיט עטליכע טעג צוריק געוואונען געווארען פון די ענגלענדער.

—הם.. הם!.. איצט איז עס מעהר קיין צווייפעל ניט האט דער דאקטאר געזאגט — אייער פריינד האט דיא אזיאטישע פיבער, ער מוז באלד גענו־מען ווערען אין א האספיטאל, וואו ער וועט נויטיג האבען א נוירס וואס זאל אויף איהם אכטונג געבען טאג און נאכט. ער איז אין א געפעהרליכע צו־שטאנד, און עס וועט נעהמען א לאנגע צייט ביז ער וועט געזונד ווערען.

ווי איהר זעהט וועט עס פאדערען גרויסע אויסגאבען. גלויבט איהר אז איהר וועט דאס קענען דורכפיהרען? טאמער ניט וועל איך בעסער מיטהיילען די רעגירונג און זי וועט איהם נעהמען אין ארמעע האספיטאל.

— איך דאנק אייך דאקטאר האט מארגענשטערען געענטפערט, איך גלויב אז מיר וועלען זיין אימשטאנד אויף אים אכטונג צו געבען. וואס איז אייער מיי־נונג וועגען דעם "אייראפעאישען אינ־סטיטוט פון מעדיצין?"

— אויסגעצייכענט — האט דער דאקטאר געענטפערט, אויב ער וועט נור אהין אריין גענומען ווערען, עס איז אהן צווייפעל דער בעסטער אינסטיטוט אין פאריז, דעריבער זיינען זיי אלע מאל איבערפילט.

—איך צווייפעל ניט אז איך וועל דאר־טען בעקומען א צימער פאר איהם, דאקטאר מאריענבערג איז מיינער א

פערזענליכער פריינד, איך וועל באלד צו איהם טעלעפאנירען. האט מארגענ־שטערן געזאגט.

דער דאקטאר האט דעם צימער פארלאזען און מיט א שטונדע שפעטער זיינען אנגעקומען העלענא און פילי־ציא זיי האבען געפונען עדי אין דעם זעלבען צושטאנד וואס מארגענשטערען האט איהם געפונען.

מיט דעם אונטערשיעד דאס ער האט איצט גערעדט עפטער און מעהר צו־שטרייט.

די ווערטער זיינען ארויס געקומען קלאר און דייטליך, אבער זיי האבען ניט געהאט קיין צוזאמענהאנג, זיי זיי־נען געווען די ווערטער פון א פארוויר־טען מארך.

מארגענשטערען האט שוין פריה־ער טעלעפאנירט צו דאקטאר מאריענ־בערג און דער גוטער דאקטאר האט איהם צוגעזאגט דאס א פאסענדער צי־מער וועט ווערען צוגעגרייט און ארום עלף אזייגער וועט ער עליין קומען אין האספיטאל צו עמפפאנגען דעם קראנ־קען און מאכען א גרינדליכע אונטערזו־כונג. פון בעט האבען זיך דערהערט די ווערטער:

— עס איז ניט אמת עליין.. איך בין ניט קיין ממזר... דאקטאר זאלקין! האט געקענט מיין טאטען.. ראבינסאן אויך... זיין נאמען איז לאפוכין.. ער איז געשטארבען.. איך בין געשטארבען מאדאם פיליפס טאנצט אויף מיין קבר.. פיליציא, שפיעל די עלעגיע.. עליין, ווילסטו ווערען מיין ווייב?.. לאזט מיר שלאפען.. קומט מארגענשטערען, איהר זייט מיין פריינד... מיר ביידע ליעבען. אונזערע געליעבטע זיינען אין אמערי־קא.. נעהמט מיר צו מאדאם לאוויטטע. איך האב איהר חאלט... זי איז אזוי ווי א מאמע... ראבינסאן איז א טאטע אוואו איז די בילד... דאס איז זיין בילד... פיליציא, וואלט איהר וועלען זיין מיין שוועסטער?.... מיט א זיסע שטימע האט ער גענומען זינגען אן אל־טע ליעד.

ווען מיין געליעבטע וואלט נאר וויסען\
ווי צו בראכען איז מיין הערץ\
טרעהרען פיעלע וואלט זי גיסען\
אוים צוהיילען מיר מיין שמערץ

עדים דריי פריינד האבען זיך צו גע־הערט צו איהם זיי האבען געוואוסט אז ער רעדט פון היטץ, אבער זיי האבען אויך פערשטאנען אז די אלע ווערטער האבען פאר איהם געהאט א טיעפען מיינונג, און אז ער האט זיי געהאלטען פארשלאסען אגאנץ לאנגע צייט טיעף אין זיין הארצען, אבער איצט ווען זיינע געדאנקען האבען זיך ארויס געריסען פון זיין רשות און ער האט אויפגעהערט זיי צו באהערשען, האבען זיך די ווער־טער, וואס האבען איהם אזוי שטארק געפייניגט, באפרייט פון זייער געפאנג־ניס, און דאס זיי ענטהאלטען אלע זיי־נע סודות און אין זיי זיינען פערוווי־קעלט זיינע הייליגסטע פערלאנגען.

מוטער און טאכטער האבען פערגא־סען ביטערע טרעהרען ווען זיי האבען געהערט איהם אזוי רעדנעדיג.

פיליציא איז דעם אווענד בעפאר שטארק צוגעצויגען געווארען צו דעם יונגען בראווען ליוטענאנט, זי איז ניט געווען בלינד צו אלע זיינע מעלות.

ער איז געווען יונג, שטארק, הויך און האט ניט געהאט קיין מיאוסע געזיכט; ער האט געהאט א שארפען גע־דאנקען א פלינקען בעגריעף און ער האט א סך געלייענט.

א סאלדאט וואס האט זיך איבעראל אויסגעצייכענט מיט זיינע העלדענטהא־טען. און צו אלעם דעם איז ער געווען אזוי ראמאנטיש, א פאראייניגונג פון מעלות וואס איז שווער צו געפינען אין איין פערזאן. דערצו שפיעלט ער די פיא־נא אויסגעצייכענט גוט און ער האט ניט קיין שלעכטע שטימע, און ער ווייס ווי איהר צונוטצען.

וועלכע יונגע דאמע וואלט געקאנט בייסטעהן אזא יונגען מאן? מיט אן

אמת האט פּיליציא מורא געהאט פאר דעו יונגען לייטענאנט, אבער ניט פון איהרט וועגען נאר פון זיינט וועגען; ביי זיך אין הארצען האט זי געוואוסט דאס זי איז שטארק גענוג צו בעהערשען איהרע געפיהלען. אבוואהל דער יונגער מאן האט אויף איהר געמאכט א טיע־פען איינדרוק האט אבער איהר קלוגע הארץ צו איהר געזאגט אז דאס זייר־נען ניט די געפיהלען אויף וועלכע זי ווארט.

זי האט דעריבער מורא געהאט דאס ער זאל זיך ניט פארפלאנטערן אין א ליעבע וואס וועט פיהרען צו גארנישט. און ווען די צוויי ליוטענאנטס האבען פארלאזען די הויז האט זי זיך טיעף אין הארצען געמאכט שטארקע פאר־ווירפע פארוואס זי האט זיך אזוי פריי געשפיעלט מיט איהם.

"ווער ווייס וואס דערפון קען נאך ארויסקומען?" זי האט געזעהען ווי עדי האט זיך געפיהלט גליקליך אין איהר געזעלשאפט, ווי ער האט טיעף אריין געקוקט אין איהרע אויגען, ווי ער וואלט דארטען וואס געוואלט לייענען.

דאס האט איהר שטארק פארדרא־סען, זי האט ביי זיך אליין געפרעגט ווי אזוי זי זאל איהם אויפנעהמען ווען ער וועט ווידער קומען; זי האט אבער קיין ענטפער ניט געפונען, און דאך האט זי געווארט מיט די גרעסטע אונ־געדולד אויף דעם אווענד ווען זי וועט ווידער מיט איהם פארברענגען, מיט איהם שפּיעלען און זינגען און מיט איהם אפילו טאנצען.

ווען זי האט זיך ערשט צוגעהערט צו זיינע פיבערישע ווערטער האט עס איהר טיעף אנגעגריפען ביים הארצען, אבער צו דער זעלבער צייט האט זי אין זיי געפונען א טרייסט פאר זיך.

ער אליין האט אויסגעזאגט אז זיין הארץ געהערט צו איין אנדערע, און צו איהר פיהלט ער בלויז א טיעפע פריינדשאפט ווי צו א שוועסטער, און זי האט ניט וואס מורא צו האבען מיט דעם אידעלען יוסטיקט פון א פרוי האט פּיליציא אנגעהויבען צו טראכטען פון דער "אנדערע" פון זיין געליעבטע, פון עליין, דעם נאמען וואס ער האט אזוי אפט דערמאנט מיט אזוי פיעל ליעבע און אכטונג, ווי דאס וואלט גע־ווען א הייליגטהום.

דער נאמען איז עפעס ביי איהר אזוי טייער געווארען, זי האט זיך באלד בע־שלאסען צו טאן, אלס וואס ליגט אין אי־רע כוחות צו העלפען איהם געזונד מא־כען דאס עליין זאל איהם געפינען ווי ער איז געווען ווען ער האט איהר פאר־לאזען.

איהר ערשטער בעשלוס איז גע־ווען צו שרייבען א בריעף צו עליין און איהר דערצעהלען אלעס וואס זי ווייס וועגען ליוטענאנט ווארנער, און איהר איינלאדען צו קומען נאך פאריז און איהר העלפען איהם געזונד צו מאכען, זי האט זיך אבער באלד בארעכענט אז דאס וועט נעהמען צו פיעל צייט און דעריבער איז זי געקומען צום בעשלוס צו שיקען א דעפּעשע צו עליין, זי האט זיך אבער דערמאהנט אז זי ווייס ניט עליינס אדרעסע און זי איז אפילו ניט זיכער מיט איהר צווייטען נאמען.

זי האט זיך אנגעהויבען ארום צו קוקען איבערן צימער אפשר וועט זי וואס געפינען וואס וועט איהר געבען די געווינשטע אויסקינפטע, איהרע אוי־גען זיינען געפאלען אויפן בריעף וואס ער האט דעם מארגען געשריבען צו עליין. זי האט גענו־מען דעם אפענעם קאנווערט אין איהר האנד אבער עס איז ניט געווען אדרעסירט, זי האט ארויסגענומען דעם בריעף מיט דער האפענונג טאמער וועט זי וואס איבערווייניג געפינען. זי האט גע־לייענט די ערשטע שורה, דער בריעף איז צו עליין, זאל זי ווייטער לייענען? האט זי דאס רעכט צו לייענען א פרעמ־דען בריעף?

א לאנגע צייט האט זי געהאלטען דעם בריעף אין האנד און זי האט זיך

געראנגעלט מיט איהר אייגענעם געד־
דאנק צי זאל זי לייענען אדער ניט, און
ענדליך האט זי בעשלאסען אז אונטער
די אומשטענדען האט זי דאס רעכט
דעם בריעף צו לייענען.

זי האט זיך געשטעלט אין א וויג־
סעל פון צימער און האט דעם בריעף
דורך געלייענט.

די טרעהרען זיינען געלאפען פון
איהרע אויגען שטארקער ווי פריהער,
און זי האט געהאט גרויסע שווערינקייט
צו אונטער דריקען איהרע כליפּען וואס
האבען זיך ארויס געריסען פון איהר
ברוסט .

ווען זי האט געהאט געענדיגט דאס
לייענען האט זי צוגערופען איהר מו־
טער און האט געזאגט.

מוטער, דו מוזט דאס לייענען, דו
פארשטעהסט אז איך האב דעם בריעף
געלייענט ניט דורך נייגערידע, איך האב
געהאפט צו געפינען עליינס אדרעסע,
דאס איך זאל קענען צו איהר שיקען
א דעפּעשע, ליידער האב איך ניט גע־
פונען וואס איך האב געזוכט.

אבער דו מוזט זעהן מוטער וואס
פאר א הייליגע ליעבע זיינע איז. ער
איז וואונדערבאר, עס לאזט זיך גאר
ניט גלויבען אז א יונגער מאן פון זיין
עלטער זאל זיין אנגעפילט מיט אזעל־
כע אידעאלען און אזא ליעבע אין א
צייט ווען די וועלט איז פול מיט פיינד־
שאפט, און האס, אבער אויסער דעם
וויל איך דו זאלסט לייענען די לעצטע
עטליכע שורות און זאג מיר וואס דו
קענסט פון זיי ארויסנעהמען.

ווער איז דער פראפעסאר ראביג־
סאן פון וועמען ער רעדט אזוי אפט
און וועמען ער דערמאהנט אויך אין
בריעף?

העלענא האט מיט שנעלע בליקען
דורכגעלייענט דעם בריעף און זי האט
זיך אב געשטעלט ביי דעם "נאך באַ־
מערקונג" זי האט עס דורכגעלייענט עט־
ליכע מאהל און האט זיך פארטיפט
אין איהרע געדאנקען.

ענדליך האט זי אויסגערופען:

— פיליציא! מיין פארדאכט איז
באשטעטיגט, איך זעה דאס קלאהר,
פראפעסאר רודאלף ראבינסאן איז דיין
פאטער רודאלף ראבינאוויטש "רביג־
סאן" איז א איבערזעטצונג פון "ראבי־
נאוויטש". ער, דער ליוטענאנט קען דיין
פאטער און ער איז זיינער א פריינד!

ער האט דערזעהן דעם בילד אויף
דער פיאנא און ער האט איהם דער־
קענט.

— דו האסט געהערט זיינע פריהד־
ערדיגע ווערטער "געהמט מיר צו מא־
דאם לאוויטע, איך האב איהר האלט
זי איז ווי א מאמע. ראבינסאן איז א
טאטע אוואו איז דער בילד? דאס איז
זיין בילד, פיליציא איז ראבינסאן דיין
טאטע, קום צו מיר שוועסטער, איך האב
דיר האלט" איצט לייען זיין נ. ב. איך
שרייב מארגען צו פראפעסאר ראביג־
סאן. עס זאגט מיר די הארץ אז איך וועל
האבען פאר איהם איבערראשענדע ניי־
עס, איך האב זיך בעקאנט מיט צוויי
זעלטענע פרויען, א מוטער און א טאכ־
טער און עס ווייזט מיר אויס דאס זיי
האלטען אין זייערע הענד דעם שליסעל
פון זיין גרויסע טראגעדיע, אבער ניט
א ווארט צו איהם ביז איך בין זיכער,
אז איך האב קיין טעות ניט געמאכט.

— פיליציא דיין פאטער לעבט און
ער איז אין אמעריקא. ליוטענאנט
ווארנער האט דערקענט זיין בילד. א,
פיליציא! ווי גרויזאם איז אונזער שיק־
זאל, ווי ער שפּיעלט זיך מיט אונז,
דיעזען גרויסען גליק אויף וועלכען מיר
האבען געווארט העכער דריי און צוואנ־
ציג יאהר ווערט אונז אנגעזאגט דורך
די פיבערישע ווערטער פון איינעם וואס
רעדט פון הימעל.

—מיין גאט! וועלכע אלטע גייסטער
ער שלעפּט ארויס פון די קברים, מיט
זיינע רייד. דאקטאר זאלקין, אונזער
פריינד וואס האט מיר געלאזט וויסען
פון דעם אונגליק וואס האט מיר ער

ווארטעט, אז האט מיר געגעבן די מעגליכקייט צו אנטלויפען.

— זאלקין קען זיין פאטער, זיין נאָמען איז לאפוכין... ער, אזא אידעלער קינד, צו האָבען אזא פאטער ווי לאפוכין. אונמעגליך ליוטענאנט ווארנער פיליציא איך האב נאָך מעהר וואונדער דיר צו פערטרויען דו קענסט אפשר פון מיר לאכען אָבער איך גלויב אז איך בין אויף׳ן ריכטיגען וועג. בעטראכט דעם בילד.

פיליצא האָט געקוקט אויף דעם בילד וואָס העלענא האָט געהאלטען פאַר איהרע אויגען. עס איז געווען א קאָפּיע פון דעם בילד וואָס ראבינסאָן האָט באַדעקט מיט קושען אין מינעאפּאָלים, אין האָטעל ראדיסאָן, וואו עס איז געווען אונטערגעשריבען די דריי נעמען, העלענא, פיליציא, יאקאב, און העלענא האָט געזאגט:

— זעהסטו וועלכע עהנליכקייט צווישען דעם פריהערדיגען יאקאב און ליוטענאנט ווארנער עס איז גראדע די זעלבע געזיכטציגע. די זעלבע אויגען, די זעלבע מויל, און דער זעלבער נאז.

מיט דעם איינציגען אונטערשייד פון דריי און צוואנציג יאהר. און איצט וויל איך דיר נאך וואס ווייזען, קוק זיך איין — העלענא האט איהר געוויזען דעם בילד פון ראבינסאן וואס איז געשטאנען אויף דער פיאנא, און וועלכען עדי האט דערקענט:

— זעהסטו וועלכע עהנליכקייט צווישען דיין פאטער און דעם ליוטענאנט? דער בילד וואלט גאנץ לייכט אנגענומען ווערען פאר ליוטענאנט ווארנער.

פון דעם ערשטען מאָמענט וואָס איך האָב דערזעהן ליוטענאנט ווארנער, האט ער מיר אוים געזעהן ווי אונזער יאקאב, און ווען איך האב איהם איצט געהערט ריידען פון היטע איז ביי מיר קיין שום ספק ניט געבליבען. ווער ווייס, אפשר זיינען אונזערע תפילות אנגענומען געווארען און עס איז געקומען א סוף צו אונזערע צרות... און באלד, באלד וועלען מיר האבען דיין פאטער און דיין ברודער.

עדי׳ס שטימע האט זיך ווידער דערהערט פון בעט, ער האט גערופען מאדאם לאוויטע;ביידע דאמען זיינען צו איהם צוגעגאנגען העלענא האט זיך געזעצט אויף א שטוהל צו קאפען פון בעט און פיליציא האט זיך געזעצט צו פוסען אויפן בעט. עדי האט ווידער אנגעהויבען צו ריידען פיבעריש.

—מאדאם ראבינסאן, אוואו זייט איהר געווען.. דער פראפעסאר האט אייך אזוי פיעל געזוכט... געהט זאגט איהם אז איהר זייט דא.. קומט פראפעסאר, איהר האט מיר אהיים געגעבען. און איך האב אייער ווייב געפונען.. איז פיעדארא מיין מאמע? פארוואס איז זי אזוי קאלט?... זי איז משוגע... זי האט מורא פאר פראפעסאר ראבינסאן... מרטער, זייט ניט ברוגז אויף איהם.. ער איז אזוי גוט צו מיר ווי א טאטע.... קומט זאלען מיר געהן אויף מיין חתונה מיר וועלען טאנצען, טאנצען טאנצען..

העלענא האט עס מעהר ניט געקענט הערען, איהר הארץ איז ווי מיט מעסערס געשניטען געווארען, זי איז פון צימער ארויסגעלאפען, און האט זיך גוט אויסגעוויינט; זי האט צו זיך אליין געזאגט:

— זיי מעגען לאכען פון מיר וויפיעל זיי ווילען: און הגם איך האב קיין בעווייז ניט בין איך זיכער אז עדיא ווארנער איז ניט דער זוהן פון לאפוכין און פיעדארא נאר ער איז מיין יאקאב, מיין געראובטער קינד; זי די מכשפה האט איהם פון מיר צוגענומען און האט איס אוועקגעפיהרט קיין אמעריקא.

עדי האט אויפגעהערט צו ריידען און ער האט איינגעשלאפען.

מיט א שעה שפעטער האט דאקטאר מאריענבערג טעלעפאנירט צו מארגענשטערען אז א צימער איז צוגעגרייט און אלעס איז געבראכט אין די בעסטע

ארדענונג און דער ליוטענאנט וועט בע־זארגט ווערען מיט אלע בעקוועהמליכ־קייטען. דער קראנקען וואגען איז אויפן וועג צו נעהמען עדי צום איסטיטוט, און זיי זאלען ווארטען ביז דער דאק־טאר וועט דארטען קומען.

— מוטער, היינטיגע נאכט וועל איך מיט איהם בלייבען אין האספיטאל — האט פיליציא מיט טרעהרען געזאגט.

— ניין מיין קינד, מיר וועלען ביידע אויף איהם אכטונג געבען. האט העלע־נא געענטפערט.

19טער קאפיטעל.

דעם זעלבען אווענד, ווען מארגענשטערען האט געפונען עדי ווארנער, א קרבן פון אזיאטישען פיבער האט דאקטאר מאריענבערג אונטער האלטען אין זיין היים פיער חשובע געסט; צוויי פון זיי זיינען געווען אויף זייער רייזע צוריק פון פאלעסטינא און זיי זיינען געפאהרען צוריק אהיים נאך אמעריקא. מיט א מאנאט דריי צוריק זיינען זיי געשיקט געווארען פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציאן אלס מרגלים נאך צוזוכען אין וועלכע שטיצע פאלעסטינא נויטיגט זיך דאס מערסטע. פראפעסאר רובינסאן און דוד פרומקין זיינען אויסגעקליבען צו זיין די דעלעגאטען; ביידע האבען זיי אויסגעזעהן פריש און מונטער און די לאנגע רייזע האט אויף זיי קיין ווירקונג ניט געמאכט.

זיי האבען זיך אויף א טאג אפגעשטעלט אין פאריז איבערצורעדען וועגען עטליכע וויכטיגע אנגעלעגענהייטען מיט די פאריזער פיהרער פון דער ציוניסטישער באוועגונג און אזוי ווי דער הויפט פיהרער איז ארויסגעטריבען געווארען פון פאריז און האט אבגעריכט גלות אין אן אנדער לאנד, האט דאקטאר מאריענבערג פרטראטען זיין שטעלע. ראבינסאן און פרומקין האבען איהם טעלעפאנירט דורכן טאג אין דעם אינסטיטוט אבער דער גוטער דאקטאר האט זיך איינגעשפארט אז זיי זאלען דורכאויס קומען ארום זעכס אוהר ביי איהם אין הויז און שפייזען מיט איהם. זיי זיינען געקומען צו דער בעשטימטער צייט. דאקטאר מאריענבערג האט זיי אויפגענומען מיט די גרעסטע פריינדשאפט. זיי האבען דארטען געפונען נאך צוויי געסט וועלכע זיי האבען אפילו ניט געקענט פערזענליך אבער זיי האבען גוט געוואוסט ווער זיי זיינען, ביידע האבען געהאט א גרויסען נאמען אין דער באוועגונג.

איינער איז געווען דאקטאר נחמן ליבערמאן, א פראפעסאר אין דער אקספארד אוניווערזיטעט וואס האט זיך אזוי בעליעבט געמאכט ביי דעם ענגלישען פאלק דורך זיינע גרויסע ביישטייערונג צו דער וויסענשאפט, דער צווייטער פערזאן איז געווען בארא עדווין ליועגבוים פון לאנדאן. וועהרענד אין שפייזע זאאל איז דער געשפרעך געווען אלגעמיין אבער ווען דער מאהלצייט האט זיך נעענדיגט און דאקטאר מאריענבערג, האט איינגעלאדען די פיער געסט אין זיין לעזעצימער ווען זיי האבען פאר רויכערט ציגארען האט דאקטאר ליעבערמאן זיך געווענדעט צו אונזערע אמעריקאנער פריינד און ער האט געזאגט:

— מייע הערען איהר קענט זיך גאר ניט פארשטעלען וואס פאר א גליקליכער צופאל דאס איז אז מיר זאלען זיך דא טרעפען איך רעכען עס פשוט פאר א נס.

— מר. פריימאן האט מיר אפילו נעשריבען וועגען אייער קאמיססיאן אין פאלעסטינא, אבער ווער האט זיך געקענט ריכטען אויף אזא זעלטענעם צו פאל, אז מיר זאלען זיך גראד טרעפען אין פאריז. די זאך איז: אזוי ווי איהר ווייסט קומט אמעריקא אריין אין דער מלחמה צו העלפען די פאראייניגטע פעלקער; דאס מיינט אז אמעריקא וועט נעהמען די פיהרערשאפט. זי וועט זיין

די טאן געבערין און זי וועט זאגען די דעה צו די איבעריגע נאציאנען.

ענגלאנד איז בערייט אונז צו געבען ארץ ישראל פאר א היימלאנד. אבער זי האט מורא און זי וויל ניט איינרייסען מיט פראנקרייך, וועלכע האט איהרע אייגענע אינטערעסען אין קליין אזיען, און זי איז סתם ניט צו פריינדליך צו אונז און אונזער אידעאל.

וועגען איטאליען און איהר מיינונג וועגען א אידישען שטאאט ווייסען מיר ניט אויף געווים. אבער מיר ווייסען אז דער וואטיקאן איז ניט צופריעדען מיט אזא פראיעקט. הגם עס איז נאך ניט געזאגט געווארען אין קלארע ווערטער.

עס זיינען פעראנען עטליכע אנדערע פעלקער וואס זיינען דערמיט ניט שטארק צופריעדען.

די גאנצע זאך ווענדעט זיך אן אמעריקא, אויב פרעזידענט ווילסאן זאל אפען ארויס זאגען דעם ווארט אז מיר אידען האבען א רעכט צו פאלעסטינא, און ער וועט ארויסווייזען פאר דער וועלט אז ער איז פריינדליך געשטימט צו דעם ציוניזמוס, דאן קריגען מיר עפענטליך א צוזאג פון ענגלאנדס רעגירונג, אז נאך דער מלחמה וועלען די פעראייניגטע פעלקער אפגעבען צו דעם אידישען פאלק פאלעסטינא פאר א היימלאנד.

עס איז דעריבער דורכאויס נויטיג, אז איהר אין אמעריקא זאלט גלייך אנהויבען צו ארבייטען אויף דעם וועג ארויסצוקריגען פון פרעזידענט ווילסאן אזא דערקלעהרונג.

— עס דארף ניט זיין צו שווער פאר אייך דאס דורך צופיהרען. עס איז גוט בעוואוסט דאס פרעזידענט ווילסאן איז איינער פון אונזערע בעסטע פריינד. אגב זיינען דא עטליכע פון אונזערע ציוניסטען אין אמעריא וואס שטעהן גאנץ נאהענט צו איהם.

—חויבט אן די ארבייט אזוי שנעל ווי איהר וועט זיך אהיים צוריק קעהרן. איך האף דאס איהר זעהט די וויכטיגקייט דערפון; און איהר וועט אויך לייכט פארשטעהן מיינע צופרידענהייט איבער דעם צופאל אייך דא צו טרעפען.

—וועגען אזעלכע פאליטישע אנגעלעגענהייטען קען מען ניט שרייבען אין א בריעף און געווים ניט אין א טעלעגאמע.

— פון די פיעלע בריעף וואס איך האב געלייענט וועגען אייך פון אמעריקא און פון פאלעסטינא, ווייס איך גענוי אז איהר ביידע זיינט די געווינשטע שלוחים וועלכע קענען אנגעטרויט ווערען דאס דורך צופיהרען; אייך פראפעסאר ראבינסאן, קען איך פאר א לאנגע צייט. איך לייען שטענדיג אייערע שריפטען אין די ”רעוויו אוו ארטס“.

זיי האבען גערעדט וועגען די געגענווערטיגע פארהעלטעניסע אין פאלעסטינא, ווען דאקטאר מאריענבערג איז גערופען געווארען צום טעלעפאן; אין א קורצע וויילע האט ער זי צוריקגעקערט און ער האט געזאגט.

— מיינער א גוטער פריינד, א ליוטענאנט אין דער בעלגישער ארמעע און איין איבערגעגעבענער ציוניסט האט מיר איצט מיטגעטיילט וועגען א טרויעריגען צופאל:

— א אידישער יונגער מאן וואס האט זיך אנגעשלאסען אלס איינפאכער פריוואט סאלדאט אן אן ענגלישען רגעימענט און האט געשטיגען צו דעם ראנג פון א קארנעל דורך זיינע זעלטענע העלדישע טהאטען, איז אנגעקומען מיט א פאר טעג צוריק פון באגדאד, אזיען. און ער איז דא היינט אין דער פריות קראנק געווארען, דער דאקטאר פיר דעם האטעל האט איהם אונטערזוכט און ער האט דערקלעהרט אז ער ליידעט פון אן אזיאטישען פיבער.

— מיין פריינד האט מיר געבעטען דאס איך זאל איהם אריין נעהמען אין אונזער אינסטיטוט.

דער באראן וואס האט ביז אהער א ווארט ניט גערעדט איז פלוצלינג גע־

וואָרען פאַר אינטערעסירט אין דעם דאָקטאָרס דערצעהלונג און ער האָט איהם געפרעגט.

— האָט דער יונגער מאַן גענוג מיט־לײַען איהם דורך צופיהרען די קראַנק־הײט? טאָמער האָט ער ניט די מעג־ליכקייט הער דאָקטאָר, גיט מיר דיא ערלויבנים פאַר איהם צו צאָהלען אזוי לאַנג ווי ער וועט בלייבען אין אייער אינסטיטוט, זאָל ער וויסען דאָס די ענג־לענדער זיינען דאַנקבאַר צו אַלע וואָס האָבען איהר געהאָלפען אין איהר נויט און האָבען געקעמפּפט פאַר איהר לאַנד און איהר פרייהייט.

— הערר באַראָן, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — איך דאַנק אייך פאַר אייַ־ער גרויס מוטיגקייט אין מיין אייגע־נעם נאָמען און אויך אין דעם נאָמען פון דעם יונגען מאַן, אָבער עס טהוט מיר לייד וואָס איך קען אייער איידעלען פאָרשלאַג ניט אָננעהמען.

ווען דער יונגער מאַן האָט געקעמפּפט פאַר ענגלאַנד אין איהר נויט האָט ער אויך געהאָלפען פראַנקרייך, און אפילו אויך אונז אידען, און דעריבער אַלס איד און פראַנצויז איז עס מיין אייגע־נע פליכט איהם צו העלפען.

איך האָב אָנגעזאָגט דעם סופּעראינ־טענדענט פון אינסטיטוט אז ער זאָל צוגרייטען אַ גרויסען געראַמיגען צי־צימער און אז ער זאָל אים בעזאָרגען מיט אַלע בעקוועהמליכקייטען.

— עס פאַרדריסט מיר שטאַרק וואָס איהר ווילט ניט אָננעהמען מיינע היל־פע פאַר דעם יונגען מאַן — האָט דער באַראָן געזאָגט.

— וויינגסטענס זאָגט מיר צו אז ווען דער יונגערמאַן וועט געזונט ווע־רען און ער וועט זיך אין וואָס נויטי־גען וועט איהר איהם צו מיר שיקען אויף מיינע הוצאות און איך וועל איהם מיט אַלעם העלפען.

— דאַרויף האָט איהר מיין וואָרט, הערר באַראָן — האָט דאָקטאָר מאַריענ־בערג באַמערקט.

די פינף הערערען האָבען געמיטלין׳ צוגעבראַכט, ראַבינסאָן און פרומקין האָבען דערצעהלט פון די אידישע צרות אין פּאַלעסטינא, ווי זיי ווערען בעהאַנ־דעלט פון די טערקישע רעגירונג, און זיי ווערען בעטראַכט פון די טערקען אַלס פרעמדע און אַלס שונאים, זיי טראָ־גען אָבער אַריבער אַלע רדיפות מיט די גרעסטע געדולד און זיי האָפען אַז באַלד וועלען זיך די צרות ענדיגען און עס וועט זיין זייער היים און זייער לאַנד.

— אום וויפיעל אזייגער פאָהרט אַב אייער צוג? האָט דאָקטאָר מאַריענ־בערג געפרעגט ראַבינסאָן און פרומקין.

— אום עלף דרייסיג — האָט פרומ־קין געענטפערט.

— און וואו האָט איהר אייער באַ־גאַזש? האָט דער דאָקטאָר ווידער גע־פרעגט.

— אין האָטעל אַנגליי — איז זיין ענטפער געווען.

— איך דאַרף זיין אין אינסטיטוט אַרום עלף אזייגער, מיר וועלען פאַר־לאָזען די הויז אום צעהן דרייסיג, מיר וועלען צופאָהרען צום האָטעל אַנגליי און נעהמען אין מיין מאַשין אייערע באַגאַזש און איך וועל אייך צו פיה־רען צום וואַקזאַל און פון דאָרטען וועל איך פאָהרען צום אינסטיטוט און איך וועל אונטערזוכען מיין נייעם פּאַ־ציענט דעם יונגען קאָרנעל — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

דאָקטאָר ליבערמאַן און באַראָן לוי־עבוים האָבען געדאַרפט מאַכען אַ נויטי־גען באַזוך דעם אָוונד. זיי האָבען גע נומען אַבשיעד און האָבען די הויז פאַר־לאָזען נאָך ניין אזייגער, ווען זיי זיי־נען אָפּגעפאָהרען אין אַן אויטאָמאָביל האָט דר. מאַריענבערג זיך געווענדעט צו זיינע צוויי איבערגעבליבענע געסט און ער האָט געזאָגט:

— א פיינער מענש, האט א גרויסע קאפ אויף די פלייצעס, און ער פארשטעהט אויסגעצייכענט גוט די פאליטיק פון דער צייט. אבער איך האב מורא פאר זיינע אמביציעס, זיי זיינען צו גרויס.

דאקטאר מאריענבערג האט געבראכט ראבינסאן און פרומקין צום וואקזאל, ער האט פון זיי גענומען אבשיעד און איז אפגעפהרען צום אינסטיטוט אויף צונעהמען עדי ווארנער.

די רייזענדע האבען געהאט צייט ביז זייער צוג וועט אפפאהרען. זייערע בילעטען האבען זיי בעזארגט נאך אין דער פריה. ניט האבענדיג וואס צו טאן האבען זיי זיך אוועק געשטעלט אין א ווינקעל און זיי האבען זיך צוגעקוקט צו דער גרויסער פאנאראמא. טויזענדער קומען אן און טויזענדער געהן אוועק. די גאנץ גרויסע טהייל פון זיי זיינען סאלדאטען, מען קען זיי דא זעהען פון דער גאנצער וועלט, געקליידעט אין אלערליי מונדירען, און אויסגעפוצט אין אלערליי קאלירען.

אט זעהן זיי א גרויסע צאהל סאלדאטען וואס פאהרען צום שלאכטפעלד, מוטערס, שוועסטער פרויען פריינד און באקאנטע זיינען געקומען אבשיעד נעהמען. מען קושט זיך און מען וויינט זיך גוט אוים.

ראבינסאן און פרומקין ווערען די הערצער פארקלעמט און ניט וויסענדיג וואס זיי טהוען וויינען זיי מיט; אין אן אנדער ווינקעל פון וואקזאל זעהן זיי א גרופע סאלדאטען וואס זיינען צוריק געקומען פון שלאכטפעלד, און ווידער א גרויסע מחנה פון פריינד און בעקאנטע זיינען געקומען זיי אבווארטען, מען קושט זיך פון שמחה און ווידער מען וויינט.

ניט ווייט אוועק שטעהט א יונגער סאלדאט גאר בלוט און מילך. ער איז נאר וואס צוריק געקומען פון א שלאכט פעלד, אבער ניט אין גאנצען, ער האט פארגעסען אויפן שלאכט פעלד א פאאר פיס, און אין האספיטאל האט מען אים געגעבען א פאאר פרעמדע פיס, געבויט פון האלץ.

א טהייל פון זיין קערפער האט ער געבראכט פאר א קרבן צו דעם אפגאט "פאטריא", אונזערע צוויי פריינד האבען זיך אויף איהם איינגעקוקט און זיי האבען ניט געקענט זייערע אויגען פון איהם אוועקנעהמען. און ראבינסאן האט אויסגערופען "אהו מלחמה! א טייוועלשע אינסטיטוציאן, וואס איז אויסגעטראכט געווארען פון מענשען".

פון דעסטוועגען איז ראבינסאן געפאהרען אהיים בעהערשט פון איין געדאנקען, אריין צו טרעטען אין דער מלחמה.

דיעזער געדאנקען איז ניט געוועזן קיין נייער. ער איז אין איהם בעשאפען געווארען מיט צוויי יאהר צוריק. זעקס מאנאטען נאך דעם ווי די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען, עדי איז פון איהם אוועק און ער האט פון איהם מעהר ניט געהערט, ער האט קיין שפור ניט געפונען פון זיין פרוי און טאכטער און דער יאוש האט אנגעהויבען צו ווערען אן אפטער גאסט, דאמאלס איז דער געדאנקען באשאפען געווארען אז ער וואלט שטארק ווען אריין טרעטען אין דער מלחמה.

ער האט אבער געוואוסט אז ער איז צו אלט צו נעהמען וואפען אין זיינע הענד, דאריבער האט ער געוואלט זיך אן שליסען אן דעם "רויטען קרייץ" ער האט אבער באלד דערקענט ווי שווער דאס וועט זיין פאר איהם, אלס איד, צו ערדרייכען און אזוי האט ער דיזען געדאנקען געמוזט אויפגעבען.

, אבער ווען ער האט נעכטען געלייענט אין די צייטונגען דאס אמעריקא איז אריין געקומען אין שלאכט, איז דער אלטער געדאנקען צוריק אויפגעוואכט געווארען, ער איז געפאסט געווארען פון א שרעקליכע בייגקענעש צו געהן צוריק נאך שיקאגא און כאפען די ערשטע גע־

לעגענהייט זיך אריין צו ווארפען אין דער מלחמה.

ווען ניט די פיעלע ארבייט וואס די ציוניסטען האבען אויף איהם ארויף גע־לייגט, ווער ווייס וואס עס וואלט פון איהם געווארען אבער די ארבייט פאר די אידישע מלחמה ליידענדע האבען איהם קיין צייט ניט געגעבען צו טראכ־טען פון זיינע אייגענע צרות.

און נאר שפעט ביי נאכט ווען ער פלעגט אריין קומען אין זיין פוסטער היים פלעגט איהם דער טרויער דריקען צו זיין בוזעם.

זיין היים איז איצט געווען פארלא־זען, העראלד האט איבערגענומען די ארבייט פאר די מלחמה ליידענדע אין דעם שטאאט פון מינעסאטא.

און עליין וואס האט אויך ארום גע־טראגען א שווערע הארץ און איז אויס־געגאנגען פון בייענקעניש, האט זיך מיט לייב און זעלע אריין געווארפען אין די ארבייט צו העלפען איהר ברודער הער־אלד.

מאריא לאשין האט אויך פארלא־רען איהר מוטה און ענערגיע דערפאר וואס זי האט ניט געוואוסט וואו העלע־נא און פיליציא זיינען אהין געקומען, און וואס איז געווארען פון לעאן מאר־בענשטערען.

און אזוי איז ראבינסאנס היים גע־ווען א לעבעדיגער קבר. אבער אזוי זיי־נען געווען מיליאנען אנדערע היימען. עס איז געווען מלחמה צייטען. ווען ראבינסאן איז יענעם אווענד געזעסען אין פאריז אין די היים פון דעם גוטען דאקטאר מאריענבערג, און ער האט זיך צוגעהערט צו דעם געשפרעך וועגען דעם יונגען קארנעל, האט איהם די הארץ א ציפ געטאהן "אפשר איז דאס עדי" האט ער א טראכט געטאהן, ער האט זיך אבער באלד ארום געקוקט ארום צימער האלב פארשעהמט, צו זעהן אויב אימיצער האט ניט געלייענט זיי־נע נארישע געדאנקען. הונדערטע און טויזענדער און אפשר מיליאנען סאלדא־טען פאהרען דורך פאריז טאג איין און טאג אויס, און נאר ארויפצופאלען אויפ'ן געדאנקען אז דער וואס איז דא היינט קראנק געווארען, איז עדי וואר־נער.

ער האט באלד פון זיך פארטריבען דעם געדאנקען און ער איז געפאהרען אהיים מיט דעם בעשלוס, אריין צוגעהן אין דער מלחמה, און עדי איז געבליבען אין דעם אייראפעאישען אינסטיטוט אין פאריז ארום גערינגעלט פון דריי איבערגעגעבענע פריינד און אונטער די השגחה פון א וועלט באריהמטען דאק־טאר.

עס איז געווען א לאנגע נאכט פאר העלענא און פיליציא. נאך דעם ווען די נורס האט עדי געגעבען א קאלטע באד און עטוואס צום טרינקען, איז זיין טעמפעראטור פארקלענערט געווארען, און צוויי שעה נאכאנאנד האט ער גע־שלאפען שטיל און רוהיג, און זיינע צוויי איידעלע שומרים זיינען געווען אויסער זיך פאר פרייד.

אבער אום צוויי אזייגער האט ער זיך אויפגעכאפט מיט א געוויין און ווי־דער אנגעהויבען פיבעריש צו רעדען און עס האט אזוי אנגעהאלטען ביז זעקס אזייגער אין דער פריה.

זיינע רייד זיינען געווען פון דעם זעל־בען סארט.

ער האט אין אבגעבראכענע זאטצען דערצעהלט פון דעם סקאנדאל וואס פיעדרא האט געמאכט ווען ראבינסאן האט געהאלטען זיין פארטראג אין אט־לעטיק קלוב. ווען זי האט געשריען "נעהם איהם ניט צו פון מיר, ראבינאוויץ ער איז דער איינציגער טרייסט וואס מיר איז איבערגעבליבען".

אום זעקס אזייגער איז עדים כוחות אין גאנצען אויסגעשעפט געווארען און ער האט ווידער איינגעשלאפען.

העלענא און פיליציא זיינען געווען שטארק אויסגעמאטערט און אויפגע־רעגט. דיעזער יונגער מאן איז צו זיי געקומען א פרעמדער ניט מעהר ווי א

צופאל חאט איהם צו זיי געבראכט, און מיט עטליכע שטונדען שפעטער איז ער געווארען א טייל פון זייערע לעבען, און ניט וויסענדיג וואס ער טהוט און וואס ער רעדט, ענטדעקט ער פאר זיי סודות וואס זיי האבען געזוכט אויסצוגעפינען פאר די לעצטע דריי און צוואנציג יאהר. איין זאך איז פאר זיי קלאר געווען, אז רודאלף ראבינסאן פון וועמען ער רעדט אזוי אפט איז ניט קיין אנדערער ווי רודאלף ראבינאוויטץ; זייער רודאלף דער מאן פון העלענא, און דער פאטער פון פיליציא. און אז ער לעבט און איז געזונד.

צי עדי איז מיט אן אמת דער געליבטער זוהן פון העלענא, אויף דעם האבען זיי קיין באווייז ניט געהאט, זיי האבען נור געהאפט ביז עדי וועט געזונד ווערען, און דאן וועלען זיי אלעס וויסען.

העלענא מיט די הארץ פון א מוטער האט דורכאויס געגלויבט אז עדי איז איהר יאקאב, זיינע עהנליכקייטען צו די צוויי בילדער, פיעדארא ליפמאנס פאלשע ראלע פון א מוטער, איהר אויסברוך אין אטהלעטיק קלוב, איהר מורא פאר ראבינסאן, דאס אלעס זיינען פאר איהר געווען שטארקע באווייזע

אבער פיליציא האט ניט געגלויבט אין די באווייזע, און דאך האט זי ניט געוואלט צו שטערען איהר מוטערס חלומות.

זי האט אנגעהויבען מורא צו האבען אז איהר מוטערס מח זאל חס ושלום ניט געריהרט ווערען, זי האט איהר גענומען אין איהרע ארעמס און זי האט איהר געפיהרט צו א ווינקעל פון דעם קראנקען צימער און האט צערטליך צו איהר געזאגט.

בארוהיג זיך מוטער, אריבער צוטראגען גרויסע פריידען פאדערט אזוי פיעל ענערגיע וויפיעל עס פאדערט אריבערצוטראגען גרויסע צרות.

— דו מוטער האסט געטראגען דיין פאק צרות, אזוי בראוו און אזוי העלדיש ווי קיין אנדער פרוי וואלט עס ניט געקענט טאהן, דו מוזט זיך איצט פאסען מוטה און קוראזש צו קענען אריבער טראגען די פריידען וואס אונז ערווארטעט.

— שפאר דיין געזונד און דיינע ענערגישע קרעפטען, דו וועסט זיי דארפען, מיר האבען נאך א סך אריבער צו טראגען און פיעל איבערצוקומען —

— זי האט געקוקט צו דער בעט וואו עדי איז געלעגען.

20טער קאפיטעל.

פיליציא האט רעכט געהאט ווען זי האט געזאגט איהר מוטער אז זיי האבען נאך פיעל אריבערצוטראען, כמעט צוויי מאנאטען זיינען פארביי און עדי איז נאך אלץ געלעגן אין דעם אייראפעאישען-אינסטיטוט, דער פיבער האט אים פארלאזען אבער ער האט איהם געלאזען זעהר שוואך.

דער דאקטאר האט אנגעזאגט זיינע דריי פריינד אז אויב זיי ווילען דאס זייער יונגער פריינד זאל געזונד ווערען און בלייבען לעבען, זאלען זיי איהם פאר קיין פאל ניט לאזען רעדען.

זיי טארען איהם אונטער קיינע אומשטענדען קיינע פראגעס ניט שטעלען, אנפאנגס האט זיי דער דאקטאר מיטגעטיילט אז זיין פיזישער צושטאנד איז פיעל בעסער ווי ער האט געהאפט, אבער איהם שרעקט אן אנדער געפאהר, "דער יונגער מאן געהט איצט דורך א קריזיס אין זיין גייסטיגען צושטאנד, וואס וועט זיך אפשר ענדיגען דערמיט אז ער וועט פארלירען זיין זכרון". אויף בעשטימט קען ער דאס ניט זאגען און ווען דאס זאל אפילו טרעפען איז ניטא וואס מורא צו האבען.

עס וועט בלויז זיין אויף א געוויסער צייט, ער ווייס ניט געוויס ווי לאנג דאס וועט דוערען. און ער קען אויך ניט זאגען פאראויס די סיבה וואס וועט איהם צוריק ברענגען צו א נארמאלען צושטאנד.

אבער ער איז זיכער אז ער וועט געזונד ווערען און זיין פערשטאנד וועט ווידער זיך צוריקקעהרען ווי עס איז געווען איידער ער איז קראנק געווארען.

ארעמע העלענא האט איהר גאנצע צייט אבגעגעבען צו דעם פאציענט וועלכען זי האט גערעכענט פאר איהר אייגענעם זוהן.

עדי איז צו איהר צוגעבונדען געווארען ווי צו א מוטער. ווען זי איז אין צימער ניט געווען האט ער געווארט אויף איהר מיט די גרעסטע אונגעדולד ער פלעגט איהר ארום זוכען מיט זיינע שטומע אויגען און ווען ער האט איהר דערזעהען איז זיין געזיכט באלויכטען געווארען מיט שטראהלען פון פרייד. און זיי זיינען פול געווארען מיט ליעבע.

עדי איז פארבליבען אין האספיטאל צוויי און א האלב מאנאט. דעם צוואנציסטען יוני האט דער דאקטאר געלאזט רופען זיינע דריי פריינד צו זיך אין זיין פריוואט אפיס און ער האט זיי געזאגט דאס עדי איז פיזיש פאלקאמען געזונד אבער ווי ער האט פאראויסגעזעהן, האט עדי פארלארען זיין זכרון.

די מעדיצינישע וויסענשאפט קען איהם ניט העלפען; און ער ווייס ניט וואס דער צופאל וועט זיין וואס וועט איהם געזונדמאכען. ער זעהט קיינע נוטצען ניט פאר עדי צו פארבלייבען לענגער אין האספיטאל.

ווען ער זאל וויסען אז עס וואלט איהם דאס מינדעסטע העלפען, אויב ער זאל לענגער פארבלייבען אין דעם אינסטיטוט, וואלט ער געווען העכסט צופרידען איהם לענער צו האלטען.

— מיינט ניט, האט דער דאקטאר פארטעזעצט, דאס די מאטריעלע אומשטענדען האבען דערמיט וואס צו טאהן. איהר ווייסט אז איך האב זיך ענטזאט

צו נעהמען געצאהלט פארן צימער ווי אויך פאר מיינע פראפעסיאנעלע אר־בייט. עס וועט אייך אפשר אינטערעסי־רען צו וויסען דאס איידער איך האב זיך עגטזאגט צו נעהמען באצאהלט פון אייך, האב איך אפגעזאגט באראן לויענבוים פון לאנדאן, וועלכער האט מיר געוואלט פאר אלעם וואס איך וועל טאהן פאר קארנעל ווארנער באצאהלען.

— ווי קומט באראן לויענבוים צו קארנעל ווארנער? האט העלענא גע־פרעגט נייגעריג.

דאקטאר מאריענבערג האט זיי דערצעהלט ווי אזוי דעם זעלבען אווענד ווען עדי איז קראנק געווארען, האט ער געהאט פיער געסט, צוויי פון זיי זיינען געווען אמעריקאנער וועלכע זיינען גע־ווען אויף זייער רייזע פון פאלעסטינא אהיים נאך שיקאגא, איינער איז געווען אן אדוועקאט מיטן נאמען דוד פרומקין דער צווייטער איז געווען א בעריהמ־טער פראפעסאר פון פילאזאפיע און א וועלט בעריהמטער שרייבער און קרי־טיקער, זיין נאמען איז רודאלף ראבינ־סאן.

די אנדערע צוויי געסט זיינען גע־ווען דאקטאר ליבערמאן און באראן לויענבויםביידע פון לאנדאן, וועלכע זיינען געקומען נאך פאריז אויף א פאאר טעג.

ער האט זיי דערצעהלט ווי אזוי זיי האבען אלע פארבראכט ווען מארגענ־שטערען האט צו איהם טעלעפאנירט, און דאן וועגען דעם געשפרעך וואס האט געפאלגט צווישען איהם און בא־ראן לויענבערג.

העלענא האט זיך שטארק אנגע־שטריינגט ניט צו אונטערברעכען דעם דאקטאר.

זי האט טיעף און שווער געאטעמט, מיט איהר רעכטע האנד האט זי צוגע־האלטען איהר ברוסט וואס האט גע־פאכט ארויף און אראפ, ענדליך האט זי אויסגעשריען מיט א משונהדיגען קול:

—דאקטאר קענט איהר מיר געבען די אדרעסע פון רודאלף ראבינסאן?

דער דאקטאר האט איהר אנגעקוקט פארוואונדערט, ער האט גענומען איהר האנד אין זיינע און האט געטאפט איהר פולס און ער האט געפרעגט מיט א צערטליכע ווייכע שטימע.

— מאדאם וואס איז מיט אייך גע־שעהן? טהוט אייך וואס וועה? שוין לאנג צוריק האב איך אייך געווארענט, אז איהר זאלט אויף זיך אכטונג געבען און ווען ניט וועט איהר מוזען קומען צו אונז אין אינסטיטוט.

העלענא האט זיך נאך א קורצע ווײלע בערוהיגט און זי האט פאר איהם דערצעהלט בקיצור איהר לעבענס גע־שיכטע. דאקטאר מאריענבערג און מארגענשטערען האבען געהערט און בעוואונדערט די דראמא אין וועלכע זי האט געשפיעלט איינע פון די הויפט ראלעס.

ווען זי האט געענדיגט האט איהר דער דאקטאר געזאגט דאס די אדרעסע פון ראבינסאנס וואהנונג האט ער אפילו ניט, אבער זי קען שרייבען אדער טעלעגראפירען אויף די אדרעסע פון ד״ר ציוניסטישער ביורא אין שיקאגא.

דעם זעלבען טאג האט העלענא גע־שריבען עדי ווארנער צו זיך אין דער היים און דעם זעלבען טאג האט זי גע־שיקט פאלגענדען קייבעלגראם צו רו־דאלף ראבינסאן ק. א. ציוניסטישע ביורא, עקסטשענדזש בילדינג, שיקא־גא.

— דיין פרוי און קינדער ווארטען אויף דיר מיט אונגעדולד. העלענא געגען אווענד האט זי ערהאלטען דעם פאלגענדען ענטפער:

- - ראבינסאן מיט אידישע סאלדא־טען אויף דעם וועסטליכען פראנט — ד. פרימקין.

מיר קענען זיך נאר פארשטעלען ווי טיעף העלענא איז גערוהרט געווארען פון די פאסירונגען פון דעם טאג. זי איז אבער ניט ענטמוטהיגט געווארען,

נאר פראקעהרט, עס האט איהר געגעבען מעהר האפענונג און מעהר קרעפטען; זי האט געפיהלט אז זי האט אויף וואס צו ווארטען און אז באלד וועט זי בעזיטצען דאס וואס זי האט געזוכט א העלפט פון איהר לעבען.

עדי איז געווארען פאלקאמען געזונד קערפערליך, ער איז געווען צופריעדען אין זיין נייעם לעבען, אבער ער געדיינקט קיין זאך ניט וואס מיט איהם האט זיך פאסירט איידער ער איז קראנק געווארען. אפילו דער נאמען "עליין" איז איהם פרעמד געווען.

דעם ערשטען אויגוסט האט פראנקרייך געפייערט א יום טוב; מיט א טאג בעפאר האבען ענגלאנד און פראנקרייך געהאט דעם ערשטען גרויסען זיעג זינט די מלחמה האט זיך אנגעהויבען; זיי האבען צושמעטערט די דייטשע ליניע אין בעלגיום אויף א פראנט פון פינף און צוואנציג מייל. פאריז האט געפייערט די שמחה מיט גרויס פאראד די גאסען זיינען געווען געפאקט מיט מענשען פון אלע קלאסען און אלע נאציאנען.

נאציאנאלע ליעדער זיינען געשפילט געווארען פון בענדס און ארקעסטארס אויף אלע זייטען וואו מען האט זיך נאר געקעהרט.

מארגענשטערען, העלענא, פיליציא און עדי ווארנער זיינען אויך ארויס געקומען זעהן און אנטייל נעהמען אין דער שמחה; אמעריקאנער סאלדאטען האבען זיך אנגעהויבען וויזען אויף די פאריזער גאסען און בולווארדען.

די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען סטודענטען פון אוניווערזיטעטען און קאלעדזשעס וואס האבען פרייוויליג ארייגעטרעטען אין די מעדיקאל יוניטס און די אינזשינירונג קארפוסעס.

א יונגער מאן וואס איז גשוועז געקליידעט אין דעם אמעריקאנעם מונדיר פון א ליוטענאנט מיט דעם צייכען פון די אינדזשינירס איז פארביי געגאנגען. ער האט א קוק געטהאן אויף עדי וועלכער איז געווען אויסגעפוצט לכבוד דעם יום טוב אין זיין נייעם ענגלישען מונדיר פון א קארנעל, ער האט איהם מיליטעריש באגריסט אבער עדי האט איהם ניט געענטפערט. דער יונגער מאן האט געקוקט הינטער ווערלאך אויף עדי און ער האט זיך אומגעקעהרט און איז צו געקומען וואו עדי איז געשטאנען מיט זיינע פריינד, ער האט זיך העפליך פארנייגט צו די דאמען און זיך ווענדענדיג צו עדי האט ער געזאגט.

—עדי ווארנער, געדיינקסטו נים דיין אלטען פריינד רובין? צוויי יאהר זיינען מיר צוזאמען געווען אויף דעם פוט באל טיעם פון דער מיניסאטא יו. איך האב פאר דיר א סך נייעס פון דער היים.

איידער איך האב פערלאזען שיקאגא האב איך זיך באגעגענט מיט העראלד פיליפס און זיין שוועסטער איך האב זיי ביידע געטראפען אין וואודס טעאטער און מיר האבען צוזאמען געזעהן די מלחמה דראמא: "די פריינדליכע שונאים" העראלד האט געענדיגט זיין מיליטערישען שטודיום אין פארט שערידאן און ער האט באקומען דעם ראנג פון א קאפיטאן.

ער האט מיר פארזיכערט אז אין א קורצע צייט וועט ער מיר נאך פאלגען אין פראנקרייך; זיין שוועסטער האט מיר אויך די זעלבע צוגעזאגט, זי האט געענדיגט אלס נוירס און זי האט זיך אנגעשלאסען אן דעם "רויטהען קרייץ"

עדי האט אים אנגעקוקט ווי א פרעמדען ווי ער האט איהם קיין מאל אין זיין לעבען ניט געזעהן און די ווערטער האבען אויף איהם קיין איינדרוק ניט געמאכט ווי זיי וואלטען גאר קיין מיינונג פאר איהם ניט געהאט.

פריינק רובין האט אויף איהם שטארק געקוקט און ער האט פארטגעזעצט — האב איך א טעות מיר דאכט אז ניין. איך וואלט שווערען

אז דאס ביסטו, עדי ווארנער; וואס איז מיט דיר עדי, ביסטו קראנק?

פיליציא האט איהם גענומען אן א זייט, זי האט זיך פאר איהם פארגעשטעלט, און זי האט איהם דערצעהלט דעם גאנצען אמת וועגען עדי, פריינק רובין איז ווירקליך געוועז א פריינד פון עדי אין מינעסאטא אוניווערזיטעט און ווי כמעט אלע זיינע קאמעראדען איז ער געוועזן א גרויסער פארחערער פון עדי, ער איז דעריבער שטארק גערירט געווארען צו געפינען איהם אין אזא לאגע, און ער האט זיין גרויסען פארדרוס אויסגעדריקט צו פיליציא.

ער האט דערצעהלט פיליציא דאס עדים מוטער איז געשטארבען אין א קורצע צייט נאכדעם ווי עדי האט אריין געטראטען אין דעם קענעדא רעגימענט, ער האט אויך באמערקט דאס איהר טויט האט אנגעמאכט א סקאנדאל אין דער אידישער נאכבערשאפט.

פיליציא האט געטראכט דאס אפשר האט דער סקאנדאל וואס צו טאהן מיט זייערע אייגענע סודות און זי האט געפרעגט מיט א גיצוואונגענער גלייכגילטיגקייט אויב ער וויים דעם אינהאלט פון דעם סקאנדאל.

פריינק רובין האט געענטפערט אז ער איז ניט גענוי בעקאנט מיט די איינצעלהייטען, נור ער האט געהערט זאגענדיג אז פאר איהר טויט האט זי זיך מודה געוועזן, פאר דאקטאר זאלקין און די פיליפס דאס עדי איז ניט געוועזן איהר קינד, אז זי האט איהם גע'גנבט אין זשענעווא, ווען ער איז געוועזן בלויז פיער יאהר אלט.

פיליציא האט פון איהם גענומען די אדרעסע פון די פיליפס, פריינק רובין האט גענומען אבשיעד און איז געגאנגען זיין וועג.

ווען פיליציא איז מיט איהר מוטער און די איבעריגע געקומען אהיים האט זי געזאגט צו מאדאם לאוויטע.

— מוטער, ביז אהער האב איך שטארק געצווייפלט אין דיינע פאנטאסטישע געדאנקען דאס עדי איז דיין פארלארענער יאקאב, אבער כל זמן דו האסט אזוי געגלויבט און עס האט דיר נעגעבען א שטיקעלע נחמה האב איך ניט געוואלט דיר שטערען דיין זיסען חלום.

—אבער איך האב חיינט ערפאהרען, אז נאך אלעמען האבען די עלטערען מעהר פערשטאנד פון די יונגע.

—עס איז מעהר קיין צווייפעל ניט, מוטער, דאס עדי איז דיין זוהן און מיין ברודער — זי האט איהר דערצעהלט, דאס וואס פריינק רובין האט איחר מיטגעטיילט, און פיליציא האט פארטגעזעצט:

— אבער איצט מוטער, אז דו האסט געפונען דיין זוהן, וויל איך דיר בעטען אז דו זאלסט אבגעבען דיין טאכטער, ניט אויף אימער, איך וויים ווי גוט דו ביזט, און איך בין זיכער אז דו וועסט מיר ניט שטערען אין מיין פלאן; מוטער איך האב מיר בעשלאסען אריין צו געהן אין א פעלד האספיטאל אלס נוירס.

— אונזער ארמעע נויטיגט זיך שטארק אין נוירסעס און זי בעט דאס די פרויען פון פראנקרייך זאלען קומען צו הילפע.

— איצט ווען גאט חאט אונז געוויזען ווי גוט ער איז און ער האט אונז צוריק געגעבען די אלע וואס מיר האבען געזוכט, און מיר האבען גענוג אורזאכע זיך צו פיהלען גליקליך, מוזען מיר א טראכט געבען פון די מיליאנען אונגליקליכע און אבצאהלען אונזער חוב צו דער מענשהייט, דו האסט שוין דיין חלק באצאהלט, דו האסט געגעבען דיין מאן און דיין זוהן און דו האסט אויף די הענד אונזער יאקאב, ווער וויים ווי לאנג עס וועט נעהמען ביז ער וועט געזונד ווערען, איך האב נאך מיין קרבן ניט געבראכט. מיין לאנד די וועלט און די מענשהייט פאדערט דאס איצט פון מיר. ווער קען זאגען וויפיעל אזעלכע ווי מיין ברודער

אויף די שלאַכטפעלדער און אין דיא טרענטשעס נויטיגען זיך אַ י ן אַ פריינדליכען וואָרט אַ שמייכעל אָדער אַ פריינדליכען בליק וואָס וואָלט זיי מאַ־כען אַ סך גרינגער צו ליידען זייערע יסורים און דערטראָגען זייערע וואונדען אָדער אפילו צום שטאַרבען. מיר לעבען אין אַ צייט ווען קיין מענש טאָר ניט זיצען מיט פאַרלייגטע הענד. דער וואָס איז צו שוואַך צו טראָגען אַ ביקס אויף די פּלייצעס דאַרף נעהמען בענדער און פאַרוויקלען די וואונדען. איך ווינש אָפּ־צופאַהרען נעכסטען זונטאָג אָוענד.

— מיין קינד, מיין טייערע פיליציאַ, עס איז שווער זעהר שווער, דיך אַרויס צושיקען אַליין אין דער גרויסער שטו־רעמדיגער וועלט; אין אַ וועלט פון בלוי און בלוט, פון צובראָכענע הערצער און צוריסענע נשמות, אין אַ וועלט וואו אַלע סמנים פון אַ ציוויליזאַציאָן איז טויט; אָבער אַזוי לאַנג ווי עס איז דיין וואונש וועל איך דיר ניט שטערען. געה אין גאָטעס נאָמען; און ער וועט דיר באַשיטצען פון אַלע געפאַהרען.

פליציאַ האָט איהר מוטער אַרום גענומען מיט איהרע ביידע הענד און זי האָט איהר געקושט מעהרערע מאָל, ענדליך האָט זי געזאָגט: ,

איך בין אנגעהייער שטאָלץ מיט דיר, דו ביסט די בעסטע, די ליעבסטע, די טהייערסטע און די קלוגסטע מוטער וואָס אַ מענש קען האָבען. איך וועל געהן מיט דיין ברכה און איך ווייס אַז זי וועט מיר איבעראַל באַגלייטען און באַהיטען.

דעם נעקסטען זונטאָג אָוענד איז פיליציאַ אָפּגעפאַהרען צו די אָרגאַן וועלדער אַריין צוטרעטען אין אַ פעלד האָספּיטאַל און צו באַצאָהלען איהר חוב צו דער מענשהייט.

עס איז שווער צו באַגרייפען דעם צושטאַנד פון קאַרנעל עדי וואָרנער, אָפּ־געטיילט אין גאַנצען פון דעם פערגאַנ־גענהייט, גראַדע ווי ער וואָלט איצט גע־באָרען געוואָרען, מיט דער איינציגער אויסנאַהמע דאָס ער קען ריידען שרייב־בען און לייענען, אויסער די דריי זאַכען האָט ער אַלעס פאַרגעסען.

וואָס זיינע געפיהלען זיינען געוועזן ווען ער האָט דערזעהן די העכערע זאַ־כען אין לעבען וועלכע ער האָט געקענט און געשעצט איידער ער איז קראַנק גע־וואָרען, ווי צום ביישפּיעל קונסט ביל־דער סטאַטועס אָדער פּאָעזיע, ווי אַזוי ער האָט אויף אַזעלכע זאַכען געקוקט, וואָס פאַר איין איינדרוק מוזיק האָט אויף איהם געמאַכט, דאָס וועלען מיר איבערלאָזען צו די פּסיכאָלאָגען אַז זיי זאָלען דאָס שטודירען און אונז דער־צעהלען.

דאָקטאָר מאַריענבערג איז געוועזן איינער פון אייראָפּאַס גרעסטע דאָק־טוירים, ער האָט געהאַט אַן אינטער־נאַציאָנאַלען בערוף פאַר זיינע גרויסע ענטדעקונגען אין דער מעדיצינישער וועלט. ער איז געוועזן פּעראינטערע־סירט אין עדיס קראַנקהייט באַלד פון אַנהויב אַן און ווען מאָרגענשטערן האָט צו איהם טעלעפאָנירט, אָבער ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז עדי איז דער זוהן פון זיין פריינד און ציוניסטישען חבר פּראָפעסאָר ראַבינסאָן, האָט ער זיך נאָך מעהר פּעראינטערעסירט. דערצו נאָך איז דאָקטאָר מאַריענבערג געוועזן איינער וואָס האָט געהערט צו יענע כאַראַקטערע וואָס האָבען ליעב זיך צו פאַרטיעפען אין אַזעלכע פּראָב־לעמען אויף וועלכע די וויסענשאַפט האָט נאָך קיין ענטפער ניט געגעבען; און אַזוי האָט זיך דאָקטאָר מאַריענ־בערג כמעט אין גאַנצען איבערגעגעבען צו נאָכפאָרשען עדיס פּאַטהאָלאָגישען צושטאַנד.

אַ געוויסען נאָך מיטאָג זיינען העלע־נאַ, מאָרגענשטערן און עדי איינגעלאַ־דען געוואָרען צו קומען צו דאָקטאָר מאַריענבערגס פּריוואַט לאַבאָראַטאָריע. ער האָט ווידער געמאַכט אַ גרינדליכע אונטערזוכונג פון עדיס צושטאַנד, ער האָט איהם געפרעגט אַ סך זאַכען וואָס

עדי האט שטודירט; אין אנגעלעגענהייטען אין וועלכע עדי איז געווען שטארק פעראינטערעסירט, ווי פוט באל גימנאסטיקע, שווימען, ענגלישע ליטעראטור און נאך אזעלכע זאכען. אבער עדי איז געווען אין גאנצען אונוויסעד אין די אלע געגענשטעדע.

דער דאקטאר האט ערקלעהרט אז דאס איז א גוטער צייכען, און ער איז שטארק דערמוטהיגט וועגען עדים לאגע. "ווען דער פאציענט וואלט וועלכע זאכען געקענט געדענקען און אנדערע זאכען ניט וואלט עס געשטאנען מיט איהם א סך ערגער, אבער אין זיין איצטיגען צושטאנד איז ער זיכער דאס קוים וועט זיין זכרון אויף וואכען אויף דאס מינדעסטע, וועט ער ווערען נארמאל ווי ער איז געווען. עס איז נאר א פראגע פון צייט —

ווען העלענא האט אויסגעהערט דעם דאקטארס מיינונג און זיינע האפענונגען וועגען עדים צושטאנד איז זי דערהויבען געווארען ביז אין זיבענטען הימעל, אלע דריי האבען זיך אויפגעהויבען צו געהן, דאקטאר מאריענבערג האט זיך געווענדעט צו מארגענשטערען און אין א העכסט פריינדליכע וויזע האט ער צו איהם געזאגט.

— מארגענשטערען א לאנגע צייט האב איך זיך געקליבען דיר צו פרעגען, פארוואס זעהסטו אויס אזוי מעלאנכאליש פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען? איז עס די מלחמה וואס האט אויף דיר געלאזען אזא איינדרוק ? די געשיכטענשרייבער פון דער צוקונפט וועלען קיין מאהל ניט קענען אבשאטצען דעם גרויסען אונגליק וואס די מלחמה וועט איבערלאזען פאר דער וועלט, זאגט מיר פריינד, וואס פעהלט אייך און וואס קען איך פאר אייך טאהן?

— איך האב מורא צו זאגען — האט מארגענשטערען געענטפערט — אז אויף מיין קראנקהייט זייט איהר קיין מבין ניט, מיינע איז איין אלטע קראנקהייט, כמעט זיעבעציהן יאהר, אבער אין די לעצטע עטליכע מאנאטען האט זי זיך א סך פארערגערט, דאקטאר, איך וויים אז איהר זייט מיינער א גוטער פריינד און איך דאנק אייך פאר אייער אינטערעסע וואס איהר נעהמט אין מיר אבער איך צווייפעל שטארק אויב מיין געשיכטע וועט אייך אינטערעסירען.

— איז עס אויך פארבונדען מיט א ראמאן? — האט דאקטאר מאריענבערג געפרעגט — איהר זייט מערקווירדיגע מענשען עס ווייזט אויס דאס אלע זייט איהר די העלדען פון געהיימע ראמאנען וועלכע זיינען ארומגערינגעלט מיט אינטריגעס, ווי די ערצעהלונגען פון די ראמאנטישע ליטעראטור, יעדען פאלס קען איך אייך פארזיכערען דאס זיי אינטערעסירען מיר זעהר פיעל ניט נאר פאר דאס וואס זיי ענטהאלטען נאר פאר די העלדען וועלכע איך קען און איך שעטץ אלס אמתע פריינד, איך בין נייגעריג צו הערען אייער ערצעהלונג אויב איהר ווילט עס מיר פארטרויען.

—אויב איהר ווילט דאס מיט אן אמת הערען, חאט מארגענשטערען געזאגט, קען איך קיין בעסערען פריינד ניט געפינען ווי איהר, פאר וועמען איך זאל דאס פערטרויען, מאדאם לאוויטע וויים מיין ראמאן אזוי גוט ווי איך זי האט אין דעם געשפיעלט א גרויסע ראלע און זי מעג זיך צוהערען ווערהענד איך וועל דאס פאר אייך דערצעהלען.

— עס איז געווען מיט געניע צוואנציג יאהר צוריק, איך האב דאמאלס שטודירט אין ציריך אין א טעכנישען אינסטיטוט, איך בין געווען יונג און הינגעריסען פון דעם מאדערנעם גייסט, מיר האבען דאס אנגערופען "דער קאמף פאר פרייהייט" די וואס האבען געוואוינט אין רוסלאנד און זיינען ניט בעקאנט מיט דיעזער בעוועגונג קענען זיך קיין בעגריף ניט מאכען וואס דאס האט געמיינט פאר די רוסישע יוגענד און נאך בפרט פאר דער אינטעליגענ-

ציע. און זיי האבען קיין רעכט ניט צו אורטיילען.

עס איז אמת אז ניט אלע וואס האַ־בען געהערט צו דער רעוואלוציאנערע בעוועגונג זיינען געווען פרינציפיעל אדער אידעאליסטיש; ווי אין אלע אנ־דערע בעוועגונגען, האבען זיך דארט גע פונען גוטע און שלעכטע מענשען. אבער עס איז אויך אמת דאס כמעט אלע פרינציפיעלע און אידעאליסטישע מענשען פון רוסלאנד האבען געהערט צו דער בעוועגונג.

אום ניט צו האבען קיינע אונגערעכ טע פאראורטיילע מוזען מיר אלער ערשט פארשטעהן דאס עקסטרעמע פעללע פאדערען עקסטרעמע מיטלען. די רוסי שע דעספאטישע אויטאקראטיע האט געטרעטען די מאסען אונטער איהרע פיס אהן רחמנות און זי האט אונטער דריקט מיט די שטרייגנסטע מיטלען פרייען געדאנקען, דאריבער האבען די רעוואלוציאנערען דארויף געענטפערט מיט דער זעלבער ברוטאליטעט. דיע־זער דעספאטיזמוס איז פון די הער־שענדע קלאסען געפריידיגט געווארען אין דעם נאמען פון א אלטע פארשי־מעלטע רעליגיאן, און דאריבער האבען די רעוואלוציאנערען דארויף אנגענו־מען שטרייגנע מאסרעגלען געגען רע ליגיאן און אלעס וואס רעליגיאן פריי־דיגט. זיי האבען באשאפען אן אייגענע מאראל, און אזוי לאנג ווי עס איז ניט געווען קיין עפענטליכע מיינונג האט יעדער איינער אויסגעטייטשט די מאַ־ראלישע פרינציפען נאך זיין אייגענעם שטייגער, ווי עס האט זיך פאר איהם געפאסט.

די אידישע רעוואלוציאנערען זיינען געווען די גרעסטע חסידים און די גרעס טע פאנאטיקער און דאס לאזט זיך אויך לייכט דערקלעהרען; ערשטענס האבען די אידען געליטען מעהר ווי אלע אנדערע פון די מאנארכישע זעלבסט הערשאפט און צווייטענס איז דער איד אלע מאל מעהר אינטענסיוו און פון א הייסערען טעמפעראמענט. די פרייע ליעבע איז געווען א הויפט פרינציפ אין די נייע מאראלישע סיסטעמע; און איצט צו אונזער הויפט ענין.

ווי איך האב שוין דערמאהנט האב איך צו יענער צייט שטודירט אין ציו־ריך ניט דערפאר וואס ציריך האט מעהר צוגעזאגט ווי אנדערע אינסטיטו־ציאנען פון דעם זעלבען סארט נאר פשוט דערפאר וואס צוליעב מיינע רעוואלוציו־אנערע ארבייט האב איך געמוזט אנט־לויפען פון רוסלאנד און מיינע עטליכע רובעל האבען מיר ניט געקענט פיהרען ווייטער ווי ציריך. און אויך דערפאר, וואס די שווייץ איז אלע מאהל געווען דער זיכערסטער פלאטץ פאר א רעוואָ־לוציאנער.

א געוויסער אווענד האב איך בייגע־וואהנט א פערזאמלונג פון אונזערע רו־סישע רעוואלוציאנערען און איך האב דארטען געטראפען א יונגע פרוי פון אויסערגעוועהנליכע שעהנקייט זי האט געבראכט א בעריכט פון אונזערע קאמע־ראדען אין רוסלאנד. זי האט אונז אלע־מען איבערראשט מיט איהר בעריכט, דער אינהאלט איז געווען צוזאמען גע־שטעלט פון אינטערעסאנטע פאקטען. די שליסע זיינען געווען העכסט לאגיש און די שפראך איז געווען וואונדערבאר, די זייטיגע בעמערקונגען זיינען געווען פון א טיעפען הומאר וואס האט אונז אלע־מען געהאלטען אין איין לאכען. זי האט אונז אלעמען ווי באצויבערט מיט איהר אויפטרעטען אויף דער ביהנע, איהר טיעפע רייכע שטימע און ענדליך איהר שלוס מיט די עטליכע געציעלטע ווער־טער געגען די גנאסען וועלכע וואהנען אין אויסלאנד און זיי פראקטיצירען אלע פרינציפען פון דעם רעוואלוציאנערען סאציאליזמוס אויסער אזעלכע וואס ווע־לען העלפען צו בעפרייען רוסלאנד.

נאך דער פערזאמלונג האב איך גע־זוכט א געלעגענהייט מיט איהר בעקאנט צו ווערען און א פריינד האט אונז פאר־געשטעלט. איהר נאמען איז געווען מאַ־

ריא קאשין, און זי איז אהער געקומען דא צו פארבלייבען עטליכע מאנאטען קיינער האט ניט געוואוסט דעם צוועק פון איהר וויזיט. מיר זיינען געווארען פריינד און עס האט ניט לאנג געדויערט און מיר ביידע האבען אויסגעפונען אז מיר זיינען פארליעבט איינע אין די אנ־דערע.

זי איז געווען עהרליך און אפענהער־ציג און זי האט מיר דערצעהלט אז זי האט חתונה געהאט מיט א יונגען מאן משה סאמועלעוויטש לויט נאך דעם אי־דישען דין. עס איז אבער געווען א חתונה אהן ליעבע, זי האט עס געטאהן כדי זי זאל מעגען וואחנען אין כארקאוו. א פאר מאנאטען נאך איהר חתונה האט זי אויסגעפונען דאס איהר מאן וועמען זי האט באקעהרט צו דעם רעוואלוציא־נערען געדאנקען, האט פריהער פון אליין זיך אויסגעלערנט די נייע תורה פון פרייע ליעבע, דאס ער האט אנגעפיהרט געהיימע ליעבעס מיט עטליכע פרויען.

נאך זעקס מאנאטען פון איהר חתונה האט זי איהם אין גאנצען פערלאזען און זי האט געלעבט מיט אן אנדער קאמע־ראד, אלעקסיי לאפוכין, א גע'שמד'טער איד, ער איז אויך געווען א גרויסער אויסוואורף און ער האט אויסגענוצט דעם פרינציפ פון פרייע ליעבע צו בא־פרידיגען זיינע אייגענע הולטייסטווע, ער האט געביטען ווייבער אזוי אפט ווי ער האט געביטען זאקען, זי איז געווען זיין פרוי העכער א יאהר.

אבער ווען ער האט אויסגעפונען אז זי דארף ווערען א מוטער איז זי איהם געווארען צו לאסט, ער האט בעהויפ־טעט דאס ער וויל קיין קינד ניט הא־בען. זי האט איהם פארלאזען און איז אהער געקומען, אבער איידער איך האב צייט געהאט ריכטיג צו פארשטעהן דעם מיינונג פון איהר ערצעהלונג, איז מארי־יא פארשוואונדען געווארען. מיט א מא־נאט שפעטער האט זי זיך ווידער באווי־זען, זי האט מיר געזאגט אוואו זי איז געווען און וואס זי האט געטהאן, זי האט ניט געוואלט דאס איך זאל דארפען האדעווען א פרעמדען קינד, און נאך בפרט א קינד פון לאפוכין וועמען זי האט איצט פיינט געהאט ווי מען האט פיינט א שפין.

זי איז געווען בערייט מוחל צו זיין סאמועלעוויטש אבער זי האט קיין מאל ניט געקענט פארגעסען די נידערטרעכטיגקייט פון לאפוכין. פאר אונזער קליינער וועל־טעל זיינען מיר געווארען מאן און פרוי. און מיר האבען זיך מיט איין אמת שטארק ליעב געהאט, איך האב אין איר געפונען אייגענשאפטען וועלכע האבען מיר איבעראשט.

זי האט גרינדליך געקענט פיער מא־דערנע ליטעראטורען, א חוץ דעם האט זי געקענט די העברעאישע ליטעראטור זי האט גוט פערשטאנען די קונסט פון זשורנאליזם אין מעהרערע שפראכען, איך האב אין איהר געפונען אן אמתע אידישע טאכטער וואס איז געווען בא־שטימט פאר א גאנץ אנדער זארט לע־בען. אבער רוסלאנד מיט איהרע אונגאטירליכע אינסטיטוציאנען איז פער־אנטווארטליך פאר טויזענדער אזעלכע מאריאס, וועלכע ווערען געטריעבען דורך איהרע אונמענשליכע געזעטצע צו פיהרען אונגארמאלע לעבענס. מא־ריא און איך האבען זיך אנגעהויבען אויס צוניכטערען פון אונזערע ווילדע חלומות ווען א גרויסער אונגליק האט מיר געטראפען, מיין טאטע מאמע, צוויי שוועסטער און א ברודער זיינען ערמארדעט געווארען אין א פאגראם אין רוסלאנד.

עס האט מיר כמעט צו משוגעת גע־טריעבען, עס האט מיר ניט געלאזט רוהען ביי טאג און ניט שלאפען ביי־נאכט, קוים פלעג איך מיינע אויגען צומאכען און פאר מיר איז געשטאנען דער שרעקליכער בילד, ווי מיין טאטע דער שעהנער בכבודיגער איד, דער למדן, דער איידעלער משכיל מיט זיין

לאנגע שווארצע בארד ווערט געפייניגט;
און געמאטערט פון די חוליגאנעס, און
ווי מיין טהייערע מוטער מיט מיינע
צוויי איידעלע שוועסטער ווערען גע־
שענדעט פון פארשיכורטע נידערטרעכ־
טיגע לומפען, און זיי מאכען זיך לוס־
טיג איבער זייערע געבעט און טרעה־
רען.

ביסלעכווייז האב איך אנגעהויבען
צו פארלירען מיין צוטרוי אין דער סא־
ציאלע רעוואלוציאן, מיין קאפ האט זיך
אנגעהויבען אויסצוניכטערן. און איך
האב אנגעהויבען צו זעהן ליכט. ענדליך
האב איך מיר אין גאנצען אויסגע־
טשוכעט פון דעם נארישען חלום.

מיינע חברים האבען דאס אנגערופען
די רעאקציע, אבער פאר מיר האט עס
געמיינט א רענייסאנס א נייער לעבען.

מאריע האט מיר געפונען צו מע־
לאנכאליש; איך האב אויפגעהערט
איהר צו געבען די נויטיגע אויפמערק־
זאמקייט, וועלכע א פרוי פאדערט פון
איהר מאן און האט דאס רעכט צו
דערווארטען.

מאריא האט שטארק סימפאטיזירט
מיט מיין גרויסען טרויער און אונגליק,
האט זי אבער בשום אופן ניט געקענט
איינשטימען מיט מיר אין מיינע רע־
אקציאנערע טענדענצען.

ענדליך איז געקומען דער טאג וואס
מאריע האט מיר אין גאנצען פארלא־
זען, זי האט זיך מיט מיר געזעגענט,
און זי האט געוויינט מיט ביטערע טרע־
רען, זי האט בעשולדיגט איהר אייגע־
נעם ביטערען מזל פאר מיין אונגליק,
זי האט מיר געזאגט אז דאס איז געווען
דעם ערשטען מאהל אין איהר לעבען
וואס זי האט מיט אן אמת געליעבט;
אוואו זי געהט, האט זי מיר ניט גע־
זאגט.

— וואס מיט איהר האט זיך פא־
סירט נאך דעם ווי זי האט מיר פארלא־
זען וואלט מאדאם לאוויטע בעסער קע־
נען דערצעהלען; איך מוז עס בקיצור
מאכען; זי איז אוועק נאך פאריז, זי
איז דארטען געווען עלענד און אליין.
איהרע פינאנסען זיינען איהר אויסגע־
גאנגען און זי האט ניט געהאט מיט
וואס זיך צו דערנעהרען.

זי האט געזונקען אין א פערצווייפ־
לונג און צו מאכען איהר אונגליק נאך
גרעסער האט זי דערשפיערט אין זיך
נאך א לעבען. זי האט ניט געקענט ענט־
שיידען וואס צו טאהן, זי איז געשטא־
נען ביי א טיעפען אבגרונד, און די
פראגע איז געווען צי זאל זי באגעהען
א פיזישען אדער א גייסטיגען זעלבסט
מארד. גאט ווייס וואס דער סוף וואלט
געווען ווען זי וואלט ניט באגעגענט א
מלאך אין דעם געשטאלט פון מאדאם
לאוויטע.

מיט א פאאר מאנאט שפעטער בין
איך אויף איהר פארלאנג געקומען נאך
פאריז, ווען איך האב איהר דערזעהען
איז זי געווען אן אנדער מאריא, ניט די
וואס איך האב געקענט און געליעבט,
נאר אזעלכע וואס איך בין געווען אימ־
שטאנד צו פארגעטערען, אין איהרע
ארעמס האט זי געהאלטען א קינד, א
מיידעלע פון פינף וואכען אלט, און
מיט מוטערליכע צערטליכע ליעבע האט
זי איהר געדריקט צו איהר בוזעם, זי
האט מיר איינגעלאדען צו קושען מיין
קינד, ווען איך וואלט געווען א קריסט
וואלט איך אין יענעם מאמענט געווים
געפאלען אויף מיינע קניע און זיך גע־
בוקט צו דער מאדאנא און איהר קינד.
דען אזוי איז מוטער און קינד פאר מיר
ערשיענען.

ווען איך בין אבער צו געקומען
און איך האב פארזוכט איהר א קוש
צו טאהן האט זי מיר מיט געוואלט צו־
ריק געהאלטען; זי האט מיר געהייסען
זיצען אין איהר אויסהערען. און זי

האט געזאגט "לעאן איך האף אז דו וועסט מי גלויבען ווען איך זאג דיר ווידער אז איך ליעב דיר מעהר ווי איך האב ווען עס איז אין מיין לעבען געליעבט. און איך וועל צולייגען מעהר ווי איך וועל ווען עס איז ליעבען, דער איינציגער און גרעסטער טרייסט וואס בלייבט מיר אין לעבען איז דאס איך בין די מוטער פון דיין קינד, אבער דיע־זער טרייסט איז ניט פריי פון גיפט דען ווען איך דיינקט פון מיין גליק מוז איך אויך טראכטען פון מיין אונגליק; מיין עלענדעם קינד האט ניט קיין גע־זעצליכען פאטער.

—ווען מיינע פריהערדיגע חברים און חברות וואלטען דאס פון מיר הערען וואלטען זיי האבען געגוג איבער וואס צו לאכען, אבער ווייס אז איך בין ניט מעהר די זעלבע מאריא וואס דו האסט געקענט, איך האב באקומען א נייע נשמה, און איך בין צוריק גע־ווארען אן אמתע טאכטער פון מיין אלטען טאטען, אבער ווייסטו ווי דער גם האט זיך געטראפען? דערמיט וואס איך האב ערשט געפונען א גוטע טייערע הייליגע מוטער אין די פערזאן פון מא־דאם לאוויטע. זי האט מיר געלערנט ווי צו זיין א גוטע אידישע טאכטער און ווי צו זיין א אידישע מוטער. זי האט מיר געגעבען צו פארשטעהן דעם מיי־נונג פון לעבען און זי האט מיר געלע־רענט ווי צו לעבען

—לעאן, איך האב א סך געליטען, און א סך זיך געפלאגט, איך בין געשטאנען ביי דעם ברעג פון א טיעפען אפגרונד, נאך איין טריט און איך וואלט געשטי־גען צו דעם טיעפסטען שמוטץ פון לע־בען, אבער דיעזע איידעלע פרוי איז גיקומען אין דעם געווינשטען מאמענט, זי האט מיר גענומען פארן ארעם און אזוי ווי מען פיהרט א בלינדען האט זי מיר געפיהרט צו ליכט און צו א זי־כערען ארט.

—איך האב איצט אויסגעפונען אז דאס אלעס וואס איך האב געליטען איז גוטיג געווען, דיזע ליידען זיינען געווען די פייערן וואס האבען געלייטערט מיין נשמה, און איך בין איצט ריין פון זינד.

— ווי גליקליך וואלט איך געווען ווען מיר ביידע וואלטען זיך קענגען נעה־מען ביי די הענד און רייזען דעם ריי־נעם גלייכען וועג פון לעבען, און מיט אונז מיט טראגען אונזער קינד, אבער מיר טארען דאס ניט איך בין די געזעצליכע פרוי פון אן אנדערען, פון משה שמועלעוויטץ, אדער ווי ער הייסט איצט גרעגאר מעדאף, און איך האב קיין האפענונג ניט אז ער וועט מיר געבען א גט. דעריבער מוזין מיר בלייבען פרעמדע.

—אויב דו ליבסט מיר ווי איך ליעב דיר, וועט ביי דיר אויך בעשאפען ווע־רען דער זעלבער גלויבען וואס איז אין מיר, אז דער טאג וועט אמאהל קומען ווען דו וועסט ווערען מיין געזעצליכער מאן און דער געזעצליכער פאטער פון אונזער קינד. אבער בעטען אז דו זאלסט ווארטען אויף אזא גם איז פאר מיר צופיעל דאס צו פאדערען פון דיר.

— דיינק פון מיר ניט ווי דו האסט מיר געקענט אין דער פערגאנגענהייט, ווען מיין ליעבע איז געווען ניט מעהר ווי ליידענשאפט, נאר דיינק און טראכט פון מיר אין דער צוקונפט ווי דו האסט מיר היינט געזעהן, אן עהרענהאפטע אי־דישע פרוי וואס איז אימשטאנד אבצו־געבען איהר לייב און לעבען פאר דאס וואס זי ליעבט, אן אמת'ע אידישע מאַ־מע איבערגעגעבען צו איהר קינד ווי אלע מאמעס פון פאלק ישראל —

מיר האבען זיך געזעגענט, און אויף אייביג געשיידעט. עס איז אמת אז פון צייט צו צייט פלעגען מיר זיך זעהען, אבער אין דער זעלבער ווייזע ווי סיראַ־נא דע בערשזעראק אין ראסטענד'ס דראמא, פלעגט זעהן זיין געליבטע, אין

א קלויסטער. מיר לעבען מיט האפענונג. אונזער טאכטער איז נאהענט פון אכ־צעהן יאהר אלט, זי איז א וואונדער קינד, זיי וואחנען אין אמעריקא אין דער שטאדט שיקאגא; איצט דאקטאר־

ווייסט איהר מיין קראנקהייט, און אי־ווייסט אויך דאס איך בין גערעכט גע־ווען ווען איך האב אייך פאראויס גע־זאגט אז פאר מיין קראנקהייט האט איהר קיין רפואה ניט.

21טער קאפיטעל.

אמעריקא איז אריין געקומען אין דער מלחמה צו ראטעווען די וועלט, און עס איז געווען אן ערנסטע פראגע וואס די נייע בירגער פון לאנד די וואס זיינען אנגעקומען אהער פון אנדערע לענדער, וועלען טאהן און ווי זיי וועלען האנדלען? דער ענטפער אויף דער פראגע האט ערשטוינט גאנץ אייראפא, די נייע בירגער האבען געהאט א געלעגענהייט צו באווייזען ווי געטריי און איבערגעגעבען זיי זיינען צו זייער נייער לאנד און זיי האבען דאס געטאהן אהן אן אונטערשייד פון וואנען זיי האבען אפגעשטאמט, און אין וועלכען ארט זייערע וויגעלאך זיינען געשטאנען אדער פון וואנען זייערע עלטערען זיינען געקומען.

די אידישע בירגער האבען געענטפערט אויף דעם רוף מיט די זעלבע איבערגעבענהייט ווי די אלע איבעריגע נאציאנען און אפשר נאך מיט א ביסעלע מעהר התמדה. א סך פון אונזערע יונגע לייט האבען זיך אנגעשלאסען אן די פארשידענע יוניטס, אין דער ארמעע און אין די נייווי נאך איידער דער געזעץ פון קאנסקריפציאן איז געמאכט געווארען.

א גרויסע טהייל פון אונזערע סטודענטען אין קאללעדזשעס און אוניווערזיטעטען האבען אריין געטרעטען אין די "אפיסערס טריינינג קעמפס" צווישען די לעצטע איז אויך געווען העראלד פיליפס; ער איז געווען איינער פון די ערשטע וואס האט זיך אנגעשלאסען צו די טריינינג סקוהל פון פארט שערידאן.

עוועלין פיליפס האט פארנאסען טייכען טרעהרען וואס איהר זוהן נעהט ווערען א סאלדאט אבער קיין פרעמדער האט עס ניט געזעהן, פאר דער וועלט האט זי זיך געוויזען אלס די גליקליכסטי מוטער, און אלע האבען וועגען איהר גערעדט און באוואונדערט איהר פאטריאטיזמוס, אין די סאציאלע קרייזען האט מען איהר פיעל מעהר באוואונדערט ווי וועלכע אנדערע מוטער, דערפאר וואס מען האט געוואוסט אז זי האט בלויז איין זוהן, און ווי פרייליך זי איז בערייט איהם אבצוגיבען.

הערალד האט געענדיגט זיינע מיליטערישע טריינינג מיט דעם ראנג אלס "קעפטיין" און די רעגיערונג האט אים געשיקט צום קעמפ גרענט. ווייניגער ווי הונדערט מייל פון שיקאגא. איידער ער האט גענומען זיין שטעלע אין קעמפ גרענט איז ער געפאהרען נאך מיניאפאלים צו באזוכען זיינע עלטערען און זיינע פיעלע פריינד וואס ער האט גימאכט ווען ער האט געארבייט פאר די מלחמה ליידענדע, און זיינע ציוניסטישע קאמעראדען וועלכע האבען איהם בעטראכט אלס פיהרער.

די ציוניסטען האבען בעשלאסען צו געבען א באנקעט אין עהרע פון פיליפס איידער ער וועט פארלאזען מיניאפאלים. מאדאם עוועלין פיליפס האט זיך געפיהלט אלס די שטאלצסטע מוטער, און זי איז געווען אויסער זיך פון פרייד זי חאט אפילו מוחל געווען איהר זוהן הערალד פאר זיין "נארישען" אידעאליזמוס פאר וועלכען ער האט אוועק געווארפען זיין לעבען און האט זיך אנגעשלאסען אן די ציוניסטען, זי האט איצט געטראכט אז נאך אלעמען זיינען די ציוניסטען גאר ניט אנדערש ווי אלע

אנדערע מענטשען, זיי ווייסען ווי זיך אויף צופיהרען און ווי אנצוטאהן כבוד צו איהר הערצלד.

אין א שעהנעם נאך מיטאג, די ערשטע טעג אין הערבסט, איז הערצלד געזעסען אין גארטען און האט אריין געטרונקען די שעהנקייט פון דער נאטור. ער האט זיך צוגעקוקט צו די וואונדערבארע רייכע קאלירען פון די פארשיעדענע בלעטער אויף די צווייגען וואס די נאטור האט געפארבט מיט איהר פינזעל, ער האט פלוצלינג דערהערט דאס קנאקען פון די טרוקענע בלעטער וואס זיינען געלעגען אויף דער ערד, ווי זיי ברעכען זיך אונטער מענשען פיס, ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און ער חאט דער׳זעהן מעקפערסאן קומענדיג צו איהם און א יונגער מאן איז איהם נאכגעגאנגען. מעקפערסאן האט געזאגט.

— מר. חעראלד, דער יונגער מאן איז געקומען אין הויז און האט זיך איינגעשפארט דאס ער מוז איך זעהן און מיט אייך ריידען. איך האב איהם געגעבען אלערהאנד תירוצים אבער ער חאט זיך ניט אבגעטשעפעט ביז איך האב איהם געמוזט אהער צו אייך ברענגען.

— מעק, איך האב פארגעסען דאס דיר פריהער צו זאגען — האט הערצלד געזאגט— ווען אימיצער ועט קומען, וואס וויל מיט מיר ריידען, אהן אן אונטערשייד ווער ער איז, זאלסטו איהם צו מיר מעלדען, דו מעגסט געהן — ער האט זיך געווענדעט צום יונגען מאן --קומט אהער זעטצט זיך, זאגט מיר מיט וואס איך קען אייך דיענען.

דער יונגער מאן חאט זיך געזעצט אויף א שטוהל געבען הערצלד ער האט אוועקגעלייגט א בוך וואס ער האט געטראגען אונטער זיין ארעם און איך זיין היטעלע. ער האט געהאט א שעהנע איידעלע געזיכט, שווארצע אויגען און שווארצע האאר, ער איז געווען פון מיטעלען וואוקס און ניט שטארק ענטוויקעלט פיזיש, ער האט געזאגט צו חעראלד אין א גוטען ליטערארישען ענגליש אבער מיט א שטארקען דייטשען אקצענט אז מען האט איהם קוים געקענט פארשטעהן.

— מיין נאמען איז הימעלבלוי, איך בין ניינאונצוואנציג יאהר אלט, איך בין א געבארענער פון עסטרייך, מעג איך האפען אז איהר וועט מיר געבען גענוג צייט מיר אויסצוהערען? איך וואלט אייך וועלין אלערערשט בעטען מיר צו ערלויבען צו ריידען אין דייטש, איך ווייס פון זיכערע קוועלען אז איהר פארשטעהט די דייטשע שפראך אויכ • געצייכענט, און מיר וועט עס זיין א סך גרינגער אייך צו זאגען צוליעב וואס איך בין צו אייך געקומען.

חעראלד האט איהם געהייסען רעדען אין דער שפראך וואס וועט איהם זיין גרינגער און הימעלבלוי האט אנגעפאנגען :

—מיין גאנצען לעבען האב איך פארבראכט אין וויען, איך האב שטודירט אין א הויכשולע און איך בין געווען א פריוויליגער סאלדאט אונטער דעם ראנג פון אונטער אפיציער. מיט צוויי יאהר צוריק בין איך גיקומען אין אמעריקא, אין א פאאר וואכען נאך מיין אנקומען האב איך לויט דעם געזעטצ, זיך ערקלעהרט אז איך ווינש צו ווערען אן אמעריקאנער בירגער• ווען איד בין נאך געווען אין האב־שול בין איך בעקאנט געווארען מיט׳ן ציוניזמוס און איך בין געווארען א טהעטיגער מיטגליעד פון דער קדימה. איך האב מיין ציוניזמוס נאך געפאלגט ביז דעם היינטיגען טאג.

נאך מיין אנקומען אהער בין איך געווארען א מיטארבייטער פון די "מיגעאפאלים רונדשוי" א טעגליכע דייטשע צייטונג, איך האב דארט געשריבען בייס, פעליטאנען און אבהאנדלונגען איבער געוויסע פראגען א סך פון אונזערע לעזער האבען מעהרערע מאל אויסגעדריקט זייערע צופריעדענהייט מיט מיין שרייבען, און איך האב געהאפט אז אין דער נאהענטער צוקונפט

וועל איך ווערען הילפס רעדאקטאר, האט זיך אבער געמאכט אז ווען אמעריקא האט דערקלעהרט מלחמה געגען דייטשלאנד האב איך געשריבען איין אפהאנדלונג וועגען אמעריקאס שטעלונג אין דער מלחמה און איך האב בעהויפטעט דאס אמעריקא האט רעכט פון יענער צייט אן איז מיין לעבען פאר[illegible]סט געווארין איבער די אלע רדיפות וואס [illegible] טהוט מיר אן פון דער רעדאקציאן אבער דאס קימערט מיר ניט, מיר זיינען געוואוינט צום ליידען, וואס ארט דאס מיר אז זיי רופען מיר "איד" און "אונוויסענדער יענקי" איך בין שטאלץ מיט ביידע נעמען; און ניט וועגען דעם בין איך צו אייך געקומען

— איך האב שטארק חשק אריין צו טרעטען אין דער ארמעע אדער נייווי, וואו איך זאל קענען העלפען מיין נייע לאנד און קעמפפען פאר די פרייהייט פון דער וועלט; אבער איך האב שוין געמאכט עטליכע פארזוכען זיך אנצושליסען אין א רעגימענט און זיי נעהמען מיר ניט אן, דערפאר וואס איך בין א "פרעמדער שונא" און נאך דערצו בין איך געוועזן א סאלדאט אין דער עסטרייכער ארמעע נו, וואס זאגט איהר [illegible]צו? די דייטשען אין אונזער רעדאקציע רופען מיר "יענקי" דערפאר וואס איך האב אויסגעדריקט מיינע געפיהלען פאר אמעריקא, און אמעריקא וויל מיר ניט אננעהמען פאר א סאלדאט דערפאר וואס איך בין איין עסטרייכער.

קעפטען פיליפס, אפשר קענט איהר וואס טהאן פאר מיר, טאמער וועט אייער איינפלוס ווירקען, אז מען זאל מיר ערגעץ וואו אריין נעהמען, דאס איך זאל קענען קאמפפען; עס איז אפילו אמת, אז איך בין ניט קיין גרויסער בריה אבער איך קען טאהן גראדע אזוי פיעל וויפיעל טויזענדער אנדערע און ווען אפילו איך בין פיזיש ניט גוט גענוג, קען איך א סך העלפען אין איין אנדער וועג, איך קען גוט דריי שפראכען, ענגליש, דייטש און פראנצויזיש זיי איבערצוזעטצען פון איינע אין די אנדערע.

—איך דענק אז אונזער רעגירונג וועט זיך שטארק נויטיגען אין דעם; און איך בין אימשטאנד א סך צו טאהן, קענט איהר מיר חעלפען קעפטיין פיליפס?

— עס טהוט מיר לייד, הערר הימעלבלוי וואס איך קען אייך אין אייער פאל ניט העלפען; נאך דעם געזעטץ נאך קען אייך אמעריקא ניט אננעהמען, מיר מוזען זיין פארזיכטיג אז מיר זאלען קיין שפיאנען ניט חאבען אין אונזער אייגענער מיטע, עס איז אמת אז איך און איהר וויסען אז איהר זייט געטריי און עהרליך צו אונזער לאנד און צו די אידעאלען פאר וועלכע מיר קעמפפען אבער די רעגירונג וויים דאס ניט און זי דארף קיין אונטערשייד ניט מאכען. מיין עצה צו אייך וואלט זיין אז איהר זאלט די גאנצע זאך פון קאפ ארויסשלאגין און איהר זאלט דערפון ניט מעהר טראכטען.

דער יונגער מאן האט זיך אויפגעשטעלט ווי צו געהן און ער האט געזאגט.

ניט מעהר דערפון טראכטען ניין קעפטיין? דאס ניט, מיין גאנצען לעבען האב איך געווארט אויף א געלעגענהייט אז איך זאל קענען קעמפפען פאר א לאנד וואס וועט מיר בעטראכטען אלס איהר קינד; דער מאמענט איז איצט געקומען און אמעריקא וויל מיר ניט, וועל איך געהן נאך קענעדע און זיך אנשליסען אין אן ענגלישען רעגימענט און איך וועל געהן קעמפפען פאר פאלעסטינא, ווען עס זאל אפילו נויטיג זיין אז איך זאל דארפען בייטען מיין נאמען און מיין געבורטס ארט, עס ארט מיר ניט ווי טהייער איך וועל מוזען באצאהלען, ווען איך זאל אפילו אין מיטען גאס דערשאסען ווערען אלס א שפיאן איך דאנק אייך זעהר קעפ־

טיין, פאר די צייט וואס איהר האט מיר געשאנקען, און די פריינדשאפט וואס איהר האט מיר געוויזען, אדיע.

הימעלבלוי האט אבשיעד גענומען און ער איז איועק. קעפטיין הערא‏לד איז געבליבען זיטצען אויף זיין ארט, און ער האט זיך פארטיעפט אין געדאנקען. אזא פאל קען זיך נאר טרעפען ביי אונז אידען. מיר זיינען מיט איין אמת א מערקווירדיגע פאלק, אין צייטען פון שלום און אין צייטען פון א מלחמה. איבעראל זיינען מיר פרעמדע און איבעראל קעמפפען מיר פאר די לאנד אין וועלכע מיר וואהנען. אהן אן אונטערשייד צי עס איז רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך ענגלאנד, פראנקרייך, פוילען אדער אמעריקא. מיר קעמפפען פאר אונזערע אונטערדריקער אזוי גוט ווי מיר קעמפפען פאר אונזערע וואהלטהעטער, פאר אונזערע שינאים ווי פאר אונזערע פריינד. ווען וועט די וועלט אונז פארשטעהן? ווען וועט זי אנהייבען אונז צו בעטראכטען אלס געוועהנליכע מענשען; ניט ערגער און ניט בעסער פאר אלע איבעריגע מענשען ?

ער האט זיך אויפגעכאפט פון זיינע געדאנקען און עליין איז לעבען איהם געשטאנען. און זי האט צו איהם געזאגט — גוט וואס איך האב דיר געפונען, איך וויל מיט דיר וואס רעדען, דו ווייסט ווי העלדיש און מוטהיג איך האב מיין גורל אריבערגעטראגין, איך האב אלע מיינע קרעפטען אנגעווענדעט צו טראגען מיין שיקזאל מיט געדולד, און בלייבען רוהיג, אבער מיינע קרעפטען און מיין ענערגיע זיינען אויסגעשעפט געווארען און איך קען דאס לענגער ניט דערטראגען. מיר שרעקט זיך די הארץ אז איין אונגליק האט זיך געטראפען צו מיין עדי, אז ער לעבט צווייפעל איך ניט, אבער וואו איז ער פארשוואונדען געווארען? וואו איז ער אהין געקומען? ווער ווייס! ווער ווייס? איך האב דיר געזאגט אז איך האב זיך נאכגעפרעגט פון דער ענגלישער רעגירונג און דעם ענטפער וואס איך האב באקומען איז אז עדי האט געקעמפפט אין באגדאד ביז דעם פופצעהנטען מארץ פון דיזען יאהר. דאס ער האט זיך אויך דארט אויסגעצייכענט און די ענגלישע רעגירונג האט איהם דערהויבען צו דעם ראנג פון א קארנעל און זי האט איהם געגעבען זעקס מאנאטען פורלוי, דער מיט האט זיך געענדיגט זיינע דריי יאהר דיענסט, באלד נאך דעם האט ער פארלאזען באגדאד און איז געפאהרען נאך פאריז, וואו ער איז אהין געקומען וואס מיט איהם האט פאסירט, ווייס די רעגירונג ניט, גיב מיר איין עצה הערהאלד וואס זאל איך אנהויבען צו טאן.

— שוועסטער, ווער קען דיר ראטהען וואס צו טאהן. אייער ליעבע האט זיך מיט אייך געשפיעלט ווי א קאטץ מיט א מויז, איך קען דיר נאר טרייסטען און זאגען דאס אין די דריי יאהר וואס עדי איז אוועק אין דער מלחמה האט ער דורך געמאכט גרויסע געפאהרען, ער איז דורך געגאנגען אלע זיבען טויערען פון גהינם און אלע פייערען און ער איז געבליבען אונבעריהרט, וועט איהם גאט געווים אויך ווייטער שיטצען. האב נאר קיין מורא ניט שוועסטער, פאס דיר מוטה און האב קו ראזש ווי דו האסט ביז אהער געהאט, פארליר ניט דיינע האפענונג. זי האט דיר ביז אהער ניט גענארט, דו האסט אלע אורזאכען צו זיין שטאלטץ מיט עדי; ער האט אונז באוויזען פון וועלכען מעטאל ער איז געשאפען, איך בין שטאלץ איהם צו האבען פאר מיין פריינד און איך וועל זיין מעהר שטאלץ ווען ער וועט ווערען מיין שוואגער.

—ווי קומט עס, הערא‏לד דאס מיר האבען קיין ווארט ניט ערהאלטען פון ראבינסאן? האט עליין געפרעגט, —ניט פון טאטען און ניט פון זוהן. אפשר וועט דער גרויסער נס קומען אויף איין מאהל; ווער ווייס? אפשר וועלען מיר הערען פון דעם טאטען און די מאמען דעם זוהן און די טאכטער.

העראלד איך וועל דיר א סוד פאר־טרויען אבער דו מוזט קיין ווארט ניט דערמאהנען צו די עלטערען; איך האב מיר אנגעשלאסען אין דעם "רעד קראס' און איך האף אז אין א קורצע צייט וועל איך אפפאהרען נאך פראנקרייך און פון דארטען צו א פעלד האספיטאל.

דעם אמת זאגענדיג האב איך דאס געטאהן צוליעב צוויי אורזאכען.

אלער ערשט האב איך געפיהלט אז די צייט איז געקומען דאס איך מוז באצאהלען מיין חוב צו אונזער לאנד. א נייע צייט קומט אין אונזער געזעל־שאפטליכען לעבען; די פרוי זוכט גלייכע בירגער רעכטע מיט די מענער, דע־ריבער מוז זי אויך צאהלען גלייכע ביי־שטייערונגען אויפצוהאלטען ד ע ם שטאאט. די צווייטע אורזאכע איז מיין ביינקען נאך עדי; איך קען דיר גאר ניט זאגען ווי אומעטיג עס איז מיר אין די לעצטע צייט געווארען אהן איהם און איך האף אז ווען איך וועל זיך אריין ווארפען אין קאמף און איך וועל זעהן טאג־טעגליך די טויזענדער קרבנות פון דער מלחמה וועל איך אפשר פארגעסען אן מיינע אייגענע צרות.

און אפשר וועל איך געפינען מיין עדי. דו מעגסט לאכען פון מיר, הער־אלד, אבער זאלסט וויסען דאס מיר פרויען בויען א סך אויף אונזערע גע־פיהלען. און מיר פארלאזען זיך אויף אונזער הארץ. און מיין הארץ זאגט מיר א ז ע ד י א י ז ע ר ג ע ץ ו ו א ו א י ן פ ר א נ ק ר י י ך אין א האספיטאל איך קען לייענען זיין נשמה ווי אין איין אפענעם בוך, איך וויים אז אזוי שנעל ווי עדי האט געלייענט דאס אמעריקא קומט אריין אין דער מלחמה האט ער זיך באשלאסען ניט צו געהן צוריק נאך אמעריקא ביז ער וועט באצאהלען זיין חוב צו זיין אייגען לאנד, און מיר זאגט די הארץ דאס מיט מיין פאהרען נאך פראנקרייך וועל איך איהם געפינען.

— דו וויסט עליין אז דו וועסט מיט זיך מיט נעהמען מיינע בעסטע ווינשע— האט העראלד געזאגט, — מיר איז אבער ארויף אויף מיינע גע־דאנקען אין דער צייט וואס דו האסט מיר מיט געטיילט פון דיינע פלענער וואס פאר א זאנדערבארע וועלט עס איז אין וועלכע מיר לעבען ווי יעדער מענש רעכענט, ארבייט און טהוט נאר וואס איהם אליין איז ליעב; דו האסט געמאכט דיינע פלענער איך האב געמאכט מיינע פלענער, און קיינער פון אונז האט זיך ניט אויף א מינוט אבגעשטעלט א טראכט צו טאהן וואס וועלען פאטער און מוטער זאגען? קיינער פון אונז האט זיי קיינע אויפ־מערקזאמקייט ניט געגעבען, ווי עלענד זיי וועלען דא בלייבען אהן אונז ביידען; וואס וועלען זיי טאהן אהן אונז? מיר ביידע זיינען אלעס וואס זיי פארמאגען און ביידע האבען מיר זיך בעשלאסען פון זיי אוועקצוגעהן ווייט ווייט פון אנדער זייט ים, און ווער ווייס אויב מיר וועלען זיך ווען צוריקקעהרען, מיין ניט אז איך זאג דיר מוסר, דער מוסר איז פאר מיר אזוי פיעל ווי פאר דיר עס איז א מוסר פאר אלע קינדער. אזוי האבען אונזערע עלטערען געטהאן אין זייער יוגענד, אזוי טהוען מיר און אזוי וועלען אונזערע קינדער טאהן.

אבער דערפאר ווייל עס איז אלוועלט־ליך מיינט עס ניט אז דאס איז רעכט. עס טהוט מיר וועה מיין הארץ ווען איך טראכט ווי עלענד פאטער און מוטער וועלען בלייבען.

— העראלד, דו האסט א טעות — האט עליין געזאגט. — ווען דו האסט ג ע ז א ג ט, אז מיר טראכטען גאר ניט וועגען זיי; גלויב מיר אז איך האב פארבראכט מעהר ווי איין שלאפלאזע נאכט, טראכ־טענדיג וועגען זיי, אבער וואס קען מיין טראכטען העלפען, נאך אלעמען איז עס ווי דו האסט געזאגט, אזוי איז דער שטייגער פון דער וועלט און אזוי וועט עס אייביג זיין. מיר מוזען זיך בויגען

פאר דעם אורטייל פון א גרעסערע מאכט; עס איז צייט זיך אנצוהויבען צו קליידען און פאהרען צום באנקעט.

די צוויי קינדער וועלכע האבען קיי־נע סודות ניט געהאט איינע פון דיא אנדערע, האבען זיך אויפגעהויבען און זיינען געגאנגען אין הויז, זיי האבען געפונען פאטער און מוטער האלטענדיג אן ערנסטען געשפרעך. דעם אינהאלט האבען זיי קיין מאהל ניט אויסגעפונען ווי עס האט אויסגעוויזען זיינען זיי אונטערבראכען געווארען אין זייער גע־שפרעך ווען די קינדער זיינען אריין גע־קומען. אבער ביידענס אויגען זיינען גע־ווען נאס און זיי האבען ניט געהאט גענוג צייט זיי אבצוטריקענען. די קינ־דער האבען פארשטאנען וועגען וואס די עלטערן האבען גערעדט. עליין האט זיך אריין געווארפען אין איהר פאטערס שויס און האט מיט איהרע ביידע הענד ארום גענומען זיין האלז און זי האט צו איהם גערעדט ווי זי פלעגט צו אים רעדען ווען זי איז אלט געווען פיער יאהר.

— פאפא איז שוין ווידער געווען אונגעהארכזאם. ער האט מיר לעצטע וואך צוגעזאגט אז ער וועט מעהר ניט וויינען, און איצט האב איך איהם אליין געהאפט וויינענדיג. ווען איך זעה דיר וויינענדיג ווערט מיין הארץ אין מיר צובראכען, און דו ווייסט ווי טיעף זי איז פארוואונדעט אהן דיין וויינען. דו ווילסט מיר ניט אנטאהן קיין שמערצען. דו מוזט מיר נאך אמאהל צו זאגען אז דו וועסט ניט וויינען ביז העראלד וועט אפפאהרען נאך אייראפא.

אלעקסאנדער פיליפס האט איהר שטארקט געדריקט צו זיין בוזעם און זיי האבען זיך ביידע געשפיעלט ווי צוויי קליינע קינדער.

הערא לד האט גענומען די מוטער אין זיינע ארעמס, זיי האבען זיך ביידע גע־זעצט אויף א זאפא און ער האט צו איר געזאגט.

— מוטער דו געדענקסט ווען דו האסט מיר צום ערשטען מאהל געבראכט אין באסטאן צו מאדאם האפמאנס פריוואט שוהלע און איך האב אנגעהוי־בען צו וויינען, איך האב געזאגט אז איך וויל פאהרען צוריק אהיים צו עליין, מא־דאם האפמאן האט מיר פארשעהמט, זי האט מיר געזאגט אז עס פאסט ניט פאר אזא גרויסען אינגעל צו וויינען; פון דאמאלס אן האב איך קיין מאהל ניט געוויינט. און דו א פרוי מיט דיי־נע ערפאהרונגען און פון דיין ראנג, וויינסטו ווי א קליין קינד, און פארוואס דו ווייסט אליין ניט; מיט אן אמת וואלסטו זיך גאר געדארפט פרעהען, ביי דיר דארף היינט זיין א גרויסע שמחה אנשטאט צו וויינען.

— דו ווייסט מוטער אז איך האב קיין מאהל ניט געזוכט קיין כבוד אבער איך מוז זיך פאר דיר היינט מודה זיין אז דיזער באנקעט וואס מיינע פריינד גיבען היינט פאר מיר, גיט מיר א סך פארגעניגען. ערשטענס דערפאר וואס איך ווייס אז דו און דער פאטער פיה־לען זיך אזוי שטאלץ דער מיט, און צווייטענס פיהלט זיך עפעס אזוי גוט ווען א מענש געפינט אויס אז זיינע ארבייט זיינען ניט ארויסגעווארפען אז עס זיינען דא מענשען וואס פארשטעהן און שעטצען דאס וואס א מענש טהוט פאר זיינע נעבען מענשען. שיללער האט רעכט געהאט ווען ער האט געזאגט:

„ווען גוטע רעדען זי באגלייטען"
פליסט די ארבייט מונטער פארט"

—איך האב שווער געארבייט פאר אונזערע אונגליקליכע שטאמס גענאסען אין די מלחמה לענדער, איך האב קיין אנדער שכר ניט ערווארטעט ווי די וואס דער געוויסען גיט אונז. ווען מיר ווייסען אז מיר האבען וואס גוטעס אויפ געטאן אבער איצט ווען מיינע חברים ווייזען מיר ארוים דיעזען צייכען פון פריינדשאפט פיהל איך מיר אלס דער גליקליכסטער מענש אין מינעאפאליס, איך וויל דיר פארטרויעז א סוד.

מיינע פריינד האבען איינעלאדען מר. יאזעף פריימאן צו קומען צום באנקעט.

הערצל האט די ווערטער גערעדט צו זיין מוטער מיט דעם אבזיכט איהר צו בארוהיגען און ער האט ערייכט זיין ציעל, עוועלין האט באלד אן אלעם פארגעסען און זי איז געווארען פריילין און לוסטיג. היינט ווערט געגעבען א באנקעט פאר איהר הערצל, טעלעגראמען זיינען אנגעקומען פון אלע טיילען פון לאנד און א פאאר אויך פון אויסלאנד, צוויי פערזאנען קומען אהער פון שיקאגא לכבוד דעם באנקעט, זי האט אפילו אין דעם מאמענט מוחל געווען אז עס איז א ציוניסטישער באנקעט.

מיט א שעה שפעטער זיינען געבראכט געווארען פון וואקזאל אין הערצלס מאשין מאדאם און דוד פרומקין, זיי האבען זיך אלע פארטיג געמאכט און אום זיבען אזייגער זיינען זיי אלע געווען אין דעם גרויסען באנקעט זאל פון אטלעטיק קלוב. וואו רודאלף ראבינסאן האט מיט דריי יאהר צוריק געהאלטען דעם פארטראג איבער דאקטאר הערצל.

אויב עוועלין פיליפס איז שטאלץ געווען ניט ווייסענדיג גענוי וואס עס וועט פארקומען ביי דעם באנקעט, האט זי זיך ווירקליך געפיהלט פאר דער גליקליכסטער מוטער ווען זי איז אין זאאל אנגעקומען. עס האט זיך מיט אן אמת איינגעגעבען איבער אלע ערווארטונגען.

הגם דער באנקעט איז געווען ארגאניזירט פון ציוניסטען, האט מאדאם פיליפס דארטען געטראפען כמעט אלע איהרע באקאנטע פון איהרע אייגענע סאציאלע קרייזען. דאקטאר אנדערסאן איז געזעסען אויבען אן צווישען הערצל און מאדאם פרומקין.

די רעווערענדס מארטימער און דזשאהנסאן האבען דארטען אפילו ניט געפעהלט; די גרויסע בעאמטע פון דעם שטאאט מינעסאטא און פון די צוויי שטעדט מינאפאליס און סאינט פויל זיינען דארטען געווען. דאקטאר ריינהארט איז דארטען געווען דער פארזיצענדער פון אווענט, א קווארטעט האבען געשפיעלט, ערשט די הימנע צו פרייהייט "מיין לאנד עס איז פון דיר" און באלד נאכדעם האבען זיי געשפילט די "התקוה" (אונזער האפענונג).

דארטען זיינען געווען אנוועזענד ארום דריי הונדערט געסט, און זיי האבען רעפרעזענטירט די פארשידענע עלעמענטען פון די בעפעלקערשאפט פון די צוויי שטעדט.

איידער די רעדעס האבען זיך אנגעהויבען האט דאקטאר ריינהארט געלייענט די פאלגענדע טעלעגראמע.

— עס פערדריסט מיר שטארק וואס איך קען ניט זיין מיט אייך צו טאהן עהרע מיין טייערען פריינד הערצל פיליפס. זיינע ארבייט פאר אונזער אידעאל קען ניט אבגעשאצט ווערען. הגם מיר וועלען האבען א גרויסען פארלוסט מיט זיין אריין טרעטען אין דער מלחמה איז אבער פאר אונז א טרייסט דאס עס איז א געווינס פאר דער געזאמטער מענשהייט. איך בין זיכער אז ער וועט קעמפפען און זיעגען; אין זיינע אדערען שטראמט דער בלוט פון די אלטע מאקאבייער און ער איז אנגעפילט מיט דעם העכסטען אידעאליזמוס פון אונזער לאנד, אמעריקא; אזא צוזאמען שמעלצינג מאכט איהם גרויס און שטארק. און עס מוז ברענגען דעם זיעג אויף אונזער זייט.

יאזעף ר. פריימאן.

דער נעכסטער פריה מארגען האבען די צייטונגען פון דיביידע שטעדט דערצעהלט די איינצעלהייטען פון דעם גרויסען באנקעט און זיי האבען געדרוקט בוכשטעבליך די רעדעס פון דאקטאר אנדערסאן, פרומקין און הערצל. אלע דריי האבען שטארק באטאנט די אידישע ראלע אין דער וועלט מלחמה.

מיט צוויי טעג שפעטער האבען די פרומקינס פארלאזען מינעאפאליס, זיך צוריקקעהרען אהיים, זיי האבען אבער מיט גענומען מיט זיך עליין און הערלד. מאדאם פיליפס איז געווארען בארוהיגט. דער באנקעט האט איהר אריין געבלאזען א נייע נשמה, און אפילו אלעקסאנדער איז איצט געווען געטרייסט און ער האט געהאלטען זיין צוזאג צו עליין ניט מעהר צו וויינען.

ווען עליין איז אנגעקומען נאך שיקאגא מיט איהר ברודער איז ער באלד אפגעפאהרען נאך קעמפ גרענט, וועהרענד זי איז אפגעפאהרען צו דעם אפארטמענט פון מאריא לאשין. ווערא איז איצט אלט געווען כמעט אכצעהן יאהר און זי האט אנגעהויבען צושפילען די ראלע פון א יונגע דאמע, און ווי עס איז דער נאטור פון מיידלאך אין איהר עלטער זוכען זיי די געזעלשאפט פון אזעלכע וואס זיינען עלטער פון זיי, דעריבער האט זי זיך געפיהלט העכסט גליקליך מיט דעם אנקומען פון עליין.

אויסער דעם האט עליין אלע מאהל פארנומען ביי איהר דעם פלאץ פון פיליציא, פון וועמען זי האט אלע מאהל געטראכט ווי פון א שוועסטער, אבער הויפטזעכליך האט זי זיך געפילט גליקליך מיט עליינס אנקומען, דערפאר וואס זי האט זיך שטארק גענויטיגט אין געזעלשאפט.

ביז אהער האט איהר מוטער אויסגעפילט דיזען פארלאנג אין וויעראס יונגען לעבען אבער פאר די לעצטע עטליכע מאנאט איז מאריא געווען אין א שטימונג וואס איז ניט געווען איהר וואס מקנא צו זיין, איהרע געדאנקען זיינען געווען פארנומען מיט מארגענשטערען, וואס איז פון איהם געווארען? וואו איז ער נעלם געווארען? זי האט געוואוסט אז ווען די מלחמה האט אויסגעבראכען איז ער געווען אין ברוסעלס וואו ער איז געווען אנגעשטעלט אלס אינזשעניער אין עטליכע גרויסע אונטערנעהמונגען.

זי האט אויך געוואוסט ווי שטארק זיין ליעבע צו איהר איז געווען. און צו דער זעלבער צייט ווי האפנונגסלאז זי איז געווען, אין אזא נאטור ווי זיינער וועט עס איהם געוויס טרייבען צו א פארצווייפלונג. און ער וועט זיך ווערלען אין גאנצען באפרייען פון זיין טרויעריגען לעבען, און וואס קען געבען א בעסערע געלעגענהייט פאר אזא חשק ווי די מלחמה.

דיזע געדאנקען האבען איהר ניט אויפגעהערט צו מאטערען סיי טאג און ביי נאכט. איהרע זארג וועגען העלענא און פיליציא האבען איהר טרויער נאך גרעסער געמאכט; און צו אלעם דעם האט נאך מעדאף א סך בייגעשטייערט צו פארמיאוסען איהר לעבען מיט זיינע פארפאלגונגען.

מעדאף, ווי ער האט געזאגט ראבינסאן איז ניט געווען פון די יעניגע וואס לאזט זיך לייכט אפזאגין, ער האט איהר נאכגעפאלגט אויף יעדען שריט און טריט, און פון דער צייט וואס ראבינסאן איז אוועק געפאהרען האט ער אנגעהויבען צו ווערען איין אפטער באזוכער פון מאריאס אפארטמענט, און זי האט ניט געקענט קיין מיטעל געפינען ווי אזוי פון איהם פטור צוווערען, און דאס האט פיעל געהאלפען איהר צו מאכען אינרוהיג און נערוועז, און אזוי האט זי זיך ניט געקענט אפגעבען צו איהר טאכטערס געזעלשאפט.

דעם ערשטען אווענד וואס עליין האט פארבראכט אין שיקאגא, איז זי און וויערא געגאנגען באזוכען א ”מוהוי” אין דער נאכבערשאפט. מאריא איז געבליבען אליין אין דער היים, זי האט געהאט א פאר בריעף צו שרייבען, די טהיר גלאק האט געקלונגען, זי האט די טיהר געעפענט און מעדאף איז פאר איהר געשטאנען, זי איז אויף א מינוט געבליבען אין א פארצווייפלונג וואס זי זאל טאהן, אבער איידער זי האט צייט געהאט זיך צו באשליסען איז מעדאף

אין הויז געווען.

—איך האב מיט דיר וועגן וואס וויכטיגעס צו רעדן — האט ער מיט האסט געזאגט; איך האב דערהאלטען נייעס פון רוסלאנד, די קערענסקי רעגירונג איז געפאלען און די אמת'ע רעוואלוציאן האט זיך אנגעפאנגען איך מוז דאריבער באלד אבפאהרען נאך קאליפארני, פון דארטען וועל איך נעהמען א שיף נאך כינא און פון כינא וועל איך דורך סיביר פאהרען נאך רוסלאנד. איך בין דעריבער צו דיר געקומען אים דיין געזעצליכער מאן פון דיר צו פאדערען אז דו זאלסט מיט מיר אהיים פאהרען.

—און וואס וועט זיין אז ניט—האט מאריא שטאלץ געפרעגט.

—אז ניט, וועסטו געהן מיט געוואלד. צו דו וועסט וועלען אדער ניט, האט מעדאף געזאגט.

—דיין פאנטאזיע ארבייט א ביסעל צו שנעל — האט מאריא געזאגט, דו מיינסט אז דו ביסט אין רוסלאנד און אז עס איז שוין נאך דער רעוואלוציאן און אז דו ביסט דער צאר, צום גליק אבער זיינען מיר איז אמעריקא און אין דער גרויסער שטאדט שיקאגא וואו עס געפינען זיך מיליאנען מענשען און צווישען זיי זיינען פעראנען טויזענדער פאליציי, וועלכע ווארטען נאר אויף אן אויסרוף דורכ'ן פענסטער אדער איין קלונג אויפ'ן טעלעפאן. דעריביר איז מיין עצה, אז דו זאלסט די מינוט מיין הויז פארלאזען. מיט דיינע אייגענע פיס. און אז ניט וועט מען דיר פון דאנען ארויסטראגען און דו וועסט נאך אפשר פארזאמען די שיף פון קאליפארניא וואס דארף דיר נעהמען נאך כינא.

מעדאף האט זיך באלד ארום געזעהן אז ער האט געמאכט א פעהלער, אז מאריא איז ניט אזא פערזאן וואס וועט זיך פאר וואס עס איז דערשרעקען. ער האט זיך דערמאהנט אז זי אליין האט געלערנט אין א שוהל א סך פריהער פון איהם וואו אפילו דער טויט שרעקט זיי ניט. ער האט געענדערט זיין באנעהמען און ער האט אנגעהויבען אין א ווייכען טאן:

—מאריא, צו וואס זאלען מיר זיך שפיעלען? זעהסטו ניט ווי איך ליעב דיר? זעהסטו ניט אז אפילו איצט ווען דער וויכטיגסטער מאמענט אין אונזער לעבען איז געקומען, ווען מיר שטעהען אויף דעם שוועל פון א גרויסע רעוואלוציאן און מיינע קאמעראדען נויטיגען זיך אין מיר, אפילו איצט בין איך ניט אימשטאנד צו פארלאזען אמעריקא אהן דיר. קום מיט מיר מאריא, און אויב ווי דו זאגסט אז איך וועל זיין דער צאר, וועסטו זיין די צארינא. קום מאריא, נעהם דיין טאכטער און זאלען מיר אלע דריי פאהרען נאך רוסלאנד, דו וועסט זיין מיינע אויף אימער און אייביג, איך וועל דיר ליעבען ווי קיין פרוי איז נאך ניט געליעבט געווארען.

—דו וועסט רעגירען רוסלאנד דורך מיר, און איך וועל נאר זיין דיין שקלאף. מאריא דו האסט מיט אונז געקעמפפט אין דער גרויסער בעוועגונג וואס האט מעגליך געמאכט די גרויסע רעוואלוציאן, מיר דארפען דיר איצט, דו ביסט בראוו, דו ביסט קלוג, דו קענסט בעוועגען הערצער. מיר אלע נויטיגען זיך אין דיר, אדער אין אזעלכע ווי דו ביסט, פארלאז אונז ניט אין דעם איצטיגען מאמענט. גיב מיר דיין ווארט און דו וועסט אריין פאהרען אין רוסלאנד ווי א מאדערנע קליאפאטריא. מען וועט דיר עמפפאנגען מיט פויקען און מוזיק, קום מיט מיר מאריא.

מעדאף האט גערעדט מיט ווארעמקייט, גרויסע טראפענס שוויס זיינען איהם געשטאנען אויפן שטערן ער איז געווען אויפגערעגט, אבער ווען ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האט א קוק געטהון אויף מאריא. ווי זי איז געשטאנען שטאלצער ווי די צארינא, מעהר ענטשלאסען ווי קליאפאטריא און ווי א סאטירישער שמייכעל האט זיך געשפיעלט אויף איהרע ליפען, האט זיך

דער שוויס אויפן שטערן אנגעהויבען אפצוקיהלען, און זיין לעצטער ווארט "מאריא" איז ווי געבליבען שטעקען אין זיין האלז, עס איז געקומען איהר צייט איהם צו ענטפערען, און זי האט דאס געטהאן מיט געשיקטקייט, זי האט צו איהם געזאגט מיט א נידעריגען אבער איינדרוקספאלען טאן.

—מעדאף מעדאף—דו האסט א גרויסע פעולה געטהאן דו רעדסט ניט שלעכט און ביסט געווארען א גרויסער אגיטאטאר, דאס האב איך שוין לאנג אויסגעפונען, אבער מיט אלע דיינע קענטעניסע און דיינע אראטארישע קונצשטיק קענסטו אויף מיר קיין ווירקונג ניט מאכען, איך קען דיר זעהן פיעל בעסער ווי דו זעהסט זיך אליין, דורך און דורך. איך פיהל יעדען פאלשען טאן אין דיין שפראך, איך קען לייענען אין דיינע אויגען יעדען ליגען וואס דו זאגסט. און וואס איז אמערגסטען, עס לאזט זיך לייכט באמערקען ווי גוט דו קענסט דיין לעקציאן, נאר גאט אליין ווייס וויפיעל מאהל דו האסט איהם שוין איבערגעזאגט צו אנדערע פרויען וועמעס אויגען און אויערן זיינען געווען ניט אזוי קלאר ווי מיינע. טהו מיר די טובה און פארלאז מיר, כדי איך זאל ניט דארפען מאכען קיין סקאנדאלען און רופען פאר הילפע.

מעדאף האט געמאכט א באוועגונג איהר צו נעהמען אין זיינע ארעמס אבער אין דער זעלבער מינוט האט די טהיר גלאק געקלונגען. מאריא האט הערלאנגט מעדאף זיין הוט און שטאק און האט געעפענט די טהיר ארויסצולאזען מעדאף און אריין צולאזען קעפטיין הערלד פיליפס; ער איז געווען אנגעטאהן אין זיין נייעם מונדיר און ווען מעדאף איז איהם פארביי געגאנגען האט ער זיך פאר איהם פארנייגט.

הערלד האט געגריסט מאריא לאשין און האט זיך צוגעזעצט אויף א שטוהל און האט געלאזט זיין קאפ זינקען צו דער ערד ווי ער וואלט וואס עס איז געזוכט. מיט איין אמת האט ער געוואלט בעהאלטען פון מאריא זיין בלייכעס געזיכט, און זיין גרויסע אויפרעגונג. ער האט זיך אנגעשטריינגט און מיט א קלאהרע שטימע האט ער געפרעגט, וואו עליין איז; ווערענד אלעס אין איהם האט געציטערט.

—מאריא האט דערקענט אז ער איז אונרוהיג און שטארק אויפגערעגט און זי האט פארשטאנען אז עס האט וואס עס איז געטראפען און זי האט איהם געפרעגט:

— קעפטיין פיליפס, זאגט מיר איך בעט אייך וואס האט זיך געטראפען ?

—זעהר טרויעריגע נייעס, מאדאם לאשין, — האט הערלד געענטפערט , —איך האב דערהאלטען א דראטלאזע דעפעשע דאס אונזער פריינד רודאלף ראבינסאן איז גאנץ קראנק. ער ליגט אין א האספיטאל אין ברעסט. ער איז קראנק געווארען אויפן שיף פאהרענדיג נאך פראנקרייך וואו ער האט געזאלט עפענען צימערען פאר די אידישע סאלדאטען צו פארברענגען זייער צייט און זיך צו אמוזירען אין זייערע פרייע שטונדען.

די טעלעגראמע איז מיר געשיקט געווארען פון זיין סעקרעטאר און ער זאגט דאס ראבינסאן האט זיך פארקיהלט אויפן שיף און עס האט זיך ענטוויקעלט איין לונג ענטצינדונג. ער איז דארטען עלענד און איינער אליין; די אומשטענדען אונטער וועלכע ער געפינט זיך זיינען ניט אם בעסטען. קיינע ריכטיגע דאקטוירים מיט ערפאהרונגען האבען זיי דארטען ניט, זיי זיינען מעהרסטענס יונגע לייט וואס די רעגירונג האט ארויס גענומען פון מעדיצינישע פאקולטעטען. קיינע נוירסעס האבען זיי דארטען אויך ניט. איך ווייס ניט וואס אנהייבען צו טאהן. מיר טארען איהם ניט פארלאזען, מיר מוזען איהם העלפען ראטעווען.

—איך בין עקסטרא אהער געקומען מיט אייך ביידען זיך מישב זיין.

וויפיעל אזייגער דענקט איהר, וועט עליין זיין צוריק?

— זיי דארפען באלד צוריק קומען, האט מאריא געזאגט, — ארעמער ראבינסאן, אזא איידעלע נשמה, אזא גוטער מענש אין זיין גאנץ לעבען האט ער גאר געליטען, נור געהאט צרות און פיין. מיר געפעהלט עפּעס נישט די גאנצע וועלט ארדענונג, עפּעס איז אלעם היפּוך אלעם פארקעהרט, דער איידעלער און גוטער האלט גאר אין איין ליידען וועהרענד די שלעכטע און פארדארבענע לעבען אין גליק.

עליין און וויערא זיינען אריין געקומען, הערא̇לד האט ארויסגענומען די טעלעגראמע פון זיין קעשענע און האט עס איבערגעגעבען צו עליין, זי האט עס דורך געלייענט איהר פנים איז בלייך געווארען און איהרע ליפּען האבען געציטערט, זי האט די טעלעגראמע א לאנגע צייט געהאלטען אין איהרע הענד, און האט קיין ווארט נישט געזאגט, עס איז אבער געוועזן צו דערקענען דאס איהרע געדאנקען האבען געארבייט, ענדליך האט זי זיך געווענדעט צו הערא̇לד מיט די פאלגענדע ווערטער:

— הערא̇לד באשטעל א קאבין פאר מיר אויף די ערשטע שיף וואס פאהרט נאך פראנקרייך, איך וועל ארראנזשירען מיט דעם דעפּארטמענט צו פאהרען אזוי שנעל ווי מעגליך, און ווען די צייט וועט קומען פאר מיר אריין צו טרעטען אין דיענסט וועל איך עס קענען טאהן פון ברעסט, איך בין זיכער אז איך וועל עס קענען דורך פיהרען אהן מיהע, איך מוז פאהרען צו איהם און זיין ביי זיין זייט, אונגליקליכער ראבינסאן. זינט זיין פרוי, זיין טאכטער אדער זיין זוהן קענען נישט זיין ביי זיין קראנקען בעט, דאן מוז זי, וואס האט געהאפט צו זיין א מאל זיין טאכטער, לויפען צו איהם און איהם א טרייסט ברענגען אין א צייט ווען ער מוז זיך אזוי שטארק נויטיגען אין טרייסט,— אזוי וואלט געוועזן דער וואונש פון עדי.

—עליין איך בין שטאלץ דיר צו האבען פאר מיין שוועסטער — האט הערא̇לד געזאגט, ער האט זיך אויפגעהויבען פון דעם שטוהל און איז צו איהר צוגעגאנגען, ער האט גענומען איהרע ביידע הענד אין זיינע און מיט ברידערליכע ליעבע האט ער איהר אריין געקוקט אין די אויגען און ער האט פארטגעזעצט —

— פון אזא פרוי ווי דו ביסט האט אלע מאהל מיין פאנטאזיע געחלומט. און אויב איך וועל אמאהל בעגעגענען אין איינע, דיינע אייגענשאפטען וועל איך דאן ווערען א קרבן פון דער ליעבע און דו וועסט האבען דיין לאנג ערווארטעטע נקמה.

—איך האב שטארק פיינט די היינטמאדישע מענליכע פרוי וואס האט קיינע געפיהלען נישט און זי זוכט צו דערשטיקען איהר סענטימענטען דערפאר וואס זי שעהמט זיך מיט זיי; און איך האס אויך די וואס זיינען אין גאנצען הארץ און זיי פעהלט קאפּ, אין גאנצען געפיהל, און ארעם אין געדאנקען, דו שוועסטער, פאראייניגסט ביידע, הארץ און קאפּ; ריינע הייליגע געפיהלען מיט אן אומפאסענדען הויכען פערשטאנד.

—דו טהוסט גראדע ווי עס פּאסט זיך פאר די געליעבטע פון קארנעל עדי ווארנער, דער פיעלפאכער העלד; איך וועל טאהן וואס דו ווינשט, און מיין ברכה פאר דיר איז אז דו זאלסט געזונד מאכען דעם טאטען און געפינען דעם זוהן, א גוטע נאכט שוועסטער, גוט נאכט אייך אלעמען — ער האט געדרייכט די הענד פון וויערא און מאריא און האט די הויז פארלאזען.

מאריא האט זיך צו געקוקט צו דער סצענע פון שוועסטער און ברודער און זי האט געטראכט פון עדי און דעם גרויסען גליק וואס איהם ערווארטעט, זי האט איהם קיין מאהל נישט געזעהן נאר אין איהר כח הדמיון האט זי זיך פארגעשטעלט אז ער מוז זיין א זעלטענער יונגער מאן ווען אזא ליעבענס

ווירדיגע קינד ווי עליין איז אין איהם אזוי שטארק פארליבט. איהרע געדאנקען האבען צוריק געוואנדערט צו העראלד, און זי האט געטראכט ווי ריין און אמת ער איז, ווי פריי ער איז פון די קאנווענציאנעלע פאלשקייטען.

עס איז אין איהם ניטא קיין פאל־שער טאן, ווי ער וואלט געוועזן פון אן אנדער וועלט.

ער איז אן אמתער בעל חלום, איי־נער פון יענע וואס זאנגוויל האט בא־שריבען אין זיינע "בעלי חלומות פון דער געהעטא", זי האט זיך צוגעהערט צו זיין אידעאל פון א פרוי וואס ער וואלט וועלען געפינען, און זי אליין האט ניט געוואוסט פארוואס און ווי אזוי זי האט פלוצלינג א טראכטגעטאן פון פיליציא לאוויטע.

דעם נעקסטען מארגען איז עליין געגאנגען צו דעם אפיס פון "רעד־קראס" דורך צופיהרען איהר פלאן און צו מא־כען פארבערייטונגען פאר איהר ריי־זע. נאך צוויי שטונדען ארבייט האט זי געהאט אלעס דורכגעפיהרט און אלע נויטיגע שריפטען וואס זי האט געדארפט האבען. קומענדיג אהיים האט זי געפונען אן אנווייזונג אויף א ערש־טע קלאסע קאבין אויף דער פראנצוי־זישער שיף "נאפאלעאן באנאפארט", וואס הערלד האט פאר איהר בא־זארגט. זי האט אנגעשריבען א טעלעג־ראמע צו איהרע עלטערן.

— איך מוז פאהרען נאך פראנקרייך איך פערלאז שיקאגא אין דריי טעג, און וועל זעגלען פון ניו יארק אין זעקס טעג. איך בין שטארק גערן אייך צו זעהן פאר מיין אפפאהרען אויב מעגליך קומט נאך שיקאגא. עליין.

דעם נעכסטען מארגען האט מאריא לאשין ערהאלטען צוויי געסט אין איהר אפארטמענט, אלעקסאנדער און וועוו־לין פיליפס, די סצענע ווען עלטערען און טאכטער האבען זי געטראפען איז געוועזן ריהרענד, אבער ווען אלעקסאנ־דער פיליפס האט גענומען עליין אין זיינע ארעמס ווי זי וואלט געוועזן די קליינע שווארצקאפיגע, שטיפערישע צעהן יעהריגע מיידעלע און ער האט אנגעהויבען צו איהר צו רעדען, איז עס געוועזן הארצרייסענד, ער האט גערעדט אין ניט א הויכען טאן אבער מען האט באמערקט דאס אינווייניג פון זיין פאר־טערם הארץ האט עס געברויזט און גע־שטורעמט ווי די כוואליעס פון ים.'

— ווי שנעל די יאהרען פליהען, ווי לאנג איז עס ווען דו ביסט געוועזן קליין? און דו פלעגסט זיך אזוי טולען צו דיין טאטען, דו פלעגסט איהם אזוי שטארק ליעבען צערטלען און גלעטען, און אט איצט איז מיין קליינע עליין געווארען א גרויסע שטאלצע דאמע, איהרע קליי נע פליגעלאך זיינען אויסגעוואקסען, און זי הויבט זיך אויף און פליהט ווייט ווייט אוועק, פון איהר טאטען מאמען און איהר היים.

— איך ווייס מיין קינד, אז דיין הארץ איז צו בראכען אז דו טראגסט א שווערע וואונד. און איך וויל דיר ניט ערגער מאכען, אבער ווי לאנגזאם וועלען זיך ציהען די טעג און די נעכט וואס וועלען אונז האלטען צושיידעט. איך וועל פון דיר טראכטען אויפן וואהר און איך וועל חלומ'ען פון דיר אין מיין שלאף. וויין ניט מיין קינד, איך מאך דיר ניט קיינע פארווירפע, און דו האסט ניט פארוואס זיך צו פאר־ענטפערען.

זיי וויסען מיין קינד, דאס איך בין היינט אזוי שטאלץ מיט דיר ווי איך בין געוועזן שטאלץ מיט הערלד, מיט דריי יאהר צוריק ווען ער האט זיך אין געגענווארט פו ן ראבינסאן דער־קלעהרט פאר א ציוניסט.

— דיין פאהרען אין ברעסט איז אזא איידעלע טהאט; דו פאהרסט רא־טעווען דעם לעבען פון א מענשען, און נאך וואס פאר א מענשען? פראפעסאר רודאלף ראבינסאן! איך בין דיר מקנא און ווען עס וואלט ניט געוועזן מיין ער־שטע און היילגסטע פליכט צו בלייבען

בּיי דער זייט פון דיין מוטער, וועלכע נויטיגט זיך איצט אַזוי שטאַרק אין מיר, וואָלט איך מיט דיר מיטגעפּאה־רען אום צו קענען וואָס טאָהן פאַר מיין טייערסטען פריינד ראַבינסאָן. אָבער איך מוז דאָ בּלייבּען מיט עווע־לין, זאָל איהם גאָט שיקען אַ גוטע רפואה דורך דיר מיין קינד. אָבער איך בּעט דיר שפּאָר ניט קיין געלד און זשאַלעווע קיין זאַך ניט איהם צוריק צו בּרענגען צו אונז.

—אויסער דעם וואָס ער איז מיין פריינד איז ער אויך עדי'ס פאַטער; איך וועל בּעזאָרגען אַז דו זאָלסט קע־נען שרייבּען דיינע אַנווייזונגען אויף אַ בּאַנק אין פּאַריז. זעה נאָר אַז ער זאָל האָבּען אַלעס פון די בּעסטע, און איך מיט די מוטער וועלען בּעטען גאָט פאַר אייך בּיידע. וואונדערבּאַר וואָס די מלחמה האָט אויפגעטאָן אין דער מאָ־דערנער וועלט, זי האָט ווייכער געמאַכט אונזערע הערצער און האָט אין אונז אריין געגעבּען נייע נשמות, זאָל גאָט געבּען אַז ראַבּינסאָן זאָל געזונד ווערען און דיין וואונד זאָל אויסגעהיילט ווע־רען.

22טער קאפיטעל.

פיליציא האט געהאט גרויסע פע־היגקייטען צו אלץ וואס זי האט זיך נאר גענומען, פון דער נאטור אויס איז זי געווען א לוסטיגע קינד און פריינד־ליך צו אלעמען. און שטארק איבערגע־בען צו איהרע ארבייט. דאס האט איהר באליעבט געמאכט ביי אלעמען מיט וועמען זי איז אין בעריהרונג געקומען, די פאציענטען אין האספיטאל: וועמעס גורל עס איז געפאלען צו זיין אונטער איהר חשגחה האבען זיך געפיהלט גליק־ליך. די דאקטוירים און די אפיסערס פון דעם גענעראל סטאף פון די רעגי־מענטען וואס זיינען געווען אין דער נאכבערשאפט האבען געוואוסט ווער זי איז איז, און מעהרערע פון זיי האבען איהר געזעהן אויף דער ביהנע און דעריבער האבען זיי אלע געהאט דיא גרעסטע אכטונג און רעספעקט פאר איהר.

אין אנהויב פון פריהלינג אין 1918 האט העלענא דערהאלטען דעם פאל־גענדען בריעף פון איהר טאכטער.

— בעסטע און טהייערסטע מוטער:

— ארום גערינגעלט פון טויט און אלערליי וואונדען און שמערצען איז עס כמעט א זינד צו טראכטען וועגען זיך אליין, אבער איך מוז זיך אויף א ווייל אבשטעלען און דיר מיין ליעבע מוטער אנצוזאגען פון דעם גרויסען גליק וואס מיר האט געטראפען. נעכטען שפעט ביינאכט האט מען מיר אנגע־זאגט אז איך זאל זיך היינט פריה מעלדען אין דעם אפיס פון גענעראל ק. איך האב קיין באגריף ניט געהאט וועל־גען וואס דער גענעראל וויל מיר זעהן, און איך מוז מודה זיין אז איך האב זיך א ביסעל דערשראקען, דו פארשטעהסט אליין אז די אלע ערפאהרונגען וואס איך לעב דא דורך זיינען גאנץ נייע אין מיין לעבען. היינט אין דער פריה האב איך מיר געפאסט מוטה און איך בין אוועק צו דעם אפיס פון גענעראל ק.

איך האב אריין געשיקט מיין נאמען און באלד דארויף בין איך אריין גע־פיהרט געווארען אין זיין פריוואט אפיס ער האט מיר העכסט פריינדליך עמ־פאנגען, ער האט מיר איינגעלאדען צו זיטצען, און ער האט מיר געפרעגט אויב איך פיהל מיר צופרידען מיט די באדינגונגען און אומשטענדען.

ענדליך האט ער אויפגעהויבען זיי־נע אלטע פריינדליכע אויגען און ער האט אויף מיר געקוקט און ער האט געזאגט:

— מאדמאזיעללע לאוויטע, וואלט איהר וועלען מאכען א רייזע נאך אמע־ריקא?״

— דו קענסט זיך פארשטעלען ווי איבערראשט איך בין געווארען צו הע־רען אזא פראגע; ער האט מיר אין קור־צען דערצעהלט דאס אמעריקא פיהרט אן א קאמפיין פאר דעם ״רעד־קראס״ פראפאגאנדא איז נויטיג, אונזער רע־גירונג איז בערייט צו העלפען אין די פראפאגאנדא, און זי וועט שיקען א קא־מיסיאן וועלכע איז שוין כמעט אין גאנצען ארגאנזשירט, אויסער וואס עס פעהלט אונז די ריכטיגע פערזאן וואס זאל שטעהן אויף דער שפיטצע פון די נוירסעס אבטיילונג

״נעכטען נאך מיטאג״ — האט ער פארטגעזעצט ״בין איך גערופען געווא־רען צום טעלעפאן און א פארטרעטער

פון קריעגס דעפּאַרטמענט פון פּאַריז, האָט צו מיר גערעדט און ער האָט מיר געזאָגט אַז אַזוי ווי אין דעם חיעגען פעלד האָספּיטאַל געפינט זיך אַ נוירס מיט דעם נאָמען מאַדמאַיזעללע לאַווי־טע זאָל איך איהר פרעגען אויב זי וועט אָננעהמען דעם אַמט צו זיין אויף דער שפּיטצע פון די נוירסעס אַבטיי־לונג אין דער קאָמיססיאָן וואָס וועט געשיקט ווערען נאָך אַמעריקאַ?" די אורזאַכע פאַרוואָס גראָד איך בין אויס־געקליבען איז ערשטענס דערפאַר וואָס מיין נאָמען איז גוט בעקאַנט איבער גאַנץ איירופּאַ, צווייטענס דערפאַר וואָס איך רייד גוט די ענגלישע שפּראַכע, און דריטענס פאַר מיינע אויסצייכנונגען אַלס נוירס, אַלעס איז געזאָרגט געוואָרען פאַר אונזער בעקוועהמליכקייט; און דער גע־נעראַל האָט געענדיגט מיט דער פראַ־גע: "וואָס איז אייער ענטפער מאַדמאַי־זעלל צו פראַנקרייך'ס פאָדערונג פון אייך?"

— דו פאַרשטעהסט אַליין, מוטער ליעבע, וואָס מיין ענטפער איז געווען אין אַ פּאָאַר טעג אַרום וועל איך זיין אין דער היים, און איך וועל זיך צו גרייטען צו מיין רייזע. איך בין איבער־פילט מיט האָפנונג אַז דיזע רייזע וועט מיר פיהרען צוגעפינען מיין פאָטער. איך געדענק גוט די אַלע נעמען פון זיינע פריינד און מיט אַרבייטער. איך האָף דאָס ביי דיעזער צייט האָבען זיי שוין פון איהם ערהאַלטען זיין אַד־רעסע, און זיי ווייסען שוין וואו ער גע־פינט זיך. פאַרגעס ניט ליעבע מוטער, ווידער צו זוכען די אַדרעסע פון מאַריאַ לאַשין וואָס איז פאַרשוואונדען געוואָ־רען ווען מיר האָבען געמוזט אַנטלויפען פון ברוססעל.

— זיי געזונד מיין טייערע מוטער, מיט הייסע קושען פאַר דיר און מיין ברודער, בלייב איך אייערע — פּיליציאַ.

מיט עטליכע טעג שפּעטער איז פּי־ליציאַ געקומען נאָך פּאַריז, און אין צוויי וואָכען שפּעטער איז זי מיט דער גאַנצער קאָמיסיאָן אַבגעפאָהרען נאָך אַמעריקאַ, זי האָט געהאַט אונטער איהר אויפזוכט אַרום צוואַנציג נוירסעס, אָנ־פאַנגס מאַי זיינען זיי אָנגעקומען נאָך וואַשינגטאָן.

די קאָמיסיאָן איז אויפגענומען גע־וואָרען מיט גרויס פּאַראַד, זיי זיינען געבראַכט געוואָרען צו דער ווייסער הויז וואו דער פּרעזידענט מיט זיין גאַנצען קאַבינעט, פאַרטרעטער פון די אַרמעע און נייווי, און אויך די הויפּט פיהרער פון דעם אַמעריקאַנעם רעד־קראָס, זיינען דאָרטען געווען אָנוועזענד.

דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר וועלכער האָט געקענט פּיליציאַ פּער־זענליך, האָט איהר פאָרגעשטעלט בע־זונדער צו די הויפּט פּערזאָנען און אַלע זיינען ענטציקט געוואָרען פון איהר שעהנקייט און איהר קלוגשאַפט. די קאָ־מיסיאָן איז אויף עטליכע טעג פאַר־בליבען אין וואַשינגטאָן. דאָרטען איז זי צוטהיילט געוואָרען אין קליינע גרו־פּעס און יעדער גרופּע איז געשיקט גע־וואָרען צו אַן אַנדער טהייל פון די פאַראייניגטע שטאַטען. פּיליציאַ איז געשטעלט געוואָרען אויף דער שפּיטצע פון אַ גרופּע וואָס איז באַשטאַנען פון נוירסעס, האָספּיטאַל יוניט, אַמבאַלאַנס פיהרער און דאָקטוירים פון פעלד האָס־פּיטאַל, און זיי זיינען געשיקט געוואָרען נאָך שיקאַגאָ. פון דאָרטען צו אַרביי־טען אין די מיטעל וועסטליכע שטאַ־טען.

אין שיקאַגאָ איז פּיליציאַ מיט איהר קאָמיססיאָן אויפגענומען גע־וואָרען פון קאָרנעל מאַנינג, פון קעמפּ גרענט, און ער האָט אי־בערגעגעבען די קאָמיססיאָן אין די הענד פון קעפּיטיין הערעלד פּיליפּס, דער קאָרנעל האָט געוואוסט אַז הערעלד פאַרשטעהט גוט די פראַנצויזישע שפּראַך, ער איז העכסט געבילדעט און ער בעזיצט אַ הויכע קולטור אין דערי־בער האָט דער קאָרנעל אין איהם גע־

פונען די פאסענדסטע פערזאן פאר דיזען אמט.

פון הערלדס האפענונגען, אז ער וועט אין א קורצע צייט קעמפפען אין די טרענטשעס, האט זיך גאר ניט אויסגעלאזען. ער איז באשטימט געווארען אלס פרינציפאל, פון א שול וואס איז געגרינדעט געווארען צו לערנען די רעקרוטען די טעכנישע ארבייט פון די געוועהר אין אלטעגליכע נויטיגע ווערטער אין דער פראנצויזישער שפראך.

עס איז געווען פאררעכענט פאר א גרויסען כבוד צו האבען אזא אמט, אבער הערלד איז געווען שטארק אונצופרידען מיט דעם. ער האט גוט געוואוסט אז דאס מיינט קיין מאהל ניט צו זעהן די טרענטשעס, אז ער וועט דא מוזען בלייבען ביז נאך דער מלחמה, און ער האט אזוי חשק געהאט צו קעמפפען מיט אלע אנדערע סאלדאטען אין דעם גרויסען וועלט קאמפף.

איבערהויפט האט איהם געערגערט די פאלשע צינגער וואס האבען וועגען אהים גערעדט אונטער זיינע פלייצעס און זיי האבען געזאגט אז ווען הערלד פיליפס וואלט ניט געווען דער זוהן פון א רייכען טאטען וואלט ער שוין אפשר לאנג געלעגען באגראבען ערגעץ וואו הינטער די טרענטשעס, אבער דערפאר וואס ער איז רייך, און צוליב זיין טאטענס געלד האלט מען איהם אין אמעריקא, דאס אלעס האט איהם שטארק אויפגערעגט און עס האט איהם אריין געווארפען אין א שלעכטע שטימונג. ער איז געווען אויפגערעגט אויף דער גאנצער וועלט און אויף זיך אליין.

ווען הערלד האט באקומען דעם באפעהל צו נעהמען פיליציא און איהר קאמיסיאן אונטער זיין שוטץ, האט עס איהם נאך מעהר געערגערט, ער חאט אויף דעם געקוקט ווי דאס וואלט געווען א בעליידיגונג פאר איהם,

— מען נוצט מיר אלע לעכער מיט מיר צו פארשטעקען, אבער מען לאסט מיר ניט טאהן די איינציגע זאך וואס איז מיין גרעסטע וואונש — האט ער צו זיך געזאגט.

ער האט העפליך עמפפאנגען די קאמיסיאן מיט איהר פיהרער, ער האט זיי אפגעפיהרט צו א האטעל, ער האט אויסגעארבייט אן אינטערעסאנעט פראגראם פאר זיי. און ער האט זיך באלד געשטעלט אין פארבינדונג מיט די פארשיעדענע אבטיילונגען פון דעם "רעד קראס" ארגאניזאציאן.

אבער קוים איז ער פארטיג געווארען מיט זיינע ארבייט און זיינע געדאנקען זיינען געווען ווייט אוועק פון דער קאמיסיאן, און זיין הארץ איז געווען אנגעפילט מיט געפיהלען וואס זיינען געווען נוגע זיין שוועסטער, עדי און ראבינסאן; די מיטגלידער האבען עס באלד באמערקט, און זיך וויטצלענדיג צווישען זיך האבען זיי איהם א נאמען געגעבען "דער בייזער קעפטיין".

הערלד האט קיין מאהל ניט פארגעסען זיינע פליכטען אלס סאלדאט און אלס עהרענמאן ווי זיך צו באנעהמען געגען דאמען. ער האט זיי באזארגט מיט אויטאמאבילס און האט זיי באגלייט אויף א רייזע זיי צו ווייזען די שטאדט, ער האט זיי גענומען צו פארשיעדענע טהעאטערע, ער האט זיי בעזארגט מיט אלע בעקוועהמליכקייטען. אבער אליין איז ער געווען פרעמד צו זיי און ער האט זיך געפיהלט אלס פרעמדער אין זייער געזעלשאפט.

א פאאר מאהל האט זיך געטראפען ווען הערלד איז געווען אין דער געזעלשאפט פון דער קאמיסיאן, אז ער האט געפיהלט אויף זיך פיליציאס בליקען, עפעס ווי זי וואלט לייענען זיינע געדאנקען, אבער קוים האט ער אויף איהר א קוק געטהאן האט זי איהרע אויגען פון איהם באהאלטען.

איין פריה מארגען, איז הערלד געזעסען אין זיין צימער פון האטעל, די טיהר איז געווען א ביסעל אפען; ער האט פלוצלינג דערהערט פיליציאס רייכע שטימע, ווי זי האט גערעדט צו אן

אנדער מיידעל פון איהר גרופע, זי האט געזאגט אין פראנצויזיש:

— מיר טהוען א גרויסען אונרעכט צו אונזער קעפטיין דערמיט וואס מיר מאכען שפאס פון איהם, אין די לעצטע עטליכע טעג האב איך זיך פאראינטערעסירט אין איהם, איך האב מיר שטארק אנגעשטרענגט צו לייענען זיין כאראקטער און איך בין זיכער אז איך האב איהם געלייענט אזוי קלאהר ווי אן אפענעם בוך, און איך ווייס אז ער איז א גאנץ איידעלער מענש, נאר ווי עס ווייזט אוים לײדעט ער פון א אונרעכט וואס איז געגען איהם באגאנגען

געווארען און ער איז אין כעס אויף דער גאנצער וועלט און אויף זיך עליין, און ניט וויסענדיג דעם אמת האבען מיר דאס אנגענומען פאר א פערזענליכע קריוודע, און קיינער פון אונז האט דעם מינדעסטען פארזוך ניט געמאכט מיט איהם פריינדשאפט צו שליסען, איך האב מיר באשלאסען פון היינט אן צו ענדערען מיינע בענעהמונגען געגען איהם. מען טאר קיין מאהל ניט אורטיילען א מענשען ביז מען געהט ניט גרינדליך אריין אין זיין לאגע.

הערבאלד האט זיך פלוצלינג ווי פון א שלאף אויפגעכאפט. ער האט זיך איצט דערמאהנט אז ער הט ווירקליך געהאנדעלט געגען די דאמען אויף א שענדליכען אופן פון דעם ערשטען טאג אן וואס זיי זיינען געקומען. זיי זיינען דאמען ער איז אויסגעקליבען געווארען צו זיין זייער פריינד, ניט נאר צו זארגען פאר זייערע בעקוועהמליכקייטען און אוים צו ארבייטען זייער פראגראם, נאר אויך צו זיין זייער פיהרער אין וועג ווייזער אין וועמען זיי זאלען קענען האבען צוטרוי און זיך קענען פארלאזען אויף איהם ווי אויף א ברודער. ער האט שטארק חרטה געהאט אויף דער פארגאנגענהייט און ער האט זיך באשלאסען באלד צו ענדערען זיין באנעהמען זיך געגען זיי.

עס איז איצט געווען עלף אזייגער פארמיטאג און ער חאט צייט ביז איינס אזייגער ווען ער וועט דארפען פיהרען די קאמיסיאן צו אן אנבייסען וואס איז פאר זיי ארראנזשירט געווארען פון דער פרויען אבטיילונג פון דעם "רעד קראס" הערבאלד האט גענומען א בוך און זיך געמאכט בעקוועהם אין א וויכען שטוהל און ער האט אנגעהויבען צו לייענען. א קלאפ אין טיהר חאט איהם אונטער בראכען. ער האט די טיהר געעפענט און פיליציא איז פאר איהם געשטאנען.

— שטער איך אייך? האט זי געפרעגט.

—אויף קיין פאל ניט, האט ער געזאגט — מיין פליכט און מיין פארגעניגען איז אייך צו דיענען. מעג איך אייך איינלאדען אהער אריין צו קומען

—איך ווייס אז עס איז אפילו געגען אייערע זיטען פאר א דאמע צו קומען אין דעם פריוואט צימער פון א מאן און נאך בפרט אין א האטעל; אבער איך האב וואס וויכטיגעס מיט אייך צו רעדען קעפטיין, — האט פיליציא געזאגט.

— מיר וועלען דעריבער האנדלען נאך די זיטען פון אונזער לאנד, מיר וועלען לאזען די טיהר אפען, אט אזוי, איצט מאדמאיזעל מעגט איהר אריין קומען; ניט האבענדיג וואס בעסערעס צו טאהן האב איך מיר גענומען צו ליטערטור—האט הערבאלד געזאגט וועקלייגענדיג אויפן טיש דעם בוך וואס ער האט אנגעהויבען צו לייענען.

— מעג איך פרעגען וואס איהר רעכענט פאר בעסערע ארבייט ווי ליטעראטור? — האט פיליציא געפרעגט.

— אין דער געגענווערטיגער צייט איז נאר דא איין מין ארבייט וואס איז בעסער און שטייגט אריבער אלע אנדערע ארבייט און דאס איז צו זיין אין די טרענטשעס און צו קעמפפען, קעמפפען ביז'ן טויט אום די מענשהייט זאל לעבען. — האט הערבאלד געענטפערט:

— איהר זייט טאקע אן אמתע סאלדאט, און איהר גלויבט אין קאמפף האט פיליציא געזאגט.

— איך דענק אז איצט האט איהר מיינע געדאנקען ניט ריכטיג געלייענט עס איז אבער ניט אייער שולד, ניט אלע מאהל זיינען זיי ווי אן אפענער בוך. — האט הערלד געזאגט וועהרענד פיליציא האט לייכט געביסען איהר אונטערשטע ליפ, זי האט דערקאנט פון זיינע ווערטער אז ער האט געהערט דעם געשפרעך וואס זי האט געהאט דעם זעלבען מארגען מיט איינע פון די מיידלאך, און וואס עס האט איהר אם מעהרסטענס איבעראשט איז די ערפאהרונגען וואס זי האט געמאכט אז ער מוז גוט פארשטעהן די פראנצויזישע שפראך. הערלד האט פארטגעזעצט:

—פון דער נאטור בין איך א מענש פון פריעדען. שלום איז מיין הויפט פרינציפ, אבער ווען אימיצער וויל אונטערדריקען מיינע אידעען בערויבען פון מיר די פרייהייט אדער די פרייהייט פון מיינע מיט מענשען דאן ערשט בין איך בערייט צו ווערען דער אמתער קעמפפער, אין דעם קאמף פאר דער ציוויליזאציאן און אין דעם קאמפף פאר דער גאנצער מענשהייט.

— פארוואס דען זייט איהר ניט אין די טרענטשעס צו קעמפפען פאר אייער אידעאל? האט זי ווייטער געפרעגט ;

— אויף דעם קען איך קיין ענטפער ניט געבען, — האט הערלד געענטפערט — לײדער האבען מיר קיין מאכט ניט צו קאנטראלירען אונזער גורל, א העכערע מאכט, אין וועמעס הענד מיר זיינען ניט מעהר ווי שפיעלצייג בעשטימט עס פאר אונז.

— אהא, איהר זייט א תלמיד פון אמאר קאיאם, א פאטאליסט, האט פיליציא באמערקט, עס האט אויסגעזעהן אז זי איז געווען העכסט צופרידען דער מיט וואס זי האט געפונען אין דעם "בייזען קעפטיין" א פעראהן מיט וועלכען מען קען פארברענגען איבער א סך וויכטיגערע פראגעס, ווי איבער דעם רעד קראס.

—וועלכער דיינקענדער מענש איז ניט קיין פאטאליסט און וועלכע נשמה וואס האט דעם מינדעסטען גלוט פון דער פאעזיע איז אימשטאנדע ניט הינגעריסען צו ווערען פון אמארס רובאייאט, וואו ער באזינגט אזוי שעהן דאס פאטאליזמוס? — האט הערלד געפרעגט.

— איך ווייס ניט, איך רעכן זיך פאר א דענקענדען מענשען און איך שעטץ אמארס רובאייאט אפשר אזוי הויך ווי שעקספיער אדער געטהע, און דאך בין איך ניט א גלויביגער אין דעם פאטאליזמוס, אמאר גלויבט אז די מאכט וואס רעגיערט אונז איז א בלינדע מאכט, אבער מיין גאט איז ניט בלינד, ער האט געזעהן דעם נעכטען ער זעהט דעם היינט און דעם מארגען. האט פיליציא געזאגט.

הערלד האט אויפגעעפענט זיינע שווארצע אויגען און ער האט אויף איהר געקוקט מיט גרויס בעוואונדערונג אז זי איז זעלטען שעהן האט ער שוין לאנג געוואוסט. אבער אז דיעזע וואונדערבארע שעהנע פרנצויזישע ליאלקע פארמאגט אויך א גייסט און א לאגישען געדאנקען, דאס האט ער ניט געוואוסט, און איצט אין א שפיעלענדיגען געשפרעך צווישען זיי האט ער נאך מעהר אויסגעפונען, אז זי איז גוט בעקאנט מיט עטליכע אייראפעאישע ליטעראטורען. פיליציא איז צוגעגאנגען צום טיש, זי האט גענומען אין האנד דעם בוך וואס ער האט פריער אוועקגעלייגט און האט געלייענט די פאדער בלאט.

— "ראמאן ראללאנד. אן אפענער בריעף צו געראד הויפטמאן" קענט איהר אויך זיינע אנדערע ווערק?

— עס איז מיר מעהר אדער וויינינער בעקאנט — האט הערלד געזאגט — איך האב דורך געבראדזעט זיינע דריי בענדער זשאן קריסטאף און

איך דיינקט אז ווען מען קריכט דאס דורך קען מען ראמאן ראללאנד.

— ווי עס ווייזט אויס האט ער קיין צו גוטען איינדרוק אויף אייך ניט געמאכט האט פיליציא געזאגט.

— איך בין מודה אז איך בין ניט קיין צו שטארקער ליעבהאבער פון דעם סארט ליטעראטור, איך קוק שטענדיג אויף דעם פערפאסער ווי אויף אן אקראבאט וואס מאכט קונצען, ער וויל ווייזען אז ער ווייס די דריידלאך און קנייטשען פון א מענשליכע נשמה; קיינעם הויבט ניט אן צו אינטערעסירען אויב א פערזאהן ווי זשאן קריסטאף האט ווען געלעבט אדער ניט; ער האט די וועלט ניט רייכער געמאכט, מיט זיין לעבען און ניט ארעמער מיט זיין טויט. אלעס וואס ראללאנד האט דערמיט אויפגעטאן איז דאס ער האט בעשאפען א טהעמא פאר מאנכע פריידיגער, זיי זאלען האבען איבער וואס צו דרש׳ענען, האט העראלד געזאגט.

— וואס איז אייער מיינונג וועגען געראַרד הויפטמאן? זייט איהר בעקאנט מיט זיינע ווערק? האט זי געפרעגט.

— זעהט איהר, דאס איז א גאנץ אנדער פראגע. — האט העראלד געזאגט ענטהוזיאסטיש. — הויפטמאן באשעפטיגט זיך ניט מיט דעם איינצעלנעם, ער נעהמט געזעלשאפטס פראגעס, וועלט פראבלעמען.

— ווי איך זעה האט איהר נאר אין זינען "די וועבער" וואס איז א געזעלשאפטס פראגע, אבער וואס מכח זיין "פערזונקענע גלאקע" "פאר זאנענאויפגאנג" "דער רויטער האהן" און "האנעלע" האט פיליציא געפרעגט.

העראלד האט איהר אנגעקוקט מיט פארוואונדערונג, זי איז פאר איהם געשטאנען ווי א פראפעסאר וואס עקזאמינירט איהם אין דער מאדערנער ליטעראטור און ער האט געוואונשען דאס זי זאל איהם מעהר פרעגען דאס זייער געשפרעך זאל לענגער דויערען. און ער האט געענטפערט.

—די "פארזונקענע גלאקע" הגם עס איז סימבאליש, איז אזוי גוט א וועלט פראבלעמע, ווי די "וועבער" עס איז א וועלט פראבלעמע ווי געטהעס פויסט אין זיין צייט איז געווען א וועלט פראבלעמע, איך בעטראכט אלע מאהל די פערזינקענע גלאקען, אלס די דריטע טייל פון פויסט. דער איינציגער אונטערשייד איז נאר די נעמען.

דער כישוף מאכער פויסט איז היינריך דער גלאקענבויער; ביידע זיינען זיי געפלאגט פון די אייביגע בענקענעס און זוכען און ביידע רעוואלטירען געגען גאט און וואלטען וועלען איינעהמען די הימלען, רוטענדעליין און גרעטכען זיינען די פאטא מארגאנא די פאלשע ליכט וועלכע פארפיהרען דעם וואנדערער צו די ניט גוטע. און ניקעלמאן איז הויפטמאנס אויפפאסונג פון געטהעס מעפיסטא. און אזוי מאדאמאזיעל וועט איהר געפינען אלוועלטליכע קאראקטערע אין אלין וואס הויפטמאן האט געשאפען.

— קעפטיין, אייערע אנשויאונגען און מיינונגען אינטערעסירען מיר זעהר איך האף אז מיר וועלען האבען מעהר געלעגענהייט וועגען דעם צו ריידען — האט פיליציא געזאגט — אבער לייזער מוז איך איצט מיט אייך ריידען וועגען עטוואס פערזענליכעס און מיר האבען ניט גענוג צייט, איך מוז מיר באלד קליידען. איך פארלאנג פון אייך א טובה; איך ווייס ניט אויב איהר וועט זיין אימשטאנדע מיר צו העלפען, אויסער דאס איהר וועט אפשר מיר קענען אנווייזען אויף די ריכטיגע פערזאן וואס וועט מיר קענען דיענען.

— וועלכע אייגענשאפטען פאדערט איהר פון די פערזאן? האט העראלד געפרעגט מיט א פריינדליכען שמייכעל; ער האט זיך געפיהלט העכסט צופריעדען צו זיין אימשטאנד וואס פערזענליכעס פאר איהר צו טאהן.

— איך בין זיכער דאס איהר אליין באזיצט ניט די אייגענשאפטען האט זי געזאגט — קעפּטיין אפשר ווייסט איהר א מאן אין אייער קאמפּאניע, אדער וואו אנדערש, וואָס איז א איד און איז אינ־טעליגענט און איז בעקאַנט אין דער אידישער נאכבערשאפט, אָדער וואָס קען דא די ציוניסטישע פיהרער?

— מאדמאיזעל לאוויטע, עס פרעהט מיר זעהר וואָס איך בין אימשטאנד אייך צו קענען דיענען. איך האָב א יונ־גען מאן וואָס באזיצט די אלע אייגענ־שאפטען וואָס איהר זוכט. — האָט הערָאלד געזאָגט, ער איז א איד און איך רעכן איהם פאר אינטעליגענט און ער איז גוט בעקאנט מיט די אלע ציוניסטישע פיהרער פון דער שטאָדט.

— אויסגעצייכענט , האָט פיליציא אויסגערופען מיט פרייד — ווען קען איך איהם זעהן?

— ווען איהר וועט נור וועלען. האָט הערָאלד געענטפערט.

— קען איך איהם באלד זעהן ? האָט זי געפרעגט א ביסעל אונגעדולדיג.

— געוויס, קוקט אויף מיר און איהר וועט איהם זעהן. האָט הערָאלד געזאָגט.

פיליציאס ווייסער פּניב איז רויטה געווארען פון כעס. עס איז געווען קענ־טיג אז זי איז געווען שטארק געקריינקט פון דעם קעפּטיינס לייכטזיניגען שפּאס, דאס וואס זי האט געזוכט און די טובה וואָס זי האט פון איהם פארלאנגט איז געווען פון אזא וויכטיגע בדייטונג פאר איהר און איהר מוטער, און ער מאַכט נאַר חוזק פון איהר. זי האָט ניט גע־קענט און ניט געוואלט באהאלטען פון איהם איהר כעס, זי האט זיך צו איהם געווענדעט מיט די פאלגענדע . ווער־טער:

—קעפּטיין, איך האף אז איהר האָט ניט פארגעסען אז איך בין א דאַ־מע וואס איז ניט געוואהנט אז מען זאָל פון מיר חוזק מאכען. איך בין צו אייך געקומען ווי צו א פריינד און האָב פון אייך געבעטען א טובה וואס מיינט פיעל, זעהר פיעל פאר מיר און מיין פאַ־מיליע און אנשטאט מיר צו העלפען מאכט איהר זיך לוסטיג און איהר טרייבט קאַטאָוועס מיט מיר.

— איהר האָט רעכט געהאט, איך האב טאקע מיט אן אמת ניט ריכטיג געלייענט אייער כאראקטער. אדיע, איך וועל געהן זוכען ערגעץ וואו אנדערש. און אפשר וועל איך אימיצען געפינען וואָס וועט זיין חעפליכער און פריינד־ליכער ווי איהר זיינט. — זי האָט זיך אומגעדרייט און איז געגאנגען צום טיהר, שטאָלץ און איהר קאָפּ אין דער הויך אבער איהרע פיס האבען זיך א ביסעלע געשלעפּט.

זי האט ארויסגערעדט צו איהם שאר־פע ווערטער, און זי האט עפּעס גע־פיהלט א מין חרטה דאס זייערע פריינד־שאפט וואָס האט זיך איצט אנגעפאַנ־גען און עס האט אזוי פיעל פארשפּרא־כען פאר דער צוקונפט, זאָל האָבען אזא ענדע.

הערָאלד שנעל ווי א בליטץ איז אין ווייניגער ווי א סעקונדע געשטאַנען ביי דעם שוועל, מיטן רוקען צום טיהר און זיין אויפגערעגטע געזיכט נעגען איהרע און ער האָט געזאָגט האסטיג :

— איך וועל אייך ניט לאָזען געהען מאַדאַמאיזעל ביז איהר וועט מיר ערשט אויסהערען.

— איך שווער אייך ביי מיין גאָט. וואס איז דער גאָט פון ישראל, דאָס איך האָב פון אייך קיין חוזק ניט גע־מאכט, און איך האָב מיט אייך קיין קאַטאָוועס ניט געטריעבען, אלעס וואָס איך האָב געזאָגט וועגען דעם אידישען יונגען מאן וואָס איהר זוכט, האָב איך געמיינט זיך אליין. איך בין א איד ! און איך בין א ציוניסט, איך האָב א סך געארבייט מיט די היעגע ציוניסטען און דעריבער קען איך אלע זייערע פיה־רער. זאגט מיר אייער וואונש, וועמען און וואָס ווילט איהר געפינען? וועמען זוכט איהר? און וועלכע אינטערעסע האָט איהר אין די היעגע ציוניסטען,

און איך פארזיכער אייך אז איך וועל עס פאר אייך געפינען אהן איין אונטערשיעד וויפיעל מיחע עס וועט מיר קאסטען.

די ווערטער האבען אין איהרע אויערען געקלונגען דראמאטיש, און ווען ער האט אויסגערופען "איך בין א איד איך בין א ציוניסט!" האט זיך איהר געדוכט אז זי איז ווידער אין וויען אין עם גרויסען טהעאטער און זי הערט דעם וועלט בעריהמטען דראמאטיסט זאנענטהאל אין גוטצקויס מייסטערווערק "אוריאל אקאסטא" ווי ער שרייט אויס "פלוכט מיר איך בין איין יודע!" און אזוי ווי די ווערטער האבען דאמאלס אנגעגריפען איהר איידעלע אידישע הארץ, אזוי האבען איצט הערצלדס ווערטער אנגעגריפען איהר הארץ. עס האט אויף איהר געמאכט א זעלטענעם איינדרוק. שוין זיינע ערשטע ווערטער "איך שווער ביי גאט וואס איז דער גאט פון ישראל" האט דורך געדרונגען איהר גאנצעס וועזען; דיזער שטאלצער קעפטיין, דיזער שעהנער העפליכער איידעלער אמעריקאנער, וואס באטאנט מיט אלע זיינע באוועגונגען, די אמתע אמעריקאנער קולטור, ער איז א איד און ער שווערט ביי זיין גאט וואס איז דער גאט פון ישראל, און ניט נאר אליין איז ער א איד, ער איז אויך א ציוניסט. עס האט איהר איצט שטארק פארדראסען וואס זי איז געווען אזוי האסטיג און אויפגערעגט וואס זי האט צו איהם אזוי שטרענג גערעדט, וואס זי האט איהם אזוי שארף אנגעגריפען. זי האט אויסגעשטרעקט איהרע ביידע ווייסע שעהנע הענד צו איהם און אין א ווייכע זאנפטע שטימע האט זי געזאגט.

—איך בעט אייך קעפטיין, זייט מיר מוחל פאר מיין נארישע אונגעדולדקייט מיין פארברעכען געגען אייך איז אזוי גרויס אז איך האב גאר קיין רעכט ניט צו ערווארטען אז איהר וועט מיר ענטשולדיגען אויסער אפשר ווען איהר אלס איד וועט נעהמען אין אנבעטראכט די לאגע פון אן אונערפאהרענע אידישע מיידעל וואס איז איינע אליין אין דער פרעמד און אימער דיינקענדיג פון איר אידישקייט, מיינט זי אז אלע לאכען פון איהר און איהר אידישקייט, איהר פארשטעהט אז איך האב ניט געהאט די קלענסטע אהנונג אז איהר זייט א איד, און דאס וואס איך זוך איז ביי אונז אזוי טייער און הייליג, און ווען איך האב געמיינט אז איהר האט פון מיר אבגעלאכט האב איך זיך אין גאנצען פארלארען, קעפטיין מעג איך האפען אז איהר וועט מיר ענטשולדיגען

— נאר אויף איין באדינגונג וועל איך אייך מוחל זיין——האט הערצלד געזאגט, נעהמענדיג איהר ביידע אויסגעשטרעקטע הענד אין זיינע. און ער האט זיי צוגעטראגען צו זיינע ליפען. ——איהר זאלט מיר מאכען פאר אייער שליח, און מיר אנטרויען מיט אייער סוד וואס איהר זוכט און וועמען איהר ווילט געפינען?

—איך בין צופריעדען—האט זיא געענטפערט—איהר זאלט דעריבער וויסען, איך זוך מיין פאטער וועלכער איז דא געווען א פיהרער צווישען די ציוניסטען, אבער אזוי ווי ער איז איצט אין פראנקרייך, וואלט איך וועלען געפינען וועלכע פון זיינע פריינד וואס וויסען אפשר זיין אדרעסע, דער נאמען פון איינעם פון זיי איז דוד פרומקין, נאך א פערזאהן וואס איך זוך איז אונזערע א פריינד וואס האט מיט אונז יאהרען לאנג געוואהנט, אין פאריז און אין ברוסעלס, זי געפינט זיך אין שיקאגא. איך האב געהאט איהר אדרעסע; אבער ווען ברוסעלס איז גענומען געווארען פון דער דייטשער ארמעע און מיר האבען געמוזט די שטאדט פארלאזען, האבען מיר די אדרעסע פארלארען, איהר נאמען איז מאריא לאשין. איך בין אויך זעהר גערן זיך צו שטעלען אין שריפטליכע פארבינדונג מיט מיין ברודערס געליעבטע, זי וואהנט אין מינע-

אפאלים, ווי איך פארשטעה זיינען איהרע עלטערן גאנץ רייך און זיי זיינען דארטען גוט באוואוסט, זייער נאמען איז פיליפּס, און דער נאמען פון מיין ברודערס געליעבטע איז עליין, קענט איהר מיר העלפען צו געפינען די פערזאנען וואס איך זוך?

די לעצטע ווערטער האט זי געזאגט מיט א געבעט, זי האט אריין געקוקט אין זיינע אויגען און זי האט געווארט אויף איין ענטפער, אבער ווי איבערראשט איז זי געווארען ווען זי האט בעמערקט אז זיינע אויגען זיינען פול מיט טרעהרען, און זיי האבען זיך אראנטער געקייקעלט, אויף זיינע באקען, זיין געזיכט איז געוועזען צונויף געצויגען ווי ער וואלט זיך מיט וועמען עס איז געראנגעלט. מט אזאנדערבארע שטימע האט ער אויסגערופען:

— גענוג, גענוג, פיליציא ראבינסאן! איך ווייס שוין אלעס, און איך קען מעהר ניט הערען, איך בין ניט מעהר אימשטאנד דאס אריבערצוטראגען. די סצענע האט מיר מיינע קרעפטען ענטשעפט, מיין מח שפאלט זיך מיר און מיינע פיס זינקען אונטער מיר, אָה, רודאלף ראבינסאן, ווען דו וואלסט נאר דא איצט געוועזען; וואס פאר פרייד דיך ערווארטעט, ווי גליקליך דו וועסט זיין, דיין טאכטער פיליציא איז דא אין שיקאגא, און איך בין אויסגעוועהלט געווארען, ניט פון א בלינדע מאכט, נאר גאט אליין האט אזוי געוואלט, צו זיין איהר באגלייטער.

ער איז צו איהר צוגעגאנגען און מיט זיין לאנגען ארעם האט ער ארום גענומען איהר שעהנעם פיגור און ער האט געזאגט:

פיליציא, ערלויבט מיר אייך אזוי אנצורופען. אזוי האב איך אייער נאמען געהערט הונדערטער מאהל פון אייער פאטערס ליפען, ווייסט איהר צו וועמען איהר האט אנגעטרויט אייער סוד און וועמען איהר האט געמאכט פאר אייער שליח צו געפינען אייער פאטערס פריינד און די געליבטע פון אייער ברודער, איך בין הערעלד פיליפּס...

ניט וויסענדיג וואס זי טהוט האט פיליציא א געשריי געגעבען, זי האט זיך אומגעדרעהט מיט איהר געזיכט צו זיינע, וועהרענד ער האט געהאלטען איהר צארטען פיגור אין זיין ארעם, זי האט א ווארף געטאן איהרע ארעמס ארום זיין האלז און זי האט איהם אווארעמען קוש ארויף געזיעגעלט אויף זיינע ליפען.

קוים האט זי דאס געטאהן און נאך כמעט איידער דער קלונג פון קוש איז אפגעשטארבען, זיינען איהרע הענד ארונטערגעפאלען פון זיין האלז און זי האט שנעל א טרעט געטהאן הינטערווערלאך, איהרע אויגען געזונקען טיעף צו דער ערד און פארשעהמט האט זי צו איהם שטיל געמורמעלט.

— ענטשולדיגט, קעפטעין פיליפּס, איך ווייס ניט וואס איך טהו אדער וואס איך רייד, איך בין האלב צומישט, איהר זייט הערעלד פיליפּס? עליינס ברודער, איהר קענט מיין פאטער? און איהר זייט דער פריינד פון מיין ברודער? ווי גרויס זיינען גאטעס גענאדען? ווי וואונדערבאר די נאטור ארבייט אויס איהרע פראבלעמען? און זיי זאגען אז עס מעהר קיין ניסים ניט פעראנען.

— בערוהיגט אייך מאדאמיזעל פיליפּס, — האט הערעלד געזאגט — עפעס פיהל איך אז מיינע געדאנקען אויך זיינען ווי איינגעוויקעלט אין א שפין־וועבס; נאר זיינען מיר ניט אין גאנצען קלאר, מיר דאכט אז איך האב אין אייך געפונען א לאנג פארלארענע שוועסטער. עס איז נויטיג פאר אונזביידע זיך צו בערוהיגען.

הערעלד איז ווירקליך געוועזען ווי א צומישטער און ער האט ניט געוואוסט וואס מיט איהם טהוט זיך. ווען פיליציא האט אנגעהויבען איהם פארטרויען דעם סוד וועמען זי זוכט; און ווען זי האט נור אויסגערעדט די ערשטע ווערטער דאס זי זוכט איהר פאטער וואס

איז דא געווען א פיחרער צווישען די ציוניסטען האט שוין הערצלד געוואוסט אלעס וואס זי האט איהם געהאט צו זאגען; און עס האט געפאדערט אלע זיינע קרעפטען אנצושטריינגען דאס ער זאל זיך קענען באהערשען. און ער זאל איהר ניט אונטערברעכען.

ווען זי האט דערמאהנט די נעמען פון פרומקין און לאשין האט ער צוגעדריקט זיינע ליפען איינע צו די אנדערע און ער האט פארביסען מיט די ציינער און מיט איין האנד האט ער זיך אנגעכאפט אן א שטוהל וואס איז ניט ווייט פון איהם געשטאנען; ער האט מורא געהאט דאס זיינע פיס וועלכע זיינען זאנסט אזוי שטארק וועלען איהם ניט מעהר קענען אונטער שטיצען, ער וועט פאלען צו דער ערד.

צו מאכען לייכטער זיין איבערפילטע הארץ האט ער געמוזט עפענען דעם קוואל פון טרעהרען. דאס איז געווען דעם ערשטען מאהל וואס הערצלד האט געוויינט זינט ער איז אנגעקומען אין באסטאן צו מאדאם האפמאנס פריוואט שולע. ווען פיליציא האט ענדליך דערמאהנט דעם נאמען פון זיין שוועסטער. האט עס אריבערגעשטיגען אלע זיינע קרעפטען; ער איז געווארען ווי א צומישטער, ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאהן, ווי אזוי ער זאל איהר פון אלץ דערצעהלען,, ער האט גערעדט, ער האט וואס צו איהר געזאגט, אבער וואס ער האט גערעדט, וואס ער חאט געזאגט, דאס וויים ער ניט, ער געדענקט נור איין זאך, נאר איין זאך וויים ער, ער געדענקט אז דיעזער אונשולדיגער, ליעבענסווירדיגער קינד איז איהם געפאלען אויפן האלז און האט איהם געקושט זיינע ליפען.

נאך פיהלט ער די ווארעמקייט פון איהר ברוסט וואס האט געדריקט געגען זיינע. נאך הערט ער דעם טיק טאק קלאפען פון איהר הארץ נאך פיהלט ער דעם שטראם פון איהר ליידענשאפט פליסענדיג דורך איהרע ארעמס וועהרענד זיי האבען זיי האלז ארום גערינגעלט. נאך לעבט, און ער האפט אז עס וועט אויף איביג לעבען, א זיסע זעליגקייט אויף זיינע ליפען וואס זי האט מיט איהר קוש איבער געלאזען. ער האט זיך פלוצלינג ווי פון א חלום איפגעהאפט און ער חאט געזאגט.

— מיר מוזען טעלעפאנירען צו מאריא לאשין, און איחר אנזאגען די גרויסע שמחה. מיר וועלען איהר ניט קענען זעהן פריהער ווי דריי אזייגער, ווען דער אנבייסען וועט זיך ענדיגען. — ער האט איהר צו געפיהרט צו א שטוהל און ער האט איחר געהאלפען זיך זעטצען וועהרענד ער האט טעלעפאנירט צו מאריא איהר אנצוזאגען וועגען דעם גרויסען גאסט וואס איז צו זיי געקומען.

23טער קאפיטעל.

רודאלף ראבינסאן איז פיזיש גע־וועזן געזונד און שטארק געבויט. קיין מאָהל אין זיין לעבען איז ער ניט קראנק געוועזן, ער האט געהאט א שטאר־קען ווידערשטאנד און א גוטע קאָנסטי־טוציאָן. אויסער דעם האָט ער געהאט א שטארקען חשק צו לעבען, וועז אפילו ניט אויף לאנג האט ער געוואלט זוכה זיין צו זעהן זיין פרוי און קינדער, ווען ער איז איצט קראנק געוואָרען מיט לונג־ענטצינדונג, האָט ער זיך נישט איבער־געגעבען צו דעם יאוש און צו פאר־צווייפלונג, נאר ער האט זיך געפאסט א שטארקען גלויבען אז ער וועט געזונד ווערען.

ער האט געזאגט צו דעם דאקטאר אין האספיטאל:

— איהר טהוט אייער ארבייט און איך וועל אייך העלפען. איך מוז זיך זוי עס איז ארויסדרעהען פון די הענד פון מלאך המות“.

ברעסט איז איבערגעבכט פערוואנ־דעלט געוואָרען אין א גרויסע שטאָדט; די סיבה דערפון איז געווען אמעריקאס אריינקומען אין דער מלחמה, און ברעסט איז געווארען דער אפיציעלער האפען דורך וועלכע, די אמעריקאנער סאָלדאטען זיינען אריין געקומען איי פראנקרייך.

אלעס איז געבויט געוואָרען, און גע־מאכט געוואָרען נור אויף דער ווייל, אזוי איז אויך דער האספיטאל וואס איז געשטאנען ביי דעם ים געבויט גע־וואָרען נור אויף דער ווייל׳ ניט גראַ־דע אויף דעם איצטיגען מאמענט ווען די סאָלדאטען קומען אן געזינטע, צו געהן אין די טרענטשעס, נאר אויך א ביסל שפעטער ווען זיי וועלען אהער־געבראכט ווערען פון די טרענטשעס, ווער אהן הענד און ווער אהן פיס. דערי־בער איז די גרויסע געביידע וואס מען האט דאמאלס גערעכענט פאר די בעס־טע וועלט אונטער נארמאלע אומשטענ־דען געווען די ערגסטע.

דער האספיטאל איז געווען פארלא־זען און קיינע פאציענטען האבען זיך דארט ניט געפונען, און ראבינסאן איז געווען אבגעטיילט פון דער גרויסער רוישענדער און ברויזענדער וועלט.

זיין סעקרעטער א געבילדעטער יונ־גער מאן, פון קליינעם געוואוקס און פיזיש שוואך, קורץ זיכטיג און מיט גרויסע דיקע אויגען גלעזער, ער איז אויסגעבראקירט געוואָרען פון די דאָקטוירים פאר א סאלדאט ער האָט אבער געוואלט דיענען זיין נייע אדאפטירטע היים מיט לייב און לעבען, האט ער זיך איינגעבעטען ביי ראבינסאן דאס ער זאל איהם מיט נעהמען פאר זיין סעקרע־טאר,

ראבערט מענדל איז געווען איבער־געגעבען צו ראבינסאָן מיט די געטריי שאפט פון א שקלאף. ער איז אויך גע־ווען זעהר פעהיג. און ראבינסאן האט געוואוסט אזער קען זיך אויף איהם פארלאזען און ער קען איהם מיט אלעס טרויען. מענדל איז געבליבען מיט רא־בינסאן אין האספיטאל עטליכע טעג. ער האט אלע פריוואט זאכען וואס האט געהערט צו ראבינסאן געבראכט אין דער בעסטער אָרדענונג, אם ענדע פון דריטען טאָג האָט ראבינסאן צו איהם געזאָגט.

— ראָבערט מאַך זיך רייזע פערטיג, מאָרגען פריה מוזטו פאָהרען הינטער די טרענטשעס.

— פּראָפעסאָר לאָזט מיר דא מיט אייך פּראָבליבען—האָט זיך ראָבערט ביי איהם געבעטען. — איהר זייט דא איינער אליין, אין א פרעמדע לאַנד וואו קיינער קען אייך ניט און קיינער וויים אייך ניט; און דיזער האָספּיטאַל איז אזא וויסעט חורבה, זיי האָבען דא אפילו קיין נוירס ניט, וואס זאָל אייך קענען באַדיענען. איך מוז מיט אייך פּאַרבלייבען, איך קען אייך ניט איבער־לאָזען אליין מיט די כוואַליעס פון ים.

— ראָבערט איך פאַרשטעה און איך שעטץ דיינע איידעלע געפיהלען; און איך דאַנק דיר פאַר דיין געטריישאַפט צו מיר; אָבער דו טאָרסט ניט פאַרגע־סען אז איך בין נאָר איינער — האָט ראָבינסאָן געזאָגט — די וועלט וועט ניט ליידען ווען זי וועט מיר אָנווערען. און זי וועט כמעט גאָר ניט געווינען, אויב איך וועל לעבען בלייבען. דאָר־טען אָבער זיינען מיליאָנען, יעדער איי־נער פון זיי וואס טראָגט א ביקס אויף זיינע פּלייצעס פאַרטיידיגט די ציווילי־זאַציאָן. געה, דו מוזט פאָהרען און איך וויים באַשטימט אז איך וועל געזונד ווערען און דאַן וועל איך צו דיר קומען, און איך וועל דיר העלפען.

אַזוי איז ראָבערט מענדל אָפּגעפאָה־רען צו דער נייער מדינה "הינטער די טרענטשעס" און איז א נאָהענטער שכן פון "קיין מענשענס לאַנד" און ראָבינסאָן איז געבליבען אין ברעסט אין דעם צייטווייליגען האָספּיטאַל צו וואַרטען אויף א גאַנץ נייעם גאַסט, דעם "קריזיס".

זיי זיינען געווען שווערע טעג און נאָך שווערערע נעכט וואס ער האָט דורך געלעבט וואַרטענדיג אויף דעם קריזיס; און ער האָט געוואַרט מיט שרעק, און צו דערזעלבער צייט מיט אונגעדולד. ווען ער וואָלט דאָ באַטש אימיצען הא־בען פון זיינע טהייערע און געליעבטע, העלענא, פיליציא, עדי, עליין, לאַשין אדער די פרומקינס. עס וואָלט געווען א סך גרינגער צו דולדען און צו וואַר־טען אויף דעם קריזיס, אַזוי האָט ער די אלע נעמען פון זיינע פריינד און גע־ליעבטע אויסגערעכענט אין זיינע הייסע געדאַנקען, וועך קען וויסען וויפיעל מאָל? אָבער ער איז דא איינער אליין; קיינער פון די אלע זיינען דא ניטא; און וואָס א טאָג נעהנטער צום קריזיס אַלץ גרעסער ווערט דער וועהטאָג. אַלץ גרעסער ווערט די היטץ און אַלץ העלישער ברענט אין מח; און מיט די פאַרגרעסערונג פון די היטץ בלייבען זיינע געדאַנקען אַלץ מעהר פאַרווירט, מעהר פערוואָלקענט און מעהר פאַרדונ־קעלט.

ער וויים וואס דאָס מיינט. עס איז דער אָנהויב פון א דעליריום, און מיט די לעצטע כוחות שריים ער אויס:

— ניין, רודאָלף ראָבינסאָן וועט זיין פערשטאַנד ניט פאַרלירען. די הייליגע ליכט פון מיין נשמה וואָס איך האָב אַזוי אָבגעהיט מיין גאַנצען לעבען, טאָר ניט דונקעל ווערען...

— אַח! מעהר אייז! וואַסער.. וואַ־סער.. קיהלט אָב מיינע געהירען.. לעשט אָב דעם פייער וואס ברענט דאָרטען..

ראָבינסאָן איז געווען ביי זיין פולען פאַרשטאַנד, ער האָט גוט געוואוסט דאָס קיינער הערט ניט זיין געבעט נאָך אייז אדער וואַסער. ווי איבעראַשט איז ער געוואָרען ווען ער האָט דער־פיהלט א צאַרטע קיהלע האַנד וואס האָט געגלעט זיין שטערען און א ווייכע שטימע האָט צו איהם געמורמעלט אין אויער.

— פאַטער, באַרוהיג זיך, דאָס בין איך דיין טאָכטער עליין, איך בין גע־קומען דיר צו העלפען, צו זיין ביי דיין זייט; און צו מאַכען די שטונדען וואָס דו וועסט דא מוזען פאַרבלייבען קיר־צער און פריילעכער, רייד ניט פאַטער, מיט דיין ריידען ווערט די היטץ גרע־סער. קוק נאָר אויף מיר און איך וועל

צו דיר רעדען. איך וועל דיר אלעס ערצעהלען און דיר פון אלעס זאגען.

אנפאנגס האט ער געמיינט אז די טייפעלשע שפיעל האט זיך אנגעהויבען אז דאס איז גאר ניט עליין וועמען ער זעהט און הערט, דאס עס איז די ארבייט פון זיין דערהיצטען כח הדמיון; זיין פארשטעלונגס קראפט וואס האט זיך אפגעריסען פון דער קייט און איז ארויס פון זיין רשות, און זי טרייבט מיט איהם קטאוועס, אבער ראבינסאנס ווילענסקראפט איז געוועזן נאך שטארקער פון זיין פיזישע קאנסטיטוציאן, און ער האט ווי מיט געוואלט פון זיך פארטריבען די שווארצע רעיונות און ער האט צו איהר געזאגט.

— דו מיין ליבע און טהייערע קינד, ביסט צו מיר געקומען אין דיזער צייט פון נויט און פארצווייפלונג מיט וועלכען איך האב זיך אזוי שטארק געראנגעלט. מיין טהייערע עליין קום נעהנטער צו מיר איך זאל קענען אנריהרען דיין שעהנע געזיכט, דער גליק און פארגעניגען דיר א קוש צו געבען איז אפילו מיר ניט ערלויבט. דו וואונדער קינד דו ביסט צו מיר ווי א מלאך געקומען.

זי האט זיך נעהנטער צו איהם צ געבויגען און זי האט ווידער געמורמעלט אין זיין אויער.

— רייד ניט פאטער, רייד ניט, — איך בין דיין נוירס, און דו מוזט מיר פאלגען וואס איך זאג דיר, אז ניט וועל איך אוועק פון דיר און איך וועל פאהרען צו מיין אנדער פאטער.

דער קריזיס איז פארבייגעגאנגען און ראבינסאן איז מיט יעדען טאג בעסער געווארען. און צוויי וואכען שפעטער איז ער געוועזן אימשטאנדע דיא בעט צו פארלאזען און ארויסצוגעהן צו דעם ברעג פון ים. די לופט האט אנגעפילט זיינע לונגען, עס האט דערקוויקט זיין גאנצען קערפער און עס האט געשטארקט זיינע גליעדער. איין נאך מיטאג זיינען זיי ביידע געזעסען אויפן זאמד, עליין האט זיך געשפיעלט מיט איהר זאנענשירם און מיט דעם אונטערשטען ברעג פון שטעקעל האט זי געקריצט פיגורען און בוכשטאבען אויפן זאמד, זי האט געשטיעפט, געלאכט און זיך גערייצט מיט איהר, ווי זי פלעגט זיך שפיעלען מיט איהר פאטער אלעקסאנדער, פלוצלינג האט זי זיך צו איהם געווענדעט און האט געזאגט:

— פאטער, איך האב היינט געהאט א לאנגען געשפרעך מיט דעם דאקטאר, איך וועל אייך ניט זאגען די פיעלע שעהנע זאכען וואס ער האט וועגן אייך געזאגט, איך האב מורא אז איהר וועט זיך צופיעל איבערנעהמען, ער איז אונטער דעם איינדרוק אז איך בין אייער אמתע טאכטער און איך האב דאס ניט געלייקענט; ווען ער האט אנגעהויבען אויסצורעכענען אלע אייערע מעלות האב איך מיר געפיהלט שטאלץ ווי א פאווע; אבער וואס עס האט מיר מעהרסטענס געפרעהט פון דעם געשפרעך איז וואס ער האט מיר פארזיכערט אז איהר זייט אהן צווייפעל אין א לאגע זיך אונטערצונעהמען די רייזע נאך פאריז; ער שטימט מיט מיר איין אז אין פאריז וועט איהר זיך פיעל גיכער ווידערהאלען; איהר וועט דארט האבען מעהר בעקוועהמליכקייט און בעסערע מעדיצינישע אויפפאסונג, און וואס איהר נויטיגט זיך אממעהרסטען איז בעסערע נאהרונגס מיטעל, דא קענט איהר עס ניט באקומען אגב, האב איך ערהאלטען אן אנזאגונגס קארטע פון דעם דעפארטמענט, אז איך זאל זיין צוגעגרייט צו פאהרען צום שלאכטפעלד. די צייט איז ניט באשטימט אבער איך דארף מיר האלטען פארטיג דערצו. ווען רעכענט איהר זאלען מיר אנפאנגען אונזער רייזע?

—אזוי שנעל ווי מיר קענען, זאלען מיר זאגען מארגען פארנאכט —האט ראבינסאן געזאגט.

—גוט איך וועל היינט באזארגען אלץ וואס איז נויטיג, אז מיר זאלען

מאָרגען נאָך מיטאָג קענען אָנפאַנגען אונזער רייזע, האָט עליין געזאָגט.

—אָבער איך האָב נאָך איין זאַך מיט אייך וואָס איבערצורעדען, און דאַן זיינען מיר פערטיג, איך האָב אייך דאָס ביז אַהער ניט געוואָלט זאָגען.

—איהר קענט זיך גאָר קיין בעגריעף ניט מאַכען ווי מיין פאָטער איז געריהרט געוואָרען ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז איהר זייט קראַנק. ווען ער וואָלט געהאַט מיט וועמען די מוטער איבער צולאָזען וואָלט ער מיט מיר צו אייך געקומען.

—ער האָט מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל קיין זאַך ניט שפּאָרען און ניט זשאָלעווען פאַר אייער געזונדהייט; ער האָט געמאַכט מעגליך דאָס איך און איהר זאָלען קענען ציהען אַנווייזונגען אויף דער באַנק דע פּאַריז, אַזוי פיעל געלד וויפיעל מיר וועלען נור דאַרפען; זאָל אייך קיין זאַך ניט פעהלען און נוצט עס ווי עס וואָלט געווען אייערע אייגענע. פאַרגעסט ניט אַז מיר האָפען אייך צו האָבען אין אונזער פאַמיליע.

—עליין, איך קען דיין פאָטערס נאַטור, און איך ווייס אַז ער איז מיינער אַן איבערגעגעבענער פריינד, און הגם איך נויטיג זיך ניט אין אַזעלכע הילפע וועל איך אָבער זיך ניט ענטזאָגען אָנצונעהמען זיינע איידעלע און פריינדליכע אָנבאָט כדי ער זאָל זיך ניט פיהלען געקריינקט.

—איך וועל שוין שפּעטער געפינען מיטלען ווי אַזוי זיך אָפּצורעכענען מיט איהם, אָבער איצט וויל איך דיר וואָס בעטען.

— איידער מיר וועלען פאַרלאָזען ברעסט, פאַרלאַנג איך אַז דו זאָלסט טעלעפאָנירען קיין פּאַריז צו מיינעם אַ גוטען פריינד, אַ בעריהמטער דאָקטאָר מאַריענבערג, זאָג איהם וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, אַוואו איך בין און וואָס מיינע פּלענער זיינען פאַר דער צוקונפט. איך בין זיכער אַז ער וועט שוין פאַר אַלעס זאָרגען און ווען מיר וועלען אָנקומען אין פּאַריז וועט אַלעס זיין צוגעגרייט פאַר אונז, זעה מיין קינד אויב דו וועסט איהם איצט ניט קענען גרייכען —האָט ראָבינסאָן געזאָגט.

זיי האָבען זיך צוריק געקעהרט צום האָספּיטאַל, עליין איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי גערעדט מיט דאָקטאָר מאַריענבערג. זי האָט איהם אַלעס דערצעהלט, דער גוטער דאָקטאָר האָט זיך מיט גרויס אינטערעסע צו איהר צוגעהערט. צום סוף פון איהר געשפּרעך מיט איהם האָט זי זיך געווענדעט צו ראָבינסאָן און זי האָט געזאָגט:

—פאָטער דער דאָקטאָר וויל מיט אייך רעדען.

דער געשפּרעך האָט גוט געווירקט אויף ראָבינסאָן. עס האָט איהם אַ סך דערפרישט און ערמוטיגט. דער דאָקטאָר האָט אַפילו דערקענט זיין קול; ער האָט איהם פאַרזיכערט אַז ער איז אויסער זיך פאַר פרייד מיט איהם צו ריידען. און ער וועט אויף איהם וואַרטען מיט די גרעסטע אונגעדולד. ער האָט מיט איהם צו רעדען וועגען אַ סך וויכטיגע זאַכען; פון וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די וויכטיגע זאַכען זיינען האָט ער איהם ניט געזאָגט, אָבער ראָבינסאָן האָט פערשטאַנען, אַז דאָס מוז האָבען צו טאָהן מיט די נייע ענטוויקלונגען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אפשר וועגען מאַנדאַט פאַר פּאַלעסטינא,

ווען ראָבינסאָן האָט געבעטען דאָס ער זאָל איהם באַזאָרגען מיט צוויי גוטע צימערען אין אַ ערשטע קלאַס האָטעל, האָט איהם דער דאָקטאָר געזאָגט אַז ער זאָל זיך וועגען קיין זאַך ניט זאָרגען, דאָס בעסטע וועט פאַר איהם און די יונגע דאַמע באַזאָרגט ווערען, דער דאָקטאָר אַליין וועט זיין אויפן וואָגזאַל זיי צו עמפּפאַנגען.

מיט צוויי טעג שפּעטער אַרום עלף אַזייגער אין דער פריה, זיינען עליין און ראָבינסאָן אָנגעקומען אין פּאַריז, זיי האָבען די גאַנצע נאַכט געריזט. ראָ־

בינסאן האט גוט געשלאפען, און האט אויסגעזעהן פריש און אויסגערוהעט ווען ער איז ארונטער פון דעם צוג. דאקטאר מאריענבערג האט איהם געהאלפען אריין צו שטייגען אין זיין אויטאמאביל און זיי זיינען אפגעפאהרען נאך דעם אייראפעאישען אינסטיטוט, דער דאקטאר האט אריין געפיהרט ראבינסאן אין א שעהנעם געראמיגען צימער, ער האט מיט איהם גערעדט א קורצע ווייל ווענען ניט קיין וויכטיגע זאכען, און דאן האט ער געזאגט צו ראבינסאן.

— איהר זייט מיעד פראפעסאר, א ביסעל אויסגעמאטערט פון אייער רייזע איהר דארפט האבען רוה, לייגט זיך צו א ווייל, און ווען איהר וועט זיך אויס רוהען, האב איך מיט אייך וואס צו רעדען, וועהרענד איהר וועט רוהען וועל איך מיר נעהמען דעם פארגעניגען צו פארברייגגען מיט אייער טאכטער. איך וועל איהר ווייזען אונזער אינסטיטוט

ראבינסאן האט זיך צוגעלעגט אויף א זאפא. דער דאקטאר און עליין זיינען אריין אין אן אנדער צימער. פון דער ערשטער מינוט וואס דער דאקטאר האט דערזעהן עליין, האט ער זיינע אויגען פון איהר ניט ארונטערגעלאזען, עס איז אמת אז איהר שעהנקייט האט דערמיט געהאט **א סך וואס צו טאהן,** אבער דאס איז נאר געווען א נעבען זאך, די הויפט אורזאכע איז געווען; דאס ער האט געזוכט צו שטודירען איהר האראקטער.

פון דער צייט אן וואס זי האט מיט איהם גערעדט דורכן טעלעפאן און ער האט אויסגעפונען ווער זי איז, האט ער אנגעהויבען צו האפען דאס זי וועט איהם קענען א סך העלפען אין זיין נייעם עקספערימענט. מיט וועלכען ער האפט צוריק צו ברענגען עדי ווארנערס זכרון ער האט דעריבער געוואלט וויסען וואס פאר א סארט פערזאן זי איז און אויף וויפיעל ער וועט זיך קענען אויף איהר פארלאזען. ער האט איהר איינגעלאדען צו א שטוהל און ער האט געזאגט.

— איהר זייט אהער געקומען מיט מיין פריינד ראבינסאן. איהר פערלאנגט געוויס אז איך זאל איהם העלפען אין זיין געזונדהייט, איך וועל דאס געוויס טאהן, אבער איך מוז אייך בעטען מאדמאיזעלע פיליפס אז איהר זאלט אונז ביידען העלפען, איך נויטיג מיר שטארק אין הילפע, און איך זעה אין אייך די פערזאן וואס קען מיר דיזע הילפע געבען, וועט איהר מיר צו זאגען?

— דאקטאר, איהר רעדט אין א שפראך וואס איך פארשטעה ניט, — האט עליין געזאגט. איך בין געוויינט צו רעדען פריי און אפען, און איך ווינש אז אזוי זאל מען צו מיר רעדען. וואס איז אייער וואונש און מיט וואס קען איך אייך דיענען?

—אייער עצה און אייער גייסטיגע הילפע דארף איך האבען — האט דאקטאר מאריענבערג געזאגט. הערט מיר אויס אחן אויפרעגונג. ראבינסאן איז שוואך, און איך מוז מיט איהם רעדען איבער א געגענשטאנד וואס וועט פאדערען אלע זיינע קרעפטען; איך דארף אויפעפענען אין איהם אן אלטע וואונד, וואס האט פארניפטעט זיין גאנצען לעבען. מאדמאיזעל איך דארף מיט אים ריידען ווענען זיין פרוי און טאכטער.

— דאקטאר!! — האט עליין אויסגעשריען, איהר האט פאר איהם נייעס פון העלענא און פיליציא ?!

— ניין, ניט קיין נייעס, **האט דער** דאקטאר געזאגט — איך האב זיי אליין, העלענא איז דא אין אינסטיטוט בלויז איין שטאק פון דאנען, פיליציא איז איצט אין אמעריק מיט א קאמיביאן פון רויטען קרייז; אבער איך בעט אייך זיך נאר רוהיג צו האלטען, מיר האבען א סך ארבייט און א גאנץ אינדעלע אפעראציאן, מיר טארען זיך ניט פארליערען, אונזער מעסער זאל ניט געהן קרום. העלענא איז אהער געקומען

אויף מיין איינלאדונג אין דער בעגלייטונג פון צוויי יונגע לייט, איינער איז מיינער איין גוטער פריינד און אויך א פריינד פון העלענא, זיין נאמען איז מארגענשטערן. ער איז אהער געקומען זיך ביי אייך נאכפרעגן צו איחר האט אפשר באגעגנט אין שיקאגא זיין טאכטער און איהר מוטער, מאריא און ווערא לאשין.

— מיין גאט, וואס טהוט זיך דא מיט מיר? וויעראס פאטער, מאריאס געליעבטער, העלענא און פיליציא! אום גאטעס ווילען דאקטאר, ניט אזוי לאנגזאם, איהר ציהט מיר ארויס מיינע כוחות, זאגט מיר ווער איז דער אנדערער יונגער מאן? זאגט מיר שנעל.. איך וויים.. איך בין איצט בארייט צו הערען דאס ערגסטע. מיין עדי!... מיין עדי. פיהרט מיר צו איהם דאקטאר. געשווינד, איך בעט אייך —

טרעהרען האבען אנגעפילט איהרע אויגען, געגען איהר איינענעם ווילען האט זי אנגעהויבען צו וויינען, אבער עס האט נור געדויערט א מינוט און זי האט זיך באלד אויסגעגלייכט, זי האט מיט איחר ווייסע טאשענטיך אויסגעווישט איהרע אויגען. קענטיג אז זי האט געוואלט איבערציייגען דעם דאקטאר דאס זי קען זיך קאנטראלירען און אז זי איז אימשטאנדע איהם צו העלפען.

דאקטאר מאריענבערג האט צו איר געזאגט אין א נידעריגע, אבער רייגעם טאן, ער האט די ווערטער אויסגעצויגען כדי איהר צו פארברייטען אויף די צוויי עקסטרעמע געפיהלען, פ ר י י ד, און לייד, ער האט זיינע אויגען אויף איחר געהאלטען.

—איהר זייט א בראווע און א קלוגע קינד, און איך קען זיך אויף אייך פארלאזען, קארנעל עדוואר וואנער איז מיט אן אמת די צווייטע פערזאן, אבער ליידער קען ער נאך צו אייך ניט קומען, ער איז נאך אונטער מיין השגחה מיר וועלען מוזען צו איהם געהן.

— דאקטאר איך בעט אייך, זעהט איהר ניט אז מיט אייערע גרויסע פארזיכטיגקייט נעהמט איהר מיין נשמה ארויס,, מאטערט מיר ניט מעהר — א גרויסער שטראם טרעהרען האט זיך א גאס געטהאן פון איהרע אויגען אלע איהרע געפיהלען וואס זי האט אונטער דרקיט פאר די לעצטע דריי יאהר זייגען פריי געווארען, און זי האט פארט געזעצט.

— זאגט מיר וואס איז די גרויסע קאטאסטראפע וואס איך דארף נאך הערען פון אייער מויל האט עדי זיינע פיס פארלאזען זיינע הענד זיינע אויגען, איז ער טויב אדער שטום געווארען? זאגט מיר דאקטאר מאריענבערג, איך בין בארייט דאס ערנסטע צו הערען; ער איז מיינער, מיין עדי, ער האט געקעמפפט פאר מיר, פאר אונזער הייליגע ליעבע, ער איז מיינער און איך בין זיינע, אהן אן אונטערשיעד וואס מיט איהם האט זיך געטראפען; קומט דאקטאר פיהרט מיר צו איחם.

— בארוהיגט זיך, איך בעט אייך, לאזט מיר אייך זאגען דאס אייער אונגליק איז ניט אזוי גרויס ווי איהר מיינט, האט דער דאקטאר געזאגט. עס איז איהם קיין גליעד פון זיין קערפער ניט געריהרט געווארען.

דער דאקטאר האט איהר דערצעהלט ווי אזוי עדי איז קראנק געווארען נאך דעם ווי ער איז צוריק געקומען פון באגדאד, עס איז געוועזן אן אזיאטישער פיבער, און אלס רעזולטאט פון דער קראנקהייט, האט ער פערלארען זיין זכרון. ער האט איהר אויך דערצעהלט דאס די גאנצע צייט פון זיין קראנקהייט האט ער ניט אויפגעהערט וועגען איהר צו רעדען; אבער פון דער צייט אן וואס ער האט אויפגעהערט צו געדענקען, בלייבט ער זאגאר גלייכגילטיג ווען איהר נאמען ווערט דערמאהנט.

— אז ער וועט געזונד ווערען איז ביי מיר קיין ספק ניטא, האט ער פארטגעזעצט, איך זוך נאר די סיבה,

וואס וועט איהם צוריק ברענגען זיין זכרון, און איך האף אז אייער קומען אהער וועט איהם צוריק געבען אלץ וואס ער האט פארלארען, מיר וועלען באלד מאכען די ערשטע פראבע.

אזוי שנעל ווי זי האט אויסגעפונען וואס עס האט זיך געטראפען מיט עדי האט זי זיך פאלקאמען בערוהיגט און זי איז איצט געזעסען שטיל און רוהיג און זי האט זיך צו געהערט צו דעם דאקטארס פלאן מיט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט ווי עס וואלט זיך געהאנדלט וועגען איינעם וואס איז בלויז א בעקאנטער איהרער, ער האט איהר באטראכט מיט בעוואונדערונג און ער האט אויסגערופען מיט אן אמתע פראנצויזישע בעגייסטערונג .

— בראווא, מאדמאיזעלע, איהר זייט אזוי וואונדערבאר אז איהר וואלט קענען אויפוועקען א טויטען, אלזא הערט אוים מיין פלאן, איך וועל איהם געבען א לייכטען שלאף טראנק, וואס וועט איהם נאר אויף א קורצע ווייל פארשלעפערען, איהר וועט צורעכט מאכען אייער טואלעט אויף אזוי פיעל ווי מעגליך, ווי ער איז אייך געוועזן געוואהנט צו זעהן; ווען ער וועט זיך אויפכאפען פון זיין שלאף זאל קיינער ניט זיין אין צימער אויסער איהר, איהר וועט אנהויבען צו רעדען צו איהם וועגען א ניט געענדיגטען געגענשטאנד; א זאך פון וואס איהר האט מיט איהם גערעדט איידער ער איז פון אייך אוועק געפאהרען, עפעס וואס האט אייך ביידע שטארק אינטערעסירט.

— איך און זיין מוטער וועלען זיין אין א דערבייאיגען צימער וואו מיר וועלען אלעם קענען זעהען און הערען. אבער ער וועט אונז ניט קענען זעהן, איך האף אז דאס וועט זיין דער מיטעל וואס וועט ברענגען זיין רפואה. און איצט וועל איך אייך בעקאנט מאכען מיט אייער נייע מוטער, זי איז א זעלטענע פרוי, די איידעלסטע בעשעפענים וואס איך האב ווען אין מיין לעבען באגעגענט, זי ווייס שוין אז איהר זייט דא, אבער זי ווייס נאך ניט פון איהר גרעסטען גליק, אז איהר מאן רודאלף רבאינסאן איז מיט איהר אונטער דעם זעלבען דאך, ווארט דא און איך וועל איהר אויגענבליקליך אהער אריין פיהרען.

ער איז ארוים פון צימער און אין א פאר מינוטען שפעטער האט ער זיך צוריק געקעהרט פיהרענדיג העלענא אונטערן ארעם, און ער האט געזאגט.

— מאדאם אייער זוהנס געליעבטע ווינשט אייך צו דאנקען פאר אייערע גרויסע אנשטרענגונגען וואס איהר האט געמאכט איהם געזונד צו מאכען איידער איהר האט נאך אפילו געוואוסט אז עס איז אייער זוהן.

ביידע פרויען האבען זיך אריין געווארפען איינע אין דער אנדערעס ארעמס, און די טרעהרען פון די יונגע וואס איז געוועזן ווי דער פרישער טהוי פון פריהלינג, און די טרעהרען פון די עלטערע פרוי וואס איז געוועזן ווי דער רעגען פון הערבסט, האבען זיך צוזאמען געמישט אין איינעם, זיי זיינען געקומען פון דעם זעלבען מקור, דער קוואל פון ליעבע, עליין איז געוועזן דיא ערשטע וואס האט אנגעהויבען צו רעדען.

— מוטער, לאנג האב איך געווארט אויף דיזען גליקליכען מאמענט, צו ליגען אין די ארעמס פון העלענא, די פרוי פון אונזער טייערען פריינד פראפעסאר ראבינסאן, און גאטעס וואונדער, זי איז די מוטער פון מיין עדי, ער האט אלע מאל געצווייפעלט אויב פיעדארא איז זיין מוטער, און איצט ווען דער גרויסער גליק איז צו אונז אלעמען געקומען קען ער איהם ניט פארשטעהן און באגרייפען.

—אבער זאלען מיר זיך טרייסטען איצט איז ניט די צייט צו וויינען, די פינסטערע וואלקען פון דער נאכט האבען אנגעהויבען צו פארשווינדען און א נייע ליכטיגע זון פאנגט אן צו בע־

ליכטען אונזער וועלט.

עדי וועט געזונד ווערען, ראבינסאן וועט זיך באלד צוריק קעהרען און פיליציא וועט אויך באלד אהיים קומען און דאן וועלען מיר אלע זינגען ליעדער פון פרייד און פון גליק.

— וואו איז הער מארגענשטערען? איך וויל איחם דערצעהלען פון מאריא און זיין וואונדער קינד וויערא. זיי זיינען אונזערע טייערסטע פריינד. וויערא האט אין די לעצטע דריי יאהר פארזיסט דעם לעבען פון "אנקעל רודאלף" מאריא האט אין ראבינסאן דערקענט אייער מאן רודאלף רבינאוויטש, און זי האט אונז אלעס דערצעהלט וועגען אייער גרויסען אונגליק און ווי אזוי פיעדארא האט אייך בארויבט פון אייער זוהן.

ער האט ניט אויפגעהערט אייך צו זוכען זינט איהר זייט אוועק פון ברוסעלס און דריי רעגירונגען האבען אים געהאלפען, אמעריקא, בעלגיום און דייטשלאנד, אבער אלע אנשטריינגונגען איז געוועזען אומזיסט, זיי האבען אייך ניט געפונען. ארעמער ראבינסאן, ער איז כמעט מיט די כחות אויסגעגאנגען פון יאוש, ענדליך האט ער בעשלאסען זיך מקריב צו זיין אויף דעם מזבח פון דער מלחמה און ער איז געפאהרען צום שלאכט פעלד צו העלפען די אידישע סאלדאטען, אבער איידער ער איז אנגעקומען צו די טרענטשעס איז ער קראנק געווארען.

— רודאלף איז קראנק? מיין טייערער, גרויסער, העלדישער רודאלף איז קראנק, און איך, זיין פרוי קען איהם ניט העלפען, איך קען ניט זיין ביי זיין זייט. זאג מיר מיין קינד, אוואו איז ער? איך וועל געהן צו איהם, איך מוז זיין ביי זיין בעט אויב עס זאל מיר אפילו מיין לעבען קאסטען. זאג מיר, איך בעט דיר, געשווינד, געשווינד.

— איך זעה אז מען קען זיך אויף אייך פראלאזען, מאדמאיזעלע פיליפס, האט דאקטאר מאריענבערג געזאגט צו עליין נאך דעם ווי ער האט זיך צוגעהערט ווי אזוי זי האט פארברייטעט העלענא צו די נייעס, און זיך ווענדענדיג צו העלענא האט ער געזאגט — פאסט זיך מוטה מאדאם לאוויטע, עס איז ניט נויטיג פאר אייך צו געהן און צו זיין ביי זיין בעט, אייער טאכטער האט עס געטהאן, זי האט איהם געהאלפען געזונד מאכען. זי האט פארלאזען איהר חיים און איז געקומען נאך פראנקרייך פאר דעם איינציגען צוועק אייער מאן צו נוירסען און אויף איהם אכטונג צו געבען. און נאך דעם האט זי איהם אהער געבראכט צו אייך. ער איז דא אין אינסטיטוט אונטער איהר השגחה. אבער האט געדולד, איהר טארט ניט פארגעסען אז ער איז איצט אויפגעשטאנען פון אן ערנסטע קראנקהיים; אין א קורצע צייט וועל איך איהם צו אייך ברענגען, אבער איהר מוזט זיין פארזיכטיג, איהם ניט שטארק אויפצורעגען.

העלענא, די שטארקע ענערגישע העלענא וועלכע האט געקעמפפט, געזוכט און געהאפט פאר די לעצטע פיער און צוואנציג יאהר, האט נאך געהאט גענוג קרעפטען צו באהערשען איהרע געפיהלען. זי איז ווי א קינד געלעגען אין עליינס ארעמס און איהרע אייגענע ארעמס האט זי געהאלטען ארום עליינס האלדז און פון צייט צו צייט האבען זיי זיך געקושט איינע די אנדערע. אויסערליך האט זי איצט אויס געזעהען שטיל און רוהיג. אבער קיינער ווייס ניט וואס עס איז אנגעגאנגען אין איהר הארץ און מוח. זי האט געענטפערט.

— דאקטאר איך וועל ווארטען, און איך פארזיכער אייך אז איך וועל זיין פארזיכטיג. איך בין שוין געוואוינט דערצו,

דער גוטער דאקטאר האט זיי פארלאזען און ער איז אריין אין ראבינסאנס צימער, ראבינסאן האט ניט מיט אן אויג צוגעטאן, ער איז געלעגען אויף דער זאפא און ער האט געטראכט "צו

וואס האט דער דאקטאר מיר געוואלט זעהן, וואס זיינען די וויכטיגע זאכען איבער וועלכע ער וויל מיט מיר רעדען? פארוואס האט ער מיר א ווארט וועגען דעם ניט געזאגט? ווארום האט ער מיר געשיקט שלאפען? און ווארום האט ער אויסגעזעהן אזוי אויפגערעגט? דא מוז עטוואס זיין. דא איז א געהיימנים פארוויקעלט, איז עס אפשר עדי

ער האט זי דערמאהנט אן דעם יונגען קארנעל וואס איז אנגעקומען פון באגדאד און איז פלוצלינג קראנק געווארען פון אן אזיאטישען פיבער. "ווער ווייס אפשר האט דער דאקטאר וואס נייעס פון העלענא, אדער פיליציא, און פיליכט האט ער זיי אלע דריי געפונען, ער האט דיזע געדאנקען איבער געקעהרט אין זיין מח הונדערטער מאל, ביז דער דאקטאר איז צו איהם צוריק געקומען.

—נו, ווי פיהלט איהר עפעס איצט פראפעסאר? האט ער געזאגט אריינקומענדיג.

— שטארק גענוג צו עמפפאנגען מיין פרוי, מיין זוהן אדער מיין טאכטער, און אפילו אלע דריי אויף איין מאהל, האט ראבינסאן געזאגט.

דאקטאר מאריענבערג האט אויף איהם אויפגעעפענט א פאאר אויגען און האט געקוקט מיט פארוואונדערונג.

— עס טהוט מיר ווירקליך לייד, פראפעסאר וואס איך קען ניט ערפילען אייער וואונש, וויינינגסטענס ניט אלע דריי אויף איין מאל, דערפאר וואס פיליציא אייער טאכטער איז איצט אין אמעריקא מיט א פראנצויזישע קאמיסיאן אבער איך קען צו אייך ברענגען אייער פרוי און אייער זוהן, אויב דאס וועט אייך פארלויפיג באפרידיגען קומט מיט מיר צו דעם נעכסטען צימער אוואו חעלענא ווארט אויף אייך מיט אויסגעשפרייטע ארעמס.

דער דאקטאר האט געעפענט די טהיר העלענא און עליין זיינען געזעסען ווי פריהער איינגעשלאסען איינע אין דער אנדערעס ארעמס, דער דאקטאר האט אריין געשיקט ראבינסאן פאראוים און ער איז איהם נאכגעגאנגען, ווען העלענא האט איחם דערזעהן איז זי אויפגעשפרונגען פון איהר ארט און איז אריין געפאלען אין זיינע אפענע אויסגעשפרייטע ארעמס, זי האט ניט געוויינט און ניט גערעדט, זיי האבען זיך ביידע שטארק אומגעארעמט און א לאנגער הארציגער קוש האט דורך געקלונגען דורכן צימער, זי האט דאן איהר שעהנע קאפ א ביסעל צוריקגעצויגען און ביידע האבען זיי זיך טיעף אין די אויגען אריין געקוקט, ווי זיי וואלטען דעם אנדערענס נשמה געליינט און ראבינסאן האט געזאגט·

ענדליך איז דער ווינטער פאריבער א נייער פריהליג איז געקומען פאר אונז און פאר דער גאנצער מענשהייט

—ענדליך האט די ריינע הייליגע ליבע ווידער געזיעגט און דו ביסט מיינער, ווידער מיינער אויף אייביג, האט חעלענא געזאגט, און א צווייטער קוש האט זיך דערהערט פון צימרע.

24טער קאפיטעל.

א פריה מארגען איז העראלד געזעסען אין זיין צימער פון האטעל און ער האט מיט אונגעדולד געווארט אויף די מיטגליעדער פון דער קאמיסיאן מיט זיי צוזאמען פריהשטיק צועסען; דער "בעל באי האט איהם אריין געבראכט א טעלעגראמע ער האט ערשט א קוק געטהאן אויפן אונטערשריפט; עס איז געוועזען פון עליין ער האט מיט האסט געלייענט.

— ראבינסאן איז געזונט אין פאריז מיט זיין פרוי, דיין וואונש איז מקיום געווארען, איך האב געהאלפען דעם פאטער און געפונען דעם זוהן, עדי איז מיט אונז, פיליציא איז אין אמעריקא מיט דער רעד קראס קאמיסיאן, זוך איהר אויף און פארגעס ניט אז זי איז ראבינסאנס טאכטער און עדיס שוועסטער, מיר אלע זיינען גליקליך.

העראלד האט די טעלעגראמע געלאזט ליגען אויף זיין קליינעם שרייבטיש און ער האט זיך איבערגעגעבען צו זיינע געדאנקען. אין די לעצטע עטליכע טעג האט ער אין גאנצען פארגעסען זיין קריוודע געגען דעם קריעגס דעפארטמענט, דערפאר וואס ער איז ניט געשיקט געווארען צו די טרענטשעס, ער האט איצט אויפגעהערט צו זיין דער בייזער קעפטיין, אלע מיטגלידער פון דער קאמיסיאן זיינען איס פלוצלינג ליעב געווארען, זיי האבען געקריעגען אן אנדער אויסזעהן אין זיינע אויגען; ער האט אין זיי געפונען אזוי פיעל פריינדשאפט און אזוי פיעל אויפערונג פאר אלץ חאס זיי זעהן, און הערען און פיליציא רעגירט איבער זיי אלעמען, ניט צוליב דעם ראנג וואס די רעגירונג האט איהר געגעבען, דאס האט אויף איהר קיין באזונדערע ווירקונג ניט געמאכט; אין דער געזעלשאפט פון איהרע קאמעראדען האט זי זיך אלע מאל אויפגעפיהרט ווי איינע פון זיי און דער אונטערשיעד פון ראנג האט זיך ניט געלאזט מערקען. זי האט אבער רעגיערט מיט איהרע פערזענליכע בעגאבונגען, מיט איהר רייצענדען חן, מיט איהר זעלטענע שעהנקייט, מיט איהר קלוגשאפט, מיט איהרע ערפאהרונגען, מיט איהר נאיוויטעט, מיט איהר שטאלץ און מיט איהר איינפאכקייט, אהן איהר האט די געזעלשאפט קיין לעבען ניט געהאט, און אהן איהר איז קיין זאך ניט געטהאן געווארען.

העראלד חאט דאס אלעס באמערקט נאך פריהער, ער האט אויך געוואוסט ווי זעלטען שעהן זי איז, און אלעס וואס מען זעהט אין איהר איז ניט קיין איבערפלעכליכער גלאנץ, זי רעדט איבער געגענשטענדע וואס זי ווייס; און זי ווייס דעם געגענשטאנד פון וועלכען זי רעדט; אז זי איז א טענצערין די ערשטע פון אייראפא האט ער געהערט פון פארשידענע קוועלעס; דאס זי זינגט און שפיעלט גוט, האט ער אליין די געלעגענהייט געהאט צו אורטיילען. ער האט געוואוסט אז זי האט א סך געליינט און זי האט געלייענט מיט קאפ. ער האט אליין געזעהען אז זי האט גייסט, און זי איז בארייט צו קעמפפען פאר איהרען א פרינציפ; און זי באזיצט שארפע געוועהר מיט וועלכע צו קעמפען. און ער האט אויך געהאט די געלעגענהייט צו לייענען איהר הארץ און

צו זעהן ווי גוט זי איז צו אלעמען, איהר האנט בייטעל איז געווען שטענדיג אפען און זי האט נאר געהאלטען אין איין צדקה טיילען, צו די ארעמע, בלינדע און קאליקע.

פון יענעם טאג אן ווען זיי האבען ביידע אויסגעפונען ווי נאהענט זיי זיינען איינע צו די אנדערע איז הערלד געווארען גאר אן אנדער מענש. ער איז געווארען אזוי צו געבונדען צו איהר אז ער האט געהאסט די שטונדען וואס ער האט געמוזט פארברייננגען אליין.

מיט א פאאר וואכען צוריק זיינען זיי ביידע געווען איינגעלאדען צו פארברייננגען דעם אווענד און שפייזען מיט מאריא לאשין. דארטען האט איהר הערלד דערזעהן אין א גאנץ נייע ראלע, אן אמתע אידישע היימישע מיידעל וואס טהוט איהרע הויז און קיך ארבייט, ווי דאס וואלט געווען איהרע איינציגע ארבייט איהר גאנץ לעבען. ווען עס איז געקומען די צייט צום שפייזען האט זי זיך פלוצלינג פארענדערט, אין וויניגער ווי א מינוט איז זי געווארען אויס פאריזער דאמע און זי האט זיך פארביטען אין א קיך מיידעל; זי האט זיך אנגעטאן א לאנגען ווייסען פארטאך וואס האט איהר באדעקט פון קאפ ביז די פיס און זי איז אריין אין קיך צו העלפען מאריא צו פארפערטיגען די שפייז. הערלד איז געזעסען ביי דער פיאנא און האט לייכט געשפיעלט א מעלאדיע ווערענד ער האט דורכן טיהר געקוקט אויף פיליציא ווי זי האט געקאכט, געבאקען און געסערווירט.

—איהר טארט זיך ניט צו קוקען — האט זי שטיפענדיג געזאגט צו הערלד פון קיך ארויס. הערלד האט געענטפערט.

— דאס איז שוין מיינער אן אלטער פעהלער, און מיין מוטער פלעגט זיך אפט אויף מיר בייזערען וואס איך נעהם צופיעל אינטערעסע אין דער פראנצויזישער קעכין.

—איצט פארשטעה איך שוין פון וואנען איהר קענט פראנצויזיש, איהר האט דאס אין קיך געלערנט, האט פיליציא געזאגט.

— איז אייער אורטהייל געגרינדעט אויף דעם געשמאק פון מיין שפראך? האט הערלד געפרעגט.

— ניין עס איז געגרינדעט אויף דעם וואס עס פעהלט אין איהר טעם און ריח. האט פיליציא געזאגט.

הערלד — גלויבט איהר אז א האספיטאל וואלט איהר קענען געזונד מאכען?

פיליציא — פון קיך ביז אין האספיטאל, און פון א קעכין ביז א נוירס, איז א גרויסער שפרונג, איהר היבט אייבער א סך קלאסען, מיין מיינונג איז אז ווען מען וויל א גוטען מיטאג זאל מען געהן צו דער קעכין אבער ווען מען וויל לערנען די שפראך זאל מען געהן אין א שולע.

הערלד — וועט איהר זיין מיין לעהרער?

פיליציא — אבער איך בין נאר א קעכין.

הערלד — מיין שפראך איז קראנק, און זי דארף א נוירס.

— קינדער הערט זיך אויף צו רייצען איינע די אנדערע. האט זיך מאריאס שטימע געהערט פון קיך.

— ניין מוטער זיי רייצען זיך ניט, זיי שפיעלען זיך נאר, ווי צוויי קליינע קינדער.—האט וויערא געזאגט —— שוין במעט פיער יאהר ווי איך האב קוזין פיליציא ניט געזעהן, און גלויב מיר מוטער זי איז ניט א טאג עלטער געווארען. מר דאכט אז זי וועט אייביג אזוי בלייבען.

די שפייז איז צום טיש געבראכט געווארען און הערלד האט געדיינקט אז קיין מאל אין זיין לעבען האט ער אזא גוטען מאהלצייט ניט געגעסען. זיצענדיג ארום טיש האט פיליציא פאר

זיי דערצעהלט די געשיכטע פון עדי ווארנער, ווי ער האט געראטעוועט דעם האספיטאל אין בעלגיום וואו זי און איהר מוטער האבען זיך געפונען, ווי ער איז געקומען פון באגדאד נאך פאריז; ווי לעאן מארגענשטערען האט אים צו זיי אין הויז געבראכט; ווי אזוי ער איז קראנק געווארען; פון זיין בריעף צו עליין ווי ער האט גערעדט פון היטע זי האט קיין זאך ניט אויסגעלאזען. אפילו ניט איהרע אייגענע געפיהלען צו איהם; און איהר מורא טאמער וועט זי זיך אין איהם פארליעבען.

ווען זיי האבען דעם טיש פארלאזען האט זי גענומען וויעראס פידעל, און וועהרענד וויערא האט איהר באגלייטעט אויף דער פיאנא האט זי געשפּיעלט די "העברייאישע מעלאדיען" העראלד איז געווען א גוטער מובין אויף מוזיק, ער האט געהערט די גרעסטע קינסטלער פון דער וועלט, און ער האט גוט געקאנט די טהעארעטישע און פילאזאפישע זייטען פון מוזיק, און פיליציא האט איהם ניט ווייניג איבערראשט. די טענער זיינען ארויסגעקומען אזוי ריין און גלאט, און זי האט אין דער מעלאדיע אריין געגאסען אזוי פיעל געפיהל.

עס איז געווען א ווארימער אווענד.

העראלד האט איינגעלאדען די דאמען אויף א שפּאציער צום לייק וואס איז געווען נאר צעהן מינוטען גאנג פון די עמערסאן אפּארטמענטס די דאמען האבען אנגענומען די איינלאדונג.

די נאכט איז געווען קלאר און אויס געשטערנט, און די לבנה איז געווען פול און רונד. די פריינד האבען זיך געזעצט אויף א באנק נאהענט ביי דעם ברעג פון וואסער. די רוישענדע כוואליעס האבען זיך געטראגען איינע נאך די אנדערע נאהענט צום ברעג. לייק מישיגאן האט היינט גערעדט אין א גראבען בייזען קול; ווי ער וואלט געווען אויף וואס עס איז שטארק אויפ

גערעגט. העראלד האט געזאגט:

—דאס איז דער קול פון ניקעלמאן, אין הויפּטמאנס "פארזינקענע גלאקע".

— מסתמא האט איהם רויטענדעליין בייז געמאכט מיט איהר ליעבע צו היינריך—האט פיליציא געזאגט.

העראלד — גלויבט איהר ניט אז זי האט איהם געגוג אורזאכע נעגעבען צו זיין אויפערזיכטיג?

פיליציא — דארט וואו עס לעבט די אמתע ליעבע איז קיין ארט ניטא פאר אייפערזיכט.

העראלד—און איך האב געגלויבט אז עס גיט קיין ליעבע ניט אהן אייפערזוכט.

פיליציא—דאס ווענדעט זיך דארויף וואס איינער פארשטעהט אונטער דעםווארט ליעבע. אויב ליעבע מיינט צו באזיטצען דעם געגענשטאנד וואס איינער ליעבט, אויב עס מיינט קיין אנדער זאך ניט ווי ליידענשאפט, דאן זייט איהר גערעכט אזא ליעבע קען ניט עקזיסטירען אהן אויפערזיכט , אבער איך האב אן אנדער באגריעף פון די ריינע אמתע ליעבע. אלערערשט מוז זי זיין געבויט אויף די יסודות פון גלויבען, זי מוז זיין א רעליגיאן דאן קומט דער פערלאנג צו באזיטצען און די ליידענשאפטען. ווען צוויי גלויבען און האבען צוטרוי איינער אין דעם אנדערען, אין אזא ליעבע איז קיין ארט ניטא פאר אייפערזוכט אזוי שנעל ווי דער אייפערזיכט קומט הערט דער גלויבען אויף, און ווען דער גלויבען הערט אויף מוז די ליעבע שטארבען.

זיי זיינען ביידע שטיל געבליבען, זיי האבען זיך צוגעהערט צו דעם ברומען און רוישען פון די וועלען. וויערא איז געווארען אונרוהיג און זי האט ניט געוואלט בלייבען זיטצען אויף אן ארט. איהר מוטער האט מיט איהר שפּאצירט פאזע ברעג פון וואסער אויפן זאמד, און זיי זיינען פערשוואונדען געווארען אין דער פינסטערניס. העראלד און פיליציא זיינען געבליבען זיטצען אליין

אויפן באנק, זיי האבען ביידע געקוקט אויף די גרויסע מאסען וואסער און אויף דעם פייערדיגען שטעג וואס דער אבשיין פון דער לבנה האט געמאכט איבער די גרויסע וועלען, תעראלד האט איבערגעשלאגען די שטילקייט און מיט א רעליגיעזע בעגייסטערונג האט ער געזאגט.

— פיליציא! איך וואלט וועלען לערנען פון אייך די נייע רעליגיא! פון ליעבע וועט איהר מיר שאפען די עהרע און זיין מיין לעהרערין?

— עס איז נאך א ביסעל צו פריה, העראלד, מיין טהעאריע וועגען דעם געגענשטאנד איז נאך ניט אין גאנצען ענטוויקעלט — האט פיליציא געענטפערט.

— פיליציא ! — האט ח עראלד אויסגערופען מיט דער זעלבער בעגייסטערונג — איך בין אכט און צוואנציג יאהר אלט, און גלויבט מיר אז ביז מיר האבען זיך דערקענט האב איך ניט געוואוסט די בעדייטונג פון ליעבע.

— איהר זייט די ערשטע פרוי וואס האט אין מיר דיעזע געפיהלען בעשאפען. איידער עליין איז אוועקגעפאהרען צו העלפען אייער פאטער, חאב איך איהר געזאגט, אז ווען איך וועל געפינען איהרע אייגענשאפטען און איינע וואס איז ניט מיין שוועסטער וועל איך ווערען אן אפפער פון דער ליעבע.

—איך האב אלע איהרע מעלות אין אייך געפונען נאך און מעהר, איך בין איין אפפער פון ליעבע, ווילט איהר מיר מאכען גליקליך, קענט איהר מיר רייכען אייער האנד דאס מיר זאלען קענען צוזאמען שווימען דעם שטראם פון לעבען? קענט איחר, און ווילט איהר ווערען מיין פרוי? אפשר קלינגט אייך מיין פראגע צו איינפאך, צו פראזאאיש, גלויבט מיר, איך וואלט קענען וועבען די שעהנסטע פראזען, די רייכסטע מעטאפארען, אויסצודריקען מיין ליעבע צו אייך. איך וויל אבער אין דיעזען מאמענט ניט שטייגען צו די וואלקען פון הימעל, איך וויל בלייבען דא אויף דער ערד, און אריין טרעטען אין דעם טעמפעל פון מיין הארצען און דארטען תפילה טאהן ביז איהר וועט ארויסגעבען מיין אורטייל?

מיט א פאר וואכען צוריק האב איך געהערט ווי איחר האט געזאגט אז איהר האט געלייענט מיינע געדאנקען, קענט איהר זיי איצט ניט ווידער לייענען און זעהן אז יעדער ווארט קומט פון מיין טיעפען הארצען? זאגט ניט אז עס איז בלויז א פאאר וואכען זינט איך קען אייך, ניין פיליציא, מיר דוכט זיך אויס אז איך קען אייך מיין גאנצע לעבען; איך קען אייך ווי איך קען מיין אייגענע שוועסטער. איך ווארט אויף אייער אורטהייל.

פיליציא חאט זיך צוגעהערט צו זיין הייסע תפילה, און אין דער צייט וואס ער האט צו איהר זיין נשמה ענטפלעקט האט זי זיך עטליכע מאמל א כאפ געטאן ביים הארצען. עטוואס האט דארטען געמוזט אויפציטערען. ווען ער חאט געענדיגט האט זי צו איהם געזאגט מיט ווארעמקייט.

—איך גלויב אז אייערע ווערטער קומען פון טיעפען הארצען, אז איך האב אין אייך בעשאפען נייע געפיהלען גלויב איך אויך, אין מיר אויך האבען אויפגעוואכט אנדערע געפיהלען אזעלכע וואס איך האב ביז אהער ניט געקענט. אבער נאך איז די צייט ניט געקומען, מיר מוזען נאך ווארטען. איין זאך וועל איך מודה זיין, און איך האף אז פארילויפיג וועט עס אייך צופריעדען שטעלען. דער גרונדשטיין פון אונזער ליעבע איז שוין געלייגט געווארען, איך גלויב אין אייך! זאלען מיר ווארטען און זעהן וואס די צייט וועט אונז ווייטער ברענגען.

הערא לד האט גענומען איהרע ביידע הענד אין זיינע און האט זיי צוגעטראגען צו זיינע הייסע ליפען און האט זיי לייכט באריהרט ווי זיי וואלטען געווען א חיילינגטום.

דאס איז געווען מיט צוויי טעג צו־ ריק, און איצט זיצענדיג אין זיין צימער און ווארטענדיג אויף די מיטגליעדער פון דער קאמיסיאן צו עסען פריהשטיק מיט זיי, האט ער די אלע איינצעלהיי־ טען פון דאס גיי דורכגעלעבט אין זיי־ נע געדאנקען און עס איז קענטיג אז ער האט נים פיינט וועגען דעם צו טראכ־ טען. זינט יענעם אווענד האט קיין זאך נים פאסירט וואס זאל ע נ ד ע ר ע ן זייערע באציהונגען פון איינע צו די אנדערע.

הערלד האט אויפגעהויבען די טע־ לעגראמע פון טיש און האט איהר ארייז געשטעקט אין דעם ארבעל פון זיין ראק ער האט אנגעטהאן זיין הוט און איז ארונטער געגאנגען אין דער לאביע פון האטעל צו ווארטען אויף דער קאמי־ סיאן. א יונגע אינגעלשע שטימע האט געזונגען דורכן האטעל "קעפטיין הער־ אלד פיליפ" ער האט צוגערופען דעם בעל באי וועלכער האט איהם דער־ לאנגט נאך א טעלעגראמע. עס איז גע־ ווען פון מינעאפאליס. ער האט געליינט קעפטיין ה' ר. פיליפס

— אלעס איז צו געגרייט, מיר ווע־ לען אייך דערווארטען מארגען פריה אויף דעם נארד וועסטערן וואגזאל.
רזיימס הילטאן, מעיאר, מינעאפאלים
ער האט קוים געענדיגט לייענען, ווען ער האט דערזעהן פיליציא ביי זיין זייט. זי האט איהם געגעבען א העכסט פריינדליכען "גוט מארגען" און ער האט צו איהר געזאגט:

—דער טאג האט זיך פאר מיר אנ־ געהויבען אויסערגעוועהנליך גוט, און איך האב אלע אורזאכע צו גלויבען אז ער וועט זי ענדיגען אלס דער גליקליכ־ סטער אין מיין לעבען. אבער איהר פי־ ליציא וועט נעהמען אנטייל אין מיין גליק.

— איך בין אימער בערייט זיך צו טהיילען מיט גליק, אבער לאזט מיר וויסען אין וואס עס באשטעהט—האט פיליציא געזאגט:

— נאט אייך די טעלעגראמע און לייענט עס אליין,—האט ער געזאגט, איהר רייכענדיג די דעפעשע.

— זי האט די דעפעשע דורך גע־ לייענט עטליכע מאהל און זי האט אויסגעשריען:

— הערלד! פון איבערראשונג האט זי איהם גערופען ביי זיין ערשטען נא־ מען,— ענדליך זיינען מיר גליקליך; פאטער און מוטער, מיין ברודער און אייער שוועסטער האבען זיך ענדליך געפונען; ווי איך שמאכט איצט מיט זיי צו זיין צוזאמען, מיין גאנצען לע־ בען האב איך געווארט אויף דיעזע מא־ מענטען און ווען זיי זיינען ענדליך געקומען קען איך דערביי נים זיין. אבער וואס האט איהר צו זאגען וועגען דאס וואס אייער שוועסטער הייסט אייך נים צו פארגעסען?

— איהר זייט די שעהנסטע, דיא בעסטע די איידעלסטע און די קלוגסטע פרוי אין דער וועלט. איהר זייט די וואס האט מיר געלערנט א נייע רעלי־ גיאן, און איהר זייט די וואס האלט מיין צוקונפט, מיין גליק און מיין לעבען אין אייער האנד. האב איך פארגעסען ווער איהר זייט פיליציא. איך וועל עס קיין מאהל נים פארגעסען! איך האב א צווייטע טעלעגראמע ערהאלטען און די האט צו טאהן מיט מיין פא־ טער און מוטער; די דעפעשע זאגט אונז אן אז מארגען פריה וועלען מיר עסען פריהשטיק מיט מיינע עלטערן אין מינעאפאלים אין אונזער שעהנע היים. און לאזט מיר אייך פרעגען אויב איהר וועט מיר ערלויבען אייך פראצושטע־ לען פאר מיינע עלטערן אלס מיין קינפ־ טיגע פרוי? איך בין זיכער אז דאס וועט זיי מאכען פאר די גליקליכסטע אין דער וועלט. פיליציא, ווען אייער פאטער האט געטראגען דעם גרויסען אונגליק אין זיין הארצען האבען מיי־ נע עלטערן מיט געפיהלט מיט איהם צו גלייך, אייער פאטער איז איצט גליק־ ליך מאכט אויך מיין פאטער גיקליך.

— קעפּטיין, זאָלען מיר איצט ניט ריידען — האָט פיליציא געזאָגט — און איבערהויפּט דא וואו הונדערטער אויגען זיינען אויף אונז געריכטעט. מיר האָבען פאר אונז אַ רייזע וואס וועט דויערען צוועלף שעה, מיר וועלען האָבען גענוג צייט וועגען אַלעם צו רעדען. זאָלען מיר איצט גיהן אין שפּייזזע צימער וואו אונזערע פריינד וואַרטען אויף אונז.

אַכט אזייגער פון דעם זעלבען אָוונד האָט די קאָמיסיאָן אונטער די לייטונג פון קעפּטיין הערעלד ר. פיליפּס פאַרלאָזען דעם נארד וועסטערן וואגזאַל פון שיקאַגאָ, אויף זייער רייזע נאך מינעאַפּאָליס וואו דער קעמפּיין פון רעד קראָס וועט זיך מארגען אָוונד עפענען מיט א באַנקעט אין דעם גרויסען שפּייזזאַל פון אַטהלעטיק קלוב.

הערעלד האָט זיך בעקוועהם געמאכט אין א טיפען שטוהל געגענאיבער פיליציא און אין זיינע געדאַנקען זיינען דורך געלאָפען עראינערונגען פון פיער יאָהר צוריק, ווען ער איז געפאָהרען צוריק פון האַרוואַרד, פיהרענדיג מיט איהם א דיפּלאָמא פון "דאָקטאָר פילאָזאָפיע" און אויף יענער רייזע האָט ער זיך צום ערשטען בעקאַנט געמאַכט מיט פּראָפעסאָר רודאָלף ראָבינסאָן, דער פאָטער פון דער יונגער דאַמע וואָס זיצט געגען איהם און האַלט זיין גורל אין איהר האַנד.

ווי לאַנג די פיער יאָהר האָבען זיך אויסגעצויגען, וויפיעל ענדערונגען דיזע פיער יאָהר האָבען געבראַכט אין דער וועלט; פעלקער און ציוויליזאַציאָנען זיינען אין דיזע פיער יאָהר פאַרניכטעט געוואָרען, וויפיעל לעבענס זיינען אומגעקומען אין די פיער יאָהר? וויפיעל זיינען קאַליקע געוואָרען, וויפיעל האָבען זייער פאַרשטאַנד פאַרלאָרען און וויפיעל האָבען זייערע נשמות פאַרלאָרען? און אַלע אין דעם נאָמען פון פּאַטריאָטיזמוס. אין דעם נאָמען פון הומאַניטעט.

ער האָט זיך דערמאָהנט אַן די פיערלע ויכוחים וואָס זיי האָבען געהאַט אויף יענער רייזע וועגען די גרויסע וועלט פּראָבלעמען און די פיער יאָהר האָבען איהם געגעבען גענוג געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען אַז ראָבינסאָן האָט רעכט געהאַט אין אַלע זיינע בעהויפּטונגען.

ער האָט געטראַכט וועגען דעם שיקזאַל ווי אַזוי ער פיהרט צוזאַמען אויסער געוועהנליכע פּאַסירונגען, גראַדע דאַרף זיך טרעפען אַז מיט פיער יאָהר שפּעטער דאַרף ער קומען אין וועג פון ראָבינסאָנס טאָכטער און צו ווערען איהר פיהרער און איהר וועג ווייזער. און ביידע צוזאַמען פאָהרען זיי נאך מינעאַפּאָליס אין דער אינטערעסע פון דער מלחמה ווי איהר פאָטער איז מיט פיער יאָהר צוריק געפאָהרען אין די אינטערעסע פון ציוניזמוס.

מיט פיער יאָהר צוריק ווען ער האָט זיך בעגעגענט מיט ראָבינסאָן האָט ער איהם בעגייסטערט מיט א נייעם אידעאַל און אַ נייעם לעבען, און איצט ווען ער האָט זיך געטראָפען מיט זיין טאָכטער, האָט זי איהם בעגייסטערט מיט אַ נייע רעליגיאָן, אַ רעליגיאָן פון ליעבע.

ער האָט צו זיך געזאָגט "ווי ווייניג די קריטיקער פאַרשטעהען די אמתע סיבות פון לעבען. זיי וועלען אָפט קריטיקירען א ווערק דערפאַר וואָס די פּאַסירונגען זיינען, לויט זייערע מיינונג, איבער נאַטירליך, זיי ווייסען ניט און בעגרייפען ניט דאָס דער גאַנצער לעבען איז צוזאַמענגעשטעלט פון איבערנאַטירליכע סיבות, און זעהר אָפט זיינען יענע פעללע וואָס קוקען אויס צו זיין איבער נאַטירליך. די געוועהנליכע פאַקטען פון אונזער אַלטעגליכען לעבען. האָט ער הערעלד אפילו גאַר געקענט חלומען מיט פיער יאָהר צוריק ווען ער האָט זיך בעגעגענט מיט ראָבינסאָן, אַז זיין שוועסטער עליין וועט זיך פאַרליעבען אין ראָבינסאָנס פאַרלאָרענעם זוהן,

האט ער דעמאלס געקענט דיינקען אז ער וועט מיט פיער יאהר שפעטער פאהרען מיט ראבינסאנס טאכטער און ווארטען אויף איהר איין ווארט וואס וועט איהם אויפהויבען צו די הימלען, אדער עס וועט איהם שליידערען טיעף צום אבגרונד? און דאך האט עס פאסירט. נאטירליך אדער אוננאטירליך זיינען נאר פראזען פאר אונזערע באשריינקטע אנשויאונגען, אין די מיליאנען סיבות פון אונזער לעבען איז אלעס נאטירליך.״

אין דער צייט וואס העראלד האט אזוי געטראכט, האט פיליציא ארונטער געצויגען פון איהרע הענד איהרע לאנגע ווייסע זיידענע הענדשוה, זי חאט אויסגעטאן איהר שעהנע, עטוואס קאקעטישע ווייסע הוט און האט איהר אריין געשטעקט אין א פאפירענעם זאק וואס דער פארטער האט איהר געגעבען זי האט ארויס גענומען פון איהר האנד בייטעל א לאנגע קאם און א קליינעם שפיעגעלע און זי האט פארריכט איהרע האאר, זי אויך, האט זיך בעקוועהם געמאכט, זי האט ארויסגענומען א קליינע קעסטעלע מיט נאשעריי צו וועלכע זי האט איינגעלאדען העראלד, און זי חאט געזאגט.

— איך בין א סך מעהר צופרידען דא צו זיטצען ווי אין א קאמפארטמענט, וואו איך פיהל מיר אלע מאהל ווי אין א געפאנגענים, איך ליעב צו זיין צווישען מענשען.

— און איך האב געהאפט — האט העראלד געזאגט אז איהר וועט אנגעבען נאך אאורזאך ווארום איהר ליעבט צו פאהרען אין שטוהל וואגאן בעסער ווי אין א קאמפארטמענט.

— אויב אייך וועט דאס געבען פארגעניגען — האט פיליציא געזאגט — זאלט איהר דאס האבען, די הויפט אורזאכע פארוואס איך האב זיך ענטזאגט פון א קאמפארטמענט איז כדי איך זאל קענען זיין אין אייער געזעלשאפט אזוי לאנג ווי עס איז נאר מעגליך.

— פיליציא, מיינט איהר דאס ערנסט? חאט העראלד געפרעגט אין א טאן וואס איז געווען געמישט פון פרייד און צווייפעל.

—אזוי ערנסט, ווי דיין פריינדשאפט איז צו מיין פאטער, ווי די ליעבע פון דיין שוועסטער איז צו מיין ברודער און אזוי ערנסט ווי דיין ליעבע איז צו מיר. און אויב דאס איז נאך ניט גענוג זאלסטו עס אין גאנצען האבען אזוי ערנסט ווי מיין ליעבע איז צו דיר און וועגען דעם שווער איך דיר ביי מיין גאט, וואס איז דער גאט פון ישראל.

— איך האב מיט כונה אויסגעקליבן דיזען ארט דיר דאס צו זאגען, וויל דא וועסטו זיין געצוואונגען צו בלייבען רוהיג און מיר וועלען קענען געמיטליך ריידען און פארברענגען.

— איצט קען איך דיר דעם אמת זאגען העראלד דאס פון דעם ערשטען מאמענט וואס מיר האבען זיך באגעגענט בין איך אין דיר פאראינטערעסירט געווארען, ווען דו ביסט פאר אונז פארגעשטעלט געווארען פון קארנעל מאנינג האבען מיר דיין נאמען ניט ריכטיג פערשטאנען און ווען די מיידלאך זיינען אריין געקומען אין מיין צימער און זיי האבען אנגעהויבען צו רעדען פון דעם ״שעהנעם קעפטיין״ און ווי בייז ער קוקט אויס, האב איך דיר געגעבען דעם נאמען ״דער בייזער קעפטיין״ און נאך ביז היינט איז דער נאמען פארבליבען הגם זיי זיינען אלע מיט דער מיינונג אז דו ביסט דער בעסטער און שעהנסטער יונגער מאן אין אמעריקא.

— ווען איך האב געהאט די געלעגענהייט מיט דיר צו רעדען וועגען ליטעראטור און איך האב געהערט דיינע אנשויאונגען און מיינונגען וועגען ראמאן ראלאנד אמאר תאייאם און חויפטמאן, האסטו אין גאנצען מיין הארץ פון מיר גע׳גנבט, אבער איך האב זיך ניט פארלארען איך האב געמוזט אונטערדריקען מיינע געפיהלען, דערפאר, וואס איך האב ניט געוואוסט אז דו ביסט א איד, ווען אבער דער צופאל

האט פאסירט אין דיין צימער, און איך האב אויסגעפונען ווער דו ביסט, בין איך געבליבען מאכטלאז צו קעמפפען געגען מיינע געפיהלען און איך האב דיר ארום גענומען מיט מיינע ארעמס ארום האלז און האב דיר א קוש געגעבען אויף דיינע ליפען; דאס איז געווען דער ערשטער קוש פון מיין ליעבע; איך האב אבער ניט געוואלט טרויען מיין הארץ, און איך האב זיך לאנג געראנגעלט מיט מיינע געפיהלען, ביז איך האב ענדליך פאר זיך אליין אויסגעפינען אז איך מעג מיין הארץ טרויען און איך קען גלויבען אין מיין ליעבע צו דיר, און איצט קען איך דיר זאגען, העראלד, איך ליעב דיר מיט דעם גאנצען פייער פון מיין יוגענד. און עס וועט זיין מיין גרעסטער גליק צו ווערען דיין פרוי.

— פון איצט אן געהערט מיין לעבען צו דיר, נעהם איהם און איך בין זיכער אז ער וועט ווערען אבגעהיט אין דיינע הענד ווי ער איז ביז אהער אפגעהיט געווארען אין די הענד פון מיין טהייערע מוטער. עס וועט זיין מיין גרעסטער גליק פארגעשטעלט צו ווערען פאר דיינע עלטערן אלס דיין קינפטיגע פרוי.

העראלד וואלט אונטער אנדערע אומשטענדען געטאנצט און געזונגען פון פרייד, אבער ער האט זיך געמוזט איינהאלטען און אונטערדריקען זיינע געפיהלען אין געגענווארט פון אזוי פיעל פרעמדע, ער האט זיך געמוזט באנוגענען צו נעהמען איהרע הענד אין זיינע, ער האט איינגעבויגען זיין קאפ און האט זיי געקושט פיבעריש.

25טער קאפיטעל.

דעם נעקסטען מארגען איז די קאמיסיאן אנגעקומען אין מינאאפאליס; אויף דעם נארד וועסטערן וואגזאל, האט געווארט א גרויסע קאמיטע וואס איז געווען צוזאמען געשטעלט פון אלע קלאסען פון מינעאפאלים בעפעלקערונג, א גרויסע מיליטערישע בענד האט געשפיעלט די מארסאליעזע לכבוד די פראנצויזישע געסט. אלערליי פראפעסיאנען, געשעפטען אינדוסטריע און ארבייט איז דארט געווען פארטרעטען, וואס עס האט מעהרסטענס אינטערעסירט און צו גלייכער צייט אמוזירט העראלד, איז געווען ווען ער האט פון דערווייטען דערזעהן א גרויסע גרופע אידישע יונגע לייט אונטער די פיהרערשאפט פון זיין אלטען גוטען פריינד, דאקטאר מיכאיל זלאקין, אלע האבען זיי געטראגען אין זייערע הענד ציוניסטישע פאהנעס, גרויסע ווייסע בענדער האבען ארונטערגעהאנגען פון די רעכטע שולטערן איבערן ברוסט ארונטער פאלענדיג אויף דער לינקער זייט. איבערן ברוסט איז געווען א גרויסער רויטהער מגן דוד.

קעפטיין פיליפס חאט אהן מיהע פערשטאנען די מיינונג דערפון, ער האט געוואוסט אז זאלקין איז א פרינציפיעלער מענש און ער איז תמיד קאנסעקווענט. זאלקין האט געלערנט אידישע געשיכטע און ער האט געוואוסט וויפיעל די אידען האבען געליטען דורך די יאהר הונדערטער פון דעם קרייץ; און אונטער קיינע אומשטענדען קענען זיי ניט זיין פריינדליך צו דעם קרייץ ווען ער דיענט אפילו ניט מעהר ווי א סימבאל פאר א גרויסען און הייליגען אידעאל, ער האט ניט אונטערשטעצט די גרויסע ארבייט וואס די ארגאניזאציאן וועלכע טראגט דעם נאמען פון דעם רויטען קרייץ, טהוט פיר דער מענשהייט: און ער האט געוואלט מיט העלפען דעם אידעאל, די איבעריגע יונגע לייט האבען געטהיילט זיינע אנשויאונגען, זיי האבען דארום פארטגעזעצט צו קלייבען געלד פארן רויטען קרייץ אונטער דעם סימבאל פון דעם רויטען מגן דוד.

הערשלד איז געווען דער ערשטער ארונטער צו שטייגען די טרעפ פון וואגאן, און דער בענד האט אנגעפאנגען צו שפיעלען דעם בעוואוסטען מלחמה ליעד "אוועך טהער" ער האט אויסגעקוקט פריש און מונטער און גליק האט געשטראהלט פון זיין געזיכט, פיליציא איז געווען די נעקסטע וואס האט ערשיינט אויפן פלאטפארם; הערשלד האט איהר גענומען אין זיינע שטארקע ארעמס און האט איהר ארונטער געהויבען, עס האט אויסגעזעהן העכסט ראמאנטיש ווען דער שעהנער יונגער קעפטיין געקליידעט אין א נייעם מונדיר האט גענומען דיעזע זעלטענע שעהנע דאמע אין זיינע ארעמס די גרויסע פערזאמלונג חאט אויסגעבראכען מיט א האנד קלאפעריי. אזוי ווי ער וואלט דא דורכגעפיהרט א גרויסע העלדישע טהאט. די איבעריגע מיטגליעדער זיינען ארויסגעקומען און הערשלד האט זיי פארגעשטעלט פאר די פיהרער פון רעד קראס, וועהרענד פיליציא איז געשטאנען ביי זיין זייט, און די טויזענדער אויגען פון דער מאסע זיינען אויף איהר געהאנגען מיט בעוואונדערונג.

ווען די קאמיטע איז פארטיג גע־

ווארען אבצופירען די קאמיסיאן צו דעם ראדיסאן האטעל, האט העראלד צוגעפירט פיליציא צו זיינע עלטערן, זיי זיינען געשטאנען נישט ווייט פון איהם און האבען געקוואלען פון פרייד, זיי האבען זיך געפיהלט זעלטען שטאלץ זעהענדיג דעם פאראד וואס עם ווערט פאר איהם געמאכט, און ער האט געזאגט:

— צו דער קאמיטע פון דער רעד קראס איז דיזע יונגע דאמע בעוואוסט אלס מאדמאיזעלע לאוויטע אבער צו אייך פאטער און מוטער וועל איך איהר פארשטעלען אונטער א נאמען וואס איז אייך גוט בעקאנט, א נאמען וואס מיר אלע ליעבען און שעטצען איך וויל אייך בעקאנט מאכען מיט פריילין פיליציא ראבינסאן, די טאכטער פון אונזער פריינד פראפעסאר ראבינסאן, אבער דאס איז נאך ניט אלעס וואס איך וויל אייך זאגען. מוטער איך וויל פון דיר בעטען צו נעהמען דאס קינד אונטער דיין שוטץ און גיב אויף איהר אכטונג, ערשטענס איז זי א גאסט פון דעם גאנצען אמעריקאנעם פאלק, צווייטענס איז זי אונזער ספעציעלער גאסט, אלס די טאכטער פון ראבינסאן און דיא שוועסטער פון עדי, די דריטע אורזאכע איז די וויכטיגסטע, פיליציא האט מיר געכטען אווענד גליקליך געמאכט זי האט מיר צוגעזאגט צו ווערען מיין פרוי.

ראנג אדער קלאס, ארימקייט אדער רייכקייט, אדער אפילו דער קאליער פון א מענשענס בלוט האט גאר ניט צו טאהן מיט די אינעווייניגסטע געפיהלען פון א מענשען..

אין הויכע ספעציעלע קרייזען לערנט מען אפשר ווי אזוי צו אונטערדריקען און צו באהאלטען די אינערליכע געפיהלען, אבער מען קען זיי ניט אויס ראטען, זיי זיינען א טייל פון אונז און פון אונזער נשמה.

אלעקסאנדער און עוועלין פיליפס זיינען געווען ווי אלע אנדערע מענשען, זיי האבען געליעבט און געהאסט, און זיי האבען געהאט די אלע אנדערע איינגענשאפטען וואס אלע מענשען באזיטצען, זיי זיינען אויך הינגעריסען געווארען פון פיליציאס שעהנקייט און די גאנצע צייט וואס זי איז געשטאנען ביי דער זייט פון זייער העראלד האבען זיי זייערע אויגען פון איהר ניט ארונטען גענומען.

זי האט פיעל בייגעשטייערט צו זייערע שטאלץ און נחת צו די גרויסע פרייד וואס פאטער און מוטער האבען איצט געטרונקען. זיי האבען ביידע געטראכט ווי וואונדערבאר ער זעהט אויס אין זיין מיליטערישען אנצוג שטעהנדיג מיט יענער זעלטענער שעהנהייט זיי האבען איהר כמעט פארצעהרט מיט זייערע אויגען.

ווען הערלד האט זיי געזאגט אז זי איז די טאכטער פון ראבינסאן, האט אלעקסאנדער געמאכט א בעוועגונג, ער האט איהר געוואלט נעהמען אין זיינע ארעמס אבער באמערקענדיג אז הערלד האט נאך ניט געענדיגט, דאס ער האט נאך מעהר וואס צו זאגען, האט אלעקסאנדער זיך צוריק געהאלטען. ווען הערלד האט געענדיגט און ער האט זיי אויסגעזאגט פון זיין גרויסען גליק, האט עוועלין זיך אין גאנצען פארגעסען אז זי איז די שטאלצע אריסטאקראטישע און געזעלשאפטליכע דאמע, זי איז געווארען די איינפאכע אידישע מוטער, איהר זיידענס אן אייניקעל זי האט פיליציא א כאפ געטהאן אין איהרע ארעמס און האט איהר געהאלזט און געקושט אהן אן אויפהער, און נאך מעהר, זי האט געוויינט און געלאכט און געקושט, גאר ווי אן איינפאכע פראסטע מוטער, ווען פיליציא איז לויז געווארען פון עוועלינס הענד, האט איר אלעקסאנדער גענומען אין זיינע און ער האט צו איהר גערעדט ווי ער פלעגט אפט ריידען צו עליין.

נאך דעם ווי די פיליפס און הערלד האבען באגלייטעט די קאמיסיאן צו דעם ראדיסאן האטעל, זיינען זיי אב-

געפאהרען צום לייק מענאטאנקא וואו די פיליפס היים איז געשטאנען. און מיט עטליכע מינוטען שפעטער האט זיך פיליציא געפונען פארריכטענדיג איהר טואלעט אין דעם מזרח פליגעל, אויפן צווייטען שטאק, אוואו מיט פיער יאהר צוריק איהר פאטער איז געווען דער גאסט.

מינעאפאליס האט זיך געקאכט ווי אין א קעסל, איבערהויפט די אידישע מינעאפאליס וואו ראבינסאנס נאמען איז נאך געווען גענוג בעקאנט און די מעהרסטע האבען נאך געדיינקט דעם גרויסען "הערצל יאהרצייט" פערזאמלונג.

זיי האבען עס געהאלטען פאר א גרויסען כבוד דאס די פארטרעטערקע פון דעם פראנצויזישען מיסיאן צו מיינעאפאליס איז א אידישע מיידעל, און די טאכטער פון פראפעסאר ראבינסאן.

הערבאלד האט איינגעלאדען אלע זיינע פריינד און ציוניסטען צו א רעסעפשאן פאר דעם זעלבען נאך מיטאג, פאר זיי פארצושטעלען זיין קינפטיגע פרוי און צום ערשטען מאל איז רבי זאנגנבערג געווען דער גאסט פון מאדאם עוועלין פיליפס אהן די רעוורענדס מארטימער און דזשאנסאן.

דער באנקעט איז געווען אזעלכער וואס מינעאפאליס וועט לאנג גערענקען, דער גרויסער זאאל פון אטהלעטיק קלוב איז געווען צו קליין אריין צונעהמען, די אלע וואס זיינען געקומען. עס וואלט זיין שווער אויסצורעכענען די נעמען פון די פערזענליכקייטען וואס זיינען דארט געווען.

אבער אלע צייטונגען פון מינעאפאליס און סענט פאול, פון דעם נעקסטען מארגען האבען ענטהאלטען פיעלע ליסטעס פון די נעמען, יענע צייטונגען האבען אויך מיט געטיילט פאלגענדעס:

,זי איז א מערקווירדיגע דאמע. די וואס פארטרעט דא די קאמיסיאן; מיט אן אמת זעהט זי אויס ניט מעהר ווי א קינד, אבער ווי קלוג און ערפאהרען, ווי טאקטפול און דיפלאמאטיש, ווי שעהן און איידעל זי איז; זי האט זיך געשפילט מיט די געפיהלען פון דער טויזענד קעפיגער מאסע, ווי א קינד שפיעלט זיך מיט א באל און אפילו די צייטונגס שרייבער האבען געמוזט אנשטרענגען זייער געשיקטקייט מיט איהר צו קענען ריידען, ווען מען האט איהר געפרעגט איהר מיינונג וועגען ,אנקעל סעם, — האט זי שנעל געענטפערט, ער איז א גוטער און קלוגער אלטער מאן, אבער ער איז צו אלט פאר מיר זיך אין איהם צו אינטערעסירען. אויף דער פראגע וואס איהר מיינונג איז וועגען פרעזידענט ווילסאן איז געווען איהר ענטפער, אלס מענש איז ער אונגעהויער גרויס, אבער אלס פרעזידענט זאלט איהר אזוי גוט זיין און פרעגען מיינע אוראייניקלאך, זיי וועלען אייך קענען געבען דעם אמתען אורטייל.

זעהר געשיקט איז געווען איהר ענטפער צו א דריטע פראגע וואס א צייטונגס שרייבער האט איהר געשטעלט:

,וואס האט ביז אהער אויף אייך געמאכט דעם בעסטען איינדרוק אין אמעריקא? איהר פלינקער ענטפער איז גע־געווען דער בילד אויף דעם זילבערנעם טהאלער; די צייטונג האט פארטגעזעצט: "וואונדער רייך אין חינאלט, שעהן אין שפראך און א שיטמע וואס ענטהאלט דעם גרעסטען צויבער, האט זי געהאלטען איהר רעדע, און דאך איז געווען א חןוודיגע שעהמעוודיגקייט אויסגעשפרייט אויף איהר געזיכט וואס האט אונז איבערצייגט אז זי פערנאכלעסיגט איהר גרויסען טאלאנט.

אונטער אנדערעס האט זי געזאגט מיינע געדאנקען טראגען מיר צוריק ווייט ווייט אוועק, דארטען הינטער די טרענטשעס, צו דעם ארט פון וואנען איך בין אהער געקומען און איך זעה די טויזענדער העלדען וואס איך האב איבערגעלאזען אין די האספיטעלער, איך הער ווי זיי ריידען אין מאמענטען פון דעלירייום פון זייערע כלות, פון זיי־

ערע חתונות, פון זייערע קליינע עופהלאך, פון זייערע אמאליגע גליקען אדער פון די גליקען אויף וועלכע זיי חאבען געהאפט, אבער זיי וועלען דאס ניט מעהר געפינען, פרויען זיינען געווארען היסטעריש און גרויסע פינאנסירס, באנקירער און בערזע ספעקולאנטען האבען געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. דער סוף האט באוויזען א גרויסען פינאנסיעלען סוקסעס פאר דעם רויטען קרייץ.

ווען פיליציא האט דעם נעקסטען מארגען געלייענט אין די צייטונגען וועגען איהר גרויסען סוקסעס חאט זי געזאגט צו העראלד.

— דו ווייסט הערלאד דאס גאנץ אפט זעה איך זיך אזוי געשילדערט אין די גרויסע אייראפעאישע צייטונגען אבער קיין מאהל האט עס מיר ניט פערשאפט אזוי פיעל פערגעניגען ווי היינט, ווען איך האב מיט וועמען דיזע פרייד צו טיילען, ווען איך חאב נעכטען אוועגד געשילדערט דעם גרויסען חורבן פון דער וועלט האט זיך מיר עפעס יעדער מינוט געלוסט אויס צו שרייען:

— זעהט מיין גרויסען גליק. איך ליעב און ווער געליעבט פון קעפטיין העראלד פיליפס, אבער גענוג צו חלומן העראלד, מיר מוזען זיך אויפכאפען צו די רעאליטעט.

— מיר האבען נאך א סך ארבייט, איך מוז געהן צוריק נאך פראנקרייך אין דעם האספיטאל, און דו העראלד וועסט דארפען געהן צו די טרענטשעס, איך וועל זעהן אויב איך קען אויסנוטצען מיין איינפלוס פאר דעם צוועק.

— מיר האבען א צוויפייכיגען חוב די מענשהייט און אונזערע אידישע שוועסטער און ברידער וועמעס ליידען עס איז נאך ניט געענדיגט און אפילו איצט ווען אונזער בלוט רינט אויף יעדער שלאכטפעלד, האסט מען אונז איבעראל, מען מאכט אויף אונז בלבולים איבעראל.

— ווער וויים ווער וויים! העראלד, וועלען אונזערע צרות אמאל זיך ענדיגען? וועט די וועלט אונז ווירקליך באלאהנען פאר אונזער טהייל אין דער קריעג, אדער איז עס ניט מעהר ווי א דריידעל פון ענגלאנד אין דער פאליטיק.

ניין פיליציא — האט חעראלד געזאגט — איך האב א גרויסען בטחון אין ענגלאנד און נאך א גרעסערען בטחון אין איהר פרעמיער וואס איז נאך מיין מיינונג דער גרעסטער אידעאליסט אלס שטאאטס מאן, און דער גרעסטער שטאאטס מאן אלס אידעאליסט.

ענגלאנד איז אלע מאהל געווען א פריינד פון אידען, און זי וועט האלטען איהר פארשפרעכען, פאלעסטינא וועט ענדליך זיין אונזער לאנד, נאך דעם ווי די מלחמה וועט זיין צו ענדע, און אונזערע שטאמס גענאססען וועלען האבען א היימלאנד.

— און באלד נאך אונזער חתונה וועלען מיר ביידע פאהרען באזוכען יענעם היסטארישען ווינקעל וואס האט געשאפען אזוי פיעל געשיכטע פאר דער וועלט; און וואס האט היים געהאלטען די אידישע נשמה דורך די טויזענדער יאהרען, אבער איך האב נאך א פלאן, צו מאכען אונזער רייזע פרייליכער וועל איך איינלאדען דיין פאטער און מוטער מיט אונז מיטצופאהרען. דיין פאטער האט אין מיר בעשאפען דעם גייסטיגען ציון און דעריבער וועל איך מיט איהם צוזאמען באזוכען די ווירקליכע ציון.

— מיין טהייערער העראלד, האט פיליציא געזאגט — ווי גוט און איידעל דו ביסט דו קענסט לייענען מיינע געדאנקען און מיינע באהאלטענע געפיהלען, ווען דו האסט גערעדט וועגען אונזער רייזע חאב איך געטראכט ווי גליקליך וואלטען זיך מיינע לעטערען שעטצען ווען זיי וואלטען מיט אונז געקענט מיטפאהרען. און קוים זיינען דיזע געדאנקען געקומען צו מיר און דו האסט מיין וואונש פארווירקליכט מיט דיין

צוזאג, ווי גליקליך מיר וועלן זיין.

פיליציא האט אויפגעהויבען איהרע רויטע ליפען, און זי האט איהם געקושט אויף זיין מויל און זי האט ווידער אנגעהויבען חלומען און זי האט געזאגט:

— דו געדענקסט שיללערס "גלאקע" גראדע איצט זיינען די פאלגענדע ווערטער געקומען צו מיינע געדאנקען:

דאס אויג זעהט דען הימעל אפען
א צארטע זעהנזיכט זיסעס האפען
דער ערשטע ליעבע גאלדענע צייט
עס שוועלגט דאס הערץ אין זעליגקייט
א דאס זי עוויג גרינען בליעבע
די שעהנע צייט דער יונגען ליעבע.

—די ווערטער פאסען זיך אזוי צו מיין שטימונג און מיין געמיטה, איך בעט אויך גאט אז אונזער ליעבע זאל אויף אייביג גרין בלייבען און אויך מיר דאכט זיך אז די הימלען זיינען פאר מיר אפען און איך האלט אין איין טרינקען פון דעם קוואל פון גליקזעליגקייט.

— און שילער איז געווען א דייטש און זיין פאעטישע נשמה האט זיך אויסגעדריקט אין דער דייטשער שפראך האט הערלאלד געזאגט.

— אין דעם ליעגט די גרויסע אונגערעכטיגקייט פון אונזער וועלט, — האט פיליציא געענטפערט.

— מיר פערדאמען דאס גאנצע צוליב דעם איינצעלנעם. טאמער האט א איטאליענער ערגעץ וואו בעגאנגען א מארד זיינען מיר בערייט צו פאראורטיילען אלע איטאליענער אלס מערדער. און אויב א איד איז פאר אורטיילט געווארען פאר קויפען געגנבטע זאכען ווערען אלע אידען פון דער גאנצער וועלט בעשולדיגט אז זיי האבען געהאנדעלט מיט גנבות. און אזוי מוז די קונסט, די מוזיק, די פאעזיע, די פילאזאפיע און די וויסענשאפט וואס דייטשלאנד האט בעשאפען אין די יאהרהונדערטע געטראמפעלט ווערען אונטער די פיס, פון יעדען אונוויסענדען גראבען יונג דערפאר וואס מיר זיינען אין א מלחמה מיט דייטשלאנד. וועלכע שולד האבען הענעל, גיעטשע אדער קאנט געהאט אין דער מלחמה אז זיי זאלען פערדאמט ווערען? ווארום זאלען געטהע, שילער אדער היינע ליידען דערפאר וואס א האהענצאלערן האט זיך פארוואלט צו רעגירען די וועלט? און וועלכע שולד האבען וואגנער, מענדעלזאהן בעטהאווען אדער מאזארט אין דער איצטיגער מלחמה? ווארום זאלען מיר פארפאלגען די אלע וואס האבען אונזער וועלט רייך געמאכט מיט זייער זיין, נאר דערפאר וואס זיי זיינען געווען דייטשען. אזא פאלשע פאטריאטיזמוס קען איך ניט און איך וויל ניט אננעהמען, עס איז ניט מעהר ווי אייגנעהרציגקייט און אונוויסענהייט.

— ווי וואונדערבאר דו ביסט פיליציא — האט הערלאלד געזאגט.

— ווען איך הער ווי דו רעדסט ווענען די אלע גרויסע פראגעס און ווי דו דריקסט אויס דיינע אנשויאונגען, דאכט מיר אז איך העד די ווערטער פון דיין פאטער, און דאך האסטו איהם קיין מאהל ניט געזעהן.

—די טיהר צו דער ווערענדא וואס איז געווען אין גארטען, איז געווען אפען א געשמאקער דופט פון די בלומען שפראצונגען האט אריין געבלאזן אין דעם גרויסען צימער, הערלאלד האט ארום געקוקט אין גארטען, א רויטע פייערדיגע זון האט זיך אנגעהויבען ארונטער צו קייקלען אין מעריב זייט, ער איז הינגעריסען געווארען פון דער סצענע און ער האט אויסגערופען מיט בעגייסטערונג "דער שטורעם פון אונזער לעבען איז אוועק און דער פריהלינג איז צו אונז געקומען".

מעק איז אריין געקומען און האט דערלאנגט הערלאלד א טעלעגראמע, ער האט איבער געלייענט די אדרעסע און האט געזאגט:

— עס איז פאר דיר מיין טייערע—

פיליציא האט די טעלעגראמע גענומען פון זיין האנד און זי האט געלייענט.

—דיין פאטער און מוטער זיינען באראייניגט. דיין ברודער איז פאלקא־מען געזונד און איז גליקליך מיט זיין טייערע עליין. מיר אלע ערווארטען דיין צוריקקומען מיט די גרעסטע אונגעדולד.

העלענא און רודאלף ראבינסאן.



26־טער קאַפּיטעל

ווען ראָבינסאָן האָט זיך באַרוהיגט האָט איהם דאָקטאָר מאַריענבערג דערצעהלט די געשיכטע וועגען עדי, דאָס ער איז געווען דער יונגער קאָרנעל וועגען וועלכען לעאָן מאָרגענשטערן האָט צו איהם טעלעפאָנירט וועהרענד פּרומקין, ראָבינסאָן, באַראָן לויענבוים און דאָקטאָר נחמן ליעבערמאַן זיינען געווען זיינע געסט. דאָקטאָר מאַריענבערג האָט זיך געווענדעט צו עליין.

—מאַדמאַיזעל, אַלעס איז צוגעגרייט, איהר וועט אַזוי גוט זיין און זיך פערטיג מאַכען פאַר אונזער עקספּעריםענט, פאַרגעסט נאָר ניט אייער ראָלע, מאַכט צורעכט אייערע האָר ווי איהר האָט זיי געטראָגען מיט פיער יאָהר צוריק, ווי לאַנג וועט עס דויערען ?

—העכסטענס צעהן מינוטען האָט עליין געענטפערט פאַרלאָזענדיג דעם צימער, העלענאַ איז איהר נאָך געגאַנגען איהר צו העלפען צו רעכט מאַכען איהר טואַלעט, זי האָט זיך געווענדעט צו העלענאַ.

— מוטער זאָלען מיר ביידע בעטען אַז גאָט זאָל איהם שיקען אַ גיכע רפואה, איך געה אום פון פיין, פיער יאָהר האָב איך איהם ניט געזעהן, פיער יאָהר האָב איך אַליין געטראָגען מיינע יסורים און קיין מענש האָט ניט געוואוסט וואָס איך האָב געפיהלט, און ווען דער גליק איז געקומען, ווען איך האָב איהם ענדליך געפונען, קען ער מיר ניט; און ער וויים ניט ווער איך בין; איך האָב אַלע מיינע ליידען רוהיג אריבער געטראָגען, אָבער מיינע לעצטע ערפאַהרונגען זיינען מעהר וויפיעל איך קען דולדען. גאָט, גיב מיר קרעפטען אַז איך זאָל קענען דורך פיהרען מיין ראָלע, און מאַך מיר פאַר דעם שליח דאָס ער זאָל דורך מיר געזונד ווערען.

עס איז געווען אַ הייליגע תפילה, וואָס זי האָט אַרויף געשיקט צו די הימלען. העלענאַ האָט זיך צוגעהערט, און זי האָט איהר גענומען אין איהרע ליעבע אָרעמס און האָט איהר געטרייסט.

— איך קען אויך די אַלע געפיהלען די אַלע ליידען, אָבער נאָר ניט פאַרצווייפעלט, דער שטורעם וועט אריבער און מיר וועלען אַלע האָבען נחת פאַר אַלעס וואָס מיר האָבען געליטען.

עליין האָט פאַרריכט איהרע האָאר און האָט צורעכט געמאַכט איהר טואַלעט, אַזוי עהנליך ווי זי האָט געקענט מאַכען צו דעם טאָג ווען זיי זיינען אַלע געווען אין גאָרטען אין מינאַפּאָליס און זי און עדי האָבען זיך געוועט, וועלכע די אמתע ליעבע איז, זי האָט באַגעגענט דאָקטאָר מאַריענבערג אין קאָרידאָר, ווען ער האָט איהר דערזעהן האָט ער אויסגערופען — מאַדמאַיזעל איהר זעהט אויס ווי איינע פון שעקספּיערס מיידלאַך אין זיין "חלום פון אַ נאַכט אין מיטען זומער."

דער דאָקטאָר האָט איהר אַריין געפיהרט אין אַ צימער וואָס איז געווען פול מיט ליכט, אויף אַ דיוואַן איז עדי האַלב געזעסען און האַלב געלעגען, ער איז געווען אַנגעטאָן אין ציווילע קליידער. איהר ערשטער געפיהל איז געווען צו איהם צו צולויפען און איהם נעהמען אין איהרע אָרעמס אָבער דער דאָקטאָר האָט איהר געוואָרענט — נאָר פאַרלירט זיך ניט, געדענקט ווי־

פיעל דאס מעג אונז קאסטען"

מיט לויזע טריט איז דער דאקטאר ארויס פון צימער און האט די טיהר פארמאכט הינטער זיך, עדי האט לייכט געדרעמעלט עליין איז געשטאנען גע־גען איהם איהר קערפער אויסגעגלייכט און שטאלץ, זי האט געלאזען א סאטי־רישען שמייכעל זיך שפיעלען ארום איהרע ליפען.

עדי האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף, ער האט זיך ארום געקוקט און זיינע אויגען זיינען געפאלען אויף איהר אבער עס איז קענטיג געוועןאז ער האט איהר נית דערקאנט. ענד־ליך האט זי געזאגט.

— אזא העלד איז מיין ראמעא, אנ־שטאט צו שטעהען ביי מיין זייט און מיר העלפען אין מיין קאמף אנטלויפט ער גאר פון מיר און באהאלט זיך אין דיעזען ארט.

עדי האט עטליכע סעקונדען געקוקט ווי א צומישטער, פלוצלינג האט ער אנגעהויבען צו שטאמערען:

— איך בעט דיר עליין! לאף נית פון מיר! עליין, פייניג מיר נית! עליין! ביסטו דאס, אדער חלום איך? קום צו מיר, איך בין דיין עדי, קום ריהר מיין געזיכט מיט דיין האנד, קוש מיר מיט דיינע ליפען, א, שנעל, ווייל מיר אז דו ביסט נית קיין גייסט, און אז דאס איז נית קיין חלום, אז דו ביסט מיין עליין, ער איז אויפגעשפרונגען פון דיוואן, און ער איז ווידער געוועןדער שעהנער ריזיגער קארנעל, עדי ווארנער עליין האט זיך אריין געווארפען אין זיינע ארעמס, פאר דעם ערשטען מאהל אין די פיער יאהר האבען זיך זייערע ליפען בארירט. עדי האט געזאגט:

— אצט ביסטו מיינע אויף אייביג מיינע, דיין מוטער וועט אונז מעהר נית קענען שיידען, קיין מאכט און בער וועלט וועט אונז נית מעהר שיי־דען, אפילו דער טויט נית, איך וועל געהן צו דיין מוטער איך וועל פאלען צו איהרע פיס, איך וועל איהר בעטען מיט טרעהרען, איך וועל איהר ווייזען מיינע מעדאלען און וואס אלע צייטונגען האבען וועגען מיר געשרי־בען.

— איך וועל איהר בעווייזען אז איך בין איצט א קארנעל, און אויב זי וועט אונז נאך אלץ שטערען דערפאר וואס מיין מוטער איז נית ביי איהר קלארען פערשטאנד וועל איך דיר מיט געוואלט אוועקטראגען און מיר וועלען חתונה האבען געגען איהר וואונש, יא עליין, דו וועסט מיט מיר חתונה האבען?

— מיין העלד, מיין קוירנעל, מיין טהייערער עדי! מיין מוטערווארט אויף דיר, מיט די זעלבע אונגעדולד וואס איך האב אויף דיר געווארט — האט עליין געזאגט — זי וועט אונז מעהר נית שטערען אין אונזער גליק. זי איז שטאלץ מיט דיר, א, עדי! וואס פאר א שרעקליכע נאכט דאס איז געוועןי וואס פאר א שרעקלי־כען שטורעם אונזער לעבען האט דורך געמאכט, אבער איצט איז די נאכט פאראיבער און די שטורעמס זיינען פארביי, א ליכטיגער רוהיגער שעהנער טאג הויבט אן פאר אונז צו שיינען, מיין טייערער עדי, געדענקסטו וואס דו האסט א מאל געשריבען צו אונזע־רען א גוטען פריינד, דו האסט איהם געבעטען אז ער זאל דיר ערלויבען איהם צו רופען פאטער. געדענקסטו דאס?

— ראבינסאן, פראפעסאר רודאלף ראבינסאן, אוואו איז ער עליין? וואו קען איך געפינען אונזער טייערען פריינד? ער איז אזוי גוט און אידעל, אך, ווי איך האב נאך איהם געביינקט נעקסט צו דיר האט ער פארנומען מיי־נע געדאנקען.

די טהיר האט זיך געפעענט און ראבינסאן איז אריין געקומען ער איז צוגעגאנגען צו עדי און האט איהם גע־דריקט די האנד:

— עדי, דו האסט מיר געבעטען

אין א בריעף אז איך זאל דיר ערלויבען מיר צו רופען טאטע. — האט ראבינ־סאן געזאגט—איך האט דיר אלע מאל געליעבט ווי איין אייגען קינד, און אב־וואהל איך האב איצט מיין אייגענעם זוהן געפונען וויל איך צו דיר זיין איין אמתער טאטע, דערפאר וואס דו ביסט מיין אמתער זוהן.

— קום מיין קינד אומארמע דיין לאנג פערלארענעם פאטער; דיין נאמען איז ניט עדי ווארנער, נאר יאקאב רא־בינסאן.

ביידע מענער האבען זיך אומארמט און ראבינסאן האט פארטגעזעצט:

— דו מיין העלדישער זוהן האסט געראטעוועט דיין מוטער און דיין שוועסטער אין האספיטאל, איהר הארץ האט איהר געזאגט אז דו ביסט איהר פארלארענער זוהן, גענה צו איהר, זי האט לאנג געווארט אויף דיעזער שטונ־דע — העלענא, דאקטאר מאריענבערג און לעאן מארגענשטערען זיינען אריין געקומען. עדי האט זיי דערזעהן און ער איז צוגעלאפען און ער האט אויסגע־שריען:

מאדאם לאוויטע! און דו לעאן! וואס פאר א גרויסער טאג דאס איז, אלע מיינע פריינד, עליין קום הער איך וועל דיר פארשטעלען פאר די איידעלס־טע פרוי אין פאריז און פאר מיינע אי־בעריגע פריינד, איך וויים ניט וואס מיט מיר טהוט זיך, מיר דאכט זיך עפעס אז איך האב געשלאפען א גאנצע אייביג־קייט, איך פיהל ווי איך וואלט געווען א מאדערנער רויפ וואן ווינקעל.

די געזעלשאפט איז געווען אין דעם אייראפעאישען אינסטיטוט און מען האט זיך דערצעהלט איינע פאר די אנדערע פאסירונגען און זאכען וואס די אנדערע פערזאנען האבען ניט גע־וואוסט, אלע זיינען געווען פרייליך און לוסטיג, אויסער איינער, לעאן מארגענ־שטערען איז געזעסען ווי אפגעטיילט פון די איבעריגע.

ער האט געפיהלט אז ער האט א גרוי־סע טייל אין דער שמחה, ער האט געוואוסט אז ער איז איינער פון די העלדען פון דיעזען זאנדערבארען רא־מאן; אז זיינע חלומות זיינען צונויפ־געפלאכטען מיט די אלע פערזאנען וואס האבען איהם יעצט ארום גערינגעלט, און זיי טרינקען פון בעכער פון גליק, ווי זיי האבען אלע ביז אהער געטרונקען מיט איהם פון דעם בעכער פון אונגליק זיין הארץ איז געווען פול און שווער, ער האט זיך בעטראכט אלס לעבעדי־גער מת, זיין געליבטע מאריא אלס אן אלמנה אבוואהל זי האט צוויי מע־נער וואס לעבען.

איינער איז איהר מאן דורך רעלי־גיאן און געזעטץ, און דער צווייטער איז איהר מאן דורך דער נאטור און דורך ליעבע.

דער צווייטער מאן איז דער פאטער פון איהר קינד און איהר קינד איז א יתומה, זיין קינד האט קיין פאטער ניט; וואס פאר א גרויזאמער שיקזאל דאס איז, דער שיקזאל פון איינעם וואס זעהט זיך אליין אין זיין קבר. ער האט געטראכט פון זיין גרויסע ליעבע צו זיין טייערע הייליגע מאריא און פון איהר גרויסע ליעבע צו איהם, ער האט געטראכט פון זיין וואונדער קינד, וויע־רא.

אין די קורצע צייט וואס ער האט זיך בעקענט מיט עליין און ראבינסאן האבען זיי גאר ניט אויפגעהערט פון איהר צו רעדען, איהר צו לויבען און צו שילדערען איהרע פיעלע און גרויסע מעלות. וועט ער זיי נאך זעהן א מאל? וועט ער אמאהל אויפשטעהן תחית המתים? וועט ער אמאהל ווערען דער געזעצליכער פאטער פון וויערא, ווער ווייס?

פון גאס איז געקומען דער געשריי פון קינדערשע קעלעכלעך "עקסטרא! א נייע רעוואלוציאן אין רוסלאנד, די קערענסקי רעגיערונג איז געפאלען" לע־און מארגענשטערען האט ניט געוואוסט אז דיעזע נייעס האט א שייכות מיט זיין

אייגענעם שיקזאל, און מיט דער צוקונפט פון איהם און זיינע געליעבטע.

דעם זעלבען טאג האבען די ראבינסאנס דערהאלטען די פאלגענדע דעפעשע:

— הערALד פיליפס, דער ברודער פון עליין און איך זיינען פערלאבט, מיר זיינען צוויי גליקליכע קונדער. — פיליציא און הערALד.

הערALד און פיליציא האבען זיך צוריק גיקעהרט נאך שיקאגא, אלעקסאנדער און עוועלין זיינען אויך מיט געקומען מיט זיי און זיי זיינען פארבליבען ביז פיליציאס אפפאהרען נאך באריז, זי איז אבער ניט געפאחרען אליין, הערALד האט ענדליך דורך געפיהרט דורך דעם קריגס דעפארטמענט צו געהן צו די טרענטשעס, און ער האט אויך אויסגעפיהרט צו פאהרען אויף דער זעלבער שיף מיט פיליציא צוזאמען.

א פאר טעג אידער זיי האבען פארלאזען שיקאגא האט מאדאם ברוקין געגעבען אן עהרען אווענד צו די יונגע פאאר אין טערריים פארק.

דער אווענד איז פארבראכט געווארען אין שפיעלען זינגען און טאנצען, די הויפט פערזאנען וואס האבען בייגעשטייערט צו דער פראגראמע זיינען געוועזן פיליציא און וויערא, די ערשטע האט געצייגט איהר גרויסע קונסט אין טאנצען וועהרענד וויערע האט געשפיעלט א באגלייטונג אויף דער פיאנא די “אריענטאל” און “אזאם טויט” פיליציאס יעדער בעוועגונג האט ארויסגעוויזען אזוי פיעל חן און רייץ, אזוי פיעל סימעטרי, מעטער און רהיטמוס, אז די געסט האבען פארגעסען אז דאס איז א טאנץ און עס האט זיך זיי אויסגעוויזען אז זיי הערען א סימפאני. ווען מאדאם פרומקין האט די געסט צום טיש איינגעלאדען, האט דוד פרומקין געזאגט.

— פריינדע, איך וועל ניט פארשטערען די שמחה מיט רעדעס, איך האב אן איבערראשונג פאר אייך, איך האב היינט באקומען א בריעף פון א טייערען פריינד, איך ווייס אז דער בריעף וועט אייך אלעמען אינטערעסירען.

אט איז דער בריעף:

— מיין טייערער פריינד דוד פרומקין.

איך בין זיכער אז איהר ווייסט וואס מיט מיר האט זיך געטראפען פון דער צייט וואס איך האב פארלאזען שיקאגא, דעריבער וועל איך ניט שרייבען פון זאכען וואס איהר ווייסט, איך וויל אפילו ניט שרייבען וועגען אונזער איבערגעבענע פריינדשאפט, אבוואהל איך קען דאס איצט אין מיינע גליקליכע שטונדען בעסער אבשאטצען ווי פריהער, וואס איהר ווייסט ניט און איהר וועט עס קיין מאל ניט וויסען, אהן אן אונטערשיעד וויפיעל איך זאל דעריבער שרייבען, איז וואס די גוטע אידעלע קינד עליין האט פאר מיר געטאהן, זי איז צו מיר געקומען ווי א מלאך פון הימעל און אין א צייט פון די גרעסטע נויט און פארצווייפלונג האט זי מיר ארויס גענומען פון א גהינם און זי האט מיר געבראכט צו א גן עדן.

— מיין זוהן איז מיט אן אמת דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט צו קריגען איהר פאר זיין פרוי. איהר ווייסט שוין געוויס אז איך האב געפונען מיין פרוי און טאכטער און איהר ווייסט אויך געוויס אז מיר אידען וועלען ענדליך האבען אן אייגענעם ארט אויף דער וועלט אבער וואס איהר ווייסט אפשר ניט איז די ארבייט וואס עס ליגט פאר אונז.

— ביז אהער האבען מיר געווארט אויף די פעלקער, אז זיי זאלען וואס פאר אונז טאהן, פון איצט אן איז דער חוב ארונטערגענומען געווארען פון די פעלקער און ער איז ארויף געלייגט געווארען אויף אונז אליין.

עס איז אונזער אידישער חוב אויף צו בויען אונזער לאנד. אונזער חיים מוז געבויט ווערען ניט דורך צדקה ניט

אויף משכנות, און ניט ביי פרעמדע, נאר מיר אליין, דאס אידישע פאלק מוזען עס בויען, און מיר מוזען מאכען אונזער פאלק זעלבסטשטענדיג און אונזער היים שעהן און רייך.

—איך האף צו מאכען מיין היים אין אמעריקא און מיין פרוי און קינדער וועל איך מאכען פאר אמעריקנער בירגער.

—אבער איך וויל זעהן ארץ ישראל אונטער די אידישע און ענגלישע פאהנעס, און עס איז מיין איינציגסטער וואונש דאס צו זעהן מיט אייך צוזאמען, צוזאמען האבען מיר געזעהן די טרעהרען וואס די אידען אין פאלעסטינא האבען פארגאסען, און צוזאמען מיט אייך וואלט איך וועלען זעהן די פרייד.

— מיין פרוי און איך וועלען אפפאהרען נאך ארץ ישראל באלד נאך דער מלחמה, קענט איהר און אייער פרוי מיט אונז מיטפאהרען? איך וועל ווארטען אויף אן ענטפער, און איך וועל האפען אז איהר וועט איינשטימען צו מיין פראיעקט. אייער פריינד — רודאלף ראבינסאן.

פיליציא האט אויסגעהערט דעם בריעף מיט שטאלץ און אם ענדע האט זי געזאגט.

—אה מיסטער פרומקין, איהר וועט מיטפאהרען, און איהר אויך מאדאם פרומקין, איך און העראלד האבען בעשלאסען, אז באלד נאך אונזער חתונה וועלען מיר פאהרען נאך פאלעסטינא, און מיר וועלען מיט נעהמען פאטער און מוטער. איך צווייפעל ניט דאס עדי און עליין וועלען אויך מיטפאהרען, איך האף דאס מיר וועלען חתונה האבען אין דעם זעלבען טאג, ווי שעהן עס וואלט געווען אז איהר זאלט מיט אונז צוזאמען פאהרען נאך פאלעסטינא. עס וואלט זיין אזא שעהנע געזעלשאפט; איך האף אז צו אונזער חתונה וועט איהר סיי ווי סיי קומען.

— איך האב אויך פאר אייך איבערראשענדע נייעס, האט אלעקסאנדער פיליפס געזאגט, העראלד דיר וועט דאס א סך אינטערעסירען, דיין מוטער האט מיר איצט ערשט פארטרויט א סוד, אז זי האט אויך א שטארקען חשק מיט אייך אלעמען מיטצופאהרען נאך פאלעסטינא.

העראלד איז צוגעגאנגען צו זיין מוטער, ער האט איהר צערטליך אומגעארעמט. און האט איהר געפרעגט.

— מוטער איז דאס אמת? און עווע־לין האט געענטפערט: ,

— יא מיין זוהן עס איז אמת, מיין איינציגער פערדרום איז וואס ראבינסאן איז דא ניטא צו הערען מיין ודוי. ער האט אין מיר אריין געבלאזען דעם ערשטען פונק פון דעם נאציאנאלען פייער, און פון דאמאלס אן האבין זיך א סך זאכען געטראפען וואס האט מיר אלע מאהל ארויפגעפיהרט אויף דעם נאציאנאלען וועג.

— איך האב צום ביישפיעל בעמערקט ווי אזוי פוילען וואס איז נאך אליין ניט באפרטיי, האט זי שוין אנגעהויבען צו פארפאלגען איהרע אידען, איך האב דערזעהן ווי אזוי דער אנטיסעמיטיזמוס האט זיך אין דער לעצטער צייט אריין גע'גנב'ט אין ענגלאנד, איך אב געעפענט מיינע אויגען צו דאס וואס עס געהט אן אין אונזער אייגענער לאנד.

—איך האב אנגעהויבען צו קוקען מיט אפענע אויגען און איך האב געזעהן דאס די מיט וועלכע איך בין געווען בעפריינדעט מיין גאנצען לעבען. זיי האבען געגעסען און געטרונקען אין מיין חיים. און קוים האב איך זיך אום געקעהרט האבען זיי געמאכט חוזק פון מיר אלס אידישע פרוי. די פיער יאהר האט מיר געוויזען דאס יעדער פאלק, יעדער נאציאן, און כמעט יעדער שבט, שטרעבט און קעמפפט פאר אונאבהענגיגקייט און אויב די ברוטאלע אונוויסענדע פאליאקען, די האלב ווילדע מאנטענעגרא, די אלטע פארשימעלטע טשעכען, אדער די פראסטע ליטווינעס

האבען א רעכט אויף איין אייגען לאנד, דאן האבען מיר אידען א פיעל גרעסע־ רע רעכט.

—איך בין שטאלץ מיט דו ארבייט פון מיינע ביידע קינדער וואס זיי האָ־ בען געטהאן פאר די ... מה ליז ... ע אידען, אין א ך פיהל מי גליקליך דאס ביידע הייראטהען זיי גוטע אידישע קינדער, הערצלר נעהמט מיר מיט און אויב דיין פאטער און איך וועלען געפי־ נען אז די לאנד פאר וועלכע דו האסט געארבייט אונערמיעדליך, באזיצט די מעגליכקייט אז זי זאל זיך קענען ענט־ וויקלען וועט דיין פאטער דיר העלפען אין דיינע אונטערנעהמונג מיט א גרויסע סומע געלד. קינדער די וועלט האט זיך געענדערט, איהר פיהרט די עלטערען און מיר פאלגען אייך נאך!

— מוטער האט הערצלד אויסגע־ רופען, ער האט איהר ליעבליך ארום גע־ נומען און ער האט איהר געקושט. —

— געדענקסטו מוטער וואס איך האב דיר געזאגט מיט פיער יאהר צו־ ריק, ווען דו האסט געהאט דעם וכות מיט ראבינסאן:

— ווער ווייסט אפשר וועט אין דער צוקונפט ווען די נבואה פון אונזערע פראפעטען וועט מקוים ווערען ווען די עלטערען וועלען פארשטעהן די קינ־ דער און די קינדער וועלען פארשטעהען די עלטערען אפשר דאמאלס וועל איך אויך זיין גליקליך גענוג צו ברענגען מיין ליעבע טייערע מוטער צו אונז אין לאגער אריין — און היינט איז דער טאג געקומען אויף וועלכען מיר האבען געווארט, פאטער, מוטער, מאדאם און הער פרומקין,מ יר אלע וועלען פאהרען צו אונזער אלטע נייע לאנד.

27־טער קאפיטעל

"רוסלאנד האט איהר שפראך פארלארען, אבער ווען זי וועט איהר אמאל ווידער געפינען, וועט רוסלאנד זיך לאזען הערען פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, און עס וועט אויפטרייסלען די זיילען אויף וועלכע די וועלט רוהט". אזוי האט מיט יאהרען צוריק געזאגט א גרויסער ענגלישער שרייבער, אין דער גרויסער וועלט מלחמה האט רוסלאנד איהר שפראך געפונען און די וועלט ציטערט און טרייסעלט זיך ווי פון קאנוואולסיאנען. זי האט זיך בעפרייט פון די ראמאנאווס פון די צארס און פון דער אויטאקראטיע וואס האבען איהר געטראמפעלט אונטער די פיס יאהרהונדערטער. זי האט פארניכטעט איהרע טיראנען וואס האבען געזויגען איהר בלוט און אונטערדריקט די מאסען, זי האט ענדליך געשאפען א פאלקס רעגירונג און אויפגעבויט א רעפובליק. אבער א פאלק וואס האט אזוי פיעל געליטען ווי דאס רוסישע פאלק קען זיך ניט איינארדענען איבער נאכט אין א נייעם בעקוועהמליכען לעבען און עס האט זיך דעריבער אנגעהויבען א סדרה פון רעוואלוציאנען. נאך קען קיינער ניט פאראויס זאגען מיט וואס עס וועט זיך ענדיגען.

און נאך איז ניטא דער מענש וואס זאל האבען די מאראלישע רעכט איהר צו אורטיילען. זי האט בעגאנגען איהרע זינד ווי אנדערע פעלקער אונטער גלייכע אומשטענדען; און זי האט געמאכט איהרע פעהלערען ווי אנדערע פעלקער האבען געמאכט זייערע פעהלערען.

די קערענסקי רעגירונג האט ניט באפרידיגט דעם פערלאנג פון די רוסישע מאססען, און לענין און טראצקי זיינען ערשיענען אויף דער ביהנע און א נייע רעוואלוציאן האט זיך אנגעפאנגען, די פריהערדיגע רעוואלוציאן איז געווען א קאמפף געגען די פאליטישע מאכט. די לעצטע איז געווען געגען די עקאנאמישע שקלאפעריי. דער אידישער בונד איז באלד פון אנהויב אריבער אויף דער זייטע פון די באלשעוויקעס, מיר האבען נאך קיין ריכטיגע געשיכטע ניט וואס קען אונז געבען א גענויען בעגריעף פון דעם אינגערען קאמפף וואס איז דאמאלס אנגעפיהרט געווארען אין רוסלאנד און אפילו אויסער רוסלאנד, און אלע גרויסע אייראפעישע שטעדט וואו עס האבען זיך נאר געפונען רוסען.

ווען גרעגאר מעדאף האט פארלאזען מאריא לאשין אין איהר אפארטמענט מיט העראלד איז ער דעם זעלבען אווענד אבגעפאהרען נאך קאליפארניא, פון דארט צו געהן דורך כינא נאך סיביר און דאן נאך רוסלאנד. ווען ער איז געקומען צום פאסיפיק האט ער אויסגעפונען אז קיין שיף וועט איהם ניט נעהמען אהן א פאספארט. ער האט זי דעריבער אומגעקעהרט נאך ניו יארק, נאך א סך מיהע האט עס געלונגען זיינע חברים איהם אבצושיקען אויף א פראנצויזישע שיף נאך פראנקרייך,

ער איז אנגעקומען אין פאריז, אבער ווייטער האט ער ניט געקענט געהען, פארשידענע פארטייען האבען צו יענער צייט געארבייט אין רוסלאנד צו פערכאפען די רעגירונג אין זייערע הענד, און יעדער פארטיי האט געהאט

איהרע פארטרעטער אין אלע הויפט שטעדט פון אויסלאנד, אין פאריז זיי־נען די ראיאליסטען געווען פארטרע־טען ביי דריי פערזאנען וועלכע זיינען אונז ניט פרעמד, זיי זיינען געווען לא פוכין, סערגייעף און רודאמסקי, שוין מיט יאהרען פריהער האט זיי א רוסי־שער זשורנאליסט אין פאריז ארונטער געריסען די מאסקע און האט זיי פאר־קלאגט אלס שפיאנען און פראוואקא־טארס.

ווען מעדראף איז אנגעקומען אין פא ריז האט ער אין א געוויסען אווענד בע־געגענט ראבינסאן אין א קאפיי, מע־דראף האט שטארק געוואלט קריגען די ערלויבנים פון דער פראנצויזישער רע־גירונג ער זאל מעגען פאהרען נאך רוס־לאנד, ער האט געוואוסט אז ראבינסאן האט גרויסע איינפלוס און ער האט זיך צו איהם געווענדעט מיט א ביטע איהם דאס צו פארשאפען, ראבינסאן האט אים אבגעזאגט, ער האט איהם געגעבען אנ־צוהערען אז ער וויל מיט איהם ניט האבען וואס צו טאהן, אז מעדראף איז ניט דער מענש וואס ראבינסאן האט געהאפט פון איהם צו מאכען. מעדראף האט זיך ביי איהם געבעטען.

— פראפעסאר, פארשטעהט איהר ניט וואס מיין צוריק קומען אין רוסלאנד מיינט פאר דעם גרויסען אי־דעאל וואס איהר אויך האט א מאל געדיענט, עס מעג אונז קאסטען דיא רעוואלוציאן און הונדערט טויזענדער לעבענס, און מעהרסטענס אידישע לע־בענס, איך בעט אייך אלס אן אמאלי־גער פריינד, א קאמעראד אין אונזערע רייען אלס ליבהאבער פון פרייהייט קריגט מיר די ערלויבנים און איך וועל אייך מיין גאנצען לעבען דאנקען.

—איך וועל דיר בעזארגען דעם גע־ווינשטען דאקומענט ווען דו וועסט געהן מיט מיר צו א רב און געבען א גט צו מאריא לאשין, האט ראבינסאן גע־זאגט, מעדראף האט ניט געענטפערט, ער האט געקוקט אויף ראבינסאן און האט א לייננגערע צייט נאכגעטראכט, און ער האט געזאגט:

—איהר פאדערט א צו הויכע פרייז מיר וועלען ווארטען ביז מארגען און איך וועל אייך געבען א תשובה —מאר גען איז געקומען און ראבינסאן האט די תשובה ניט ערהאלטען, מעדראף האט איהם געבעטען ווארטען נאך א פאאר טאג.

אין איינעם פון די ביליגע וויין קעלערען אין פאריז זיינען איין אווענד געזעסען אין א ווינקעל פון צימער, ביי א טיש, לאפוכין, אלעקסייעף און רו־דאמסקי, דער ליידיגער קרוג וויין אויפן טיש איז געווען פעראנטווארטליך פאר זייערע רויטע געזיכטער, זיי האָ־בען זייערע קעפ צוזאמען געשטעקט איינע ביי די אנדערע און זיי האבען צווישען זיך גערעדט אין שטילע טע־נער:

— איהר ווייסט ווער דא איז איצט דא אין פאריז? האט רודאמסקי גע־פרעגט און אליין געענטפערט — אונ־זער אלטער משה סעמועלעוויטש וואס האט אונז געהאלפען פטור ווערען פון רודאלף ראבינאוויץ. מיט פיער און צוואנציג יאהר צוריק ער איז איצט דער פרעזידענט פון דעם זשידאווסקין בונד און זיין נאמען איז איצט גרע־גאר מעדראף.

— וואס טהוט ער דא? האט לאפו־כין געפרעגט.

— ער פאהרט פון אמעריקא וואו ער האט די לעצטע פאאר יאהר פאר בראכט, ער האט דארטען געזאמעלט געלד פארן בונד, ער געהט צוריק נאך רוסלאנד, האט ער אבער ניט קיין פאס־פארט, אין אזא צייט ווי די איצטיגע איז, האט ער מורא צו ריזיקירען אויף א פאלשען פאספארט.

— מיר טארען איהם ניט אריין לא־זען צוריק אין רוסלאנד. האט לאפוכין געזאגט. — ער האט א גרויסען איינפלוס אויף די אידישע ארבייטער, און זיין צוריק קומען נאך רוסלאנד וועט צו געבען א גרויסע

מאכט צו די רעוואלוציאנערען. מיר מוזען איהם דא האלטען מיט אלע מעגליכקייטען, ווען עס זאל אפילו נויטיג זיין צו נוטצען געוואלד.

מעראף איז אחער געקומען אין דער רעכטער צייט. מיר קענען גרויסע נוטצען פון איהם מאכען, ער האט געזאמעלט געלד אין אמעריקא פארן בונד אז ער האט עס ניט געקענט שיקען דורך פאסט, פראשטעהט זיך אליין, ער האט עס דעריבער געמוזט שיקען דורך א געהיימע קוועלע וואס איז איהם ניט לייכט אנגעקומען.

— ווען ער האט זיך בעשלאסען צו פאהרען צוריק נאך רוסלאנד האט ער געוויס מיט זיך גענומען א גרויסע סומע וואס איז פאר איהם געקליבען געווארען אין די לעצטע עטליכע מאנאטען, מיר וועלען זיך דעריבער קענען העלפען צו שעהנע עטליכע טויזענד דאלאר, וואס ער מוז מיט זיך ארום טראגען. מיר האבען קיין אנדערע מיטלען ניט פון וואנען צו באקומען געלד, די גאנצע רוסישע אריסטאקראטיע זיינען איצט פשוטע בעטלערס, זיי פארמאגען ניט א גראשען. די באלשעוויקעס האבען אלעס קאנפעסקירט. רודאמסקי, דאס וועט זיין דיין ארבייט, ארונטער צו נעהמען די שופען פון דעם העכט, אבער זעה צו מאכען א גוטע שטיקעל ארבייט. גלאט און אהן סקאנדאלען.

— איהר מעגט זיך אויף מיר פארלאזען, האט רודאמסקי געזאגט, אבער איך וועל דארפען אייערע הילפע, עס איז א שווערע ארבייט פאר איין מענשען.

— דו מעגסט זיך אויף אונז פארלאזען, האט לאפוכין געזאגט, האט ווער עס איז פון אייך וואס עס איז געהערט פון די ראבינאוויטץ פאמיליע?

— ניט א ווארט, זיי זיינען ווי אין פייער אריין, האט סערגייעף געענטפערט.

— דאס איז געווען א מערקווירדיגער פאל, האט לאפוכין געזאגט, העלענא איז געווען די איינציגע טייבעלע וואס איז פון מיין שטייג אנטלאפען, איך האב זיך קיין מאל ניט געקענט מוחל זיין, ווען איך פלעג זיך דערמאנען ווי זי האט אונז אלעמען אבגענארט, זי האט געהאנדעלט ווי א ריכטיגע ביטרע מאלאדעץ, איהר אייגענע קאפ האט אלעס דורך געארבייט, זי האט ניט געהאט קיין מוטער מענש וואס האט איהר געקענט העלפען. זי איז געווען די שעהנסטע זשידאווקע אין חארקאוו, און איך האב אנגעווענדעט מעהר קרעפטען איהר צו פאנגען אין מיין נעטץ. ווי אויף אירגענד וועלכע אנדער פרוי. און זי איז די איינציגע וואס איך האב ניט געקענט באקומען.

— לאפוכין, איך דאנק גאט וואס איך האב ניט געהאט קיין שעהנע ווייב
—האט רודאמסקע געזאגט לאכענדיג.
—ווען ניט וואלט איך אפשר אויך געהאט די זעלבע מפלה וואס ראבינאוויטץ האט געהאט. דו ביסט געווען א מחבל אויף שעהנע פרויען, איצט ווען דיין בלוט האלט ביין פריחרען, און דיינע צייהנער קענען שוין ניט מעהר בייסען מעגען מיר וועגען דעם ריידען. איך האב נאך דאמאלס פארשטאנען אז דער איינציגער פארברעכען וואס רודאלף ראבינאוויטץ האט באגאנגען איז געווען וואס ער האט חתונה געהאט מיט די שעהנע העלענא און זי האט זיך ניט געוואלט אבגעבען מיט דיר צו דיינע הייסע ליידענשאפטען.

— יא אזוי איז עס ווען מען איז יונג, האט לאפוכין געזאגט. — אוי! ווען מען ווערט אלט קלאפט מען זיך אין הארצען חטאתי, איך האב געהאט א סך רעספעקט פאר ראבינאוויטץ, ער איז געווען א יואילער יונג, אבער ווארום זאלען מיר איצט רעדען פון די טויטע? מיר האבען איצט א לעבעדיגען העכטעל און לאמיר זיך צו איהם נעהמען. — זיי האבען די ווינשטוב פארלאזען.

מעראף האט אויפגעזוכט ראבינ־

באַן אין האָט איהם געזאָגט, אז עס איז פאַר איהם נויטיג צו פאַרבלייבען אין פּאַריז אויף א פּאָר וואָכען; ער האָט אויסגעפונען אז דאָ געפינען זיך עטליכע ראיאַליסטישע קאָנספּיראַטאָרען; און ער מוז אויסגעפינען וואס זיי פּלאַ־ געווען דאָ צו טאָהן ער האָט איהם אויך צוגעזאָגט דעם גט. אבער אז זיי זאָלען קענען אויך באַקומען א געזעצ־ ליכע שיידונג פון גע ריכט איז עס נויטיג דאס מאַריא זאָל קומען נאָך פּאַריז אזוי שנעל ווי מעגליך; ראָבינסאָן האָט טעלעגראַפירט צו מאַריא און האָט איהר אויפגעפאָדערט צו קומען קיין פּאַריז; ער האָט איהר אויך אנגעזאָגט ווי אזוי זי וועט קענען בעקומען איהר פּאַספּאָרט, און אזוי זיינען מאַריא און וויערא, העראַלד און פיליציא אנגעקו־ מען צוזאַמען אין דער זעלבער צייט קיין פּאַריז, ראָבינסאָן האָט באַלד דאַ־ ר(ו)יף געשיקט נאָך מעדאָף און אום אכט אזייגער פון דעם זעלבען אָוענד, איז ער געקומען צו מאַריא, ער איז גע־ ווען אויפגערעגט און שטאַרק נערוועז; מאַריא האָט געזאָגט

— דו זעהסט מעדאָף, צוליעב דיר האָב איך געמוזט מיין לעבען ריזיקירען און איך בין אהער געקומען.

— דו מיינסט צו זאָגען אז דו האָסט דיין לעבען ריזיקירט צוליב דיין ליעבע צו מאָרגענשטערען; — האָט מעדאָף געזאָגט. — פון מיר ווילסטו נאָר דעם גט, כדי דו זאָלסט קענען מיט איהם חתונה האָבען. ווען איך דערמאָן זיך אן דעם טרייבסט עס מיר צו משוגעת. ווען ניט דאס וואָלט מיר ניט געווען אזוי שווער נאָכצוגעבען דיין פאַרלאַנג, אָבער דיזער בעוואוסטזיין בויערט מיין קאָפּ ווי מיט אן ענבויער, און כמעט מיט געוואַלט האַלט עס מיר צוריק. מאַריא, איך בעט דיר דעם לעצטען מאָהל, איז עס אונמעגליך אז דו זאָלסט געהן מיט מיר? איז קיין זאַך ניט איבערגעבליבען אין דיין זכרון וואס זאָל דיר דערמאָנען פון עטוואס אין מיין לעבען וואס איז שעהן און איידעל, איך האָב מיין לעבען ניט אוועקגעוואָרפען, איך האָב איהם געווידמעט פאַר דער מענשהייט פאַר אן אידעאַל, גוט אדער שלעכט, ריכטיג אדער פאַלש אָבער אן אידעאַל איז עס דאָך. מיינט דאס אַלעס, גאָר ניט אין דיין אָבשאַטצונג? איז די גאַנצע פאַר־ גאַנגענהייט אויסגעמעקט געוואָרען פון דיין זכרון? מאַריע, הייליגע מאַריא, קום מיט מיר, לייכט מיר דעם וועג, און אפשר נאָך דעם ווי מיר וועלען בעפריי־ ען רוסלאַנד וועל איך זיך מיט דיר צו־ ריק קעהרען צו דעם לעבען פון אונזערע עלטערען.

— מעדאָף דו ווייסט צו וואס דו האָסט מיר געבראַכט נאָך פראַנקרייך, האָט מאַריא געזאָגט — צו וואס זאָלס־ טו מיר ווידער מאַטערען? איך האָב דיר מעהר ווי איין מאָל געזאָגט אז דאס קען ניט און וועט ניט זיין.

— דאַן זאָג איך דיר צום לעצטען מאָהל אז דיין פאַרלאַנג איז אומזיסט דו וועסט קיין גט ניט באַקומען, אַדיע.

ער האָט געכאַפּט זיין הוט און איז שנעל ארויסגעלאָפען פון שטוב, מיט עטליכע מינוטען שפּעטער האָט מאַריא דערהערט צוויי קנאַלען פון א רעוואָל־ ווער, באַלד נאָך דעם האָבען זיך דער־ הערט ליאַרמען און געשרייען, איידער מאַריא האָט באַוויזען צו געהן צום פענסטער אויסצוגעפינען וואס עס האָט זיך געטראָפען, האָט די טיהר געקלונגען. זי האָט געעפענט די טיהר און לעאָן מאָרגענשטערען איז אריין געקומען, ער איז געווען בלאַס ווי דער טויט און זיינע גלידער האָבען געציטערט עס איז געווען דעם ערשטען מאָל וואס זיי האָבען זיך געטראָפען זינט זי איז אנגעקומען אין פראַנקרייך.

— וואס האָט פּאַסירט לעאָן? איז געווען די ערשטע ווערטער וואס זי האָט צו איהם געזאָגט.

— איך ווייס אליין ניט, האָט מאָר־ גענשטערען געענטפערט, איך בין געווען ניט ווייט פון הויז, ווען איך האָב באַ־

מערקט א פערזאָן ארויסקומענדיג פון דיזער הויז ער איז געגאנגען שנעל, ווען ער איז אַבגעגאנגען אן ערך פון צוואנציג טריט האב איך באמערקט ווי אימיצער איז איהם אנגעקומען אנט־געגען, וואס צווישען זיי איז פארגעקו־מען ווייס איך ניט. איך האב נאר אין דעם נעקסטען מאמענט דערהערט צוויי קנאַלען פון א רעוואָלווער און גלייך נאך דעם האב איך דערזעהען ווי דער מאן וואס איז געקומען פון דער הויז איז געפאלען ווי טויט, איך האב אויך דערזעהן ווי א צווייטע פער זאן וואס איז געווען ניט ווייט פון זיי איז אויך געפאלען. און די גאנצע גאס איז פול געווארען מיט פאליציי.

ראבינסאן מאריא און די איבערי־גע געסט וואס האבען זיך דארט גע־פונען זיינען ארויס געגאנגען דרויסען צו זעהן וואס עס האט זיך געטראפען. זיי האבען געפונען צוויי מענשען שווע־בענדיג צווישען לעבען און טויט, און די פאליציי האט זיך נאך געפרעגט און האט געזאמעלט באווייזע. מאריא האט א קוק געטהאן אויף דעם ערשטען און האט א געשריי געטהאן "מעדאַם!"

— איהר קענט איהם מאדאם? האט דער קעפטיין פון דער פאליציי גע־פרעגט. — קומט און קוקט זיך איין אויף דעם צווייטען, אפשר קענט איהר אימם אויך —מאריא איז צוגעגאנגען צו דעם צווייטען און האט אויף איהם א קוק געטהאן. זי איז געווארען בלייך און איהרע ליפען האבען געפרעפעלט

לאפוכין, דער פאלי־ציי דאקטאר וואס האט אונטערזוכט די פערוואונדעטע האט זיך געווענדעט צו די פאליציי און ער האט געזאגט אז אויב זיי ווילען וואס פרעגען די פערוואונדעטע זאלען זיי דאס בלאד טאהן, זייערע מינוטען זיי־נען געצעהלטע, די פאליציי האט זיי אריין געטראגען צו ראבינסאן אין הויז ווען לאפוכין האט דערזעהן ראבינסאן אין זיין פרוי האט ער צו זיי אויסגע־שטרעקט זיין האנד און ער האט גע־זאגט אין א שוואכע שטימע.

—זייטמיר מוחל אויף מיין גרוי־סען פארברעכען געגען אייך, עס איז געווען די נארעשע יוגענד.

מאריא לאשין ניט ווויסענדיג וואס דא האט געשעהן, האט געהאט איהר השד אויף מארגענשטערן, אז ער האט דאס געטהאן, כדי פטור צו ווערען פון מעדאַם און זי האט פלוצלינג זיך אנגעהויבען צו שרעקען פאר איהם, ווען ער איז צו איהר צוגעגאנגען האט זי צו איהם געזאגט.

— א, לעאן ווי שרעקליך וואס האס טו געטהאן? דו ביסט איצט פון מיר ווייטער ווי דו ביסט ווען געווען.

דער פאליציי קעפטיין איז ווידער צו איהר צוגעגאנגען און האט איהר גע־פרעגט.

— איז מאדאם א פערוואנדעטע פון דעם אונגליקליכען?

זי האט איצט געמוזט זאגען דעם אמת, זי האט זיך געזעהן פארמישט אין א מיאוסען סקאנדאל, איהר געליב־טער האט געשאסען איהר געזעצליכען מאן, די צייטונגען וועלען מארגען פריה פארפלייצען די פאריזער גאסען מיט אזעלכע איבערשריפטען ,זי האט גע־ענטפערט געלאסען.

— ער איז מיין געזעצליכער מאן.

דער קעפטיין האט פארטגעזעצט :

— עס איז א פשוטער פאל פון רווי־בעריי. דיזע חברה זיינען רוסישע שפיאנען, פון דער אלטער רעזשים און אזוי ווי זיי זיינען איצט ארים, זיי הא בען ניט פון וואנען צו ציהען זייער גע־האלט, האבען זיי געלעבט פון רויבע־ריי, זיי האבען וואהרשיינליך געוואוסט אז אייער מאן האט געהאט א סך געלד ביי זיך און זיי האבען איהם נאך גע פאלגט אבער מיר האבען אונזער אויג געהאלטען אויף דער באנדע פאר א לאנגער צייט מיר האבען בעמערקט ווי זיי זיינען איהם נאך געגאנגען, און ווי זיי האבען אויף איהם געווארט ווען

ער איז געוועזן ביי אייך אין הויז, אזוי שנעל ווי ער איז ארויסגעקומען איז איינער פון די באנדיטען צו איהם צו־געגאנגען מיט א רעוואלווער און ער האט איהם אנגעהויבען צו זוכען אין די קע־שענעס, אייער מאן האט געצווינגען זיין אייגענעם רעוואלווער, אבער איידער ער האט געקענט וואס טאהן האט איהם דער באנדיט דערשאסען, די אנדערע צוויי האבען אנגעהויבען צו לויפען, איך האב פון דער וויטען געציעלט און געשאסען און לאפוכין איז געפאלען; אייער מאן האט געהאט אין זיין קעשע־נע אן אנווייזונג אויף אן אמעריקאנער באנק, אויף פופצעהן טויזענד דאלאר, און אין בארעס געלד האט ער געהאט צוויי טויזענד דאלאר. קומט מארגען; פריה צו דער פאליציי קאמער און דאס וועט אייך איבערגעגעבען ווערען. נאט אייך די אדרעסע וואו צו קומען, אפשר קענט איהר אויך די אנדערע צוויי רוי־בער? זשאק ברינגט זיי אריין.

זשאק האט אריין געפיהרט רודאמ־סקי און אלעקסייעף, זיי זיינען געוועזן געקייט איינע צו די אנדערע. ווען רא־בינסאן האט זיי געזעהן אין זייער איצ־טיגער לאגע האט ער געזאגט.

—ווייס רוסלאנד פון איהר גרויסען גליק אז זי איז בעפרייט געווארען פון דריי שמוציגע ברואים, פון דריי נידע־ריגע בעסטיעס? זעהט איהר ווי שעהן די נאטור ארבייט אוים און באצאהלט דאס איהרעגע? איהר אלע האט געזוכט מיר און מיין פאמיליע צו רוי־אינירען, און אהן מיין וויסען, אהן מיין זוכען נקמה, האט אייך דער שיקזאל געבראכט כמעט צו מיין טיהר וואו צוויי פון אייך האבען שוין זייער שכר און איהר וועט אויך אין קורצען קריגען דאס אייערינע. הער קעפטיין טהוט מיר דעם געפאללען און פיהרט זיי ארוים פון מיין הויז, זיי פאר׳סמ׳ען די לופט די איינציגע זאך וואס מיר פארדריסט איז דאס דו אלעקסייעף האסט אויף זיך געטראגען דעם מאנטעל פון וויסענ־שאפט. דו ביסט געוועזן א פראפעסאר, און נאך דער צו מיין נאך פאלגער, אבער דו ביסט ניט דער איינציגער אין רוסלאנד. עס איז צו האפען אז פון איצט אן וועט רוסלאנד האבען פראר־פעסארען וואס וועלען ווערטה זיין דעם טיטעל.

— פארגיב מיר לעאן פאר מיין נא־רישענאיינפאל, האט מאריא זיך ביי איהם געבעטען, אין א נארישען מא־מענט האב איך געמיינט אז דו האסט עס געטהאן אוים פארצווייפלונג. איך האב פארגעסען אז דו ביסט צו גוט און צו איידעל פאר אזא טהאט, אונ־זער גליק איזגעקומען, און מיר געהערען איינע די אנדערע...

העראלד איז ניט מעהר געגאנגען צו די טרענטשעס, פיליציא און עליין זיינען אויך פארבליבען אין פאריז, פי־ליציא דער פאר וואס די רעגירונג האט איהר געהאלטען אנגעגרייט פאר אר אנ־דער קאמיסיאן און עליין איז ניט גע־רופען געווארען פון דעם אמעריקאנעם רעד קראס ביז דעם פאלגענדען נאוועמ־בער ווען שלום איז געשלאסען געווא־רען.

דריי חתונות זיינען אין איין טאג געפייערט געווארען, מיט א פאר וואר־כען שפעטער נאך דעם ווי שלום איז אונטערגעשריבען געווארען. עס איז גע־ווען חנוכה, ווען די אידען פון דער גאנ־צער וועלט פייערען דעם טאג פון יהודא המכבי, עדי ווארנער און עליין, העראלד און פיליציא, און מאריא לאשין מיט לעאן מארגענשטערען. פון אמעריקא זיינען געקומען צו די חתונות דוד פרומ־קין און פרוי, און אלעקסאנדער און עוועלין פיליפס.

. . . .

מיט עטליכע טעג שפעטער געפינען מיר אויף א שיף וואס זעגעלט פון

האווער נאך קאירא, עגיפטען, אונזערע זעקס פאאר, וועלכע האבען געקעמפפט, געליטען, געהאפט און געוואונען, זיי פאהרען צו זעהן די נייע אידישע חיים אנצוזאמלען גייסטיגע שפייז דאס זיי זאלען קומען צוריק צו אמעריקא און פון דער ווייטען העלפען בויען די נייע לאנד ארץ ישראל.

ע נ ד ע!

M. Ph. Ginzburg, 1214 So. Halsted Street - Chicago.